STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05198

# RAYOYNES YISROEL

Israel Ornstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# רעיונות ישראל

אָדער

## דיא גענאארטע וועלט

אַייןוואַהרער שפּיעגעל וואָס אַיעדער זעהט זיך קלאַר
אין 4 טהייל פאָן ישראל אָרנשטיין יאַססי

דרוק אונד הערויסגעבער מיט איבערנאממענען
רעכטע דעם פערפאַססערס אויף אימטער :
צ. ליינוואַנד אין יאַססי.

(נאכדרוק פערבאטען)

# LUMEA INȘALATA

COMPUS DE

ISRAEL ORNȘTEIN

JASSY

Tipogrfia Z- Leinwand Strada Mare

1893

# פּאָרקאָממענדע

1 דאַס קאַפּפּע הויז.

2 אַ קאַפּענע דייטש מיט דעם נאָמען שמעטערלינג האָט אַ מיעפּען דעסקורס מיט ר' העניזל סופר (איין בית המדרש בטלן) וועגען יודענטהום.

3) ערב שבת בייא דער האַללע

4) פרייטאַג צינאַכט אונד שבת פריה בייא ר' העניזל סופר צו הויז אויך ביים יעצטיגען ציוויליזירטען ה' שמעטערלינג. צו הויז

5) דער אָרעמער וואַססער פיהרער

6) דער נעפּאַלענער לייפּציגער

7) דער געליישטער עושר.

8) דער גענאַארטער גביר

9) דאַס ווירטהסהויז פאָן קרימענטשוק מיט פערשיעדענע פערזאָנען

10 ר' חיים שמעלקע פּיפּערנאָטער פאָן האָטעל קאַטשקעוואַל בראַנדעל ספּאָדיק זיין פרויא, קאַראָלינע, זשאַנעטאַ זייערע טעכטער

11) דער באַנקיער צאַפּפּענשטרייך, עדואַרד זיין זאָהן

12 ) דיא גענאַארטע ליעבע

13) דער וויזיט פאָם פּיפּערנאָטער ביים באַנקיער צאַפּ-פענשטרייך

14) ר' שאַכנע שדכן

15) דיא תנאים אין האָטעל קאַשקאַוואַל

16) מאַקס גאָלאָניעסקע איין רוסישער פּאָדראַדטשיק

17) איינער ביים צווייטען לעבט צופריעדען

18) אַם ענדע איזט אַללעס גענאַארט.

19) דיא קאָלאָניע בית לחם

# מודעה רבה

איך מאַך בעקאַנט אַז דיא אַללע וואָס וועלין דאָס לעזען, עס וועט אייך פאָרקאָמען דאס קאַפּפּע הויז מיט דיא קאַפּפּינער דייטשען מיינט מען אויסדריקליך קאַפּפּע מאָסקווא.. אויך דיא דייטשען פאָן דאָרט.. דעסטגלייכען וויא עס וועט אייך פאָרקאָמען בית המדרש בטלן, מיינט מען דיא בטלנים פאָן וואָליוער בית המדרש ניט ח״ו פאָן דיא אַנדירע ב״מד וואָס געבין זיך טאַקע אָב ערענסט אונד פערברענגען טעג מיט נעכט מיט יאָהרצייטען, מיט תיקון, מיט מעשות פון גיטע יודען, וכדומה...

אויך מאַך איך בעקאַנט, צו דיא אַללע וואָס אַדרעסירען צו מיר מיט בריעפע, וועגען מיינע ביכער, אונד איך בין אויך אונגעדולדיג זייא צו אַנטוואָרטען, זאָללען זייא מיר ענטשולדיגען, וויל איעדען צו אַנטוואָרטען האַבע איך קיינע צייט.. זאָ פיעל זייא זאָללען זיך אַדרעסירען צו הערן צ. ליינוואַנד, טיפּאָגראַף סטר. שטעפאַן טשעל מאַהע 48., דאָרט געפינען זייא אַללעס וואָס זייא פערלאַנגען וואָס פאָן מיר געשריעבען איזט, אויך מיט בילליגע פרייזען.

דער פערפאַססער.

---

# פאָרערדע

## הן זה לעומת זה ברא אלהקים, אָמר החכם מכל אָדם (קהלות)

דיא אללע באַשעפּיניש וואָס געפינען זיך אונטער דער נאַטור זינד געשאַפען איינס געגען דאָס אַנדערע, נעהמליך, דער חכם אונד דער נאַאַר, דער גיטער אונד דער שלעכטער, אֶמת מיט שקר, אָרים אונד רייך, שעהן אונד מיעס, פרייד אונד לייד, אונד זאָ ווייטער. אויך אינטער דיא אַללע באַשעפּיניש געפינען זיך פערשיעדענע מענשען, מיט פערשיעדענע כאַראַקטערע, אויך פערשיעדענע זיטטען, פאָן איינעם צים צווייטען דיפּעריירט, דאָס נעמליכע איזט אונטער דיא ווילדע טהירע, אויך חיות, אונד בהמות, אַבער זאָ גוט וויא דיא טיהרע פערדאַרבען זיך איינס דאָס אַנדערע.. גראַדע זאָ אויך דיא מענטשען, איינער דעם אַנדערען פערפאָלגט,

איינער דעם אַנדערען בערויבט, איינער דעם אַנדערען האַססט, איינער ביים אַנדערען פערגנבית זיין געדאַנק, איינער פערדאַרבט דעם אנדערען, אבער אַללעם נעממט איין ענדע, ביז דיא נאַטור פערדאָרבט זייא אַללע.. לויט דער (חד גדיה) שטעלט אונז פאָר.

דאַמיט ווערט אונז בעשטעטיגט דיא רייד פאָן דעם (הכם) [ומותר אָדם מן הבהמה אין,] אַז עס דיפערירט ניט פאָן זאָלבע מענטשען צו איין בהמה.

יעצט וועל איך אייך מענשען פראַגען, ווען דיא ווילדע טיהרע פערדאַרבען זיך איינס דאָס אַנדערע, אָדער אַ בהמה רייסט אויס דעם ביססען פאָן דער אַנדערער, איזט קיין וואונדער, וויל זיא האַט קיין געפיהל, קיין בטחון, קיין אֶמונה, (עיין בספר אַרבעה אָבות ניזיקין הקדמה חלק א׳) ,אַבער איהר מענשען? מען האָט אייך יאָ צוגעטהיילט בטחון מיט אמונה, אויך השגחה.. וואַרום זענט איהר געצווינגען יענעם ליידעם צו טוהן? יענעם בערויבען, יענעמס געדאַנק צו פערגנבינען, מוס מען זאָגען אַז נאָר אויך זאָלבע וואָס טיהן דאָס האָט דער חכם געמיינט אַז עס דיפערירט ניט פין זייא צו איין בהמה, אין נאָך דעם אַלימען נאַארט זיך איינער אין דעם אַנדערען, בעניידען איינער דעם אַדערען אָהנע זאָללען וויססען וואַרום.. דער בענייעדט יענעם וויל איהם דאַכט זיך דאָס יענעם געהט צימלך גוט, אונד גראַדע יענער בענידעט איהם.. אונד זאָ געהט שוין וויא איינער איז מקנא דעם אַנדערען, איין קויפמאַן דעם אַנדערען, איין בע״מ דעם אַנדערען, אויך דער בע״מ איז מקנא דעם סוחר, אונד אַם מעהרסטען טהייל דער סוחר דעם בע״מ. קורץ איינער ביים אַנדערן לעבט צופריעדען, וויל זיינס בעקימט איהם ניט. זאָ פערליערען זייא זייערע יאַהרען מיט אונ־צופריעדענהייט, אונד נאַארען זיך איינער אַין אַנדערען, אין בלייבען זאָ געגאַארט ביז אין גראַבען... דאַן ? נעהמט שוין אַללעם איין ענדע...

זאָ דיא מענטש! דיא פערשווענדעסט דיינע יאַהרען מיט פערדרוס, מיט ערגערניס, אונד אַם מעהרסטען שטודירסטו מיט דיינע געדאַנקען וויא אַזוי יענעמס געדאַנק צו פערגנבינען, יענעם צו פערפאָלגען, יענעמס פערמעגען צו רויבען.. גלייך וויא דיא וועלט האָט מען דיר צוגעטהיילט אויף עביג.. אהנע עס זאָל דיר

איינמאָהל פאַרקומען אַז פיליובט נאָך מאָרגען קומט דיין ענדע. אונד דיא מוסט דיא געגאַרטע וועלט שוין אויך פערלאַססען, אָהנע דאַס מינדעסטע מיט דיר אין גראַבען מיטצונעהמען. יאָ, דיא פערגעסט וויא דיא געפינסט דיך, דיא קאָנסט מיט דיינע גע־דאַנקען אָבפלאַנירען דעם הימעל, דיא ערדע, בערייזט דיא וועלט פאָן עק צו עק, איבער שטעדט לענדער, וואַססערען, וועלדער, אַבער ניט דאָרט איזט דיין רוהע, אונד דיין עוויגע וואָהנונג??? אין דאַן? וואָס קאָן מיט דיר ווייטער פאַססירען? דאָס קאָנסט דיא ניט וויססען...

אַלזאָ, דיא אונגליקליכער! ווען דיין צוקונפט איזט גראַדע פאָן דיר פערבאָרגען, זאָ האָט דיך דיא תורה געלעהרענט אַז זאָלסט לעבען מיט אֶמונה, אויך אונזערע חכמים לערנען אונז דאָס (וצדיק באֶמונתו יחיה) אונד געבען אונז בעוויזע דעריצי, אונד געבען אונז צים פערשטעהן אַז דער הויפטצוועק פאָן דעם מענש איזט אֶמונה מיט בטחון, אויך וואַרנען אינז דאָס אונזערע נביאים אונד ברענגען אונז אוים אַז מיר יודען זענין געשאַפען פיר אַ בעגייס־טערט פאָלק, וואָס גאָטט אַליין האָט אונז דערצי אויסגעוועהלט, אַז מיר יודען דאַרפען זיין אָבגעזינדערט פאָן אַללע אַנדערע פעלקער, איזט דאָך דיא פראַגע וואָס איזט אינזער לאָהן דאַפיר? אין וואָס האָבען מיר דאַפאָן? וואָס מיר ווערין אָנגעריפען דאָס גערימטע פאָלק פאָן גאָטט, וויים איך זעהר גיט אייער אַנטוואָרט, אַז אינזער לאָהן איזט, מען באַגראָבט אינז אָן זייט וויר זענען געבאָרען טאַקע (ממצרים ועד הנה) מען האַססט אינז, מען פערפאָלגט אינז, איבעראַלל וויא מיר געפינען זיך, קוים הערט מען דעם נאָמען יוד זאָגט מען אונז שאָן (צא. צא. טמא) פאָרט דיא אונווירדיגער יוד.. אונד וויר בלייבען ביים שרייען (אַתה בחרתנו) אַ יוא? דאָס איזט אייער מיינונג? ווער שמיסט דיא יעצטיגע וואוילע יונגען מאַבען אַוודאַי פאָן אַ יודען הוזיק אין זאָגען, מעהר מען באַגראָבט אינז מעהר שרייען וויר (שמע ישראל) אין מעהר וויר שרייען שמע ישראל, מעהר באַגראָבט מען אינז. אַ יוא? דאָס מיינט איהר? קומט אַהער יודען! אויך איהר וואוילע יונגען.. וועל איך אייך צים פערשטעהן געבען אַז אין דעם פאַך זענט איהר אויך געגאַרט.. גור דאָס נאַארען זיך בעוועגט אייך שוין צי אַללעם.. ווייל דיא

וואוילע יונגען דיא צוויליזירטע זענען ניט נאָר אין דער וועלט גענאַרט, אויך נאָך אין טוידט . . (בעוה"ב) איזט בייא זייא פערד רעכענט מעהר וויא זיכער אַז נאָך זיין טוידט האָט ער שוין ניט מעהר וואָס צו האָפפען. יעטצט פראגע איך אייך יודען! מיססען וויר ווירקליך פאָן זאָלכע . . איין נאָטיין נעהמען? פאָן דיא יעצטיגע חכמים. וואוילע יונגען וואָס פיר נוטצען ברענגען זייא אונז מיט זייער חכמה? וואָס זייא קריטיזירען אויף אונזערע לאַנגסטיגע חכמים. וואָס פיר מאָראַל קענען וויר פאָן זייא לערנען וויר זאָלען פאָן זייא דעם ביישפיעל נעהמען? דאָס זעהען וויר מיט דיא אויגען אַז זייער חכמה בעשטעהט נאָר פון זייער רעליגיאָן הוזיק צו מאַכען, אונד מיט אַנדערע נאַציאָנען אַללעס מיט צו מאַכען. . האָבין זייא ניט איין פאַלשעס איינבילדונג? דיא מאָטיווען פאָן אונזערע לאַנגסטיגע חכמים זענען אונז גיט בעקאַנט, נאָך זייערע מוסר ספרים, צו אַנדערע בעשרייבונגען, אויך דער מאָראַל פאָן אונזערע נביאים איבערהויפט פאָן אונזער הייליגער תורה. . זאָגאַר דורך איין נביא פאָן דיא פרעמדע וואָס מיר קענען זיך דורך זיינע רעד פיעל האָפנונג שאַפען, וויא ער ברענגט אונז אוים דאָס וויר יודען זענען ווירקליך איין אויסגעוועהלט פאָלק, אונד אַבגעזאָנדערט פאָן אַללע אַנדערע. אונד וויא זיינע רעד לויטען, צייגט אַז מיט דער תפלה (אתה בחרתנו) מעגען וויר נאָר שטאָלצירען, אונד האָט אונז זאָגאַר בעניידעט. — דאָס זענין דיא וואָרטען פאָן (בלעם בן בעור) דער נביא פאָן דיא אוה"ע, וואָס האָט גיזאָגט נאָך צידיק מיט אַריבער דרייא טויזענד יאָהר, (הן עם לבדד ישכון, בגוים לא יתחשב. (במדבר כ"ו) תמת נפשי מות ישרים, ותהי אחריתי כמוהו. (שם) דאַן האָט ער גיזאָגט מה טובו אהליך יעקב, משכנותיך ישראל. דיא בעדייטונג! איין פאָלק וואָס וואָהנט אַבגעזאָנדערט, אונטער דיא אַנדערע פעלקער ווערען זייא ניט גע־רעכענט. אונד האָט זיך געווינטשען אויך מיט זאָ איין רעכטפערטיגען טויט זאָל זיינע זעעלע אַבשטערבען, אונד זיינע ענדע זאָל זיין וויא זייערע. אין האָט דערבייא געלויבט דאָס גיצעלט פאָן יעקב, אונד דיא וואָהנונג איזראַעל. בעמערקען וויר גוט זיינע וואָרטען, דאַרפען זייא אויך אונז איין גרויסען איינדרוק מאַכען. ער האָט זיך געווינטשען זיין ענדע זאָל דאָס נעהמליכע זיין וויא זייערע, געוויס האָט ער

ניט גימיינט דיא וועלט.. איהר מיסט וויסען אז (בלעם) איזט קיין פארעך געוועהן, אונד האט אויך דער וועלט איינע פיעלע שענערע ראללע דאמאלס געשפיעלט אלס א יוד.. יעדאך האט ער זייא בעניידעט.. זא מיססען וויר זאגען אז דיא ענדע פאן זיינע זעעלע נאך זיין טוידט האט ער גימיינט (בעוה"ב) אבער איינסווייל האט ער זיך אין אינז יודען מתקנא געוועהן, דאמיט וואס וויר זענין אבגעזאנדערט פאן אללע אנדערע. זא גלויב איך, וואלטען וויר יודען אויך יעצט צו טאגע בייא אינזער פונקט געשטאנען, וואלטען וויר אויך יעטצט געוועהן צים ריהמען אונד צום בעניידען. אבוואהל וויר ווארען אויך דאמאלס פערפאלגט פאן דיא ווילדע נאציאנען, מיססען וויר זאגען דאס וויר יודען זענען דערצי געבוירען. יעדאך דער נאמען יוד ווירד ניט פערשמאלצען זא וויא לאנגסטיגע פעלקער, דער נאמען יוד עקזיסטירט, אונד וועט עקזיסטירען, וועהרענד אללע זייערע פערפאלגער זענען פער־ניכטעט געווארען, אונד עס איזט פאן זייא קיין זכר געבליבען.

וויא זענען דיא אללע פעלקער וואס אינזער תורה האט אינז פארגעשטעלט? (הכנעני, האמורי, הגרגשי עטצ..) קיין זכר פין זייא.

אין דעם אליין קענען וויר ארויסזעהען דאס דיא קליינע צאהל יודען זענין טאקע נאר פאן גאטט אליין געוועהלט, אונד עס איזט אונמעגליך זייא צו פערניכטען. זייא האבען קיינע קרעפטע, קיין געוועהר, קיינע אליאנץ, נור בלאז השגחה פאן גאטט הערשט איבער זייא, אונד דערלאזט ניט פאן זייא איינע ענדע צו מאכען. אבוואהל זייא האבין שאן פיעל געליטען. אונד ליידען נאך יעצט. מיזען וויר זאגען אז נאר דורך זייער שלעכטיגקייט.. וויא לויט אינזערע נביאים שטעללען אונז פאר פאן גלות מצרים ביז נאך חרבן בית אז זייא זענין איינציגע מאהל זא פערפיהרט געווארען, אז זייא האבען זיך שוין געזוכט איין שפוגעל נייעם גאטט גא? מיר שיינט אז גאטט האט אויך עפיס אמביציע, האטש ער איזט קיין מענטש, זא האט ער זייא דורך דיא נביאים געלאזט פראגען, וואס ווילען זייא? וואס פיר איין פעהלער געפינען זייא אין מיר, וואס ווילען מיך פערוועקסלען אויף איין אנדערען? האב איך אין זייא ווייניג געטהון? פאן עגיפטען בעפרייעט, אונד זייא זעלבסטשטענדיג געמאכט, אללע לאנגסטיגע פעלקער אונטער זייערע

פיעם געלעגט, איך האַבע זייא איין לאַנד געגעבען מיט אַללעם
גיטס.. וואָס נאָך וויללען זייא?? זאָ האַט ער זייא צישפּרייט אין
אַללע פיער עקען פאָן דער וועלט, אַז זייא זאָללען ניט קעננען
מעהר עקזיסטירען. יעדאָך אַבער מיט רחמנות, וואָלט ער טאַקע
פאָן זייא געגצליך אַוועק געקיקט, זאָ וואָלט זייער שטאַם אויס־
געלאָשען געוואָרען אַזוי גיט וויא דיא לאַנגסטוגע.. אַזוי פיעל דאָס
רחמנות בעוועגט איהם דאָך. זאָ האָבען ערשיענען דיא יעצטיגע
מעבטע וואָס זענין שוין ציוויליזירט אונד בעטראַכטען שוין דעם
אונגליקליבען זינדיגען יודען אויך פיר מענטש. זאָגאַר אין אייניגע
לענדער האָט מען זייא גלייך געשטעלט מיט אַללע בירגער, אונד
מען האָט זייא איינע לאַנגע צייט גערעבענט פיר איין אַבגעזאָנ־
דערט פאָלק וואָס זענין פאָן גאָטט געוועהלט, וויא לויט אַללע
בעשרייבונגען ברענגען אוים.. וויל זייא זענין דאָך צוריק מיט
יאָהרען געשטאַנען ביי זייער פונקט.. אָבגעהיט זייער יומ"ט, שבת,
זייער רעליגיאָן, ווען עס זאָלל זייא גיווען שטעהען דאָס גרעסטע
גליק אין טאָג פאָן שבת, אָדער יומ"ט איין געשעפט צי מאַכען?
חלילה וחלילה.. ער האָט געגלויבט וואָס איהם איזט באַשעהרט
וועט ביי איהם קיינער ניט צינעהמען.. זאָ האַבען זייא גילעבט
אַללע זייערע יאַהרען מיט בטחון אונד מיט אֱמונה.. אין נאָר דאַ־
דורך זענין זייא ביי דיא קריסטען אויך אָנגינעמין גיווען, אז ניט
איינמאָהל פלעגין דיא גייסטליבע מיט זייא דיא קריסטען דיא אויגען
שטעבען, וויא אַזוי יודען היטען אָב זייער שבת.. צי זעהר יומ"ט..
ערשט צייריק מיט 30 יאָהר!.. אַלזאָ, וואָסזשע האָט זיך אין דיא
עטליבע יאָהר גאָר איבערגעקעהרט דיא גאַנצע פּאָליטיקע? עס
האָט ווידערום איינגעפאַנגען יודענהאַסס צי הערשען, זאָגאַר איבער־
אַלל.. אויך אין דיא האָבגעבילדעטע לענדער.. וואָס איז דיא אורי־
זאַבע? דיא אורזאַבע ווילט איהר וויססען? וועל איך אייך אויפ־
קלעהרען, זייט דער נאַמען יוד האָט זייא שוין אָנגיהויבען צי
קוועטשען, זייט זייער רעליגיאָן איזט זייא געוואָרין צי לאַסט..
זייט דער נאַמען שטעפאַן קלינגט ביי זייא שענער וויא שמחה,
אונד מאַקע וויא מרדכי, קאַראָלינע וויא קריינצע.. אונד זייט אייניגע
יאָהר האָבין זייא פעסט אָנגעהויבען אַללעם מיט דיא קריסטען
מיטצומאַכען... איבערהויפט זייט זייא האָבין זיך זאָ טיעף אין לוקס

אַריין געלאָזט.. ווייל אַזוי אונד ווייל אַזוי, האָבען זייא דיא קריסטען פאָן עס נייא אַנגעפאַנגען צי האַססען, אַבער צי האַססען וויא עס געהער.. אונד בילדען זיך אַללע טאַגע אויף זייא אַנדערע אַנטיסעמיטען זייא נאָר צי פערניכטען. ניט גראַדע אויף דער לאַנגסטיגע באַרבאַרישער אַרט צי הרגינין, ברענין, בראָטען, אַרויסטרייבען, דאָס דווקא ניט, דאַרויף זענען זייא דאָך שוין ציוויליזירט, געבילדעט, זאָ קענין זייא אַללעס אויספיהרען זייא צו פערניכטען אויף דער עדלער אַרט... אין אמת וואָס פעהלט אייך דען אַזוי? יודען. דיא הויפט פרנסה האָט מען פאָן אייך ציגינעהמען, אַללעס האָט מען אייך גישטעהרט, אונד אָם מיינסטען גישעפטע איזט פיר אייך פערבאָטען, זאָגאַר דעם לעצטען ביסען פאָן אייער מויל פערלעגט מען זיך אויף פאָן אייך אוועק צו רייסען. נא? דאַרף מען אייך נאָך אַרויסטרייבען? אַז מען געוועהנט אייך מיט זאָלכע קעסט דאָס איהר וועט אליין אַנטלויפען.

יעצט פערשטעהט אַז עס פערדריסט דיא קריסטען אויף אויף אייך.. וואַרום זאָל גאָטט ניט פאַרדריסען?.. דאַמיט גיט ער אייך בעוויזע, אונד צייגט אייך איבער, אָבוואָהל איהר יודען געפינט אייך שאָן יעצט אין 19 טען יאַהר הונדערט. אָבוואָהל דיא יעצטיגע פעלקער זענין שוין יעצט ציוויליזירט, אין ניכט מעהר ווילד וויא צייריק מיט יאַהרען.. אָבוואָהל ביים יעצטיגען סעקול ווייסט שאָן איעדער איינציגער וואָס דיא קראַפט איזט בייא איהם אין דער האַנד, אַנצוערקעננען יעדען אַלס מענש אָהנע אונטערשיעד.. אָבוואָהל איהר האָט אייך שוין אייערע נאַמען געוועקסעלט,, פאָן טאָדרעס אויף טימאָפטי, אין פאָן גבריאל אויף גאַורילע אָבוואָהל איהר האָט שוין באַלד אייער רעליגיאָן גענצליך פערלאָזט, אונד דער נאַמען יוד איזט אייך נאָך ערגער וויא אין טאַטען געשאָלטען. וועלכעס פיר דעם נאַמען האָבען זיך אייערע עלטערען געלאָזט בראַטען אין ברענען אויף קידוש השם, אום איהם צו ערהאַלטען, אונד איהר זעלבסט וואָלט איהם שוין געוואָלט פערניכטען... אונד נאָך דעם אַלימען זענט איהר דאָך פערפאָלגט... וואָס איזט דיא אורזאַכע??? נאָך אַיינמאָהל דיא אורזאַכע? דיא אורזאַכע איז דאַדורך ווייל גאָטטעס שטראַפע הערשט אויף אייך, אונד צייגט אייך איבער אַז נאָך דעם אַלימען זענט איהר פערפאָלגט, געהאַסט.. וואַרום?

טאַקע נאָר דאַפיר וואָס איהר שטעהט ניט בייא אייער פונקט, וואָס גאָטט האָט אייך אויסגעוועהלט פיר איין אַבגעזאָנדערט פאָלק, אָם ענדע ווילט איהר מיט צוואַנג אייך אויסמישען מיט דיא אַללע אַנדערע... אַז אויך דיא קריסטען פערדריסט דאָס. איהר האָט געוויס געהערט דאָס ווערטעל, אַז יעדער אַפיקורס וויל האָבין אַ פרים ווייב.. זאָ האָבען זייא אייך געהאַלטען פיר פרים.. אַם ענדע??. דאַדורך טראַכט מען פאָן אייערטוועגען אַללע טאָג אַנדערע פלענער וויא אַזוי אַייך צו פערניכטען, וויא לויט עם זעהט אוים וועט נאָך קימען איין צייט (הלואי איך זאָל ליגען זאָגען,) דאָס מען וועט מיססען מיט דער נשמה אין דיא הענד אַנטלויפען, וואייל צי רעטטען זיך מיט אַלימען וועט קיין צייט זיין. אַבער וואָהין? וויר זעהן אַרוים אַז אויך דיא שטיממע פאָן גאָטט רעדט דאָך צי אינז אונד וואַרענט אונז, (וואייל נביאים האָבען וויר ניט מעהר) מיט דיא וואָרטען: זעהט וויא אַיעדער פאָן דיעזער צייט שטרעבט מיט לייב אונד זעהלע נאָך פאַטערלאַנד, וואַרום זענט איהר נאַכלעסיג אונד שווייגט.. זאָ האַט אויך גאָטט אַריין גיגעבען איין געדאַנק צי אונזערע ברידער וויר זאָלען קאָלאָניזירען.. דיא ערדע אַרבייטען זאָ גוט וויא אונזערע עלטערן האָבין זיך דערמיט בעשעפטיגט, אונד נאָטט האָט זייא אין דעם דיא ברכה געגעבען. אונד זענען געווען געהויכט אונד געשעצט, וואָס דיא אַנדערע נאַציאָנען ריהמען זיך נאָך יעצט מיט זייא, זאָ גלויב איך אויך יעצט אז וויר וועלען זיך דאַמיט ערענסט אָבגעבען וועט אונז גאָטט אויך געבען חן בייא דיא אַללע מעכטען, אונד אונזערער שענדליכער נאַמען פאָן פראָצענטניק, שאַכערער, וואָכערער, פיאָווקע וועט אויפהערען, דאַמאַלס וועלין דיא ציוויליזירטע קריסטען אויך מיט אינז מיטלייד האָבען אונד אונז שטיטצע געבען וויר זאָלען זיך אויך אויסבילדען פיר איין פאָלק, וויר זאָלען אויך זעלבסטשטענדיג זיין, וויר זאָלען אויך איין ריכטיגען משוח באַקוממען. ניט גראַדע (עני רוכב על החמור..) וויא לויט יודען האָפפען, ניין. ניט זאָלכען מיינט מען, איינפאַך ער זאָל זיין געזאַלבט אונד געוועהלט פאָן גאָטט ער זאָלל איבער אונז הערשען.. וויר זאָללען אויך אַפנים האָבען וויא מענשען, אונד איין מענשליכען נאַמען אויך איינמאָל צו ערווערבען.—

זאָ קומט איך דאָ אויך פאָהר דאָס לעבען פאָן דיא לאַנג־סטיגע יודען נאָך דעם אלטען מאָדעל, אַבער מיינט ניט פאָן גאַנץ לאַנג. ניט מעהר וויא צופאָר מיט 30—40 יאַהר ביז צו דיא יעצטיגע ציוויליזירטע יודען, וועט איהר זעהען דעם אונטערשיעד.

איך האַבע איך מיינע מיהע ניט געשפאָרט, וויל דער פרעזידענט „דורש לציון" Dr. C. Lippe האַט מיך ערזוכט איינע קאָלאָניע פאָרצושטעללען מיט איהרע איינוואָהנער. זאָ וועט איך דאָ פאָרקיממען דיא קאָלאָניע „בית לחם" זאָ האָפפע איך אז אַ יעדער פאָן זהען וועט זיך ווינטשין פאָן טיעפען הערץ „לשנה הבאה בירושלים" וויל דאָ לעבט מען מאַקע נאָר וויא אויף אין עולם התוהו, אונד מען נאַארט זיך איינער אין דעם אַנדערען, ביז דער גראַבען פערנאַארט זייא אַללע, ערשט דאָרט איזט אַיעדער רוהיג.

דער פערפאַססער.

אם מאָנאַט מאי אין אַ טאָג! וועהרענד דיא שטראַללען פאָן דער זאָננע פאַנגען אַן אַרוים צו שיינען, אונד אויף דיא שפּיטץ בערג זעהט זיך אַרוים דיא גאָלדינע שטראַהלען וואָס צייגען זיך פאָראוים, אונד מאַכען מוטה צו אַיעדער באַשעפעניש, אַז וויא גישווינד ווען דיא ליכטיגע זאָננע מיט איהר קעניגליכען געזיכט זעלבסט ערשיינען, אום צו בעלעבען אונד צו ערפרישען אַיעדעם פאָן דער נאַטור. דיא צווייגען פאָן דיא ביימער פאַנגען אַן בייא דער צייט צו בליהען, דיא פעלדער וואָס וואַרען ניט לאַנג בעדעקט מיט טרויערקליידער, זענין יעצט וויא מיט גרינעם סאַמעד איבערגעצויגען. יעדעס פאָן דער נאַטור ווירד נייא בעלעבט.

דאָרט זעהט מען וויא דער פאַסטעך נעהמט צוזאַממען דיא בהמות אין דער טשערידע זאָללען געניעסען פאָן דעם גרינעם גראָז וואָס איזט בעדעקט מיט טויה (ראָססע) דיא בהמות זבורדען פיר שמחה. דיא פעגעליך וואָס מען האָט זייא ביז אין דער צייט ניט געזעהין לאָזען זיך הערען מיט זייערע זיסע שטיממען, זייא טאַנצען פאָן איין בוים צים אַנדערין אין געבען זייער לויב צים באַשעפער וואָס האָט זייא איין פריש לעבען גיגעבען.. אויף איין שפּיטץ באַרג זעהט מען בעדעקט פאָן אַ טורמע שאָף, דער פאַסטוך ליגט פאָן דער וויט אין שפּילט זיך צו אויף אַ פאַפעריל נעבען איהם אייגיגע גרויסע הונדע וואָס שטעהין אויף זיין בעפעהל.

אין דער שטאַדט איזט אַיעדער מענש אויפגעמונטערט אונד פיהלט זיך פאָן דעם טיראַנישען ווינטער נייא בעלעבט.. אַיעדער קויפמאַן עפענט זיין געוועלב. אַיעדער שענקער זיין שענק. דיא הלפנים׳ליך שטעהען מיט זייערע טישלעך אונד קלאַפּען מיט דיא מינץ גרייצער פאָן איין האַנד אין דער אַנדערער. דאָרט הערט מען שרייען אויף א ווילדער שטימע: בעגעל, פרישע, בעגעל! אונד אַנדערע זאַכען.— אויף דיא לופט מענטשליך לויפען יעדער זיין ברויט צו ערדייבען. דאָרט זעהט מען געהין איינעם מיט 2 קינדערליך אויף דיא פלייצעם אין עפּיס אַ 15 קינדער וואָס האלטען זיך איינם דאָס אַנדערי בייא דיא הענדטליך אין פיהרט זייא

אין הדר אַריין. דאָרט זעהט מען געהין איניגע קינדער מיט טאַשליך אויף דער זייטע אונד ביבליך אינטער דיא אָרעם, וואַהרשיינליך אין שולע אַריין.—

דאָרט געהט מען אין איין הויפט שטראַססע וויא עס ציהעט זיך אַ שפּאַציערגאַנג פאָן פערשיעדענע מענשען, מעננער, פרויען, יונגוואַרג, איניגע מיט טאַשלעך אויף דער האַנד וואָס טראָגען אין דעם פלעשער מינעראַל וואסער צו טרינקען. דיא ביימער פאָן דער שטראַסע געבען זייער געשמאַקען גערוך, וואָס מען פיהלט איהם אויך פאָן דער וויט. איניגע געהין ביז אין פאָלקסגאַרטען פרישע לופט צו געניעסען. אויך דערבייא שפּיהלען צו דיא מי־ליטאַר מוזיק. — קורץ אַיעדעם פאָן דער נאַטור איזט דאַמאַלס פריש נייא בעלעבט.—

אויף איינמאַל איזט פלעצליך דיא זאָננע מיט אַ שטיק שוואַרצע המאַרע איבערצויגען געוואָרדען. ביסלעבוויים האָט זיך דיא חמאַרע פערשפּרייט אַז אין קורצען איזט דער הימעל געוואָרען בעדעקט מיט שוואַרצע דיקע וואָלקען, דאַן האָט אַיעדער בליטץ געטוהן, אויך דערבייא האָט אַנגעפאַנגען שרעקליך צו דינערן אַז דיא פענצטער פאָן דיא הייזער האָבען געציטטערט. טוידשרעק איזט אויף אַיעדען געפאַלען. דאַן האָט אויסגעבראָכען אַ שטורם ווינד, אַז מען האָט גיזעהין גאַנצע דעכער פאָן איניגע הייזער אין דער לופט טראָגען, אויך דערבייא אַ גראָבער רעגען. אַיעדעס פאָן דער נאַטור האָט זיך פערשטעקט אין זייער נעסט. אויך מענשען האָ־בען זיך אין דיא הייזער פערשטעקט, יעדעס גישעפט איזט אַבּ־געשפּאַרט געוואָרען. עס איזט פאָרגעקוממען ניט אַנדערס נאָר דיא וועלט געהט אונטער.

איינע מיטעלפונקט שטראַססע וואָס ציהט זיך אַ גאַנצע רייע איינשטעקקיגע הייזער וועלכע זענין בעוואָהנט פאָן פערשיעדינע סאָרטען קויפלייטע, וויל זייערע געוועלבער קומען אוים אין אינ־טערשטען שטאָק. אין דער מיטטע צווישען דיא געוועלבער גיפינט זיך אַיין הויז, דיא טיהרען מיט דיא פענצטער נאָך דעם יעצטיגען מאָדעל, אינוועניג זעהר איינפאַך, נאָר זעהר ראַשענד. ניט דאַריבער וואָס עס איזט רייך פערפּיצט, ניין. אין גענענטהייל, דיא ווענד גאַנץ איינפאַך מיט גרינער פאַרבע געשטרייכט, נאָר פערשיעדינע

דיצענדע בילדער הענגען אויף דיא װענד, בײם אריינקומען אין דער מיט צימער שטעהט אַ לאַנגער טיש אויף 6 פיעס, איבער געצויגען מיט גרינעם טוך. אויך בײא דיא זייטען לויטער בענק מיט טישלעך אויסגישטעלט. בײם ערשטען אויגענבליק ערקענט זיך גלייך פיר איין קאַפּעהויז צו זיין.. נעבען דעם לאַנגען גרינעם טיש בעשעפטיגען זיך שטענדיג 2 נאָבלע לייטע, קורץ געקליידעט דיא בערד ראַזירט, דייטשערישע געשוואָלינע װאָנצעם.. עס איזט אונמעגליך זײא צו ערקענען אויב זענען אַ מאָהל יודען געװעזין. איינער פאָן דיא בײדע שטעהט מיט אַ לאַנגען שטאָק אין דער לופט װען עס זאָל אַריינקימען איינער פאָן דיא פאַנאַטישע יודען װאָלט ער זיך געװיס ערשראָקען, אונד געדענקט, ניט אַנדערש דיא שטעקענים זענין אייגענסט זאָלבע לייט װיא ער פאָם קאַפּע הויז אַרױס צו יאָגען. דער אַנדערער שטעהט איינגעבויגען אין דרייען אַ האַלבער קערפּער אויף דעם לאַנגען טיש אויסגעצויגען מיט איין פיעס אין דער לופט, אויך מיט אַ שטאָק אין דער האַנד װאַהרשיינליך האָט ער װאָס װיכטיגעס צו בעקלערען, אָדער ער וויל שיעסען דעם פויגעל.. זייער ציעל איזט אַבער ניט דאָס, זײא בעשעפטיגען זיך פשוט אונד מאַכען זיך דערמיט בעװעגונג, װאָס עס איזט מיר אויך אונבעקאַנט.. צי װייל זאָללען בעקוממען אַ־פעטיט צים עסין.. װאָס בעװעגען זיך אַזוי אָן אויפהערינג, אָדער פיליכט.. פערקעהרט. װייל זײא האָבין פשוט ניט װאָס צו עסין. זאָ פערברענגען זײא זיך דיא צייט, אום זאָללען אין עסען אויך פערגעסין.. (אינטער אינז זאָל עס בלייבען). װיא עס איזט, דאָס אָרט װירד נישט פערקיהלט, קוים געהין דיא בײדע אַװעק, זאָ קימען שוין 2 אַנדערע זייער שטעללע פערטרעטען, אונד דער צװעק פאָן דער בעשעפטיגונג בלייבט אונז אונבעקאַנט.

יעצט װאַרפען װיר אינזערע בליקען צו דיא אַנדערע װאָס זיצען אויסגעזעצט װיא דיא מחותנים נאָר זײא זיצען אויך ניט פיסטע, איינגע פאָן זײא שפּיעלען אין קאַרטען, אַנדערע אין דאָמענעס, איינגע אויפשװיערם װאָס שטעהין אין קיקען צו עס זאָלל אָרדענטליך צו געהין. איינער פיהרט דאָס בוכהאַלטערייא פאָן געװינס צי סאָן פערשפּיעלען. קורץ אַיעדער פאָן זײא האָט אַ בעשעפטיגונג, דערבײא איזט אַ ליאַרעם, אַ געשרײא אַ גיפליעס־

קערייא, כמעט אַזוי וויא אין דיא שיהלען צי דיא הקפות. (ניט מיט מיין מויל גערעדט), אַ יעדער איזט פריילִיך אויפגעמונטערט, נאָ? מיר שיינט אַז זאָלבע וויא דיא.. מעג מען שוין מקנא זיין. געווים האָבען זייא ניט וואָס צי זאָרגען, וואַהרשיינליך מאַכען זייא גיטע גישעפטען. בייא איינִיגע טישלעך זיצט מען גאַנץ רוהיג וויל מען שמיסט איבער פאָן פערשיעדענע פאָליטיקע, אויך פהי־ליזאָפיע דערבייא, וויל דיא אַללע יונגע וואָס דאָרט זיטצען זענען שאָהן ציוויליזירט, וואַהרשיינליך נאָך הויך געבילדעט. אַ בעוויז זייא שפרעכען מעהר קיין יודיש, נור ראָמעניש. זייער פהיליזאָפיע איז ניט אייגענטליך פיר מיין מוח פאָהרצישטעלען, נור אַ וועניגסטען טהייל פאָן זייער שמיעס וואָס איך האָבע צי געהערט.. דאָס ערשטע מאַכט מען חוזיק פאָן אַ יודען וואָס דאַווענט נאָך, פאָן זיין באָרד מיט פאות וואָס טראָגט נאָך, וויא לויט דער לאַנגסטיגע יודישער מאָדעל, אייגענטליך וואָס קענען זאָלבע מעהר קריטיזירען? איבער תלמוד וואָס האָבען אין זייער לעבען פאַר זיך ניט גיזעהן, צי פאָן לאַנגסטיגע מחקרים וואָס ברענגען איינז אוים אַז עס איז דאָ השגחה, שכר ועונש, אויך השארת הנפש, אין דעם האָבען זייא זייער אַ וועניגען בעגריף, זייא קענען נור באַקלעהרען דאָס וואָס זייא זעהען מיט זייערע אויגען, אונד אורטהיילען מיט זייער אייגענעם פערשטאַנד, אַבער דיא אַנדערע מוסר ספרים, וואָס לעהרנען איינז מאָראַלישע זיטטען, וויא אַזוי מען דאַרף דיזע וועלט דורך געהען, גראַדע אין דעם זענען זייא גאָר פרעמד. זייא האָבען דאָך פערשטעה געמאַכט געמיטשטע 4 קלאַסען רומעניש נאָ? ווען האָבען זייא צייט געהאַט מיט זאָלבע פיסטע זאַכען זיך אָב צי געבען, זייא האָבען פשוט זייער אייגען געפיהל פאָן זייער אייגענעם רעליגיאָן אויך חוזיק צי מאַכען. וויל טאַקע נור אין דעם בעשטעהט זייער פהיליזאָפיע.

זאָ זענען זייא אַרים אַ טיש גיזעסען אונד בעקלעהרט, אונד פיר רעכט געפינען, אַז וואָס מען טוהט דעם יודען איז אַלם וועניג. וויל ער פערדיענט דאָס, דאַפיר וואָס ער מאַכט ניט מיט גלייך מיט דיא קריסטען. פאַר וואָס זאָל בייא איהם זיין שבת? ניט זאָנטאַג.. וכדומה מעהרערע זאָלבע פראַגען האַט איינער פאָן דיא פהיליזאָפען געמאַכט, אַבער שטאַט יעמאַנד זאָל איהם דאַריף

אַנטוואָרטען, האָט איהם יעדער רעכט געגעבען. דאַרף זיך מאַכען ביי דעם שטורמישען וועטטער וואָס וויר האָבען געשמיסט וועהרענד עם האָט אויסגעבראָכען אַ שטורם ווינד אונד האָט דערביי גאַנצע דעכער אָבגעריסען אונד אין דער לופט געטראָגען. ביי דיעזער געלעגענהייט האָט דער שטורם ווינד פערטראָגען אַ אָרעם סופריל צו דעם קאַפעהויז.. אַזו וויא ער איזט אַרים געגאַנגען מיט זיינע אָביעקטען וואָס ער האָט צום פערקויפען, כשרה מזוזות, אַלטע בתים פאָן תפילין, רצועות, כפול שמונה ציצית, מעשה ביכלעך פאָן גיטע יודען עטצ... האָט איהם דער שטורם ווינד פערהאַפט אונד אויך אין דער לופט איהם פערטראָגען ביז נעבען דעם קאַ־פעהויז, וואָס האָט זיך האַלב טויד געטוהן אַ חאַפּ אַריין זיך פאָן דעם שטורם צו רעטטען. גראַדע דאַמאַלס האָט איהם אָנגעטראָגען ביים רעכטען פייער וועהרענד דיא קאַפינע דייטשען האָבען צישין זיך אַ טיעפען דיסקורס וועגען יודענטהום, האָט דאָס סופריל גראַדע אויסגעפעהלט.

וויא זייא זיצען אַזו פערטיעפט, אויף איינמאָהל עפינט זיך דיא טיהר פאָם קאַפעהויז, אונד עס ערשיינט פיר זייא אַ נפש, דאָס געשטאַלט הויך אין דאַר.. אַ לאַנגע שמאָלע צאַפּען באָרד, וואָס האָט גיגרייכט כמעט ביז צום ברית קודש, דער נעבען 2 לאַנגע דינע פאות, דער קאָפּף פריש אָב געגאָלט, זיין טראַגע דווקא נאָך דעם יודישען לאַנגסטיגען מאָדעל, אַ לאַנגען קאַפטען מיט אַ גאַרטעל, אַ קאַפּליש מיט אַ ברייטער ראַנד, אינטערן אָרעם האָט ער געהאַלטען זיין בינדטעל סחורה, זאָ ביי זיין אַריין קימען איזט ער נאָך מעהר טוידט געבליבען וויא ער איזט געוועהן, וויל דיא 2 לייטע וואָס בעשעפטיגען זיך שטענדיג ביים גרינעם טיש האָבען זיך זאַמירעט גראַ־ע געגען איהם מיט דיא שטעקענים.. איז ער געבליבען פערגליווערט ביי דער טיהר שטעהן. ער האָט נור אַ חאַפּ געטוהן פאָן זיך דעם קאַפּליש וויל ער האָט זייא פיר קריסטען גירעכינט אין איז אַזו געשטאַנען וויא אַ פיגאָר, אָהנע זיך צו בעוועגען.—

דיא סעקטע דייטשען קוים האָבען זייא זייערע ערשטע בליקען צו דער טיהר געווענדעט זאָלען זעהן ווער קאָן יעטצט אין אַזוי איין וועטטער אַרים געהען. אונד וויא זייא האָבען ערבליקט דיא

פיגור, וויא איינער שטעהט אונד עס הענגט איהם נאָך אַ באָרד מיט פאות וואָס מען וואָלט געקאָנט 25 דייטשען איינטהיילען, אַ ווייס געגאָלטער קאָפּף בלישטעט אָפיר פאָן אינטער דער יאַרמילקע, דאָ האָבען זייא געזעהן אויף איהם אַ גלאַנצען אויס דיא אויגען וויא אויף אַ וואָלדענעם מהיר.. אויך דיא מיט דיא שטעקענס וויא ער איזט געשטאַנען גראָדע געגען זייא, האָבען זיך זאַמירעט מיט דיא שטעקענס צו איהם, אונד ער האָט זיך שטימעריים געוועהרט, אַלין אין האַנד פאַרגישטעלט זיך צו שיטצען. דאָס האָט זייער קאָמיש אויסגעזעהען, מען האָט דעריבער געלאַכט, וויא האָבען זיך זאָ פיעל ניט געווינשען וויפיעל נאָך האָט זייא יעצט באַשעהרט. געגען אַ פירטעל שטונדע האָט געדויערט, וואָס דיע מיט דיא שטעקענס האָבען זיך מיט איהם גערייצט, אונד ער האָט זיך אַלין געאַפפערט מיט איין האַנד, אַז דיא פהילאָזאָפען וואָס זענען געזעסען איבער אין דעמקורס האָבען זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטען אונד צו קוקען, זאָ האָבען זייא זיך אויפגעהויבען פאָן זייער געשפרעך אין זענען באַלד צו געקומען צו דיזער פיגור, איינער נעהמט איהם אָן ביים בערדעל אין ציפּט עס, איינער ביי דיא פאות, איינער חאַפּט פאָן איהם אַראָב דיא יאַרמילקע אין מען וואַרפט זיא איינער צום אַנדערען, איינער חאַפּט אויס ביי איהם דאָס בינטעל אין שלעפּט אַרויס רציעות, אין זיכט אויס אַ קאַטץ אין וויקעלט זיא איין מיט רציעות, איינער קומט צו לויפען מיט אַ שעהר אין אַ אַנדערער האַלט איהם דיא באָרד נאָר אָפּצושעהרען, דאָס אָרימע מופּריל שטעהט אונד ציטערט וויא איין בלאַטט אָהנע אַ וואָרט צו רעדען, אונד עס קלאַפּט איהם אַ צאָהן אין אַ צאָהן... אין ווייסט ניט פיר ווערהמען ער זאָל זיך פריהר אָפּפערען. ביא זיך אין האַרץ האָט ער זיך געטראַכט דעם פסוק פאָם משורר: (סבבוני כלבים רבים) זאָגט קיין וואָרט גערעדט. וויל ער האָט זיא גע-רעכענט פיר קריסטען אין גויש קען ער ניט רעדען.

קיינער איינער פאָן דיא אַלע האָט שוין ניט געקענט צוזעהן, זאָ האָט ער אויף דיא אַנגעשריגען, אונד צוזאַמען געקליבען זיין סחורה אונד איהם צוריק געגעבען, אונד זאָגט צו איהם אויף יודיש שרעקט ניט פעטער, מען מאַכט שפּאַס מיט איך.. איהר ווייסט ניט יענעמס זונגע ליבע.. — קיינער האָט דאָס מופּריל דערהערט

יודיש רעדען, איז אין איהם א נייא חיות אריין אין האט בעקומען קוראזש, אונד האט זייא געוויזען אז איין בטלן דארף זיך אויך ניט לייען דעם שעגיין ווען מען בענעטיגט??? איבערהויפט ער האט ערפאהרען, אז זענען גאר יודען.. זא האט ער א גישרייא גיגעבען אויף א קול: כלבים, עכברושים וואס איהר זענט, וואס האט איהר מיט מיר? איהר זענט זיך ערגער פין גוים.. זאפיעל דער וואס האט איהם ציזאממען גינעהמען זיין סחורה, אונד איהם צוריקגעגעבען, האט איהם קוים איינגעשטילט, אונד איהם נעבען זיך געזעטצט, אין באלד פיר איהם געשאפט א טשייא מיט ראהם, ער זאל זיך דערווארימען פאן דער נעטץ וואס דער רעגען האט איהם דורך גינעהמען, אין זאגט צי איהם בערוהיגט אייך שוין. זייא האבען זיך געוואלט א ביסעל א שפאס מאבען. זאגט מיר פארוואס זאלען דיא יעצטיגע יונגע לייט פאן אייך ניט לאבען? אז נאך בייא דער יעצטיגער צייט זאל זיך נאך געפינען יודען, וואס זאלען נאך אויף זיך טראגען א ווילדע בארד, מיט ווילדע פאות.. זאל אויסזעהן וויא א ווילד באשעפעניש.. איינער ריעפט זיך דערבייא אן: ער זאל ניט טראגען דיא בארד, וואלטען זיך איהם דיא ציין ארויס געפאלען. — אין צילאכען זיך דערבייא. אבער דער ערשטער שרייט אן אויף זייא עס זאל שטיל זיין. אונד ער געהט מיט זייא איין אין א שטארקען ויכוח אונד האט איהם אין קורצען מעהרירע פראגען געמאבט, וועגין בארד אין פאות.. דיא לאנגע טראגע אין דרינגט איהם דערבייא אז נאר דאפיר פערפאלגט מען יודען. קורץ ער האט איהם נאך זאלכע פהילאזאפישע פראגען געמאבט, גלייך וויא ער וואלט דערטאפט א גרויסען דיפלאמאט אין האט מיט איהם א דעסקורס.

דיא אנדערע דייטשען פאן דארט וואס האבען איהם אויך געהאלטען פיר איין אויפגעקלעהרטען, זענען גיזעסען אונד איהם אין מויל געקיקט. אויך דאס סופריל זיצט אונד הערט איהם אויס ביז ער האט שוין אללעס אויסגעפרעגט, יעצט פרעגט דאס סופיריל מעג איך אויך עפים רעדען?. יוא, יוא, הערט זיך פאן מעהרערע שטיממען, אין שטעלען דערבייא אויף מויל אין אויערען, וואס קען אזוי א איין בטלן רעדען.. — איך וויל אייך דאס נעהמליכע פרעגען, אין דאמיט וואס איהר טראגט קיין בארד, קיינע פאות,

זענט איהר דערמיט ביי די קריסטען חשיבר? לויט א זאָלבער ווי איך.. איך ווייס ניט, מיר יודען מיססען גלויבען, וואָס אינזערע חכמים האָבען אָנגעשריבען, (יודישע חכמים הערט זיך פאָן איינעם מיט אַ גילעבטער) אָבער דער אַנדערער שרייט אָן אויף איהם׳ ער זאָל זיך ניט אַריין מישען. אינזערע חכמים שרייבען, זאָגט דאָס סופיריל. אַז דורך 3 זאַכען זענען אונזערע עלטערען אויס־געלעזט געוואָרען פאָן מצרים.. דאַפיר וואָס האָבען ניט פערביטען זייערע נאָמען, זייא האָבען ניט פערביטען זייערע קליידער, אונד זייא האָבען זייער שפּראַכע ניט פערביטען. אונד ביי איך איזט גראַדע דער געגענטהייל.. נאָ? דורך וועהמען ווערען יודען פער־שוואַרצט? טאַקע נאָר דורך זאָלבע ווי איהר, (אין קיקט זיך דערביי אַרים, עס זאָל ניט פליהען אַ קלאַפּ) דער געגנער זיינער האָט דאָס בעמערקט, אונד זאָגט צו איהם האָט קיין מורא, עס וועט איך גאָר נישט געשעהן, איהר קענט אַלעס פריי רעדען. יוא? פרעגט דאָס סופיריל, יוא, יוא, זאָגען זייא אַללע.. דאַן זאָגט ער ווידערים, נאָך אייער מיינונג האָסט מען אונז דורך אינזערע טראַגע, פאַרוואָס צירק מיט איינגע יאָהר וועהרינד די אייראָפּע־אישע מענשען האָבען זיך אויסגעבילדעט אונד ציוויליזירט געוואָרען, אונד זייט די באַרבאַרישע קרעפּטע האָט זיך געפעהלט, האָט מען דען שוין ניט בעטראַכט דעם יודען אַלס מענש, גלייך מיט אַנדערע? אָבוואָהל ער וואָהר אויך דאַמאַלס פאָן די קריסטען אָבגעזינדערט מיט אַלימען, זייא האָבען אַבער אויף דעם אַלימען ניט געקיקט, אין געגענטהייל מען האָט נאָך מיט זייא מיטלייד געהאַט. ווייל זייא האָבען געוויסט אַז נאָך אַללע בעשרייבונגען זענין וויר יודען אויסגעוועהלט פיר איין אָבגעזאָנדערט פאָלק, אין דאַ־דוריך האָבען זייא אויף אונז פיעלעס פערזעהן מיט מסחרים, אויך אַנדערע געגענשטענדע.. נאָר זייט איהר האָט אייך אָנגעהויבען אַריינצישטיפּען אין דער ציוויליזאַציאָן אונד שטרעבט מיט לייב אונד זעעלע מיט זייא אַללעס מיטצומאַכען.. ווער שמיעסט זייט איהר האָט נאָך פערלאַנגט מען זאָלל אייך גלייך שטעללען מיט די קריסטען.. פאָן דעם האָט זיך גינעהמען אינזער באַגראָב.. (עיין בספרי עץ הדעת או ציוויליזאַציאָן, בהקדמה מחלק הראשון) זאָנסט זענין וויר יודען שוין אַ צייט יאָהרען געזעסען בשלוה..

אַ חוץ אין דער צייט פאָן דיא גאַנץ לאַנגסטיגע ווילדע איזט אַבער פאָן יענע קיין נאָטיץ צו נעהמען וויל דאַמאַלס וואַרען דיא פעל-קער זאָ ווילד.. גראַדע וויא איהר ווילדע דייטשען, איהר האָט מיך אַצינד דערמאַהנט, אין שיער אונגליקליך געמאַכט, דאָס ביסיל סחורה וואָס איך ערנעהר דערמיט 9 זעלען האָט איהר דאַפאָן תל געמאַכט.. איך בין געקומען זיך צו שיטצען פיר דעם גע-פעהרליכען שטורמישען וועטטער, אונד בין געקומען איבער ווילדע טיגער.. עס האָט איינעם פאָן זייא פערדראָסען אין זאָגט, הערט איהר בית המדרש בטלן איהר זאָלט רעדען וויא אַ מענטש. אין ניט בעליידיגען.. דער שאָקעלט מיט׳ן קאָפּף אין זאָגט, איך בין אַ בית המדרש בטלן.. אונד איהר זענט אַ קאַפינע בטלן. לאָמיר זעהען וויא קאָן מען לערנען בעססערע זיטטען? צו דאָ? צו אין אין בית המדרש.. וויל דאָרט זעה איך אין וועניגסטען אַ מוסר ספר וואָס איך קען דאָך עפּיס אין ערענסטען געדאַנק דערפאָן אַרויסנעהמען.. אויך איין מאָראַלישען צוועק, וואָס שאַפט דעם מענטשען דיא האָפפנונג אויך נאָך זיין טויט.. וויל ניטשט נאָר דיא וועלט איזט דעם מענשענס גרונד, זאָנדערן ער האָט אויך פיעל וויכטיגערס צו האָפפען.. אין מיט דעם חיות קען ער שוין דיא וועלט לייכט דורך געהן.. וויל טאַקע נאָר דאָס האָפפנונג ערהאַלט דעם מענטשען ביים לעבען, אונד בייא דיא קרעפטען. זאָגסט? וואָלט מען אַ יעדען טאָג געפינען דערטרינקענע, אונד געהאָנגענע.. זאָ שטייבעלט אונז דאָס האָפפנונג ביז אין גראַבען אונד פערשאַפפט אונז אויף ווייטער אויך.. זאָפיעל מען מוס אַבער דערבייא אֱמונה אויך האָבען.. וואָס דאָס איזט שוין איינגעוויקעלט אין רעליגיאָן.. אונד אַיעדער וואָס טראָגט דעם נאָמען מענטש, מוס דיא ביידע האָבען.. וויל איין מענש אָן רעליגיאָן, איזט וויא איין קערפער אָהנע אַ זעעלע.. אַצינד ערקלעהרט מיך איהר קאַפינעה בטלנים, וואָס איזט אייער ציעל? צו אייער האָפפנונג? וואָס קענט איהר אין קאַפעה הויז אויסלערנען? יענעמס געדאַנק פערגאַנבינען.. וויל דאָס לעהרענט מען אויס דורך דיא קאָרטען.. איהר האָט געוויס געהערט זאָגט ער צו זייא אַז אַ גיטער יוד איז אַ מאָהל געפאַהרען מיט אַ קריסטליכען אַמטרייבער. וויא ער האָט גיזעהן אין דער פריה אַז ער מאַכט ניט דעם קריץ, האָט ער

איהם אָבגעשאָסט. ווייל מיט אַזעלכען איזט אַ סכּנה.. צו אַזוי א
איינעם קאָן מען קיין בעשרייען האָבען, קיום האָט ער קיין גלויבען
קאָן ער קיין אָרענטליכער מענטש זיין. אויך דער אָרענטליכער
קריסט וועט זיך ניט וואַגען צו שפּעטען פון אַ יודען, ווייל אינז
אַללע געהערען צו איין באַשעפער, אונד אינזער גיזעצע שטאַמט
פון איין קוועללע, עס איזט וואָהר עס גיבט אָרדינערע קריסטען
וואָס מאַכען אויך חוזק פון אַ יודענס באָרד, אַזוי וויא איהר. פון
אַ יודענס פאות, אַזוי ניט וויא איהר. פון אַ יודענס דאַוונען אַזוי
ניט וויא איהר. וואָס מאַכט דאָס? ווייל זייא האָבען דאָס זעלבע
געפיהל וויא איהר, דיא נעהמליכע זיטטען וויא איהר. איהר פער-
ברענגט דעם טאָג פון שבת אין קאַפע הויז, אונד זייא דעם טאָג
פון זאָנטאַג אין קרעטשמע.. דעם מאָראַל וואָס זייא געניעסען
אין קרעטשמע, קענט איהר דאָס זעלבע אין קאַפע הויז געניעסען.
אַנדערע אין שוהל קלייבט זיך דאָך צו אַ מאָראַלישער געדאַנק,
פון דיא מוסר ספרים. פון אונזערע לאַנגסטיגע חכמים. פון אונזערע
הייליגע נביאים וואָס לעהרענט איהר דאָ? וויא אַזוי אַ יודען אויך
חוזק צו נעהמען.. פאַ! שעהמט אייך.. וויא איך בין אַ יוד. ווייל
אין איין פאַך זענט איהר נאָך ערגער פון גוים. אַ גוי וועט זיך
אויך ניט וואַגען צו האַפען מיין ביסעל אָרימע סחורה וואָס איך
ערנעהר מיך מיט 9 זעעלען, אין זאָל עס צושלעפּען.. (דאָס האָט
ער אויסגעשריגען מיט גאַנצען הערצען, אַז זענען אַללע שטעהן
געבליבען אונד פערשטיינט געוואָרען..

זייא האָבען שוין פערשטאַנען אַז זייא האָבען געפעהלט..
האָבען זייא צוזאַממען גינעהמען אַ פּאָאַר פראַנק אונד איהם גע-
געבען, זייט ניט ברוגז זאָגען זייא צו איהם, עס וואַר אַללעם אַ
שפּאַס.. אַ שפּאַס? זאָגט ער, אין איזט איינסוויל צופריעדען מיט
דעם. — עס האָט שוין אַ יעדער אַרויסגעזעהן דאָס דער בית
המדרש בטלן האָט דעם קאַפינע בטלן בעזיעגט.

יעצט ליעבע לעזער בלייבט ניט מעהר פיר אונז וויר זאָללען
זיך נאָר איבערציינען ווער פון דיא בידע רעכט האָט, זאָ קיממט
מיט מיר אויף איינינע שטונדען. פערלאַססען וויר איינסוויל דיא
קאַפינע דייטשען, ווייל עס עקעלט מיך שוין זאָ פיעל אין דעם
קאַפע הויז איין צו שטעהן.

# דער יודישער ערב שבת!

**אָמר הקב"ה למשה, מתנה אַחת יש לי בגנזי, ושבת שמה. (ג' שבת) עוד כתוב זכור אֶת יום השבת לקדשו. וחכז"ל אָמרו מי כעמך ישראל גוי אֶחד בּאָרץ.**

יעצט איזט פרייטאַג, ערב שבת. געהן וויר צו דער האַללע, דאָרט וועללען וויר בּייאוואָהנען דיא פאָרבּערייטונג פאָן אונזערע יודען לכבוד שבת.. יוא אֶמת! אַ רעש, אַ געטימעל, אַ גידרעננים, פאָן טויזענדער מענשען. עס איזט אונמעגליך זיך דורך צו שטיפּען. פרויען, מענער, יונגע, בּעיאַהרטע, רייבע, אָרימע, פאָן פערשיעדענע קלאַססען, אַבּער אַם מייסטען יודען. דערבּייא הערט זיך אַ געשריי, אַ געטימעל פאָן פערשיעדינע שטימען מיט דיא וואָרטען:

שיינע, פרישע, חלה, יודען.. לכבוד שבת..— אַ נאָ? יודען פרישע פיש: קאַרפּען, העכט, קאָרעסין, סידוק, קאסטראשטען' מאָראָן.. צאַפּלדיגע, לעבּענדיגע, זייא וואַרפען זיך לכבוד שבת. קיקט פלייש וויא פלאָדען.. לכבוד שבת.. אַ נאָ? יודעלעך, פריש גרינציג, חריין, פעטרישקע, קרויט, וויינבּלעטלעך, פאַטלאַזשעלעס' פעפערליך, פאָסטאַרנאַק, נאַהיט, לינטע, כּשרהן אַרבּעס. לכבוד שבת.. אַ נאָ? שבת אויבּס. דאַרע בּאַרען, כשרה פלאָמען, טריקענע סאָרע קערלעך, בּאָסטאָן קערלעך, קויפט קויפט, לכבוד שבת יודען.. אונד זאָ ווייטער. דאָס אַללעס ווירד אויסגערעכענט אונד אויסגעשריגען אויף פערשיעדענע שטימען אַז עס פערטייבט, אַללעס לכבוד שבת..—

צוריק געהענדיג זעהט מען ריכטיג וויא עס ציהט זיך איין צוג מענשען, לויטער מיט קויבּערס, איינגע מיט בּינטען, דיא גאַנצע שטרעקע וואָס האָט געקויפט לכבוד שבת.

דאָרט געהט איין אָרימער שניידער מיט אַ פאָללען קויבּער, קוים וואָס ער טראָגט איהם.— דאָרט זעהט מען געהן אַ קרומען שיסטער וואָס געהט אויף אַ שטאָלין, אין טראָגט מיט זיך אַ קויבּער מיט פרישע חלה, פלייש, פיש, לכבוד שבת.— דאָרט זעהט מען געהן איין אָרימען טאַפּיצירער אין טראָגט אויף אַ שוואַרע אויף געסילעט אַ פריש העכטעל, דערבּייא עטליכע קאָרעסליך, וואָס זייא וואַרפען זיך נאָך לכבוד שבת. — קיקט איך נאָר גיט צי

ווער דאָרט געהט.. איינער מיט דיא פּאָלעס פערשטעקט ווי א בעל בריתניק (ווייל עס וואר דאמאלס אַ בלאָטע), דיא פאות פליהען אין דער לופט, דאָס צאַפּען בערדיל אויסגעשטרעקט פאָר אויס, מיט אַ שמאַק אין איין האַנד, אין דער אַנדערער זעהט מען 3 פרישע קעליטשלעך, אַ שטיקעלע פעטט פלייש, עטליכע פרישע קאָרעטלעך, אַביסעלע נאַהוט אויף ציטעס, אַביסעלע כשרה פלאָמין, אַ פלעשעלע בראַנדווין, און נאָך עפּעס אַ בינטעלע פערבינדען וואָס מען זעהט ניט אַרויס לכבוד שבת. — איהר ערקענט איהם? וואָס שווייגט איהר? וואָס קוקט איהר אַזוי לאַנג? דאָס איזט דאָך דער ר' ענזעל סופר, וואָס האָט אַ דעשקורס געהאַט מיט אַ קאַפּיטע דיפּלאָמאַט און האָט איהם מנצח געוועזן. זעהט וואָס ער האָט געהאַנדעלט לכבוד שבת.. זיין רייכטהום איזט אייך שוין בעקאַנט מיט וואָס ער ערנעהרט 9 זעעלען.. פאָן דעם קרעמעל וואָס מען האָט איהם געוואָלט צו האַפּען אין קאַפּעה הויז. — דאָרט זעהט מען געהן אַ יונגעל פאָן 16 יאָהר אין טראָגט איין געקוילעט עוף וואָס דאָס בלוט פאָס עוף רינט איבער דעם גאַנצען וועג, און דער אַנדערער האַנד אַ גלעזיל מיט האָניק, וואָס טיהט אַללע מאָהל אַ לעק.. אין נאָך אַ לעק.. פאָן אינטען געהט איהם נאָך אַ אַנדערער יונגעל, וואָס טראָגט אויף זיין אַקסעל 2 פאָר עופות צום שעכטין אין זעהט ווי ער לעקט אוים דעם האָניק. פאָטעל! טיהט דער אַ גישרייא: איך וועל דערצעהלען דיין מאַמען האָסט אויסגילעקט דעם גאַנצען האָניק. פאָטעל ווערט ערשראָקען אין איזט באַלד געפאַלען אויף אַ שבל, איהם צו זיך צו ציהען, אין איהם אויך גיגעבען לעקען, אַזוי לאַנג ביז עס איזט ניט געבליבען אין גלעזיל. פאָטעל האָט אָן געהובין צו שפּירען וואָס האָט ער געטהון? וואָס וועט ער אַנטוואָרטען אין דער היים? אַבער דער אַנדערער האָט איהם שוין אַ עצה גיגעבען, ער זאָל דאָס גלעזיל צובּרעכען אין אַהיים טראָגען דיא שטיקלעך, ווייל ער איזט געפאַלען.. יוא אַ גיטער פלאַן איזט דאָס.. לאָססען וויר דיעזע.

איינסווייל זעהן וויר אַרוים גראָדע פאָן דער געמיינער קלאַססע ווי איעדער טיהט וואָס ער טיהט.. אין קויפט אַללעס אין לכבוד שבת.. טאַקע ווי גאָטט האָט געבאָטען, אַללעס קאָמפּלעקט.. (בשר ודגים וכל מטעמים) ווייל אין דעם טאָג פין שבת שפּירט

ער אויך אַז ער לעבט, אונד זעהט זיך אַרום אין געשטאַלט פאַן אַיין מענטש.. דיעזע אַללע קוים זעהן זייא זיך אין דער היים מיט אַללעם פערזאָרגט, זאָ ווערט אין שטיעב אַללעס פעראַנט, דער שנײַדער זײַן געציג, דער טישלער זײַן וואַרסטעט, אויך דער שוסטער ווערט בײַ זיך אַציגנד אַ מענטשאַר, אין פעראַנט אַללעס פאַן דער שטיעב אין גלײַך אין מרחץ, מען וואַשט זיך אַב לכבוד שבת. ער קעמט זיך אויס דיא באָרד אין פאות.. ווײַל דיא גאַנצע וואָך האָט ער קײַן צײַט אונד קײַן געדולד דערצו. ער וועקסעלט זיך דיא וועש, קורין ער ערקענט זיך זעלבסט ניט צו איזט ער דער פאָן געסטערן, אַזוי וויא מען נעמט איינעם מיט אַ מאַשיען אין מען ניצעוועט איבער.. ער קומט אַהיים האָפט ער באַלד אויף זיך דיא בגדי שבת, אַ זײַדענעם קאַפּטען, אַפּילו אַ לאַטע אויף אַ לאַטע וואָס געהט בירושה נאָך פאָן זײַן עלטער זיידען, יעדאָך פאָן זײַד, אויף דעם קאָפּ אַ שטריימעלע אַפּילו אַ אָבגעריבענס, אַז מען ערקענט כמעט ניט צו איז דאָס אַמאָהל שפּיצען געוועהן, יעדאָך אַ שבת׳דיקער גאַנג איזט דאָס.. ווײַל דיא טראַגע מאַכט פיעל מעהר עפּעקט וויא אַ קיטשמע צו אַ קאַפּיליש. וואָס דאָס טראָגט מען אויך דיא גאַנצע וואָך. אַבער דיא, טאַקע נאָר שבת אין יום״ט אין דער טראַגע לויפט מען באַלד אין שוהל אַרײַן מקבל שבת צו זײַן.

יעטצט ליעבע לעזער! קומט מיט מיר אויף איינגע אָרטער וועט איהר אויך איבערצייגען וויא אַזוי דיא קלאַסטע מענשלעך נעהמען צו דעם טאָג פאָן שבת אין דיא בתי מדרשים, אויך צו הויזע, איהר זאָלט דערנאָך ניט זאָגען אַז איך שרייב עס בלאָז פאָם קאָפּף.. — איינסווייל טאַקע דאָ ניט ווייט זיצט דאָס אָרימע סופירל ר׳ ענזעל. וועלען וויר בעזוכען זײַן וואָהנונג, ער איזט יעצט שוין געווים אין שוהל, ביז ער וועט אַהיים קוממען וועלען וויר צײַט האָבען זיך צו אַלימען גוט צוקוקען.

ערשט מיט אַ פּאַאַר שטונדען צו פֿאָהר אין אַ קליין באָרדעיקעל האָט מען געזעהן זיך אַרים דרעהען איינע אָבגעריססענע פֿערשמאָלציווטע פֿרויא, פֿערקליידעט אַ אַלטע פאָסטע מיט פּיער שפּאַלטען באָרפֿיסיג. איינגעטינקט אין באַלינגע, ווייל זיא האָט זיך גראַדע מיט דעם מאַטעריאַל בעשעפֿטיגט, דיא ערדע צו גלעטען, אויף איהר קאָפּף איזט געליגען אַ אַלט פֿערשימעלט קאָפּפֿענטיבעל, וואָס האָט זיך אויף איהר קאָפּף אַרימגעדרעהט הין אונד הער.. וויא אויף שפּריזינעס, באַלד טיהט זיא עס אַריק הין באַלד הער, באַלד אַרויף.. קורץ וויהין זיא האָט עס געריקט האָט זיך עס לייבט אויף איהר קאָפּף גערדרעהט, איהר געזיכט וואַר אָן געפּודערט מיט דעם זעלבען מאַטעריאַל וואָס האָט דערמיט דיא ערדע געפּוצט, 2 קליינע קינדערלעך זענין שיער צוזעצט געוואָרען פֿאָן וויינען, דיא איבריגע זיצען אויף דעם אויבען.

אַבער באַטראַכט זיא נאָר ליעבע לעזער אַצינד, ווען איהר אין אייער לעבען זאָגען אַז דאָס איזט דיא פֿאָן צוריק מיט אַ פּאַאַר שטונדען ?. — אָבגעוואַשען, איבערגעטאָהן, ניט פֿערפּיצט.. ניט גאַנץ לאָקסאָסע.. אַבער איינפֿאַך ריין. אַ ציטענע פּאָסטע מיט ווייסע אונד בלויע קוויטקים, אַבער עס לעכט איהר זעהר. אַ שירצע (פֿאַרטוך) מיט רויטע אונד גרינע פּאַסען אַ שיינע ווייסע גערמע, אויף דעם האַריץ אַ ברוסט טיך מיט שפּאַניר, דאָס באָרדעיקעל וויים אויסגעקאַלעכט. דער טיש מיט אַ ווייס טישטעך פֿערשפּרעהט, אויף איהם ליגט 2 חלות צו גערעקט מיט אַ ווייס געשטיקט שערוויטעל אויסגענעהט דאַרויף בוכשטאַבען פֿאָן שפּאַניר (לכבוד שבת קודש) אויך אַ מגן דוד פֿאָן דעם זעלבען שפּאַניער אויסגענעהט. 4 מעשינע לייכטערלעך קליינע, וואָס פֿינקלען, אונד 5 ליימענע וואָס ברענט אין זייא דיא בענטש לעכט.. איין קינד האַלט זיא אויף איהר האַנד, איינס ביים פֿאַרטוך, דיא איבריגע זיטצען אין קיקען אַרוים מיט אונגעדולד אין מיט אָפֿענע מיילער, דער פֿאַטער זאָל שוין קימען פֿאָן דער שוהל. מען זאָל זיך נעהמען עססען דיא סעודה, נאָר דיא 2 קליינע וואָס זענען געוועזען נעבען איהר האָבען געוויינט, אַבער דיא מוטטער פֿערלעד זייא.. אין זאָגט צו איינעם וואָס אויף דער האַנד, שוויג קתיאליקיל. באַלד ווען קימען דער טאַטע פֿאָן דער שיהל.. נאָ? (פֿראָגט קתיאליקיל)

וועט ער זאָגען שלום עליכם.. נאָ? (פראַגט ער ווידערום) אין וועט מאַכען קידוש.. נאָ? דערנאָך וועט ער זיך וואַשען.. נאָ? (רעפּעטירט אַלס קיתיאַליק) אין וועט מאַכען אַ מוצא.. נאָ? דער נאָך וועט מען געהן עסען.. נאָ? וועט מען אַיעדען קינד טהיילען אַ שטיקעלע קוילעטש.. נאָ? אין יאָך.. אין פלייש אין צימעס. דיא איבריגע קינדער זיצען אין לוישען מיט דיא אויערען וואָס דיא מוטער רעכענט אוים. — אויף איינמאָל וועהרט אַ גיפּלעסקירייא צישען זייא אַללע מיט דיא הענדליך אין רעפּעטירען אַללע וואָרטען מיט גדולה, קוילימש.. פיש.. יאָך.. פלייש.. צימעס.. אַ יעדעס מיט זיין שטימע עס האָט אויסגעזעהן וויא אַ שיינע מוזיקע, איינער וויל פערגעססען זייא צו וויינען, אין האַלטען אין אין פּליעסקין מיט דיא זעלבע וואָרטען. דיא סצענע דויערט געגען אַ האַלבע שטונדע. —

אין שיהל האָט מען דערוויל אַבגעדאַווענט, איינער דעם אַנדערען גיט אָב אַ פריינדליכען גוט שבת, גוט שבת, אַבער ניט נאָר מיטן מויל, אַ יעדעס אבר זאָגט פאָלל פרייד גוט שבת. דאַן הערט זיך אַ שטיממע פאָן איין אַלטען גרייז, גוט שבת.. יודען, גוט שבת.. טרעסעט אוים דיא קעשענים. (וויל עס וואַר גראַדע דאַמאָלס דער ערב צירימען) דאַן ציגעהט זיך אַיעדער אין זיין וואָהנונג. אויף איינמאָהל עפענט זיך דיא טיהר ביי ר' ענזעל סופר, דער פאַמיליענפאַטער ערשיינט פיר זייא, מיט אַ פריילינען טאָהן אויף אַ ברייטער שטיממע, גוט שבת.. צו זיין אשת חיל, אין דאַן צו אַללע קינדערליך אין האַפט באַלד דאָס קליינע קינד צו זיך אויף דיא הענד אין לויפט אַרים הין אין צוריק אין גיט אָב שלום עליכם צו דיא מלאָכים וואָס שטעהן אין וואַרטען אויף איהם זייא זאָללען איהם בענטשען אַז איבער אַכט טאָג שבת זאָל אויך אַזוי ביי איהם אין שטיב זיין שלום ושלוה, זאָ לויפענדיג זאָגט ער אָב שלום עליכם. עס קימט צים זמר אשת חיל. דאָ וואַרפט ער בליקען אויף זיין פרויא. וואָס זעהט אוים יעצט ביי איהם אין דיא אויגען וויא דיא בעלגישע פרינצעסין. אין אמת דיא גאַנצע וואָכע איז איהם זיין לעבען אויך צו לאַסט. איבערהויפּט זיא? מיט איהר טראַגע, אין פלאַגט זיך נעביך אין האַלט אין, איין אַרים לויפען אין ווינשט זיך שוין דיא נאַכט צו ערלע-

בּען ער זאָל זיך וועקסלען זיינע קרעפטען אויף דעם אַנדערען טאָג צי פלאַגען זיך. נאָ? האָט ער זיא דאַמאַלס אין זינן? אַנדערש יעצט דאָס שטיבעלע ווייס אויסגעקאַלעכט, די קינדערלעך אויסגעצואָגען, דיא אשת חיל אויסגעפוצט, ליכטיג אין יעדין ווינקעלע, 3—4 מאַכלים צי עסען איזט אויך דאָ, וויא לויט דיא קינדערליך האָבען אויס געפלעסקיט, אויך אַביסעלע וויין. נאָ? מעג ער זיך שוין יעצט צי זיין אשת חיל אויך צי קיקען. וועהרענד ער בעטראַכט זיא יעצט, איזט ביא איהם פערדעכענט מעהר וויא זיבער אַז דעם זמר (אשת חיל) האָט דער קעניג שלמה איגענס פיר זיין פרויא פערפאַסט, אין נאָר זיא האָט ער דערמיט געמיינט. זאָ זעהט זיא ביא איהם יעצט אוים אין דעם מאָמענט.. וויא איין הימלישעס וועזען.. ער זאָגט אַלעס אָב, אין גיסט אָן דאָס כוס צים קידוש, ער מאַכט קידוש אויף אַ הויך קול. דיא פרויא קיקט איהם אין דיא אויגען אין שלינגט אַלע זיינע ווארטען. ער ווידערום זעהט ביא איהר אין דיא אויגען אוים וויא דער שאַח פאָן פערסיען, ער מאַכט דעם קידוש טרינקט ער אָב אַ שיער כוס (כדינו), דאַן גיט ער זיין אשת חיל צי טרינקען. זיא נעמט צי ביא איהם דעם כוס פאָן דער האַנד.. איינע דאָפעלטע איבערראַשענדע פריידע, הערשט אין איהם דאַמאַלס, וועהרענד זיא נעמט ביא איהם דעם כוס פאָן דער האַנד... ווייל דאָס האָט איהם שוין פיעל האָפנונג געשאַפט.. אויך איין דאָפעל עונג שבת...— דיא פרויא נעמט דעם קידוש אין מהיילט אַרים פאָן איין קינד צים אַנדערען, אין עס איזט נאָך געבליבען.— דאָ זעהט מען אַרוים בחיש אַז דיא ברכה איזט שולט אין דעם קידוש, עס געהט דורך ניין הענד אָן ע"ה.. אין עס בלייבט נאָך.. ממש צים בעוואונדערען וויא איך בין אַ יוד..

אויך זעהן וויר אַרוים ליעבע לעזער, וויא דער קידוש האָט אין זיך פיעלע בעדייטונגען, וואָס זינד זייער ניצלעך פיר אַ יודישעס לעבען. צום ביישפיעל: וויא דאָ האָבען וויר שוין אַ גיטען צייכען אַרוים גיזעהין קוים זיא נעמט דעם קידוש ביא איהם פאָן דער האַנד אין הייסט ניט אַנדער שטעלען דאָס גלעזיל אויף דעם טיש, זאָ ווייסט ער שאָהן ביא וואָס ער האַלט מיט זיך... דעסט גלייכען עס מאַכט זיך איינמאָל איין קאָנטרע צווישן אַ פּאַאר

פאָלק אין ווערען ברוגז.. אין זענען גראַדע ביידע אַמביציאָס צים איבערבעטען, ער וויל צי איהר ניט אָנהייבען צי רעדען אונד זיא צי איהם אַודאי ניט. אַלזאָ? וויא אַזוי קימט פאָרט דיא קאַטץ איבערן וואַססער? . זאָ קאָן זיך טאַקע פעהלען דורך זייער אַמביציע גאַנצע וואָכען, ניט נאָר טעג וואָס מען פערליערט.. אויך גאַנצע נעכט.. זאָ איזט שוין דער קידוש אַ מליץ טוב צישין דיא ביידע ער דער־לאַנגט איהר דעם קידוש טאַקע שטימערהייט, אין קידוש מוס זיא שוין צינעהמען (נ. ב. ווען זיא מעג) אין דערבייא דאַרפען זייא נאָר זיך אַקיק טוהן איינס דאָס אַנדערע אין דיא אויגען מיט אַ לייכטען שמייכעל... פערטיג.. — אַבער זייער שלעכט איזט פיר דיא אייניגע וואָס האָבען דעם קידוש גענצליך פערבויגען, קיינמאָל קאָן ער ניט וויסען וויא אַזוי ער האַלט מיט זיין פרויא, ווייל אַנ־שטאַט זיא דורך קידוש איבער צי בעטין, מוס ער קניען פיר איהר. ער זאָל זיא איבער בעטען. נאָ? איזט ניט שענער אויף דער יודישער אַרט? . (זאָגאַר דיא פרויא וואָס איזט שוין אַפילו פטור פאָן טבילה זיא וויל זיך אַבער דאָך צייגען געגען איהר מאַנן פיר יונג.. זאָ פערגאַנבּיט זיא שוין זיין געדאַנק אין געהט נאָך אַין וואַסער אַריין אונד געווינט אויך דערבייא דאָפּילטע נוטצען. ער נאַאַרט זיך אין איהר.. אונד זיא שפּילט ביים קידוש דיא זעלבע ראָללע.. פאָן דיא יונגע פרויען..— נאָ? וואָס דער לעגט זיא?..)

קורץ נאָך קידוש האָט זיך ר' ענזעל געוואַשען, געמאַכט אַ מוצא, אין דערלאַנגט דעם ווייב אויך דיא קינדערלעך פאָן דער מוצא אין בעטראַכט אַלס זיין פרויא פערוואונדערט, אויב זיא איז דאָס.. וואָס ער זעהט זיא אַ גאַנצע וואָך, כמעט ער גלויבט זיינע אויגען ניט ער קוועלט אָן פאָן איהר..

דאָ זעהן וויר אַרויס אַז אין טאָג פאָן שבת איזט ער געבענשט מיט דיא 3 הויפּט אַרטיקעל, (שמרחיבין את דעת האָדם) אשה נאה.. מלבוש נאה.. דירה נאה.. נאָ? וועהר איזט צי איהם אין דעם מאָמענט גלייך? ער זיצט זיך ברייט ביים טיש, דיא פרויא נעבען איהם, דיא קינדערלעך אַרים זייא. מען עסט אַללעם מיט גרויס אַפּעטיט אונד מיט פיעל פערגעניגען.— זאָ קאָנין וויר שוין אויך זאָגען אַז דאָס וואָס דער פרימער משורר האָט געזאָגט: (אשתך כגפן פוריה, בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך), געהט

טאַקע נאָר אויף זאָלבע.. קורץ דיא פרויא דערלאַנגט איהם צים טיש אַ גיט שטיקעלע פיש, אַ גיט ביסעל זופען, צימעס, און זאָ ווייטער. אַביסילע ווין געפינט זיך נאָך אויך.. נאָ? וואָס פעהלט איהם? מעג ער שוין דערבייא זמירות אויך זינגען. יוא מיט פער־געניגען.. ער פאַנגט אָן צי זינגען כל מקדש, און לאָסט אויס בייא מה יפות.. ער האָט איהר געוואָלט דער בייא דערצעהלען וואָס מיט איהם פאַסירט האָט דיא וואָך, ווען דער שלאַקם רעגען וואַר, אַבער ער האַט געזעהן דאָס ליכט שמעלצען שוין האָט ער גע־לאָסט אויף אַ אַנדערם מאַל.. —

יעצט ליעבע לעזער, איהר האָט מיר ציליעב געטיהן אונד מיט מיר ביז אַהער געגאַנגען אום איהר זאָלט אייך איבערצייגען אַז נאָר אַזוי איינער לעבט צופריעדען. זעהט איהר שוין יעצט מיט אייערע אויגען, אַלזאָ פערלאַססען וויר איהם דיא נאַכט. זאָל ער קאָמפלעקטירען זיין עונג שבת מיט אַללע פירושים... ווייל דיא גאַנצע וואָך ווייסט ער נעביך ניט צי ער לעבט..

יעצט אַנטוואָרטעט מיר, איהר מאַגנאַטען, אַריסטאָקראַטען, מיליאָנערען באַנקיערען, גבירים, עשירים, אויך מיטטלע בעה"ב. (אַ חוץ קבצנים). פיהלט איהר און אייער לעבין אַזוי איין טעם פאָן אַללעם אייער רייכטוהם. און אַללע אייערע אויסגעלעבטע יאָהרען. וויא דאָס אָרעמע סופידיל און דעם מאָמענט? קוועלט איהר אַזוי אָן פאָן אייערע מאָבילירט פערגאָלדיטע צימער מיט טאָוועל בריקען וויא דער פאָן זיין קליינעם באָרדעיקעל? אונד דיא ערדע מיט באַלינגע געשמירט.. האָט איהר אַזוי איין פער־געניגען פאָן אַללע אייערע ליעבעם וואָס איהר שפיעלט בייא אייער לעבען אונד וואַגט מאַנכע מאָהל מיטן לעבען.. (ווייל עס קימט מעהרירע מאָהל צי דועל..) וויא דאָס אָרימע סופידיל און דער נאַכט פאָן שבת פאָן זיין פרויא?. מאַכט זיך ווענם בייא אייך אַזוי איין רוהיגער טאָג אָהנע דאגות. וויא בייא זאָ איינעם און דעם טאָג פאָן שבת?. קוועלען זאָ אָן אייערע דאַמען פאָן דיא קאָנצערטען, עס מאַג זיין פאָם גרעסטען קינצלער.. וויא דיא אָרימע פרויא פאָן איהר מאַנס כל מקדש.. פיהלט איהר אַזוי איין טעם און בעסטען ביפטיג? וויא דאָס אָרימע יודעל פאָן זיין ווייבס קיגעל.. זאָ מיססען וויר זאָגען טויזענד מאָהל ניין. און נאָך איין

מאָהל נײן..— וואָס איזט דיא אורזאַבע? וױיל פֿיר איך איזט דיא גאַנצע וועלט ווענינ, וױפֿיעל איהר פערמאָגט זענט איהר אונצופֿריעדען, ניט איהר קאָנט צופֿריעדען זיין.. וױיל קוים בעוואָהנט יענער אַשענער וואָהנונג אַלס איהר.. באַקומט איך אייערס ניט. אונד עס איזט לייבט מעגליך אַז גראַדע יענער איזט איך מקנא.. זעהט איהר בייא יענעם אַ שעהנע פרויא, זאָ בעקומט איך שוין אייערע ניט.. טיהט איהר שוין אַללעס מעגליכעס אויף זאָלבעס צוא עררייכען.. אונד ווען איהר עררייכט שוין זאָ איינע? קומט איך פֿאַהר אַ גאַנץ אַנדירע מיט מעהר בילדונג.. וויא אַזוי עס איזט עס קאָן איך ניט באַקומען.. וױיל איהר קאָנט אין אייער לעבען נײע צופֿריעדען זיין, אין אַללע געגענשטענדע.— וױיל אייערע געדאַנקען פֿליהען איך הויך.. אַנדערס זאָ איינער, וויא דער.. ער האַפט אויף זיך אַ גוטען אָנבאַסען. וויא לויט נאָך זיין גראַד, וועד איז איהם גליך?. ער זעהט זיין פרויא אַביסעל ריינער וויא געוועהנליך.. זאָ וועט ער זיא שוין ניט פֿערטווישען אויף איינע פרינצעסען, דיא אורזאַבע? וױיל ער האָט ניעדריגע געדאַנקען. אונד ניט אַמאָהל טראָגען איהם זיינע געדאַנקען אויף גרעסערס. נאָר זאָ איינער קאַן געניעסען אַ גליקליכען מאָמענט אין זיינע לעבענסטאַגע..— לאַססען וויר אַבער דעם שמים איינסוויל אויף איין אַנדערס מאָהל.

באור הבוקר. האָט זיך ר׳ הענזיל אויפגעהאַפט אין איזט געשווינד געלאָפען אין קאַלט וואַססער זיך צו טובלען.. אין דאַן אין שיהל אַריין. ביז דער עולם איזט זיך צוזאַממען געקוממען האָט ער איינסוויל איניגע קאַפיטעל תהלים געזאָגט זעהר ערנסט ער איזט גראַדע געקימען איבער איניגע מזמורים וואָס האָט דאָרט אויף זיין וואונטש געפינען. זאָ האָט ער זיא מיט טרערען אָבגעגאָסען, אונד מעהר וויא זיכער איזט בייא איהם פעררעכענט אַז דיא טרערען קימען פֿיר גאָטט אַליין, זאָ וועהרט איהם שוין זיין הערץ פֿיעל גרינגער.. אין דעם קוממען זיך צוזאַממען דער עולם מען שטעלט זיך דאַבינען, עס קומט צים ספר אויסנעהמען. געהט צו ר׳ חרענזעל סופר צים גבאי אין ראָהמט איהם אַן ער זאָלל איהם געבען איין עליה, וױיל ער דאַרף גומל בענטשען... ער האָט איהם ריכטיג צים ספר אויפגעריפען מען האָט פֿאַר איהם גראַדע

פאהרגעליינט (כי לא יחדיל אביון מקרב עמך). זא איזט איהם שאהן זיין ארימקייט פעראנטווארטעט, אונד נעמט אן פיר ליעב, מסתמא אז דיא תורה ברענגט אויס, אז ארימע מיטען זיך אויך געפינען.. געוויס דארף ער זיין אייגער פאן זייא.. אונד זיין טהייל ווערט ער שוין דאפיר אויף יענער וועלט אבנעהמען. וויל וואס איז דען דיא וועלט? וואס דער מענטש איז אויף איהר נאר וויא א דורך רייזענדער.. צי וויא איין אורח שטייגט אב אין א האן איבערצינעכטיגען, וואזשע מאכט איהם אויס דיא קורצע צייט אז ער איזט ארעם? זא ראבדעט ער איבער. אבער זיין האפפנוגג מיט זיין צוקונפט איז אויף יענער וועלט (עולם הנצחיות) אין דארט ערוואַרטעט איהם (שור־הבור מיט לויתן.. אויך יין המשומר) אין נאך גוטע זאכען, נא? מאכט ער זיך עפיס פאן דער געגארטער וועלט? וואס פארדעבענט זיא פאן היינטע ביז מארגען.. פראבירט אונד קויפט בייא איהם אב זיין חלק לויתן, צי זיין שטיק שור־הבור.. ווען איהר גיט איהם א האלבע מליכה דאפיר, בין איך קיין יוד, אויב ער וועט נעהמען.. נא? ווער איזט רייכער? בייא זיך איזט ער נאר פארדעבענט דאס ער איזט א (עני באותה שעה) עם היינט ארעם נאר אין דעם מאמענט.. אבער וויא מארגען ווען זיין שטונדע וועט קימען צים שטערבען, זא הערט ער שוין דיא וועלט וויא דעם קאטער.. גלויבט איהר שוין אז אזוי איינער זארגט פיעל וועניגער פאן דעם גרעסטען ארעסטאקראט? —

קורץ מען האט אבגעדאבינט זא האט דער גאנצער עולם ארימגערינגעלט דעם ר׳ ענזלען, ער זאל זייא זאגען דיא אורזאכע פאן זיין גומל בענטשען.. ר׳ הרענזעל האט ניט געשפארט זיין מיהע אין דערצעהלט זייא וויא עס האט איהם פערהאפט דאס שטורמישע וועטטער, זא האט איהם דער שטורמווינד פערטראגען אין א קאפעהויז.. צישען לויטער דייטשען, אונד וויא אזו זייא האבען מיט איהם א שטארקען וויכוח געהאט וועגען דעם יודענטהום. אין האט זייא מנצח געוועהן.. וויא אזו איזט געוועהן דיא מעשה? וויא אזו איז גיוועהן דיא מעשה? האבען זייא איהם אללע אויף א מאהל א פרעג געטוהן נייאגעהריג. דיא מעשה.. זאגט ר׳ ענזעל איז זעהר א לאנגע.. צו דערצעהלען, אזו פיעל איך וועל אייך אין קורצען ערצעהלען, וויל דיא ווייבער וועלען אינז וואַרטען מיט דעם

עססען, דערצעהלט אינז ר׳ ענזעל, דערצעהלט אינז.. דאָ האָבען זיך אָן גילייגט איינער אויף דעם אַנדערנס אַקסעל. אין אויסגידרעהט מיט צו איינציגע אויערען צו איהם.. דיא צאַפּען בערד האָבען זייא געהאַלטען אין דער לופט. אין געשטאַנען מיט אָפענע מיילער צו הערען דעם וויכּוח מיט דיא דייטשען, וויל זייא האָבען געהאַלטין דעם ר׳ ענזלען פיר אַ קליגען האָט ער שוין געוויסט וויא אַזו מיט דיא דייטשען צו רעדען. דער ר׳ ענזעל ערצעהלט פיר זייא, עס האָט אַפילו זעהר קאָמיש אויסגעזעהן וויא זייא פרעגין איהם איבער יעדעם וואָרט, גלייך ער וואָלט איין ויכּוח געהאַט מיט אַ גרויסען קאַרדינאַל אין האָט איהם מנצח געוועהן. דער ר׳ ענזעל זעהט דאָס זייא הערין איהם אַזו אויס מיט גדולה, זאָ האָט ער אַיעדעם וואָרט איינגע־וויקעלט ראָמאַנטיש אונד האָט שוין דערצעהלט פיעל מעהר וויא עס וואַר. ביא דיא אַללע וואָרטען פראַגען זייא איהם אַלס איבער פערוואונדערט שמאַטשקינדיג מיט דיא ליפּען.. אין פראַגען איהם טאַקע אֶמתה דייטשען? סטאַטש זאָגט ר׳ הרענזעל, זייא געהן מיט דיא הוילע קעפּ, אָן בערד, אין אָן פאות.. אייניגע מיטברילען אויף דיא נעז, אין רעדען גויש.. אבער זייא זענען יודען? פראַגען זייא איהם איבער, יודען? נאָך ערגער וויא גוים.. (ימח ונמח שמם) נאָ? נאָ? וואָסושע איזט געוועהן? פראַגט איינער פאָן דיא צאַפּען בערד, וואָס האָט פעררִיסען זיין צאַפּען באָרד אַרויף אין האָט זיך געשמאַק געקראַצט. וואָס זאָל זיין זאָגט ר׳ ענזעל. מען האָט מיך שיעור אונגליקליך געמאַכט. מען האָט מיר דיא גאַנצע סחורה צו האַפּט, אין צו מיר האָבען זיך זאַמירעט עפּים צווייא מיט לאַנגע שטעקענים נור צו דער הרגינין, (ימח שמם וזכרם) זאָגען זייא אַללע אויף אַ מאָהל, נאָר דער בורא שמים האָט מיר גיגעבען חן ביא איינעם פאָן זייא, אין האָט באַלד מיט מיר אנגעהויבען צו רעדען יודיש. וויא פערשטעהט איהר? קוים האַבע איך געוואָהר גיוואָרען אַז זייא זענען יודען, האַבע איך זייא גידעקט אַ טיש.. כּלבים, עבּברושים, האַבע איך צו זייא געשריגען. איהר זענט ערגער פאָן גוים.. אַזו? אַזו? האָט איהר זייא געזאָגט? פראַגען זייא איהם פערוואונדערט.. אַזוי. אַנטוואָרט ר׳ הענזעל מיט שטאָלץ, ניין איך וועל פיר זייא בּטל ווערין, עס איז אַפילו איינער פאָן זייא צו מיר צו געלאָפען ער זאָל מיר דערלאַנגען.. נאָר דער ערשטער האָט

איהם ניט דערלאָסט, איזט געבליבען זייא זאָלען מיט מיר א ויכוח האָבען, וועלען זייא מיך מנצח זיין, זאָל מען מיר אָבצעהלען 25 לאַנגע שטעקענס.. 25 לאַנגע שטעקינס?? רעפּעטירען זייא פערוואונדערט. יוא זאָגט ר' הענזעל, (ימח וגמח שמם) זאָגען זייא דערבייא, נאָ? און אַז איהר וועט זייא מנצח זיין? איך זייא? (דערבייא האָט ר' הרענזעל אָביסעל צי גיפּאָנפּעט.. ווייל עס איזט דאָך דאָס גאַנצע ליגענד, ווייא לויט איהר האָט שוין דעם ויכוח גיהערט.) ער פערשמיסט זיך און זאָגט ווייטער, זאָ בין איך אַריין מיט זייא אין טיעפען ויכוח. . מכוח יודישקייט.. איך וועל אייך מאַכען אַ קיצור, זייא האָבין ניט געוויסט וואָס צו אַנטוואָרטען, זייא האָבען מקיים געוועהן דעם פסוק (לא יחריץ) זייא צילאַכען זיך אַללע.. זייא האָבען גימיינט אַז אַ בית המדרשניק קען זיך ניט אוים טענין מיט דייטשען.. וואָס זענען ערגער ווייא גוים, זענין פשוטה טריפניאַקעס.. טריפניאַקעס? זייא עססען טריפה אויך? ריפט זיך אָן איין צאַפּען באָרד מיט אַ רויטער געשוואָלענער נאָז, מיטן נאָמען ר' שרענציל ת"ת מלמד, אַ ווילדער ירא שמים, אין טיהט דערבייא אַ גראָבען שמעק טאַביקע, אין גיט דיא אַנדערע אויך צו שמעקען, איהר פרעגט נאָך? זאָגט ר' הענזעל, איך האַבע אַליין גיזעהן ווייא אייניגע פאָן זייא זענען גיזעססען אין גיגעססען טריפינעס קעז (שווייצער) פרעגט איהר צי זייא זענען טריפניאַקעס..

קורץ דאָס דערציילען פאָן ר' ענזלען האָט גערויערט גוטע צווייא שטונדען אללעס אין קורצען, ווייל זייא האָבען זיך שוין טאַקע געאיילט אַהיים צו געהן, איזט געבליבען אַז דאָס איבריגע זאָל ער זייא צו מנהה דערציילען, (אין זאָגען איהם יישר כוחך ר' ענזעל, שרית עם מלאכי רעים, ותוכל להם..) זייא געבען זיך אָב איינער דעם אַנדערן אַ ברייטען גוט שבת.. אין ציגעהן זיך. אַ יעדער קומט אַהיים אין גיט אָב זיין פאַמיליע דעם נעהמליכען גוט שבת ווייא געסטערען אָבענד.. דאָס ווייב פרעגט איהם פערוואונדערט וואָס אַזוי שפּעהט? האָט אַפנים געדאַבענט אַ חזן בייא אייך אין שיהל? ניין. זאָגט ר' הרענזעל, איך האַבע דיר נאָך ניט דערציילט וואָס איך האַבע געהאַט מיט דייטשען אין קאַפּעהויז.. מיט דייטשען? פרעגט זיא איהם איבער פאַלל שרעק.. ווייא קומסטו צו דייטשען? נאָך דאָס דאַרפסטו? מיט דייטשען צו זאַטשעפּען..

עס איזט רעכט, מיין ווייב, אין דער וואכען איזט מיר ניט אויפגעלעגט געוועהן דיר צי דערציילען, נאר היטע וועל איך דיר שוין אללעס דערציילען. איינסווייל וועלען וויר געהן עסען, יוא יוא, ליעבער הענזעל דיא קינדער קיקען שוין ארויס דארויף. ער זאגט אב וואס ער האט געהאט צי זאגען און מאכט קידוש, און מען זעצט זיך עסען.

אויף דעם טיש שטעהט שוין פאן אללעס גיטען, איינגעהאקטע בארבאליעס מיט ציבילעס, רעטעך מיט ציבעלעס.. אויך אביסיל איינגעהאקטע לעבער מיט ציבעלעס.. לאכט ניט.. זייא עסען דאס מיט מעהר אפעטיט וויא איהר דאס בראטען צי קאטליעטען. און טאקע דערנעבין קאשע מיט יאך, קיגעל, פלייש, אללעס קאמפלעקט. נא? מעג ער שוין דאכט זיך מיר זינגען (ברוך ה׳ יום יום,) נעבען איהם זיין פרויא, ארום טיש אללע קינדערלעך, איינס האלט ער אויף זיין האנד, אויף דער אנדערער האנד א גאפעל וואס קלאפט מיט איהם בייא דיא זמירות זינגען, דאס עלטערע קינד העלפט איהם אינטער, און דיא איבריגע קינדערלעך פליעסקען צי בייא יעדען מאביל וואס מען גיט אויף. עס זעהט אויס פיעל שענער וויא א טירקישע מוזיק. דאס ווייב דערלאנגט דעם קיגעל, א דא איז געווארען פאן עס נייא א גיפלעסקערייא פאן אללע קינדערליך יעדעס אויף זיין שטיממע, קיגעל, קיגעל, קיגעל.. עס האט איבערראשט. בייא דער גדולה ווירד׳ ר׳ הענזעל בייא זיך אביסיל נערהויבען, וויל דער קיגעל האט איהם שוין גאר פערבלענזט זיינע אויגען, ער איזט דעם שבת זייער געראטהען, דיא אשת חיל האט דאס גלייך באמערקט וויא ער קוועלט אן, וויל זיינע בעקלעך זענען איהם שוין פערביק געוועהן, דאס וואר בייא איהר דער בעסטער צייכען דאס ער איזט יעצט אויפגעמונטערט פריילעך.

זיא זאגט צי איהם ליעבער הענזעל א יוא דער קיגעל איזט דעם שבת ניט געראטען? און קיקט איהם אין דיא אויגען אריין, וואס ער וועט אנטווארטען. פארוואס? טיהט ער זיך א האפ וויא א פערברימער. וויל זאגט זיא עס פעהלט צי איהם עפיס.. גאר ניט, מיין נשמה, אנטווארט ער אנגעמענדיג מיט דער זשמענע א שטיק קיגעל, און האפט אין מויל אריין, ער האט זיך אפילו אבגעבריט, עס האט זיך איהם גישטעלט טרערען אין דיא אויגען וויל

פער שמחה האָט ער פערגעססען אויסצובלאָזען, עס פעהלט צו איהם דאָך עפּיס.. זאָגט זיין ווייב עלקע מיט אַ שמייכעל, בין איך ניט קיין יוד, זאָגט ר׳ ענזעל, ווען איך וואָלט איהם פערבּיטען אויף דיא בעסטע דייטשערישע מאַכלים.

יוא איך האַבּע, מיך דערמאַנט זאָגט ער, אין דיא דייטשען, אין דערצעהלט איהר דערבּייא וויא אַזוי ער האָט געליטען דיא וואָך, אין דעם ויכוח וואָס ער האָט געהאַט מיט דיא דייטשען פאָן דאָרט.. עלקע קוקט איהם אין דיא אויגען, אין כזועלט אָן פאָן איהם, זייא האָבּען געמיינט זאָגט ער אַז איך בּין אַ הינקענדיקער שניידער.— מיר האָבּען זיך עפּ׳ס געשמיסט ליעבּער ענזעל, זאָגט עלקע אַז עס פעהלט עפּיס אויס. זאָג מיר וואָס מיין נשמה. אַ בּיסעל ווין.. זאָגט עלקע מיט אַ שמייכעל. אַ, האָסט רעבּט מיין נשמה.. קאַסריליקעל! זאָגט ר׳ ענזעל מיטן שטריימעל פערדיקט נעם דיא דאָס פלעשעל, אין געה מיט קסיליקלין וויל ער טאָר ניט טראָגען (שוין אַ יונגעל פאָן צעהן יאָהר) געהט בּיידע הייםט געבּען גיך אַ פלעשעל ווין א״ה תיכף נאָך שבּת ווער איך איהם אָפּבּרענגען דיא תּפילין. וועט איהר איהם זאָגען. קאַסריליקעל מיט קיסיליקעל לויפען געשווינד נאָך דעם פאָטערס בּאַפעהל וויא אַ פייל פאָם בּויגען, אין טאַכע בּאַלד צוריק פערסאַפּעט, זייא האָבּען נאָך ניט עספּיהעט דיא טיהר צו עפענען, איך האַבּע געבּראַבּט.. האָבּען זייא בּיידע וויא פאָן איין מונד אויסגעשריגען, — ר׳ ענזעל גיסט אָן דאָס ערשטע גלעזעל אין גיט עלקען צו טרינקען, דאַן טרינקט ער. אויך יעדען קינד צו בּיסעלעך, ר׳ ענזעל פערגלאָנצט מיט דיא אויגען אין פליעסקעט מיט דיא וואָרטען, (יום זה מכובד מכל ימים, כי בו שבת ציר עולמים,) אין זאָ ווייטער. קורץ זייא האָבּען אָבּגיגעסען. ר׳ ענזעל בּענטשט אָבּ, אין וויל זיך אַבּיסיל צו לעגען, אַבּער עלקע נעהמט איהם אָן בּיים בּערדעל אין גלעט איהם, (אונד ער האָט צו איהר געקיקט מיט אַ רחמנות פנים..) ליעבּער הענזעל זאָגט זיא, איך האַבּע צו געזאָגט מיינע עלטערען אַז מיר וועלען זיך דעם שבּת תיכף נאָך טיש צו זייא דורך געהן, געהן מיר? אָ. זאָגט ער מיין ליעבּע עלקע.. איך האַבּע פאָן דיר הנאָה, גליך איך וואָלט אויס געטרינקען שאַמפּאַניער אַ גאַנצע בּיטעלקע, זאָגט זיך ר׳ ענזעל מיט גראַם אין נעהמט זיא אָן בּיים

בּעקעל. קיסיליק, מיט קאַסריליק שטיקען זיך דערבּייא פּאַר גילעבטער. עלקע ערווידערט איהם אַבער באַלד אויך מיט גראַם. אין דיא מיין לעבער ענזעל.. ביסט בּייא מיר טהייער וויא אַ געבראָטען געגזעל.. ר׳ ענזעל האָט זיך דערבּייא צילאַכט, ער וואָלט איהר געוואָלט אַ קיש טיהן, אַבער דיא קינדערלעך שטעהן אַזוי וויא דיא לצים אין דיא אויגען, אין האָבּען נאָך געהערט פֿאָן געהן.. זאָ האָט אַיעדעם מיט זיין שטימע אָנגעהויבּען צי שרייען איך וויל אויך געהן דאָס אַנדערע איך וויל אויך געהן. דאָס דריטטע, איך וויל אויך געהן. אויף איינמאָהל זאָגט ר׳ ענזעל איך געה מיט דיר נשמה.. איך ווער מיך אַפּילו ניט צילעגען.. אין קוקט איהר אין דיא אויגען וואָס זיא וועט איהם אַנטוואָרטען. דיא נאַכט איזט גענינ גרויס, זאָגט עלקע מיט אַ שמייכעל. — יעצט ליעבּע לעזער, אַז זייא זענען שוין צי פֿריעדען איינס מיט עס אַנדערע וויא מיט געבּראָטינע געגז אונד וויא מיט שאַמפּאַניער. מעגען זייא שוין אויך שפּאַצירען געהן.. דאַכט זיך. אַ, מיט פֿערגעניגען, ער גלאַבּט אוים דאָס שטריימעל פֿאָם קאָפּף אין ציהט אוים דאָס בּערדעל מיט דיא פּאות, אין גאַרטעלט זיך צי מיט זיין גאַרטעל, אויך זיא איהר ציטינעם חאַלאַט, איין קינד נעמט ער אויף זיינע הענד, איינס אויף איהרע הענד, דיא איבּריגע בּייא דיא הענדליך, אונד מען געהט שפּאַצירען צי איהר פֿאַמיליע. וואָס לאַבּט איהר ליעבּע לעזער, אַ יודישער שפּאַציער.. עס שאַדעט ניט, אַזוי גיט וויא עס איזט אַנגענעהם אַ טריקען שטיקעל בּרויט צי עסין אַביע מיט מנוחה, זאָ גיט איז דער שפּאַציער אַנגענעהם, אַביע אַחדות, מיט ליבּליבּע וואָרטען, גיט ער זאָלל שלעפּען רעבּטם.. אונד זיא לינקס..— (אין דיא שפּעטערע קאַפּיטעל וועט אייך פֿאָרקימען אויך איין שפּאַציער גאַנג שוין פֿאָן דיא יעצטיגע ציוויליזירטע, וועט איהר אַרויסזעהן דעם אונטערשיעד), דער וועג האָט זיך בּייא זייא געפּעהלט מיט זיסע וואָרטען, בּיז זייא זענען ריכטיג צי דיא עלטערען געקימען גיט שבּת בּיטען.. דיא אַלטע מוטטער וואָס האָט שוין געוויסט אַז איהרע ליעבּע קינדער וועלען דעם שבּת קימען זאָ האָט זיא שוין פֿיר זייא פֿאָרבּערייטעט פֿאָן אַללעס גיטעס. זיא האָט זייא דערזעהן אָנקימען איזט זיא שוין מיט אַ גדולה אַקעגען געלאָפּען אין האָט באַלד אויסגעהאַפּט דאָס קליינע קינד פֿאָן איהרע הענד,

אין קישט עס. אויך דיא איבריגע אַיעדען צו עטליכע געשמאַקע קים, אין זענין אַריינגעגאַנגען.

דאָס וואָהנונג פאָן זיא איז גיט פיעל שענער פערפיצט וויא ר׳ ענזעלס. איין איינפאַכער באָרדייא מיט ערד געדעקט, צווייא פענצטערלעך מיט קליינע שייבלעך, צים אריינגעהן מיט אייניגע טרעפלעך אויך האָט מען זיך געדאַרפט גיט איינבייגען, אינוועניג דייקה ניט זייער פערפיצט, אַ איינפאַכער טאַפשאַן (דיוואַן) אויף פיר פיס, אַריין געשלאָגען אין דער ערדע, איינער געגען אַנדערין נאָר מיט ריינע ראַגאָזשינעס איבערגידעקט, אין מיטען אַ טיש אויף פלעקער געשלאָגען, מיט ברעטער איבערגעלעגט. אויך דער אויבען קימט אוים דערגעבען, אַבער שעהן פערקאַלעכט מיט אַ ווייס אָבגעקאַלעכט טשאַלענט ברעטעל אָבגעפינטעלט מיט שוואַרצע פינטעל, מען קאַן זאָגען אַללעם אין בעסטען אָרדנונג. אויף איין דיוואַן ליגט צילעגט אַ אַלטער גרייז, וואָס האַלט אין דיא הענד אַ סידור אין קיקט אַריין אין פרק, דער וואַר דער פאַמיליען פאַ-טער פאָן דעם הויז, אויף דעם טיש ליגט נאָך זיין טלית ניט צו-זאַממען געלייגט, ווייל שבת טאָר מען ניט, זאָ ליגט ער אין דיא ציצית העגגען אַראָב אין אַ שוואַרץ קאָטערעל שטעהט אין שפילט זיך מיט דיא לאַפקעלעך אין דער לופט. דער אַלטער ליגט אַקעגען אין קוועלט פאָן גילעכטער, אויף דעם אויבען ליגט אַ זיפ אין איהר ליגט אַ קלאָטשקע אויפגיזעצט, ביי אַ פיסעל פאָם דיוואַן שטעהט אַ האָן אויף אַ שטריקעל צו געבינדען, ווייל דיא הין איזט אַ קימפעטאָרין, האָט ער אָנגעמאַכט פאָזנעס, אין איזט אַרים געפלויגען זאָ האָט מען איהם דערוויל ציגעבינדען, ביז דיא הין וועט אי״ה איבערקימען. — איינסוויל שטעהט ער צו געבינדען, אונד וויא עס שיינט זעהט אוים דער האָן צו זיין אַ גילגול פאָן אַ חסיד. ווייל אַללע מאָהל פראַוועט ער נקיות..

קורץ דיא אַלטע מוטטער האָט איהר ליעבע קינדער אַרים גיזעצט ביים טיש אויף דיא אייניקלעך אויף דעם טאָפטשאָן, וועה-רענד האָט זיא דערביא טראַקטירט אַיעדעם מיט עטליכע קיש, אַבער איהר וועט נאָך דערמיט ניט זאַט זיין קינדערלעך זאָגט זיא צו זייא, וואַרט וועט איהר זעהן וואָס איך האָבע אייך אָנגעגרייט. אין טאַקע באַלד האָט זיא אָנגעפילט אַ יעדען קינד פאָללע טאַשען

מיט מאַרעסאַרע קעהרלעך, אויך מיט לינטע אונד פיר איהרע טייערע געסט האָט זיא אַרויף גיגעבען אויף דעם טיש אויסגעזאָטענים אַרבעס, וועלעכס ר׳ ענזעל האָט באַלד אַ פרעג געטאָהן וועהר עס האָט איהם געקלויבען.. מעגסט עסען ליעבער, הרענזעל (וייל ענזעל האָט זיא גיט געקאָנט אַרויס זאָגען), דעם אַרבעס האָט דער אַלטער אַליין געקליבען מיט דער בריל אויף דער נאָז. ר׳ ענזלען איזט נח דעתו געוואָרען, אין מאַכט אַ ברכה אין עסט, באַלד דאַרויף שלעפט דיא אַלטע אַרויס אַ גאַנצען טאָפּף מיט באַרלעך יאָך אונד גיט זייא צו פערטרינקען, דיא געסט עסן אין טרינקען מיט פעדגעניגען. דער אַלטער מיט דער אַלטע קוועלען אָן פאָן זייער אונטערהאַלטען זיך. מען האָט זיך אונטערהאַלטען וויא עס געהער, ר׳ הענזעל האָט רעפעטירט זיין ויכוח וואָס האָט געהאַט מיט דיא דייטשען אין קאַפּעהויז, דאָס אַלטע פּאַאַר האָט בען דערפאָן אָנגעקוועלט, זייא האָבען זיך נאָך פערנעהמען מיט פערשידינע געשפרעכע, ענדליך האָט ר׳ ענזעל געמאַכט אַ ברכה אחרונה, דיא געסט הייבען זיך אויף אין גיזעגנין זיך, זייא געהין אַב.. דיא אַלטע מוטטער בעגלייט זייא מיט איהרע בליקען וויא פיעל זיא האָט געקאָנט אַרויס זעהען אונד זייא דערבייא איהר זעגנען פאָם טיעפען הערצען מיט געגעבען.

ר׳ הענזעל האָט זיין דאַמע, (דיא פרויא וויל איך זאָגען) אָב געפיהרט מיט ליבליכע וואָרטען ביז צו הויזע דאַן איזט ער באַלד געלאָפען אין קלויז מנחה דאַבינין, וועליכס דיא סעקטע צאַפּען בערד האָבען איהם דאָרט ערוואַרטעט זאָללען הערין דיא ענדע פאָן זיין ויכוח.. — קורץ ליעבע לעזער דערמיט איזט איהם דער שבת אָוועקגעגאַנגען, ער איזט נאָך דעם געגאַנגען מקיים צו זיין ש״ס אויף מלוה מלכה.. — אונד דעם אַנדערען טאָג צו זיין אַרבייט..

זאָ ליעבע לעזער ווירד אָב געפיהרט דיא שבתים אין יום״ט בייא דיא יעניגע וואָס האָבען נאָך גיט פערלאָזט דיא מנהגים פאָן זייערע עלטערען, אויך איזט אייך דאָ פאָהרגעקימען פאָן דיא גאַנץ אַרימע קלאַסע מענטשען. — זאָ האָבען וויר שוין דאָ בייא געוואָהנט. יעצט וועט איהר מיר נאָך מאַבען דאָס געפעליגקייט אונד מיט מיר מיט געהען צו איינעם פאָן דיא קאַפּינעה דייטשען, וועלען וויר זעהען וויא אַזוי פיהרען זייא אָב דעם גאַנצען טאָג, פאָן שבת,

איך מעהן איהר וועט מיר דאס אויך צי ליעב טיהן.. עס שטעהט איך ה"ו דערצי ניט צי דערלעגין, דערבייא וועט איהר אויך דיא וועלט מיט מענשען קענין לעהרנען.. אלזא, וויר געהן? יוא, יוא. וויר געהן.. איך דאנק איך ליעבע לעזער פיר אייער מיהע..

דעם אנדירען שבת זענין וויר ריכטיג געגאנגען צי איינעם פאן דער אנדערער פארטייא. אהין ליעבע לעזער האבען וויר זיך אייגענטליך ניט צי הוילען צייטליך צי געהן, דאס איזט איך שוין גיט בעקאנט אז זייא זענען קיינע פיסטע מענשען זייא זאלען פאר פריה דעם שבת צינעהמען. אבער יעצט איזט שוין 10 דער זעגער, זא קאנין וויר רעכענין מעהר וויא זיכער אז וויר וועלען איהם צו הויזע טרעפען. איהר זעהט יענין הייזכען וואס קימט מיט געלבען דיא וועגד, דארט וואהנט א בעקאנטער, ער האט אויך א פרויא מיט קינדער. געהן וויר הין.. גיט, וויר געהן..— א א שעהן הייזכען מאדערנע פערפיצט בעדייטען פיעל שענער אלס דער בארדעה פאן דעם ארמען סופיריל, קימט צי איין פענצטער וועלין וויר זיך צי הערען.. יוא מען זעהט ארויס א שיינער מאבילירטער סאלאן אין דער מיט שטעהט א רונדע טיש, ארים שיינע גיבעטע זעסעל 2 שעהנע פערגאלדעטע שפיגעל אויף דיא וועגד, אויך א שיינער העגגלאמפ, קורין אללעם גרויסארטיג. נא? דאכט זיך לויט אזויא איין באוואהנונג, דארף שוין צי געהן איין גרויסארטיג לעבען דערבייא. אזוי פיעל עפים איזט זייער שטיל וויא אויף א פרידהויף (בית עלמין), זאל מען שוין האבען אבגעגעסין? עס איזט שוין אפילו נאך 10, יעדאך הערין וויר זיך גיט צי.. עס איז שטילל. קימט צי א אנדער פענצטער, יוא עס לייבט זיך אויך געווים זיצין זייא דארט ביים טיש.. יוא ריכטיג. מען זעהט אין אנדערען צימער אין א זייט בייא א קליין מארמערען טישעל זיצט א היפשע יונגע פרויא שעהן פערפיצט, אבער זעהר פערקימערט, איין האנד האלט זיא איהר קאפף אינטערגעשפארט, מיט דער אנדערער קלאפט זיא אין טישעל. זיא זעהט אויס זעהר טרויעריג, נעבען איהר א מעדכען פאן 12 יאהר, אין בעטראכט איהר פערקומערטע מוטער וויא זיא זיצט.. אהנע אווארט צי רעדען, אויך דאס קינד וואגט זיך ניט זיא דעריבער צי פראגען, א שוועהרער זיפץ הערט זיך אללע מאל פאן איהר טיעפען הערין.

אויף דעם טישעל שטעהט אַ קליין לעמפעל וואָס ברענט זייער דונקעל. גראַדע וויא איהר אויף דעם הערץ, קירץ אין איעדער ווינקעל הערשט טרויער..

אויף איינמאָל עפינט זיך דיא טיער פאָן דעם צימער אין עס קימט אַריין אַ בּורש (יונגעל) פאָן 8 יאָהר, פערסאָפּעט. איגנאַטין! זאָגט דאָס פריילין מיט אַ נידריגער שטיממע, וואָס לויפסטו אַרים זאָ שפּעהט בּאַנאַכט? דער פאַטער דאַרף בּאַלד קימען, קאָנסטו גאָר ניט האָבּען פאָן איהם.. גיין, אַנטעטע פערטיידיגט זיך דאָס קינד, איך בּין נאָר געוועהין אינטען אַקעגען, וויא דער וואַססער טרעגער זיצט, וויא עס איז אַזוי לעבּטיג, האָבּע איך אַריין געקיקט ברענט אַזוי פיעל לעכט סכּנות.. זייא זיצין נאָך אַללע בּיים טיש מיט אַללע קינדער, אין ער זיצט אין זינגט עפּיס מיט ווערטיר איין יונגעל העלפט איהם צי.. עס איז אַזוי פריילין, אויפ'ן טיש שטעהט אַ פלאַש מיט וויין אין גלעזלעך, וואָס איזט דיא אורזאַכע מוטטער? ער מאַכט אַ בּאַלל?? פרעגט דאָס קינד ערענסט.. דיא מוטטער טיהט דערבּייא אַ זיפץ פאָן איהר טיפען הערץ. יוא, אַ בּאַלל.. זאָגט זיא אונד איהרע אויגען האָבּען זיך אָנגעפיללט מיט טרערען. אַ, זאָגט זיא צים מעדכען, דיא פרויא פאָן דעם אָרימען וואַססער טרעגער לעבּט פיעל גליקליכער אַלס איך, וואָלט איך געוועהן ליבּערסט אַלס קינד געשטאָרבּען, וויא צי אַזוי איינעם אָנצוקימען, וויא אייער פאַטער..— וואָס פערליר מיינע יאָהרען מיט טעג מיט ערגערניס, מיין יוגענד פעהלט זיך מיר מיט קרענקונג, מיט שמערצען, אין לאָזט אַרוים אַ געוויין. דיא קינדער שטעהן פערהילצערט.. אין קיקען זיא אָן מיט טרערען אין דיא אויגען, אָה, זאָגט דיא מוטטער איך בּין עלענד וויא אַ שטיין, איך האָבּע מיר פיר קיינעם מיין הערץ ניט אוים צו רעדען, צי מיינע עלטערען טאָר איך אויף דיא אויגען ניט קימען, וויל זייא האָבּין מיך נאָך בּיים ערשטען קינד האָבּען גערהאַטהען פאָן איהם לויז צי ווערין, אין איך האָבּע זייא ניט געוואָלט פאָלגען וויל איך האָבּע איהם געליעבּט. וואָס האָבּע איך געוויסט. איך האָבּע אַזוי פיעל געוויסט אַ מאַן דאַרף מען ליעבּען. ווען איך פאָלג זייא, זאָ רעטטע איך אין וועניגסטען מיין ציערינג. אַז ניט דעם נדן, אַבּער אַצינד... זאָגט זיא מיט אַ פערשטיקטער שטימע, דעם נדן האָט

ער פערשוועגדעט .. דאָס צירינג איזט פערזעצט.. אויך וויא מאָרגען קימט אַ סעקוועסטער אויף דעם מאָבעל, האָט ער דאָס אין זינן ער פאָן זיינעם לאָזט זיך ניט. ער ליגט טאָג וויא נאַכט איבער אין קאַפּע הויז, באַשעפטיגט זיך מיט זאָלבע וויא ער מיט קאַרטען אין איך וויס פאָן קיין שבת, פאָן קיין יו״מט, כמעט זייט איך האַבע איהם ערקענט.. פרייטאַג צו נאַכטס וועלכער זיצט נישט מיט זיין וויב מיט זיינע קינדער וועניגסטענס שבת אָדער יומ״ט, צו זאַממען ביים טיש. ניט דאָס קינד זאָל בעניידען איין אַרמען וואַסער טרעגער.. אַ, גאָטט אידער אַזוי איין לעבען... אין 2 שטראָמען טרערן רינען איבער איהר געזיכט. דאָס מעדכען אום דעם פאַטער צו פערטיידיגען זאָגט צו איהר, געוויס האָט ער וואָס נעטהיג צו טוהן, ער קימט דאָך קיינמאָל שבת זאָ שפּעהט.. יוא, צו טוהן, זאָגט דיא מוטטער (מיט אַ זיפץ), ביא דיא קאַרטען אין קאַפּע הויז..— מוטטער, זאָגט דאָס יונגעל, לעג מיך שלאָפען איך בין שאָן שלעפערדיק, קים מיין לעבען זאָגט דיא מוטטער, וועסטו אין עסען פערגעססען. דיא אַרמע מוטטער נעהמט דאָס קינד אין לעגט עס אין איהר בעט. אין זאָגט צום מעדכען קאָנסט דיך שאָן אויך לעגען וואָס וועסטו אויס זיצען.. ווילסט דיך נאָך ערוואַרטען אויף דיין טאַטען ?. אונד דיא זאָגט דאָס מעדכען.. וועסט נאָך זיצען ?. איך וועל נאָך זיצען אין געהאַקטע ווינדען.. איך וועל נאָך זיצען אַ האַלבע שטונדע.. פיליכט וועט איהם דאָך אָן טראָגען. דיא ווייסט ניט אַז ער קימט אַהיים אין טרעפט יעדין שלאָפען וואָס ער דעראַרבּיט.. עס איזט אַבער שוין האַלב עלף דער זייגער.. קורץ דיא אַרימע מוטטער מיט דעם מעדכען, האַבען זיך נאָך געדולדיגט נעגען האַלבע שטונדע.. אונד האָבען געזעהן אַז דער פאַמיליע פאַטער קימט ניט, האַבען זייא זיך אויך שלאָפען געלעגט. — קימט איינסוויל פאָן היער. וויל איך זעה דאָס הערץ ציגעהט אין איך וואָס איהר קאָנט שוין ניט צו קיקען וויא דיא אַרימע פרויא מיט איהרע אונגליקליכע קינדער לעגען זיך נעבּיך אָהנע אַפילו עפּיס צו עססען, וואַרשיינליך איזט זייא ניט דאָס ערסטע מאָהל.. אַז וויר זענין שוין דאָ געהין וויר אין איין וועג צום אָרימען וואַסער טרעגער, וועלין וויר אויך זעהן וואָס אויך איהם איזט זאָ אַ גדולה.. ווִיא לויט דאָס קינד האָט פאַרגעשטעלט.

אַ קליין שטיבעלע, מיט סטאָה געדעקט. ניט פיעל רייבער פערפיצונג פאָן דרויסען אויף פאָן אינוועניג, וויא דיא וואָס וויר האָבען שוין פריהער ביא ר' הענזלען בייא געוואָהנט, פאַר דער טיהר שטעהט אַ קאָמיאָגע מיט אַ סאַקאַ צום צייבען דאָרט וואָהנט אַ וואַססער פיהרער, אין דער גאַס אַריין קומט 2 קליינע פענצטערליך מיט שייבלעך, אַבער דורך דעם ליכטיגקייט פאָן דיא ליכט וואָס האָט דאָרט געברענט האָט מען פאָן דרויסען געקאָנט זעהן אַללעס וואָס אינוועניג טיהט זיך וויל פרייטאָג ערב שבת האָט ער זיך גראַדע פערשפעטיגט מיטן וואַססער געבען, אויך וואַר אין דער צייט סעטשיטע, עס האָט ווייניג גערעגענט איזט איהם זעהר שווער געוועהן זיינע קונדען מיט וואַססער צו פערזאָרגען, זאָ האָט ער זיך נעבעך פערשפעטיגט מיטן עססען. זיין אשת חיל האָט שוין אָבער געזאָרגט דאַפיר אונד פאַרבערייטעט גרויסע ליכט אונד ער־וואַרטעט איהר ליעבען מאַנן. זאָ זעהט מען זיצען אַ גאַנצע פאַמיליע אַרים טיש אַללע אויפגעמונטערט, פריילעך.. דער פאַמיליע פאַטער זיצט אויבען, אין פליעסקעט מיט דיא הענד אין זינגט דעם זמר, (ציר משלו אָבלנו,) ער זינגט אויס דאָס פאַנגט ער אָן צו זינגען (מה יפות..) דיא פרויא זיצט געגען איהם אין קוועלט אָן, דאַן טיהט ער אַ נעהם אָן דאָס פלעשעל, אין זעהט עס איזט לעער טיהט ער אַ גישרייא געביטעריש אויף אַ ברייטער שטימע, דוואָסקע. מיט ביינישיל. געהט ברענגט נאָך אַ פלעשעל ווין.. וואָס איזט אויף דיר אַזו איין גדולה? מיין מאַנן.. פרעגט איהם זיין ווייב דאָבריש. מיט אַ שמייכעל. הייטע מיין ווייב זאָגט ער בין איך רייבער פאָן ניישאַצען. איך האָבע דיא וואָך בייגעוואָהנט זיין לויה אין האָבע גיזעהן דאָס ער האָט מיט זיך גאָר ניט מיט גינעהמען פאָן זיין גאַנץ רייכטהום.. אבער איך.. אַז איך לעב? אין בין ב"ה גיזונד וויל איך שוין גאָר ניט זאָרגען. איך באַרעכען אַזו איין אייזערנער גביר.. (אַ אייזערנער גביר?? פראַגט איהם דאָס ווייב מיט אַ גי־לעכטיר, ער איזט געוועהן פאָן אייזען, צי האָט ער ח"ו גיהאַט אַ אייזערן הערץ? אַ מענטש זאָל פלוידערן אין ווייסט ניט וואָס. איך זאָג ניט פאָן מיין קאָפּף (פערטיידיגט ער זיך) איך האָבע דאָס גיהערט פאָם רב.. בשעת ער האָט איהם דעם הספד געמאַכט האָט ער איהם דעם שבח נאָך געזאָגט, אַז ער איזט געוועהן איין

אײזערנער גביר” מן הסתם װײסט ער דאָך װאָס הײסט אַ גביר פאָן אײזען.. האָט ער געזאָלט זאָגען אַ מעשינער גביר, צי אײן קופּערנער. ביסטו שוין אַפנים קליגער פון אידם, און געפינסט פיר אַ פעהלער? זאָגט ער שוין האַלב ברוגז.. איך געפין ניט קײן פעהלער ח״ו.. פערענטװאָרט זיך דאָבריש, איך בין דאָך ניט מעהר װיא אַ יודענע. מן הסתם אַז דער רב זאָגט. װײסט ער װאָס ער זאָגט.— אַזױ זשע זאָג.. זאָגט דער מאַנן..

קורין דער דעשקורם װאָלט נאָך װער װײסט װיא פיעל צו־שען זײא געװעהן גידזיערט. װען ניט דװאָסקע מיט בעניושיל קימען אָן מיט דער פלאַש װײן, האָבען זײא שױן אײנסװײל אין דעם שמיעס פערגעסען, אונד מען גיסט אָן דיא כוסות און מען װינטשט זיך דערבײא גיזונד מיט פרנסה. גיזונד מיט פרנסה זאָגט דער מאַנן, מעהר פערלאַנג איך ניט.. און אַז מען האָט שױן מיליאָנען. קען מען זיך דען פאָס טודט אױס קױפען? נאָ? מײן װײב לאָמיר פרײלעך זײן, אַז גאָטט העלפט מיר אין דיא קינ־דערלעך זענין אַללע גזונד.. לחיים טאַטע.. שטרעקט אױס בעניושיל אַ קינד פאָן 7 יאַהר דאָס הענדיל צום פאַטער, טרינק גזונד מײן זיהן זאָגט דער פאַטער װאָס איזט שױן אױפגעמונטערט, פרײלעך. טרינק גזונד, איך מיט דײן מאַמע זאָלען דערלעבין דײן בר מצוה אין דײן חופּה, זאָג אָמן. אָמן זאָגט דאָס קינד . אַז עס איזט יוא אַזױ זאָגט דאָבריש, װעל איך אײך נאָך געבען צי פערבײסען.. און נעמט אַראָפּ פאָן אױבען פאָן דער רובע אין אַ טעלער מיט עטליכע קאַלטע קנישעס, װאָס זענען געװעהן אָנגעפיללט מיט באָסטאָן (קאַבאַק) װיא מען רופט עס, און דערלאַנגט צום טיש אַ דאָ איז געװאָרען אַ גיפליעסקערײא צישען דיא קינדערליך אַללע אױף אײנמאָהל, קנישעס מיט קאָבאַק.. קנישעס מיט קאַבאַק.. דער פאַטער האָט יעדען פאָן זײא אײנגעטהײלט, אונד מען האָט גע־געסען מיט פערגעניגען.. אױף דעם האָט דער חכם געזאָגט (טוב קנישעס עם קאָבאַק ושלוה בה.) דאָס הײסט בעסער אַ פשוטן קניש מיט קאָבאַק צי עסען אַביא צי פריעדען, װיא אײער קאָך צי קאָמפּאָט מיט ערגערניס דערבײא.

זאָ אײנעם מעג מען מקנא זײן. און אמת װאָס זאָרגט אַזעלבער ער לעבט צופריעדענער אין זײן באָרדיקעל, װיא איהר אין

דיא טייערסטע מאָבילירטע סאַלאָנען, אָהנע עס זאָל איהם איין געדאַנק פּלאַגען ער זאָל קיקען אויף גרעסער, וויא גליקליך אונד מיט פערגעניגען האָט ער מיט זיין פאַמיליע דעם טיש אָבגעפיהרט מיט דעם זעלבען פערגעניגען וועט ער רוהיג דיא נאַכט אויך איבערשלאָפען ווייל זיין שלאָף שטעהרט איהם קיינמאָהל, ער שלאָפט פיעל געשמאַקער נעבען זיין סאַקאַ וויא איהר נעבען אייער אייזערנים קאַסטען זיין פרויא שלאָפט פיעל געשמאַקער אויף דעם טאָפּשאַן פאָן ברעטער וויא אייערע פרויען אין דיא פערגאָלדעטע בעטען אונד עס רויבט פאָן זייא דעם שלאָף נאָך דעם זיא קאָן ניט ערדרייכען וויא אַנדערע, זאָ דאַרט איהר שוין אוים דער מאַרעך פאָן איהר קאָפּף אונד עס רויבט איהר דעם שלאָף סייא וועלכע אין וואָס פיר איין גראַד זיא געפינט זיך.. קוים איזט זיא איינגעד־וואָרצעלט אין לאָקסען זאָ קען זיא אַ צופריעדען לעבען ניט האָבען אַללע איהרע לעבענסטאַגע, זיא הייבט אָן צי דאַרען פאָם קאָפּף ביז אין דיא פיעס. געהמליך, אַז זיא ערדרייכט שוין אַ קלייד נאָך דעם העכסטען זשורנאַל, פאַנגט איהר אַן איהר קאָפּף צי דאַרען דאָם איהר הוט איזט שוין אַרוים פאָן דער מאָדע. זאָ מוס זיא שוין האָבען צו דעם קלייד אַ נייעם הוט. נאָ? מיר שיינט אַז עס טריקענט זייא גענוג אוים דער קאָפּף ביז זיא בעקימט דאָם אויך. אונד מיט שוועהרע מיהע ווען זיא בעקימט שוין דעם הוט אויך. פאַנגען שאָן איין דיא פיעס צי טריקינען, עס פעהלט איהר אוים פאָמפּיטען מיט הויכע קנאָפּעל.. דאָם דויערט אַבער חדשים וויים ביז איינם דאָם אַנדערע דערלעבט זיך, דאַרט אוים אַללע טאָג אַ אַנדער אבר פאָן איהר. איך האַבע מיך פיינד צי נאַארען, וויר שמיסען דאָ ניט פאָן דיא אַרעסטאָקראַטישע קלאַססע, פאָן זייער קאָפּף דאַרעניש וועלין וויר שפּעטער שמיעסען, איינסווייל שטעל איך דאָ פאָהר טאַקע דיא מיטלע קלאַסע סוהרימליך וואָס אַם מיינסטען דורך דעם לאָקס וואָס זייערע פרויען טרייבען אונד זייערע מאָבילירטע סאַלאָנען פערטרייבט זייא פאָן זייער היים אין דער וויטער וועלט. —

קעהרען וויר זיך צוריק צו אונזער שמים, אַז זיא ערדרייכט שאָן דעם הוט מיט דיא פאָמפּיטען, ביז איינם דאָם אַנדערע ער־לעבט שאָן מיט שוועהרע מיהע, ליידער פערהאַפט שאָן אבער

דער ווינטער מוס זיא שוין גאר האבען א מאנטעל אונד וואס צו איהם געהער, קורץ ביז זיא ערדרייכט דאס, פליהט יענין ארוים פאן דער מאדע, אונד ביז זיא זעהט זיך ערדרייכט קאמפלעקט... קאן זיא גיבער ערדרייבען א האפטיקע.. נא? מעגען וויר שאהן זאלבע סארטען מענשען וויא ר' ענזעל מיט זיין פרויא, צו וויא דער ארמער וואסערפיהרער מיט זיין פרויא מקנא זיין וואס לעבען ציפריעדען מיט דעם וואס זיא האבען, זייא פיהרען זיך נאך דיא אלטע מנהגים אזוי וויא זייערע עלטערען האבען זיך געפיהרט, וועליבס האבע שאן דעריבער געשריבען (עיין בספר עין הדעת או ציוויליזאציאן בהקדמה חלק א) אונד וויא אזוי איך האבע געפועלט מיט יענעם שרייבען, זא קאן איך פועלן מיט דעם שרייבען. עס איזט נאר א שאדע דיא צייט דערמיט צו פערלירען. אונד וויר וועלין ליבערסט צו געהן צים קאפע הויז זעהן מיט וואס דיא לייטע פאן דארט בעשעפטיגען זיך וואס האבען קיינע צייט צו הויזע צו געהן אין זייערע פרויען זענין געצווינגען אן וועטשערע (נאכטמאל וויל איך זאגען) זיך צו לעגען... יוא וויר געהען, עס איזט שוין אפילו שפעהט עס שאדעט אבער ניכט, דער קאפינע הערר האט אטערעזאציע דיא גאנצע נאכט אפילו שבת.. זא פיעל זאג איך אייך קיינע שע"ל קיין כל מקדש וועט איהר דא ניט הערין וויל עס איזט לויטער דייטשען.—

אין קאפעה הויז, דער זעלבער ראאש, דאס זעלבע געטומעל וויא ערב שבת בייא דער האללע. נאר מיט אנדערע ווארטען, אויך דיא לייטע וואס האבען זיך דאמאלס בעשעפטיגט ביים גרינעם טיש וועהרענד עס איז געשעהן דער ויכוח מיט ר' ענזלען, שטעהן אויך יעצט בייא זייער בעוועגונג, מיט דיא לאנגע שטעקענים אין דיא הענד. אויך בייא דיא טישלעך הערט מען פאן פערשידענע שטימען ראאשען, ניט פאן (ציר משלו אכלנו) אויך ניט (מה יפות..) הערט מען פאן זייא שרייען, וואס דען ראשען זייא אזוי? אין א עק טיש הערט מען א שטימע, זעקס מיט פינף. אנדערע, איך האבע נאך דרייא צו מאכען. ניין הערט זיך א הויבע שטימע, דאס געהט ניט, האסט פערזעהן איז פערפאלען.. פערפאלען, פערפאלען בעשטעטיגען אנדירע בייא דער זייט. אויף איינמאהל הערט זיך א ווילדע שטימע מיט א גיפלעסקירייא פ.א.ה.ר.ר.א. אין דיא

איבריגע לאָזען דערביא אַרוים אַ גרוים גילעכטער אַז עס פערטייבט. פאָן אַ אַנדירע זייט הערט זיך פארטי. ניין עס איזט פאַלש.. אין בעלייריגען זיך דערבייא איינער דעם אַנדערן, אבער דער קאַפינע הערד פערמיטעלט זייא מען זאָל נאָך איינמאָהל איבערגעהן. זאָ בלייבט עס.. דאַן הערט זיך גאָר פאָן איין אַנדער צימער פאָן איינעם שרייען 35.. 84.. גראַם פאַפאַ. אין זאָ וויטער. אונד דאָם אַללעס שטעהט איינער בייא דער טיהר אין שרייט אוים דאָם זעלבע צי דיא לייט וואָס זיצען אין פאָדערען צימער. אַבער אויף איינמאָהל הערט זיך אַ גישרייא מיט אַ פירכטליכע שטימע ט.אָ.מ.ב.אָ.ל.ע קאָנטראָלירען, קאָנטראָלירען, הערט זיך פאָן מעהרערע שטימען יוא, יוא, קאָנטראָלירען. שרייען דיא אַנדערע.. איהר זעהט יענים, וואָס איזט אַזו טיעף בעשעפטיגט ליגט אַריין גילעגט מיטען קאָפף אין עפּים אַ טעוואַלע, אין שאַדט פאָן זיך דעם שוויס.. עס הערט זיך אויסשרייען באַלד אַללע נומערן אין ער האָט ניט איינעם פאָן זייא, אַם ענדע הערט זיך פאָן איינעם מיט אַ ווילדער שטיממע טאָמבאָלע.. דער איזט געבליבען זיצען פערקיהלט. דער ליעבע לעזער איזט אינזער געוויסער מאַקס שמעטערלינג וואָס זיין פרויא וואַרט אויף איהם מיטען טיש. יעטצט זעה איך וויא ער טאַפט דאָם ביטעלע הין אין צוריק, ליידער ער האָט שוין ניט וואָס איינצישטעלען. זאָ הייבט ער זיך אויף אין טיהט אַ קיק אויף דעם זייגער אַ.. זאָגט ער עס איזט שוין שפעהט, אַ פיערטעל דרייא, איך מוס שוין געהן, מיין פרויא ערוואַרטעט מיך מיטין עססען.. אַ דיא בעטריעגער, טראַכט איך בייא מיר, אין זאָ איין מאָם זאָלסטי דאָ זיצען, וויא זיא דאָרט.

אויב איהרווילט מיך נאָך יעטצט פאָלגען וויר זאָלען איהם נאָך געהן ביז צי הויז, צי זעהין וויא אַזוי זיין פרויא וועט איהם אויף נעהמען, אין מיט וואָס ער וועט זיך געגען איהר פערטייידיגען. געהן וויר? אַ יוא.. וואַרום דען ניט. לאַססען וויר איהם פאָראוים געהן. אין אַ גיטער שעה ער געהט שאָן קוים צי הויזע. איהר וועט זעהן בייא זיין אַהיים קימען, וועט ער זיך זאָ וואַם זובען, עס זאָלל איהם נאָך אַרויסכימען גלייך איך בין דערבייא.

מוטטער מען קלאַפּט, זאָגט דאָם מעדיל טאָרענדיג דיא מוטער, וועהר איזט דאָרט? הערט זיך אַ שטיממע פאָן אינוועניג, ווער

קלאַפּט דאָרט? איך.. מאַקס.. דיא פרויא שטעהט נעבּיך וויטער אויף פּאָס שלאָף אין רעד צי זיך אַליין הלוואי וואָלט שוין דער נאַמען דיינער געוועהן אַהיים געקוממען. וואָלט שוין פיעל ליבּערסט געוועהן, אין געהט פערשלאָפען ביז צי דער טיהר, אין עפענט אויף, אין געהט צוריק אין איהר בעט, ער האַפּט שוין אַרוים אַ ציגדהעלצעל אין ציגד אָן דעם לאַמפּ, אין גיט אַ קיק אויף דעם זייגער אין רעד צי זיך אַליין אַ. שוין האַלב צוועלף.. אין שטעלט אַרויס דערבּייא דיא צינג, עס הייסט ער נעמט זיא אויף חוזק זיא שווייגט אין אַנטוואָרט איהם ניט. אין טראַכט בּייא זיך עס וואָלט זיך דיר שאָן געמעגט אויסלאָזען דיא יאָהרען מיט אַלימען.

ער זעהט דאָס זיא שווייגט אין פראַגט איהם אַפּילו ניט, דיא אורזאַכע וואָס איזט זאָ שפּעהט געקימען. איזט דאָך אויך ניט גיט. קאָן זיא בּייא זיך טאַקע בּליבּען געדעכט אַז ער וועט זיך מיט איהר ניט אויס טענין, געהט ער איבּערן צימער קרעכצינדיג אין האַלט זיך בּיים קאָפּף.. דאָס פרויען געשלעכט צישען אינז גירעדט האָבען זיך וויבע הערצער, וואָס זיא האָט איהם אין הער־צען ערשט פריהר געווינטשען, דאָס ווייסט זיא, יעצט זיא הערט איהם גאָר קרעכצען. פראַגט זיא איהם שוין, וואָס איזט? מאַקס. וואָס קרעכצטו?. קאָפּפּ שמערצען.. זאָגט ער מיט אַ קרעכצענ־דיגער שטיממע. קאָפּפּ שמערצען רעפּעטירט זיא מיט שפּאָטישען טאָן.. קאָפּפּ שמערצען.. וואָסזשע בּיסטו זאָ לאַנג אין דער גאַס געליגען, בּיסט ווירקליך זאָ בּעשעפטיגט געוועהין וואָס האָסט געמוסט זאָ פיעל אין דער גאַס זיצען, אַז דיא קינדער זאָללען זיך לעגען אָהן נאַכטמאַל.. אין זאָללען בּענייידען דעם אַרמען וואַסער פיהרער, וואָס ער, מיט זיין פרוי אונד זיינע קינדערליך לעבען מיט פיעל מעהר פערגעניגען אַלס זייא. וועניגסטען זייא זעהן זייער פאַטער בּיים טיש אין ווייסען פאָן שבת פאָן יו״מט. וועהרענד זייא זענען זיך געצווינגען צי לעגען אָהנע נאַכטמאַל.. דער הערר מאַקס גיט שוין אויף איהר אַ בּייזען קיק, וואָס איז? פרעגט ער זיא, איך דאַרף דיר רעכנונג אָב געבּין וויהין איך געה? יוא אַבּער ניט שבת, זאָגט זיא דאָס קינד זאָל בּענייידען דעם אַרמען וואַסער פיהרער וואָס זיצט מיט זיין פאַמיליע אויפגעמונטערט פריילעך.. זעהסטו זאָגט ער, וועמען זיא ברענגט מיר פיר אין בּיישפּיעל?

איין פֿאַרשיווע יודען. אַז אויף דעם וואַסער טרעגער איזט איין
גדולה ער האָט זיך אָנגעשיכּערט איזט זיא איהם מקנא אונד איך
זאָל מיר פֿאָן איהם דעם ביישפּיעל נעהמען. ווילסט דיא נאָך ניט
זאָגט דיא אָרימע פֿרויא. וואָס פֿיר איין פֿערגנייגען איך האַבּע
ביא דיר ווינטש איך נאָר וועהמען איך וויס.. פֿיליכט טויג דיר
ניט? זאָגט ער שוין מיט בעזען, זאָ קאָנסטו נאָך חרטה האָבען.
יוא חרטה האָבען. וואָלט איך נור געקאַנט, אַז האָסט אַבער
געמאַכט אַ לייט פֿאָן מיר, מיין נדן פֿערשווענדעט.. מיין ציערינג
פֿערזעצט.. אין צי מיינע עלטערן טאָר איך ניט קומען, אין לאָסט
דערביא אַרויס אַ געוויין. דיא קאַנאַליע.. גיט ער גישרייא. דיא
האָסט נאָך איין מויל צי רעדען? מיר דאַכט אַז אין דיא 2 יאָהר
זייט איך האַבּע דיך האָסטו מיך אין דעם טעאַטער אונד אין דיא
באָללער פֿיעל מעהר אויסגיבראַכט אַללעס דיין נדן מיט ציערינג
צוזאַמען האָסטו נאָך אַ גרויס מויל? אונד שטעכסט מיר דיא אויגען
האַבּע איך דיך דען געצווינגען דערצי?. דיא נידערטרעכטיגער,
האָט זיא שוין אויסער זיך געשריגען, דיא קאַפּינעה בטלן.. דיא
טוגענכטס.. אַבער אויך איינמאָהל גיט ער גישרייא האַלט מויל..
דיא קאַנאַליע.. וואָרען... דיא קינדער האָבען זיך אויפגעהאַפּט מיט
אַ גישרייא. קומט געשווינד אַוועק ליעבע לעזער פֿאָן היער, וויל
דאָ מוז אַרויס איין שקאַנדאַל מעהר וויא זיבער, דאַן וועט מען
אינז נאָך פֿיר צייגער פֿאָהררופֿען, גענוג וואָס וויר האַבּען זיך זאָ
ווייט איבערצייגט וועלכע פֿאָן זייא לעבט צופֿריעדענער.. אונד וויא
דיא וועלט נאַארט זיך. איהר וועט אַיעדער צי געבען אַז דעם
וואַסער טרעגערס פֿרויא בענײדעט דיא פֿרויא שמעטערלינג, אַבער
דיא וואַרהייט ווייסט איהר שאָהן..—

אויך איזט אייך שוין אַבער בעקאַנט וויא אַזו אַ קאַפּינעה
דייטש בעהאַנדעלט זיין פֿרויא. קוקט אייך אַבער גוט צו ליעבע
לעזער וויא יענער בית המדרש בטלן לאַבט פֿאָן דעם קאַפּינעה
דייטש וויא אַזו ער בעהאַנדעלט זיין פֿרויא אויף דייטש.. גלייך
ביא איהם שפּיהלט דיא פֿרויא אַ שענערע ראָללע? בייא דער
בעציעהונג שפּיעלען זייא ביידע איין ראָללע. אונד בעניטצען דעם
זעלבען כאַראַקטער געגען זייערע פֿרויען, גראַדע וויא דער, אונד
דיא פֿרויא שפּילט ביא איהם אַזו איינע ראָללע גראַדע וויא דיים

קאַפּינעה דייטש דיא (רבינו תם׳ס תפילין) אָדער נאָך בעסער צי זאָגען, וויא איין אָבגעשמיסענע הושענאָ ביא דעם קליינשטעטיל־דיגען אַפּיקורות.. דיא בטלנים האָבען גאָר אַ גאַנץ אַנדערן שניט.. זייער שטאָלץ בעשטעהט אין זייער מאַסקירטער באָרד.. ווער שמיעסט אַז ער געהט נאָך אַללע טאָג מנחה ומעריב דאַבענען אין שיהל אַריין, זאָ מוס שוין דאָס ווייב פיר אַזו איין שעהנעם יודען דרך אֶרץ האָבען.. אַ? אונד זיך עפענין דיא אויגען וויא אַזו זיין מאַסקירטע באָרד צי רעספּעקטירען.. ווער שמיסט אַז ער שטאַמט פאָן ד... אין עס געפינט זיך אויך כלי קודש אין זיין פאַמיליע, צי ער געהער זיך נאָך אָן מיטען טראָסטינעצער.. דאָ מעג זיך שוין דאָס ווייב אַ פערטיגען קבר מאַכען... ווייל קוים איזט זיא איהם דערווידער דאָס מינדעסטע.. פאָן גט אָן כתיבה איזט גאָר קיינע רעדע.. אין אֶמת ווער איזט זיא? אונד ווער איזט ער??? אונד אויב איהר אונגליק שפּיעלט איהר נאָך אַז ער ווירד נאָך גבאַי אין שיהל.. מעג זיא שוין באַציטען אַנגעהמען פּיזעם. זיא איזט ביא איהם שוין פאַרעבענט פיר איין איינפאַכע שקלאַווען.. אונד זיא קאָן זיך נעבען איהם דיא יאָהרען אויסלעבען אונד וועט ניע אין שטאַנד זיין זאָ איין שעהנעם יודען צופריעדען צי שטעלען, ווייל אין אֶמת טאַקע נור זאָלבע ערהאַלטען גאָטט ביים לעבען אונד ביא זיין עהרע.. מיט זייערע שעהנע בערד.. מיט זייער פיעל דאַבינען.. אין טאַקע נור זאָלבע ערהאַלטען גאָטט אויף דיא פיס.. ווען ניט זייא.. מיט זייער דאַבינען? וויא וואָלט שוין גאָטט אָן געשפּאַרט? נאָ? מעגען זאָלבע זיך ניט איבער נעהמען? איבער־הויפּט געגען זייערע ווייבער צי שטאָלצירען..— זאָ פיעל ווייל דיא וועלט נאַארט זיך איינער אין אַנדערן, זאָ קימט מיר פאָהר דאָס מען נאַארט זיך אין זאָלבע אויך... זייא מיינען גאָטט אויך ניט.. וואָס דען? וואָס דען??? פּשוט טאַקע דיא וועלט צי נאַארען.. גע־ווים זאָ איינעם איזט לייכט יענעמס געדאַנק צי פערגנבינען..— ווייל מאַטעריאַל האָט ער גענוג דערצי. מען טיהט אַ קוק אויף זיין באָרד זאָ ווינשט זיך אַיעדער זאָלבע קינדער צי האָבען..—

אַ.. איך בין שוין צו וויט פערקראָבען. איך וועל אייך באַלד פאָרקוממען גלייך איך וואָלט געוועהן אַ פּרויען אַפּעראַטאָר. ניבט וואָהר? אונד איך זיך מיך אָנציגעהמען זייער קריוודע.. עס איזט

ניט דאָס. פשוט עס האָט מיך פערדראָסען אויף יענעם שיינעם יוד וואָס לאַכט פאָן דעם קאַפּינע בטלן וויא אַזוי ער בעהאַנדעלט זיין פרויא. זאָג איך מען זאָל צוזאַממען שטעללען זייערע ביידע כאַראַקטערע אונד איבערוועגען וועט ניט איבערוועגען איינס דאָס אַנדערע.. אונד בייא מיר זענען זייא פאַררעכענט פיר גלייכע מיוחסים (המבדל).. הכלל קעהרען וויר זיך צוריק צו אונזערע געשיכטע..—

---

# דער געפאַלענער לייפּציגער

דאָ וועט פיר אייך פאַרקוממען אַ נייא קאָליער איהר זעהט יענעם יונגען מאַנן וואָס זיצט דאָרט אויבען ביי יענעם מאַרמאָרן טישעל דאָרט וויא פיער פערזאָן שפּיעלען אין קאַרטען, אונד ער איזט בוכהאַלטער וואָס צייכענט דיא לעזען. קיקט אייך גוט צו צו איהם, זאָ וועל איך איהם פיר אייך פאַרשטעלען.— וויא אונזערע יודלעך אַנטלויפען פיר אַ בעל מלאכה וויא פיר איין רוח, אונד זוכען נאָר אַ סוחר צו זיין. וועהר שמיעסט אַז גאָטט באַשעהרט איהם פיר זיין קינד אַ לייפּציגער.. האָט ער שוין דעם הויפּט טרעפער געמאַכט נאָר בעטראַכט איהם גוט.— דער וואַר איין צייט יאָהרען אַ משרת בייא איין געוויסען לייפּציגער.. אונד האָט זיך ריכטיג אָבגעשפּאַרט אַ פאַאַר טויזענד פר. נאָ? דאַרף ער נאָך משרת צו זיין? זאָ האָט ער זיך שוין אַליין אַ גישעפט געמאַכט ווייל עס איזט אויך אַ סגולה חתונה צו האָבען, אונד דערבייא אַ סך נדן צו נעהמען, והא ראיה, קוים האָט ער נאָר דאָס געשעפט געעפענט, האָבען אַללע שדכנים אָנגעהויבען איבער איהם צו לויפען פאָן אַללע זייטען. זאָ פיעל אונטער 7 טויזענדער איזט גאַר קיינע רעדע געוועהן. קורץ איינעם האָט געשפּיעלט דאָס מזל אונד האָט איהם מיט שוועהרע מיהע עררייכט נאָר פיר 5 טויזענדיר (אויף אַ זעלטען גליק). איהר מיסט אַבער רעכינען אַז דיא פינף טויזענד זענען אויך 8 טויזענד, אונד דער איזט גראַדע ניט געוועהן אין שטאַנד, האָט ער זיין הייזכען פערזעצט אום דאָס אַלעס צו קאָמפּלעקטירען, אום דיא גליקליכע פּאַרטי פיר זיין טאָכטער צו עררייכען, נאָ? וועהר האָט זיין טאָכטער דאַמאַלס ניט מקנא געוועהן?

מיר שיינט אַפילו אַ קינד אין וויעג.. אַבער דיא טווזענדער מוס מען גליין צעהלען, אַ? וויא זאָגט איהר? וואָס רעכט איז רעכט, ער איז דאָך פערשטעהט קיין פּיסטע מענטש. אויך ח"ו קיין בעל מלאכה, ער איזט דאָך אַ סוחר... אונד נאָך אַ לייפּציגער. האָבין ניט געזאָלט דיא אַרימע עלטערן זייער הויז אויך פערזעצען אונד דאָס אַללעס נאָך צו קוממען, קורץ זייא האָבען שוין אַללעס גע־מוזהן פאָן זייער זייטע. עס איזט אַבער אַללעס כדאי געוועהן דיא וועלט זאָגט אַ ווערטעל מן הסתם אַז מען גיט געלד איזט ווערט געלד.. דער פרישער לייפּציגער האָט פאָן זיינער זייטע אויך גענוג געטוהן. ער האָט באַלד אַראַנזשירט איין וואָהנונג, נעהמליך, אַ גרויסען סאַלאָן פיר געסטע, איין שלאַף צימער פיר זייא ביידע אַ שפּייזע צימער, אויך אַ בעזאָנדערע קיכע מיט אַ צימער פיר דער קעכינע. פיר דיא אַללע צימער בעצויגען טייער אויסלענדיש מאָבעל, וואָס ער אַליין האָט דאָס בייא זיין טאַטען אויך ניט גי־זעהן.. זיין פאַטער האָט איינענטליך געוואָהנט אין דער פרינצשיפּאַל שטראַססע בראָסקעריע.. דוייקה אין אַ ניעדריג ציבראָכען שטיבעל אָהנע דיא אַללע זאַכען, יעדאָך האָט ער בייא איהם זאָ איין מאָבעל ניט געזעהן. נאָר וויא קומט זיין פאַטער צו איהם? זיין פאַטער וואַר נאָך פאָן דיא לאַנגסטיגע, אונד ער איזט פערשטעהט שאָן פאָן דיא יעצטיגע ציוויליזירטע.. יעדאָך איז זיין פאַטער אויך קיין פאַרעך געוועהן, ער פּפלעגט אָרים צו טראָגען מילעך אין אַללע גרויסע הייזער, אויך צו איינינע פּריצים.. אונד פּלעגט שאָן זיין כמעט היימיש בייא דיא אַללע אין קיכע.. יעדאָך געגען אַ לייפּציגער? אַללע רעספּעקט. יאָ! ליעבע לעזער (לא כל אדם זוכה) ניט אַ יעדער קאַן ווערען אַ לייפּציגער. דיא רעדע איזט נאָר וואָס איהר קריטיזירט איבער יענעם וואָס האָט זיך אַזוי אויס גיבראַכט, גיב איך אייך צום פערשטעהן, אַז אויף זאָ איינעם איזט שוין כדאי זיך אויס צו ברענגען.—

קורץ ער האָט דאָס וואָהנונג זאָ אַראַנזשירט, אַז ניט איין לייפּציגער אויך אַ באַנקיער דאַרף שענער ניט בעוואָהנען, ער האָט שוין צו מזל חתונה.. (אונד עס קאַן אויך זיין צו של"מ..) אין ברענגט דיא פרויא צו זיך אין שמאַלץ גראַבען. אַ דיענסט אין שטיבע, אַ קעכינע וואָס זאָל קעגען אַללע טאָג איין אַנדער

מאַבל קאַבען, יעצט אַז מען זעהט זיך שוין אין זאָ איינע פּאָזיציע שפּילט זייא נאָך צי דאָס גליק וואָס האָבען נאָך שכל צו בערעכענען אַז יעצט איזט דיא צייט פאָן גיט צי לעבען, בעפאָהר עס פאַלט צי אַ קינד. זאָ האָבען זייא ווירקליך גיט צי געלעבט וויא אַ טעהאַטער, וויא אַ קרענצבען, קאָנצערט אונד זאָ ווייטער, מען לעבט אין מען לאַכט. ער איזט דאָך פערשטעה אַ לייפּציגער, צי האָט ער פיר זיך לייפּציג געזעהן, צי האָט ער נאָר געהערט.. בלייבט מיר גלייך.. ער הייסט לייפּציגער, אונד זיא לייפּציגערען זאָ לעבט מען אַוועק דאָס ערשטע יאָהר, אַבער מען לעבט.. דאָס געוועלב האָט מען פערגרעסערט. אַביסיל פאָם נדן, דאָס איבעריגע געוועהנליך מיט פרעמד קאַפּיטאַל.— נאָ? ליעבע לעזער! דאַרף שוין ניט באַנק טיהן דיא עלטערען וואָס האָבען זייער הויז געטראָצעט, אויך זייער צירענג אַבער דאָס פערגעניגען פאָן דיא קינדער מיט זייער אַבלעבען פעראַנטוואָרט שוין אַללעס.. איין מאָהל אַז דיא עלטערן זענין זיך צי זייא דורך געקימען אונד זייער אויפפירעכץ בייגעוואָהט, וויא אַזוי האָבען זייא אָנגעקוועלט אויך זאָגאַר פרעמדע האָבען זייא באַניידעט, אונד זיך געווינשען זייערע קינדער זאָללען זאָלבע פאַרטיהען באַקימען.—

דאָס יונגע פּאַאַר לעבען זיך גליקליך פאָן זייער זייטע איין קאַליביק יאָהר, היין דיא עלטערען וואָס קוועלען אָן פאָן דער אַנדערער זייט. עס קימט צים יאָהר, דאַרף מען דאָס געשעפט איבערעבנען וואָס מען האָט אין דעם יאָהר געשפּאַרט? יוא. ער זעהט ריכטיג דעם בילאַנץ, ער קנעטשט איהם הין אין הער. ער מאַכט דערבייא עפּיס זויערע מינעס.— נאָר קוראַש ניט פערלירען, עס איזט איהם עפּיס איין געדאַנק דורך געלאָפען, אונד האָט איהם מאָמענטאַל פערלייכטערט דעם קוראַזש ניט צי פערלירען. זיין פרויא וואָס האָט אויך געטראָגען גריזשע פאָם געשעפט גלייך מיט איהם. האָט זיך אויך אינטערעסירט צי וויסען וויא אַזוי דאָס געשעפט באַשטעהט, זיא איזט דאָך אויך קיינע אינטערן אויבענדיגע, האָטשי זיא מאַכט אַללעס מיט, וואָס צי גאָטט איזט צי גאָטט. איזט איין שפּרוך וואָרט, אונד דאָרט וויא מען דאַרף שפּיעלען דיא ראָללע פאָן גראָסדאַממע שפּיעלט מען, אינדעססען איזט זיא אויך נייגעהריג צי וויססען וויפיעל מען האָט דאָס יאָהר אָבגעשפּאָרט,

ביים געשעפט נאָך אַללע שפּעזען. גאָלדהאַמער (זאָ האָט ער גע־הייסען אויף דייטש) פרעגט איהם דיא פרויא וויא אַזוי איזט דער חשבון? אין קוקט איהם אין דיא אויגען וואָס פיר מינעם ער וועט מאַכען. אַ, זאָגט דער מאַנן דאַנקען גאָטט, אַביא וויר האָבען קיין פרעמד קאַפּיטאַל ניט אויפגעגעססען. דיא פרויא איזט מיט דעם אַנטוואָרט שטאַרק ציפריעדען געוועהן.. צי האָט זיא פיליייכט ניט פערשטאַנען וואָס ער מענט. ווייל נאָך דעם אַנטוואָרט לויטעט אַז נאָר זייער אייגען קאַפּיטאַל פעהלט, אין ניט ח"ו פרעמדס. אויך גיט. —

דיא ווייסט זאָגט ער צו איהר אַז קרעדיט מאַכט פיעל מעהר אַללס אייגען קאַפּיטאַל.. נאָ? אַז גאָטט האָט זייא געהאָלפען אַז דאָס פרעמדע קאַפּיטאַל איז דאָ, נאָר וואָס זייערס פעהלט אויס. מעג מען שוין דאַכט זיך ווייטער לעבען אַ.. וויא זאָגט איהר? ליעבע לעזער. פאָלקאָם רעכט. אַלזאָ, נאָר געלעבט.. מען האָט שוין דיא נאַכט בעזוכט מעהרירע בעללער, אין דעם אַז גאָטט העלפט אַ מענשען עס הייבט איהם אָן גיט צו געהן, געהט שוין מיט אַלימען. דיא פרויא האָט שוין געשוואַנגערט, אין אַ פּאַאַר מאָנאַטה האָט זיא געבוירען אַ זאָהן. דוקה אָהנע אַ רבין, אין אַז גאָטט האָט זייא געהאָלפען זייא האָבען זיך געזעהן מיט דעם גע־בוירענעם פרינץ, דאַרף מען דאַכט זיך מאַכען אַ ברית. אַז מען זאָלל וויססען אַ הילוק פאָן אַ לייפציגער ביז צו איין אַנדערן אַרט קויפמאַנן, בעללער איבער בעללער, פאָן איינער אַממע איזט גאָר קיין רעדע.. מען איזט דאָס אויך איבערגעקוממען. זאָ פיעל דיא צייט שטעהט ניט אויף איין אָרט, דער רעגעל מאַכט זיך זיינגע שריטע. עס וועקסלען זיך טעג אונד נעכט וואָכען אונד מאָנאַטען ביז עס זאַמעלט זיך צוזאַממען ווידער אַ יאָהר.. עס הייבט זיך שוין אָן זייא צו חלימען וויא לאַנג האָבען וויר התונה, דאַכט זיך ערשט ניט לאַנג, אונד לאַנגזאַם לאַנגזאַם, האָבען זיך שוין 2 יאָהר פאָן זייער התונה געפעהלט אין גלייך וויא עס וואָלט ערשט געסטערען געשעהן, אַלזאָ דאַרף מען אימּמער מיט רעכנונג לעבען אונד דאַס געשעפט איבער צו רעכענען.. אום דאָס געשעפט זאָל זייא ניט בערעכענין... ער שרייבט ריכטיג איבער דאָס געוועלב מיט פאָלל פרייד טהיילט ער צו זיין פרויא אַז דאַנקען גאָט זייער קאַפּיטאַל

איזט נאָך דאָ, עס הייסט דאָס פרעמדע פעהלט שוין אויס. נאָ, זאָגט דיא פרוי זאָל יענעם דאַרען דער קאָפּף, יעצטיגע צייט איזט דאָס שוין אין דער מאָדע.. איבערהויפּט ביא לייפּציגערייא. אַלזאָ ווען גאָטט האָט זייא גערהאָלפען דאָס זייערס געפינט זיך נאָך מעג מען שוין לעבען? . קורץ ליעבע לעזער מאַכען וויר אין קורצען אונד שטעללט אייך שוין פאָר אַז וואָס אַ יאָהר וואַקסט ער אין עושר מעָר איינס האָט איהם געשטערט, וויל דאָס פרעמדע קאַ־פּיטאַל וואָס ער האָט זיך דערפאָן גראַדע ניט געמאַכט, וויל אויך ניט שווייגען, אונד וויל גאָר ניט וויסען פאָן זייער גיט לעבען.. וואָס זשע איזט דיא ענדע? דיא ענדע??? מען פּראָטעסטירט זיינע טראַטען, אונד מען צי נעהמט איהם דאָס חדר, אונד מען מאַכט איהם אויס קאַפּיליש מאַכער.. נאָר וואַרום זאָל איך מיך שעהמען אַרויס צי זאָגען? מען מאַכט איהם אויס לייפּציגער. ווייסט איהר שאָן? אונד איהם בלייבט ניט מעהר צו זאָגען דעם פסוק (ד׳ נתן וד׳ לקח, ברוך דיין אֶמת) אַזוי פיעל איזט נאָך זיין גליק וואָס האָט דעם קוראַש ניט פערלאָרען, ער האָט באַלד גענעהמען זיין פרויא מיט דיא פּאַאַר קינדערלעך וואָס גאָט האָט איהם אין דיא 2 יאָהר מזכה געוועהן. אונד שיקט זייא אָב גלייך צי איהר טאַטען אויף דער מאָשיע.. אונד ער? יוא, יוא ער. וואָס טיהט ער אַליין? ער אַליין מיינט איהר, אין וואָס ער טיהט ווילט איהר וויסען? נאָך זאָ אַיין גרויסאַרטיג אויפפיהרעביך זאָ האָט מיר קיין פּעראיבעל.. איזט ער דען אין הינקענדיגער שניידער?. צי ה״ו אַ פּאַנפּאָוואַטע שיסטער? איין מענטש וואָס האָט פּראַקטיצירט אינטער פערשיר־דענע קויפלייטע אויף בייגעוואָהנט פערשיעדענע בעללער, אונד אַללעס מיטגעמאַכט אונד אין דער צייט זאָ פיעל גוטע בריעדער געהאַט וואָס פלעגען זיך ביא איהם שטענדיג אונטערהאַלטען נאָ? האָט אַ זאָלכער אַ דאגה?. איין מענטש אַליין ער קויפט זיך באַלד איין צישין דיא קאַפּינע דייטשען, ער מעג דערביא קיין קאַפּיטאַל האָבען, אַליין צי שפּיעלען האָט ער איינסווייל ניט נעטהיג אָבער צים געשעפט נעהמט מען איהם לייכט צי.. פּאָרט אַ געוועזענער לייפּציגער אונד זאָ איינע ראָללע געשפּילט זאָ האָט מען צי איהם דאָס צוטרויען ער זאָל צייכנען דיא לעזען וואָס אַנדערע שפּילען, זאָ קאָן איהם אויף איינטראַגען, אין טאָג דורך שניט 2 ביז 3

קאָוועס.. אין איין מאָל פיר.. דאָס איזט שאָן אַ גליק זאַך. אונד דיא פרויא מיט דיא קינדערלעך? דאָס איזט שאָן ניט זיין קאָפּף דאַרענעש. דאָס וועט שאָן איהר פאַטער דאַרען דער קאָפּף.. אין אֶמת ווען זיא איזט געוועהן אויף אַ פּאָזיציע אונד טאָג מיט נעכט מיט באַללער זיך בעשעפטיגט, דאַמאַלס האָט איהם הנאָה געטיהען? זאָל ער יעצט אויך איהרע ליידען פיהלען.. אויך האָט איהם אויף זיין שוויגערזאָהן ניט צו פערדריסען, ער קאַן דיא זעלבע טענה האָבען צו זיין טאָכטער וויא מאַקס שמעטערלינג... אַז איהר נדן האָט ער אויך איהר אַליין פערשווענדעט מיט טהעאַטער אונד מיט בעללער..— דאָ איזט אייך פאָרגעקוממען פאָן זאָ איינעם וואָס פיהרט בייא דער צייט אַ ברייט לעבען מיט לאָקס דערבייא, זאָ לאָסט זיך אויס זייער ענדע..—

---

# דער געגאַרטער עושר!

איך וועל אייך דאָ פאָרשטעלען אַ קורצע ביאָגראַפיע פאָן איין געוויסען קויפמאַנן מיטן נאַמען פיינמאַנן. דער נאַמען האָט איהם ווירקליך געפּאַסט, ער וואר פיין געגען יעדען איינציגען, נאָך זיין הייראַטען פיר איין פריילײן פאָן פאַמיליע שטאָלצמאַן, האָט ער געהאַט אַביסעל אייגען קאַפּיטאַל, וועלעכס ער האָט זיינע מסחרים געפיהרט וויא לויט זיין קאַפּיטאַל, אום ער זאָל ניט גע־צווינגען זיין פאָן דעם מסחר פראָצענטע צו צאָהלען, מיט דעם רעכנונג האָט ער אויך זיין הויז געפיהרט זעהר עקאָנאָמיש, ביז עס איז פערגאַנגען איניגע יאָהר האָט ער ערשפאַרט אַ שעהן קאַפּיטאַל. אַזוי האָט ער דיעזע יאָהרען זייער רוהיג זיך געלעבט אָהנע קאָפּף דאַרעניש, ווייל זיין וואָהנונג איזט געוועזין איינפאַך בעה"ב־טיש. אויך וואָס לאָקס איינבעלאַנגט האָט ער ניט געוואָלט וויססען, קאָנט איהר אייך שוין פאָרשטעללען אַז איין קויפמאַנן נעהמט זיך דעם שניט ער זאָל זיך ניט איבערפליעסען, איבער־הויפּט אַז זיין הויז איזט נאָר אויסגעהילט פאָן לוקסאָסע זאַכען, קאַן ער ווירקען.. נאָר אַבער לאָסט זיך דאָס רעדען? איזט דען

איין מענש אויף דיעזער וועלט געשאַפען ער זאָלל צי פריעדען לעבען? ניע.. דאָס האָבען וויר נאָך פאָן אינזערע עלטערען ביקש יעקב לישב בשלוה. (וישב) איבערהויפט ביא דער אונ־גליקליבער צייט פאָן זייט דיא לאָקס האָט אַנגעפאַנגען צו עקר זיסטירען... קאָן מען זאָגען אַז קיין איינציגער קאָן צופריעדען לעבען, עס וועט פיר איך פיליבט פאָרקימען איך איניגע וואָס איך וועט זיך דאַבטען, אַ.. דיא לעבען דאָך צופריעדען.. איזט פאַלש. זאָ איזט מעהר וויא זיכער דאָס איהר נאַארט איך אין זייא.. דעם בייאשפיעל וועט איך דיעזער מאַנן יעצט פאָרשטעללען וויא אַזוי אַ וועלט האָבען זיך אין איהם גענאַארט.. אונד וואָס זיין ענדע איזט געוועהן.— אַבער גאַנץ אונשולדיג דער האָט זיך געבעך אַ גיטען שניט גינעהמען אין האָט ניט געוואָלט פלאַמען וויא אַנדערע, וואָס העלפט דאָס אַבער, איזט אינז געבליבען אַ גיטע ירושה, מען האָט אונז צי געטהיילט חוה'ס טעבטער זאָללען אונז מיט העלפען.. זאָ האָבען וויר אַ גיטע הילפע פאָן זייא.. אַ.. דורך זייא... אַ יעדער מענטש אין זיין פאַך וואָלט געוואָלט אָר־רענטליך האַנדלען מיט דער וועלט. ווייל אַ יעדער וויל לעבען, וואָס העלפט דאָס אַבער, זייא מיססען שווינדעל מיט בעטראָג בעניטצען, ווייל אים מיינסטען פרויען בעוועגען דערצי.

זאָ וואַר אויך דיא פרויא פאָן פיינמאַן. נאַך דעם זיא האָט איינגעפאַנגען עפטע בעזובע צי מאַבען ביא אַנדערע איבערהויפט האָט זי בעקאַנטשאַפט געמאַכט מיט אַ געוויסער מאַדאַם בלוט־פרעסער... דאָרט האָט זיא גיזעהן דאָס אויפפירעבץ מיט דעם ברייטען לעבען. זאָ איזט זיא ביא זיך פערדרעבנט געוועהן פיר דער אונגליקליכסטער אויף דער וועלט, נאָך מיט פערדרוס דער־ביא.. נאָך אַ מאָהל זיא וויסט ביא זיך דאָס איהר מאַנן האָט שעהנעס קאַפיטאַל אונד קאַן אויספיהרען זאָ איין הויז צי פיהרען וויא ה' בלוט פרעסער, אַם ענדע זאָל זיא שמוציג לעבען, אונד איזט ניט אימשטאַנד צי זיך געסטע צי לאַדען, ווייל וויא בעוואָהנט זיא זאָלבע געמאָבעלטע סאַלאָנען וויא דיא מאַדאַם בלוטפרעסער, אונד דיא לאָקסען וואַס יענע מאַבט מיט, אונד שטעלט זיך פאָהר שטענדיג פיר איהר.. עס האָט שטענדיג אין איהר זאָ געקאָבט אַז זיא האָט איהר ביטער הערץ צו איהר מאַנן אויסגעלאָסט.

אונד דאָס שיינט מיר ווייסט איעדער אַז איין פרויא קאַן טאָר־טערן דעם מאַנן פיעל ערגער וויא דיא אינקוויזיטאָרען מיט יאָהרין צוריק אין שפאַניע.. זיא איזט שוין צו זאָלבע פאָרטעל געשאַפין אונד צי שפילען מיטען טאַקט, אין בעסטען שבת אָדער יומ״ט וועהרענד דער מאַנן האָט דאַמאַלס געדולד מיט זיין פרויא זיך צי בעשעפטיגען... אויך מיט איהר זיך צי ראַטהען וועגען זייער צוקונפט, זייא בעקימען שוין ערוואַקסענע קינדער, אונד נאָך זאָלבע געגענשטענדע..— אַבער וויא וויל זיא גאָר וויסען דערפין, זיא פערקלאַפט איהם דעם קאָפף מיט גאַנץ אַנדערע זאַכען, אונד גיט איהם צים פערשטעהן אַז זייא זעהען אויס געגען אַנדערע וויא איינפאַכע שלעפערס..— צום בייספיעל ברענגט זיא איהם אויס, דאָס הויז פאָן ה' בלוטפרעססער.. וויא אַרעסטאָקראַטיש דאָרט געהט צי.. אויך וואָס פיר לאָקסען זיין פרויא טראָגט. אים זאָגסט פערטיידיגט זיך פיר איהר דער מאַנן אונד גיט איהר צום פערשטעהן אַז ער קאַן דאָס ניט וויא דער ה' בלוטפרעססער, ניט עס וואָלט איהם באַקימען ער זאָלל זאָ איין רויבערייא בעניטצען געגען יעדען איינציגען וויא ער..— יענעם צי רויבען אונד לוקס צי פיהרען? ווינטשט ער זיך גיבער דעם טוידט... עס העלפט איהם ניט זיא האָט זיך שוין דאַרויף פערלעגט.. אונד גיט איהם צום פערשטעהן, אַז מען קאַן אויף דער אָרענטליכער אַרט אויך זאָ לעבען, קאַפיטאַל האָבען וויר.. קרעדיט דעסטגלייכען, וואַרום זאָלען וויר זיין צוריק געזעצט פין אַנדערע? עס איז גאָר ביטער זאָגט זיא דעם וואָס האָט ניט איינס פאָן דיא ביידע, אָדער דאַנקען גאָט וויר געפינען זיך בייא דער פאָזיציע וואָס וויר האָבען ביידע, קרעדיט מיט קאַפיטאַל. וואַרום זאָלען וויר אָב שטאָרקען דיא וועלט מיט גאָר ניט.. דאָס וועסטי מיר צי געבען זאָגט זיא, אַז דער קרעדיט מאַכט אויס מעהר וויא דאָס קאַפיטאַל.. דאַנקען גאָטט דאָס האָבען וויר אין דיא קליינע הייזלעך וואָס וויר בע־וואָהנען, איבערהויפט אַז וויר זאָללען בעוואָהנען וויא אַנדערע וואָלסטי דאָפעלטען קרעדיט געהאַט, עס וואָלט דיר פיעל מעהר איינגעטראָגען, אונד וויא אַזוי דער מענטש שטעלט זיך פאָר זאָ העלפט איהם גאָטט.. קורץ ליעבע לעזער זיא האָט איהם זאָ לאַנג געמאַרטערט ביז ער האָט זיך נאָך געגעבען נאָך איהרע

פלענער.. אונד אין קורצער צייט איזט אַללעס באַשאַפען.

האָט איהר גיט בעמערקט דיא קליינע וואָהנונג וויא זייא האָבען פריהער רוהיג בעוואָהנט.. קומט יעצט וועל איך אייך צייגען וויא אַ מענטש אַרבייט זיך אוים אונד איזט אויפגעשטיגען גלייך מיט אַללע אַרעסטאָקראַטען וויר מיסען באַרעכענען אַז דער אַר־וואַנט פאָן יודען בעשטעהט, (זאָ שיינט מיר) אַז קוים 10 פּראָצענט פאָן זייא געפינין זיך פיליכט וואָס האַנדלען מיט אייגען קאַפּיטאַל, 50 פּראָצענט מיט פרעמדעס קאַפּיטאַל, אונד דיא איבריגע מיט לופט. עס איזט גאַנץ ריכטיג זאָ פיהרט זיך דער רעגעל פאָן דער וועלט, איינער האָט קאַפּיטאַל אין ווייסט ניט דערמיט וואָס צו טוהן זאָ איזט ער געצוואונגען מיט אַנדירע צו האַנדלען. דיא אַנדערע מיססען אַבער גוט באַרעכענין. אונד אָבהויטען יענעמס קאַפּיטאַל אַזוי גוט וויא עס וואָלט זייערס געוועהן, אום עס זאָל יענעם קאָנפּינירען מיט איהם צו האַנדלען, זאָנסט ראָגירט ער יענעם, איבערהויפּט זיך. זאָ האָט גראַדע מיט אינזער פיינמאַנן פּאַסירט. וויפיעל ער האָט אָבגעהיט זיינס איבערהויפּט יענעמס, האָט ערווירקליך גילעבט אָן קאָפּף דאַרעניש, אונד איזט בייא יעדען געליעבט געוועהן נאָר דאַפיר וואָס איזט איין שפּאַרזאַמער מאַנן געוועהן. עס איזט איהם ניט איינמאָל איין געדאַנק פאָר־געקימען ער זאָל יעמאַנדען באַרירען. ווענדען וויר אונזערע בליקען יעצט צו איהם.

איהר זעהט יענץ גרויסע הויז אין 2 שטאָק, פערפיצט נאָך דעם יעצטיגען זשורנאַל. דאָס הויז בעשטעהט פאָן 2 סאַלאָנען רייך פערציהרט, 2 שלאַף צוממער, איין שפּייזע צוממער שעהן דעגולירט אונד מאָבעלירט מיט אויסלענדיש טייערסטע מאָבעל דיא ווענד געמאַלען מיט דעם זעלבען קאָליר וויא דאָס מאָבעל, דיא סאָפיטען פערגאָלדעט. אין דיא סאַלאָנען רייך פערפיצט מיט דיא טייערסטע געגאָלדעטע שפּיגעל, אויך העגגלאַמפּען אויף דער שענסטער אַרעסטאָקראַטישער אַרט. מיסט איהר אַבער וויססען אַז דאָס אַללעס באַטרעפט שאָהן פיעל מעהר פאָן זיין קאַפּיטאַל אַז ער איזט שוין געצוואונגען געוועהן אויך דאַפיר צינזען צו צאַה־לען, ניט נאָר פיר דעם געלד פאָם מסחר. דאַגעגען אַבער ווער עס געהט בייא דעם הויז פערבייא, זאָ ניט איינער בעניידעט איהם

אונד בעוואונדערן איהם וויא אַזוי גאָט האָט איהם אויף איינמאָל אויפגעריבט, טאַקע נאָר פיר זיין אָרענטליכקייט.. זאָ מעג מען שוין זאָ איינעם מקנא זיין. אויך זאָלט איהר געזעהן זעהן וויא מען איזט איהם נאָך געלאָפען מיט געלד פאָן אַללע זייטען. אויך פערשיעדינע געלדער פאָן אַלמנות, יתומים געלד, שלישית געלד, וויא אַ משרת אָדער אַ דיענסט האָבען בייא איהם זיך גדן גע־זאַמעלט. קורץ מען האָט איהם באַשיט מיט גאָלד אַז ער איזט שוין אַליין אויך בטל געוואָרען אונד האָט ערשט אַרוים געזעהן אַז זיין פרויא האָט איהם צו זיין גיטען געראַטהען. זאָ האָט ער איהר שוין נאָך גיגעבען אונד קיין דעה געזאָגט, וויא זיא האָט געוואָלט. מען האָט אויך גענעהמען 4 סאָרטען לעהרערס דיא קינדער צו אונטעררינכטען שריפט מיט לעזען פערשיעדענע שפראַ־כען אויך דער בייא פיאַנאָ שפיעלען.

קורץ דיא קליינע עקאָנאָמישע פאַמיליע פיינמאַן האָבען זיך יעצט אין איינער ראָטהשילדישער פערווענדעט. נאָ? דאַכט זיך זאָ איין לעבען מאַג זיך שוין אַ יעדער ווינטשען, דאַמאַלס האָט זיך שוין ניט געפעהלט אַ טאָג עס זאָל ניט געוועקסעלט ווערען פאָן מעהרירע פאַרטייען געסט, אַז דיא מאַדאַם בלוטפרעססער איזט שוין אויך ביים ערשטען מאָהל אַריינקימען בטל געוואָרען, וועהרענד זיא האָט דאָס הויז מיט דעם אויפפיהרעכץ בייגעוואָהנט האָט זיא שוין געהאַט פיר איהר מאַנן וואָס נאָך צו דערצעהלען, זאָ פיעל איהר איזט פיעל לייכטער אָנגעקימען אַללעס בייא איהר מאַנן צו פועלן... —

עס האָט זיך געפעהלט איינגע יאָהר וואָס דיא פאַמיליע פיינמאַן האָבען גליקליך געלעבט. בייא יעדען קינד אַללע יאָהר האָט מען געפייערט דיא געבורטסטאַגע, דערבייא האָבען זיך גע־פינען פאָן פערשיעדענע געסט. אונד מען האָט זיך גיט אונטער־האַלטען. יעדעם פאָן דער פאַמיליע וואָרען זייער אויפגעמונטערט, אַזוי פיעל אַז מען האָט זיך גיט צו געקיקט צים הויזהערר האָט מען געקאַנט באַמערקען אַז איהם איזט עפים דאָס גאַנצע וויא אונאייגענעהמען.. עפים.. — נאָר ווער קאָן וויססען וואָס בייא יענעם אין הארץ טוהט זיך.. זאָ פיעל האָט מען באַמערקט אַז צוריק מיט איינגע יאָהר האָט מען יהם קוים איין געבעטען מיט

זאָלבע אָרימע געלדער מען זאָל בייא איהם זאַמלען, אונד יעצט האָט ער גידעכט אנגעפאַנגען אויך זאָלבע געלדער צו זובען . .

## אים מאָנאַטה דעצעמבער

אין אַ טאָג וואָס האָט דאַמאַלס געהערשט אַ שטאַרקער פראָסט אויך איין געפעהרליכער ווינט דערבייא האָט אויך פאָן אויבען צו געבלאָזען מיט שנייא. עס וואַר שרעקליך דיא שטראַססע איבער צו געהן. דאָס וועטער האָט זאָ געהאַלטען דעם גאַנצען טאָג אויך בייא דער נאַכט . איעדער האָט זיך אין זיין וואָהנונג פערשטעקט קיין טריט פאָן אַ מענשען האָט זיך ניט געהערט. בייא דעם אַלי־מען וועהר גיסט אוים דאָס באַד? דער אָרימער.. ליגט אויך אין זיין וואָהנונג פערשטעקט גלייך מיטען רייבען, אַבער זיין מאַנגעל ווער קאַן פיהלען. בייא דעם רייבען איזט דאַמאַלס דיא בעסטע צייט זיך צו אונטערהאַלטען, דיא צימער זענין אַללע אויסגעהייצט אונד דיא וואַרעם איזט פיעל איינגענעהמינער וויא דיא וואַרעם פאָן זאָמער . —

איהר וועט מיר ענטשולדיגען ליעבע לעזער וואָס איך וועל אייך יעצט בעלאַסטיגען מיט מיר מיטצוגעהן אונזערע בליקען צו וואַרפען אויף איניגע אָרטער בייא זאָ איין שלעכטעס וועטער. אינזעד פליכט אונד שולדיגקייט ברענגט אונז מיט וויר זאָללען אַללעס וויססען וואָס טיהט זיך אינטער דיא סאָרטען מענטשען, וויא אַזוי איעדער שטיפט זיך דורך דיא געפלאַגטע וועלט ביז ער פערדינט זיך דעם נאָמען מת... —

אַלזאָ פערבינדט איך גיט אונד פערנעהמט אייך דעם קראַגען פאָן אייער פעלץ אונד קימט, עס איזט וואַהר וויר זענען דיא איינציגע וואָס וויר געהין אין זאָ איין געפעהרליכעס וועטער, קיין שפור פאָן אַנדערע.. דיא געוועלבער אָבגעשפאַרט דיא לאַטערנעס פאָן דיא שטראַססען ברענען זייער דונקעל, וויל דיא שויבען זענען פערשנייעט, יעדאָך זעהט מען פאָן דער וויט איין שלאָס רייך בעלייכטעט. איניגע שליטען שטעהן פיר דעם שלאָס אַבער קוים וואָס מען זעהט זייא אַרוים פערשנייעט פערבלאָזען, אויך דיא בערזשאַרעס זיצען מיט זייערע מאַנטאַעס איבער דיא קעפּף גיט פערוויקעלט, אין האַלטען דיא וואַשקעס אין דיא הענד אין

דרימעלן דערבייא, אונד זענען מיט זאָ איין וועטער אויף פערוואונט. אינוועגדיג אין שלאָס זעהט מען אויסגעזעצט, מאַנגער, פרויען, אויף יונגע לייט מיט פריילען, אונד יעדער פאָן זייא האָט אַ אַנדער בעשעפטיגונג, דאָרטען זיצען אַרייע מענער אויף פרויען אין שפילען אין קאַרטען. דאָרט בייא טיש שטעהט אויסגישטעלט זילבערנע טאַצען אויף זייא גלעזער מיט טעה פריש פאָם סאַמאָוואַר, דאָרט זיצט איינע פריילען אין שפיעלט פיאַנאָ אין זינגט דעם אָפּפער פאָן (מאירזאָהן) נעבען איהר אַ יונגער מאַנן וואָס בעגלייטעט אויף מיט זיין שטימע אין מיטען סאַלאָן זעהט מען זיך אַרים דרייען אַ דאַמע רייך פערפיצט. אונד געהט פאָן טיש צי טיש זעהן אויב עס איזט אַללעס אין אָרדנונג.. אין אַ זייט זיצען אוים גיזעצט יונגע לייטע מיט פריילין, אויף איינמאָל הערט זיך פאָן זייא קלאַפינדיג מיט דיא גלעזער אין דיא הענד, וויוואַט.. דיא פריילען בלוטפרעסער זאָל לעבען.. וויוואַט. —

באַלד דאַרויף קימט אַ יונגער מאַנן ראָמאַנטיש פערפיצט מיט וויסע האַנדשוה אַ שוואַרצען איינצוג, מיט אַ וויים שניפסעל דעם האַלז פערבינדען, אַ רויטען שלייף אין ראָק.. אונד האָט באַלד אַראַנזשירט דיא אַללע יונגע לייטע מיט דיא פריילין צום טאַנצען, אַ יונגער מאַנן פאָן זייא האָט געשפיעלט וויאָליען. אונד דאָס פריילין בלוטפרעססער פיאַנע אונד מען האָט אוים געטאַנצט אַ קאַדריל פאָן 32 פערזאָן.. דאַן האָבען דיא יונגע לייטע אַ יעדער זיין דאַמע אויף איהר אורט געזעצט. גאַנץ אויבען זיטצט אַ מיטלע דאַמע אויף זייער רייך פערפיטצט נעבען איהר אַ היפשע פריילען, אונד זאָגט מוטטער, אַ יוא נאָך 14 טאַגע איזט ביז צי מיין געבורטסטאַג, אַ, יוא, זאָגט דיא פרויא מיט שטאָלץ, אין זאָגט דערבייא צי דער פרויא בלוטפרעסער, בייא מיין פריילין קאַראָלינע איזט דעם 2 טען יענער איהר געבורטסטאַג, געווים וועט איהר אויך זאָ פריינדליך זיין אונד קימען. צו דיעגען מאַדאַם פיינמאַנן זאָגט דיא ווירטהין פאָם הויז, עס מעג זיין נאָך אַ ערגער וועטער וויא יעצט וועלין וויר קימען, קורץ מען האָט ערשט דאַנן אַ טיש געדקעט אין מען האָט גיגעבען עסען מיט טרינקען, זייא האָבען זיך גיט אונטערהאַלטען דאָס וועטער פאָן דרויסען האָט זייא זייער ווענינ געקימערט. דער זעגער האָט זיך געהערט שלאָגען

צוועלף האָבען זיך דיא געסט אויפגעהויבען צים אַוועק געהן. דיא מאַדאַם פיינמאַנן מיט איהר פריילין געזעגגען זיך מיט אַללע פאָן דאָרט אונד עראינערן זייא נאָכמאַלס דיא אַללע קאַוואַליערע צו איהר געבורטסטאַג. צו דיענגן האָבען זייא אַללע אויסגעשריגען וויא פאָן איין מונד. מען גיט אַ גישרייא בערזשאַר נומער 84. ער דרעהט אוים דעם שליטען אין פאָהרט צי צי דער סקאַרע אונד דיא מאַדאַם פיינמאַנן מיט איהר פריילין וואַרען דורך 2 קאַר־וואַלירע אַריין גיזעצט אין שליטען אין זיך גיט פערהילט, אונד אַהיים געפאָהרען. עס האָט זיך נאָך פערגעהמען אַ פאַאר שטונ־דען זאָ זענען זיך אַללע געסט צי פאָהרען..

נאָ? ליעבע לעזער, זאָגט איהר אַז קיין שום מענטש לעבט ניט צו פריעדען.. וואָס פעהלט זאָ איינעם וויא דעם הערךן בלוטספרעססער? וואָס איהם פעהלט? קומט וועלען וויר זיך צי הערין, וויל עס איזט שוין שטיל אין אַ צימער בייא איין טישעל זיצט דער ווירטה פאָם הויז מיט זיין פרויא. דיא אַללע פאָן דאָרט זענין שוין געשלאָפען, נאָר וואָס זייא האָבען זיך נאָך פערנעהמין מיט פערשיעדינע גישפרעכע. וואָסזשע ביסטי גראַדע יעצט אַזויא מעהר צי טראָגען וויא אַ אַנדערט מאָל? פראַגט איהם דיא פרויא גראַדע יעצט.. זאָגט ער, מיילא וויא איך האַבע איינע אָפענע פאָסטען צי צאַהלען, דאָס קיממערט מיך זעהר וועניג. זאָל יענעם דאַרען דער קאָפף. אַבער איינינע טראַטען יאַגען אַן וואָס מען וויל זייא שוין ניט מעהר איבער שרייבען אונד וויללען זייא פראָ־טעסטירען, וואָס טיה איך דאַמאַלס? — נאָ? האָסט זיך מיר גער־זאָגט אַז דיא שרייבסט אַללעס איבער אויף אַ אַנדערען. אויף אַ אַנדערן. איך זאָג דיר דעם אֶמת איך האַבע גאָר ניט זאָ איין גיטען פריינד איך זאָלל צו איהם זאָ ווייט דאָס צוטרויען האָבען. אויך צי פיינמאַן האָסטי קיין צוטרויען? פרעגט איהם דיא פרויא. ער טראַכט אַביסעל דאַן זאָגט ער, עפּיס גיפעלט ער מיר אויך ניט. ער איזט טאַקע אַ פיינער מאַנן, אַבער זייט ער האָט זיך איבער־פליעסט מיט זיינע גישעפטע, אונד האָט זייא פערגרעסערט, אַז ער איזט געצוואונגען צי נעהמען זאָלבע געלדער אַז אַ יעדער האָט איהם אין דיא מאַלער געגעמען, אונד לעבט שוין ניט זאָ שפּאַר־זאַם וויא צופאָר מיט יאָהרען, ווייס איך טאַקע ניט וואָס זיין ענדע

קאָן זיין.. אַבער נאָר דאָס שטעהרט דיר וואָס האָסט ניט אויך וועהמען דאַס פערמעגען איבער צו שרייבען? פרעגט זיא איהם אונד פיר דעקלאַרען האָסט דיא קיין מורא? דאָס מאַכט מיר ניט אוים, זאָגט ער מיט אַ געמאַכטען קוראַש.. וואָלט איך נאָר מיט קרימינאַל אָבגעקוממען. וואָלט בייא מיר דאָס קלענסטע געוועהן דיא הויפט איך זאָל מיר קאָנען דאָס פערמאָגען פערזיכערן. ווען איך קאַנן אין וועניגסטען דיא טראַטען איבערשרייבען האָטש אויף 3 מאָנאָט, וואָלט איך שוין געקאָנט עפּיס אַ פּאָרטעל דערצי אויך אויסזוכען.. אין אַ שוועהרער זיפ׳ץ הערט זיך ניט ווילענדיג פאָם הערץ.. ווען לויפען אָן דיא טראַטען? ווען? דיא 24 טויזענד פר. אין 10 טעג אַרים. אין דיא איבריגע, אין 3 וואָכען. נאָ? האָסטי נאָך צייט.. איינסווייל ערגער דיך ניט.. פערליר ניט דעם קוראַש. ווייל ביז 10 טאָג קאָן מען נאָך מאַכען עפּיס קאַססע.. אַוועק קיקען מיט אַ פּראָצענטע... אַ.. עס איזט שוין 4 דער זייגער טיהט ער זיך אַ האַפּ געהן וויר שלאָפען.—

אַלזאָ איינסווייל וויססען וויר שוין אויך זיין האַרץ אונד בייא וואָס ער בעשטעהט. ער מעג שוין מאַכען שטענדיג זאָלכע בעלער ווער ווייסט ווער עס וועט דערבייא אויסגיסען דאָס באָד.. אַזוי פיעל זענט איהר אין וועניגסטען איבערצייגט וויא דיא וועלט איז געגאַרט. ווער וואָלט געזאָגט אַז בלוטפרעססער זאָל זיך אין זאָ איינע פּאָזיציע געפינען, ער זאָל דאַרפען זיין פערמאָגען אָבשרייי־בען..— אויך גיט צו וויססען.—

יעצט קאָנין וויר שוין געהין פאָן היער. עס איזט שוין טאַקע 5 דער זייגער.. איך ווייס אויך דאָס איהר זענט שוין פשוט פער־פרוירען שטעהענדיג.— וואָס זאָל זיך דאָרט נאָך לייכטען? אין דעם קליינעם באָרדעיקעל, איזט דאָרט אויך אַ באַלל?.. אַז וויר זענין שוין דאָ, קימט צו..— אַ קליין נידעריג באָרדעיקעל מיט ערד געדעקט. דיא איינגע שייבלעך וואָס זענען גאַנץ זענען אָן געזאַפּט מיט פראָסט אין מיט שנייע, איינגע צובראָכען מיט אַ זאַק פערשטעקט. מען קאַנן זיך שוין מערקען אַז אינוועניג איזט פיעל וועניגער פערפּיצט וויא בייא בלוטפרעססער אין סאַלאָן, אַ דונקעל לעכט ברענט אונד עס הערט זיך אַ טרויער שטימע עפּיס מיט וואָרטען. אַ. ריכטיג ער רעכט אָב חצות.. איהר הערט ניט

וויא ער שרייט אונד באַדויערט, (באו גוים בנחלתיך.. טמאו אֶת היכל קדשיך) אין אֱמת וויא עס זעהט אוים איזט ער דעם ווינטער שאָהן מיט אַלימען פערזאָרגט.. בלייבט איהם נישט מעהר צו זאָרגען וואָס מען האָט דאָס בית המקדש מטמא געוועהן.. אַז דיא פענצטערליך זענין אַבער אַזוי פערפּאַפּט אַז ניט איינמאָהל מען קאַנן אַריין קוקען וויא אַזוי איינער זיצט אין זאַ איין קעלט אונד בעדויערט דאָס בית המקדש.. ווילט איהר מיר גלויבען איהר מעגט לאַכען, איך גלויבע אַז בייא איהם איז דאָס איינגענעהמער אין האָט מעהר פערגעניגען פאָן דעם חצות וויא בלוטפּרעססער פאָן זיין באַל..—

יעצט בלייבט פיר אונז נאָך צו ערוואַרטען דעם באַל בייא ה׳ פיינמאַנן דעם 2 יענער בייא זיין עלטערער פריילין קאַראָלינע. דאָס וועטטער האָט זיך עטוואָס גיענדערט, דער ווינד האָט גאַנץ אויפגיהערט אין דיא גאַסען הערט זיך שאָן דער ראַאַש פאָן דיא שליטען מיט דיא קלינגערס.. דיא געוועלבע זענין שוין אָפען, לופט־מענשען לויפען אַרום וויא דיא פערסאַמטע מייז, דער הין דער הער צו זוכען פרנסה.. דאָרט פיהרט אַ מעקלער איינינע שליטען מיט ברענ־האָלץ צו איין געוויסען הערר אונד פערדינט דערבייא אַ האַלבען פראַנק. ער קימט אַהיים פאַל פרייד אונד מען מאַכט מיט דעם איין מאָלצייט דער גאַנצער פאַמיליע, מען עסט מיט געשמאַק אונד מיט פערגעניגען אָהנע עס זאָל איהם פאָרקימען אַז מען וועט איהם פראָטעסטירען זיינע טראַטען.— דאָרט געהט איין האָלץ העקער אין טראָגט אַהיים אַ קילאָ פ״פ מיט אַ פירטעל קילאָ ברינדזע אין מאַכט אַ באַל. גאָט האָט איהם געהאָלפען ער האָט געהאַקט האָלץ אונד האָט דעם טאָג פערדינט 2 פר. מעג ער זיך שוין פערגיננען זאָ איין מאָהלצייט פיר זיין פאַמיליע צו מאַכען.

## ענדע ערשטער טהייל.

# צווייטער טהייל

דאָרט געהט איין וואַסער טרעגער מיט 2 דישקעלעך וואַסער אויף דיא פּלייצעס אָן געפּרווירען פאָל איין פאָן דרויסען ער האָט זייא קוים פערטראָגען, זאָ האַט ער דאָך דעם טאָג 10 רינד וואַסער געטראָגען אונד האָט פערדינט, אַנדערט האַלבען פר. נאָ? מעג ער זיך שוין פערגינען אַ גיטען נאַכטמאַל צי מאַכען? פיר זיין פאַמיליע. — קורץ זאָ אַיעדער אין זיין גראַד.. עס איזט וואַהר, זייא אַרבייטען מיט שוויס ביז זייא זעהן זיך מיט אַ פר. פערדיענט, דאַגעגען עסען זייא מיט געשמאַק, אונד שלאָפען אָהנע קאָפּף דאַרענעש זייא האָבען קיין מורא אַז וויא מאָרגען זאָלל מען זייער פערמעגען סעקוועסטרירען ... אַלזאָ וועהר פאָן דיעזע לעבט צופריעדענער? צי דער אַרמער האָלין העקער צי דער רייכער בלוטצאַפּער.. אַבער אינטער אינז געשפּראָכען, וועלכער פאָן דיא קלאַסען זינד צום בענידען? פיר דער האַנד איז מען געוויס מקנא דאָס הויז פאָן בלוטפּרעסער וויא מען לעבט אונד מען לאַבט. ער קאַן אַבער דאָך עוויג ניט עקזיסטירען, ער זאָל אויסנאַרען פרעמדע געלדער וויא ביז יעצט איזט שוין אונמעגליך, ווייל ער איזט שוין בייא יעדען בעקאַנט.. אונד דיא אַללע טראַטען וואָס איהם קוועטשען מוס ער טוידטערהייט צאַהלען, עס וועט איהם גאָר ניט העלפען, אַלזאָ קימט יעצט אויס, אַז גראַדע ער זאָלל יעצט מקנא זיין דעם אָרימען האָלין העקער וואָס ווייסט אַז ער פערדינט דעם פר. עסט ער איהם אויף במנוחה אָן קאָפּף דאַרעניש, אין שלאָפט פיעל געשמאַקער אַלס ער.. שמיסט ווידערום מיט דעם האָלין העקער וועט ער אַוועק געבען זיין גאַנצעס לעבען פיר איין שטונדע פערגעניגען ער זאָל זיך קאָנען מאַבען וויא בלוטפּרעססער.. יוא עס איזט אַ געגאַרטע וועלט.. מען נאַרט זיך איינער אין אַנדערען..

דיא מאַדאַם פיינמאַנן וועה'רענד זיא איז אַהיים געקוממען פאָם באַל האָט זיא געהאַלטען אין איין רעדען דערפין אונד צום פערשטעהן געגעבען, צי עס איזט כדאי צי ראַבעווען אַ וועלט מענשען אונד זאָלבע בעללער צו מאַבען.. יעצט באַרעבענט גיט וויא דיא מענשען נאַרען זיך אויך מיט דעם איינער אין אַנדערן אין הויזע פאָן ה' בלוטפּרעסער זינד דיא פאַמיליע פיינמאַנן פערעבענט פיר דיא בעסטע גיטע פריינד, אַם ענדע קריטיזירען זייא אויך אינטער דיא אויגען... זאָ איזט דיא וועלט...

## דער 2 טער יענער

עס האָט זיך איינגעפאַנגען צי ראַאשען בייא ה' פיינמאַנן
צי הויזע אויף אַ גאַנץ אַנדערען אופן, דיא פרויא פיינמאַנן וואָס
האָט דעם באַלל בייא ה' בלומפרעססער שוין בייא געוואָהנט, וויל
זיא יעצט מיט איהר באַל גאַנץ איבערשטייגען. דאָס פאָרבעריי־
טונג וואַר אונגעהייער, אַז עס זאָל יעדען איינציגען איבערראַשען.
דעם אַראַנזשעמענט האָט מען איבערגעבען איינעם פאָן דיא הויז
לעהרערס.. אום 3 אוהר נאָכמיטטאַג זעהט מען זיך אַרום דרייען
אייניגע פריילין זייער רייך פערפוצט דיא עלטערע פאָן זייא מיט
איהר טראַגע שטייגט זייא נאָך איבער, אַבער זעהר צוטראָגען
זעהט זיא אויס צי זיין. זיא זיצט ניט איין קיין 2 מינוט זיא געהט
אַללע מאָהל צי דער פיאַנאָ אין לויפט דורך מיט דיא פינגער..
דאַן לויפט זיא צו דיא פענצטער אין קוקט, אין צוריק צי דער
פיאַנאָ. יוא, זייער שטאַרק צוטראָגען, עס איזט גלייך קענטיג דאָס
זיא ערוואַרטעט יעמאַנדען מיט אונגעדולד. איין פריילין זיצט אין
אַ עק טישעל אין לעזט אַראָמאַן, (פאָן פאול דע קאָק). איינע
שטעהט געגען שפיגעל אונד בעשעפטיגט זיך מיט פיערערלייא
שעכטיל פאָדער דאָס געזיכט מיט דעם האַלז אונד פיר דיא ברעמען
מיט אַנדערן פאָדער אויף דיא ליפען מיט גאַנץ אַנדערן, געוויס
אַיעדעס מיט אַ גאַנץ אַנדערן קאָליר, לויט דער זשורנאַל פערר־
לאַנגט. אין אַ אַנדער צימער דרייען זיך אַרום אַ פאַאַר קליינע
קינדער וואָס אַ גובערנאַנטען פיהרט זייא בייא דיא הענדלעך..
אין אַ דריטען צימער זיצט אַ אַם מיט אַ פיצעלע קינד.. נאָר
דעם גליקליכען מאַנן פאָן דעם וואָהנונג האָבען וויר נאָך ניט
דיא עהרע צי זעהן. מען הערט פאָן דרויסען ציהען דעם גלאָקען
שנור.. אין באַלד דערבייא הערט זיך לייכט אָנקלאַפען אין דער
טיהר. אַנטרעה.. הערט זיך אַ שטימע פאָן אינוועניג..—

עס ערשיינט אַ יונגער מאַנן נאָבעל געקליידעט. ער האָפט
אַראָב פאָן זיך דעם צעלענדער הוט אונד פערבעגט זיך טיעף,
פיר דעם פריילין וואָס זיצט בייא דער פיאַנאָ, אונד פראַגט זיא
אויף פראַנצעזיש וויא אַזוי זיא בעפינדעט זיך, דיא האַנד אָנגע־
מעגדיג, זיא דאַנקט איהם אויף מיט אַ פערביג דערבייא, ער

פרעגט זיא אויף איהרע אַנדערע שוועסטער, זייא מאַבען דעם טאָאַלעט.. אַ.. מאנשער פרידריך, איך ערוואַרטע זיא שוין פאָן אַ פאַאַר שטונדען ווענן ווער זאָללען דעם באַל אַראַנזשירען אויף היטע אַבענד, צו דיענען פריילין פיינמאַנן. האַבען זיא שאָן דיא קאַר־טען צו שיקט? אָ יאַ.. נאָך געסטערן. זעהר שעהן, זעהר שעהן. זאָגט מאנשער פריעדריך.. אויך איך זאָגט ער האַבע בעשטעלט 32 קאַוואַלירען אַללע גאַלאַנטע יונגע לייטע. איך דאַנק אייך מאנשער פרידריך זאָגט פריילין קאַראָלינע, איך ווערדע איהנען אימער דאנקבאַר זיין פיר אייער מיהע.. ווען פאַנגט איין? אַרום ניינע אַבענד מאַנשער פרידריך נעהמט אַרויס אַ צעטעל פאָן זיין טאַש וועלעבס עס שטעהט אויסגערעבענט דיא נאָמען פאָן דיא קאַוואַלירען אויך וועלבע וועלען דיא הויפּט ראָללע שפּילען.. אונד פאַנגט אַן אויסצירעבענין דיא הויפּט פאָן זייא: ה׳ מאַקס מאַנגעלבראָט. ה׳ פראַנץ הונגערמאַנן, יאָזעף קאַפּציגזאָהן. ה׳ זשאַק געלדפערלוסט. ה׳ אַלבערט שטרענגאַרעסקאָ. דיא אַללעזעגען בעריהמטע טענצער, זאָגט ער. איך דאַנק אייך מאנשער פריעדריך דיא אַללע זענין מיר זאָגאַר אונבעקאַנט.. נאָר גענוג דאָס זיא קאָנין זייא. גאַנץ געוויס זאָגט מאַנשער פרידריך מיט שטאָלץ אין הערעהט זיך דערבייא אַ האַלבע וואָנצע. — ער האָט אויס־גיזעהן גליך וויא ער איזט דער זיגער פאָן פּלעוונאָ אונד צו איהם מעג מען צוטרויען האָבען, ענדליך טיהט ער זיא אַ פראָג אויף דער אַנדערער שוועסטער.. זיא מאַכט זיך דעם טאָאַלעט. אַ. גיט אין נעמט דערבייא אַרויס דעם זייגער אַ.. עס איזט שוין שפּעט אונד איך האַבע נאָך אייניגע זאַכען צו פערזאָרגען, באָנזשור.. פריילין קאַראָלינע, זיא אָנגעטענדיג בייא דער האַנד. צום ווי־דערזעהן זאָגט דאָס פריילין מיט אַ שמייכעל.. ער געהט אַב.

דאָס פריילין געהט צו צום שפּיגעל אונד בעטראַכט זיך אין טיהט דעם זעלבען שמייכעל וויא פאַר פריעדריך׳ן זיא זאָל זעהן וויא אַזוי עס האָט אויסגעזעהן.. אין טיהט אַ לויף צו דער פּיאַנאָ אונד לויפט איבער הין אין צוריק מיט דיא פינגער.. זייער איין געשייטער יונגער מאַן איזט דער פרידריך. טראַכט זיא בייא זיך ווען... עפּיס אין איהר פאַרגעקומען אַ געדאַנק. אַבער דיא טיהר האָט זיך געעפענט אונד דיא מוט[illegible] ערשיינט. מוטטער! גיט זיא

אַ גישרייא, ערשט יעצט איזט מאַנשער פרידריך פאָן דאַנען וועק געגאַנגען. ער האָט מיר מיטגעטהיילט אַז עס איזט שוין אַללעס אין בעסטער אָרדנונג, ער האָט שוין דיא אַללע קאַוואַלירע בעשטעלט, זעהר אַנשטענדיגע יונגע לייטע וויא לויט ער האָט מיר אויסגערעכינט.. מען מעג זיך שוין אויף איהם פערלאַססען זאָגט זיא צי דער מוטטער.. גאַנץ געוויס זאָגט דיא מוטטער, „דער באַלל מוס זאָ אַראַנזשירט זיין מען מוס וויזען דער פאַמילע בלוטצאַפּער האָטשי דיין פאַטער באַרירט ניט קיינע פרעמדע געלדער יעדאָך איז ער אויך אים שטאַנד אַ שיינעם באַלל פיר געסטע צי שאַפען. אַז דיא האָסט בעמערקט דאָס שטאָלצירען פאָן איהר וויא זיא האָט זיך אַללס פאָהרגישטעלט גלייך קיינער ווייסט ניט אַז דאָס איזט געראַבעוועט פאָן אַ יעדען איינציגען. דיא האָסט דען גיזעהן זאָגט קאַראָלינע דיא פריזענטערעס וואָס איהר פאַטער האָט איהר געבראַכט, אויך פיר איהר מוטטער.. איך זאָגט דיא מוטער וואָלט ניט געוואָלט זאָלכע פריזענטען, אויך זאָ איין אויפפיהרעכין אונד לייטע זאָללען מיט מיר צי טאָהן האָבען... דאָס געשפרעך האָט געדויערט אַ פאָללע שטונדע וויא מען האָט געהאַלטען אין איין קריטיזירען אויף דער פאַמיליע בלוטפרעססער, וועליכם אין דיא אויגען זענען זייא דיא כפרה איינם פיר דאָס אַנדערע, זאָ פיעל אַ מענש איזט אויף זיך קיין מבין. דאָס איזט שוין אַ אַלטער כלל גלייך זיא איזט בעססער פאָן יענער, וויא וויט זיא האָט שוין איהר מאַנן אויך אַרויס געבראַכט.. אַז וויר וועלין לעבען וועלין וויר איהר ענדע אויך זעהין. נאָר וואָס אַ מאָהל וועט זיין, איינסווייל לעבט מען אין מען לאַכט.

קאַראָלינע לויפט אַללע מאָהל צי צים שפיגעל אין ווענדעט זיך אין אַללע זייטען אין בעטראַכט זיך.. וויא אַזוי זיא זעהט אויס זיא שטעלט זיך פאָהר געגען שפיגעל מיט פערשיעדענע מינעס, זיא טיהט אַ שמייכעל זיא פערקנייטשט זיך אַביסעל, זיא מאַכט אַ ערענסט געזיכט, אַללעס וואָס איהר קאָן פאָרקימען פיר דיא מענשען פאָם באַל צו בענוטצען, מאַכט זיא רעפּעטיציע געגען שפיגעל, זיא זאָל זעהן וויא אַזוי עס וועט אויסזעהן.. זיא גלויבט אַבער נאָך ניט דעם שפיגעל לויפט זיא צי אַ אַנדערן שפיגעל מיט דיא זעלבע מינעס.. אויך דיא מוטער אין דער אַנדערער זייט.

אין אמת עס וועלען קימען זאָלכע איינשטענדיגע קאַוואַלירען וויא לויט מאנשער פרידריך האָט פאָרגעשטעלט דאַרף מען וויססען וויא אַזוי געגען זייא זיך צי בענעהמען, וויל דיא יעצטיגע יונגע לייטע וועהרענד זייא שפרעכען מיט איין פרייליין בעטראַכטען זייא זיא גיט מיט אָפענע אויגען אויף דער מינדעסטער מינע וואָס זיא מאַכט.. זייא זאָללען וויססען מיט וועהמען זייא האָבען צו טוהן. זאָ האַט זיא שוין רעכט זיא זאָל זיך ראַטהען מיט אַללע שפיגעל פאָן דאָרט, מיט וואָס פיר מינעס זיא זאָל דעם אַבענדס פאָהרקיממען.. דערבייא קיממען צי דיא אַנדערע 2 פרייליין מיט פערשיעדענע קאָלירען אָן געפּאָדערט, אונד באַטראַכטען זיך אויף וויא אַזוי זייא זעהן אוים. איינער האָט מען אַ פעהלער אויסגע־זעצט זיא האָט זיך ניט רעגולירט געפּאָדערט, אונד מען האָט דעם פעהלער גלייך אויסגעבעסערט. קורץ זייא האָבען צישען זיך קאָנסילום געמאַכט אונד אַללעס אין אָרדנונג געפינען.

אויף אַ מאָהל עפינט זיך דיא טיהר, אונד דער הויז הערר זעלבסט קימט אַריין, אונד באַטראַכט דיא קינדער מיט דער פרויא אין מיטען, ער ציהט אויף מיט דיא אַקסעל. זייא האָבען בייא איהם אויסגיזעהן וויא דיא אַקטיאָריצעס, יעדעס באַלמעסיג פער־פיצט, דיא פרויא לויפט איהם אַקעגען, נאָ? וואָס זאָגסטי אויף דיין גראָם פרייליין? ער האָט אַפילו אין זיך אַ געדישטין זיפ׳ן געטוהן.. נאָר עס העלפט ניט ער האָט זיך שוין איינמאָהל עס־קאָפּעט מיט אַ האָר פאָן דער באָרד.. זאָ שלעפט שוין מיט דיא גאַנצע באָרד..

וואָס שווייגסטי? פערדינאַנט. פרעגט איהם דיא פרויא מיט אַ שמייכעל. (זיין נאַמען וואַר פישיל כמעט פאָן זיין געבוירען.. געוויס איזט שוין דיא ריכטיגע צייט געקימען ער זאָל שוין הייס׳ן פערדינאַנד..) ער שטעהט אין בעטראַכט דיא גאַנצע סצענע וויל ער האָט גאָר פאָן זאָ איין פאָרבערייטונג גיט אָנגעהויבען צי ווי־סען. ניט דיא פרויא האָט איהם געזאָגט אום מען זאָל איהם אי־בערראַשען, ער ווייסט זייט ער האָט איינגעפאַנגען דעם גרויסען צי שפילען אונד זיין פרייליין קאַראָלינע האָט איינגעפאַנגען צי פייערען איהר געבורטסטאַג, פלעגען צי קימען איינגע פרייליין זיא צו גראַטולירען, אַבער זאָ איינע צערעמאָניע האָט ער נאָך

ניט בייא זיך ביגעוואָהנט. נאָר זייט זייא האָבען בייאגעוואָהנט דעם געבורטסטאַג בייא פריילין בלוטפרעססער. דאַרף מען שוין זעהין יענעם באַל איבערצישטייגען, דאַדורך האָט דיא פרויא פיינמאַנן זאָ איין פאָרבערייטונג געמאַכט אַז מען האָט זיך ניט גערקאַנט שעהמען עס זאָל הייסען אויך אַ חתונה.

אַז הר׳ פישעל (ה׳ פערדינאַנד וויל איך זאָגען) איז פליצים אַריין געקימען אונד זעהט זייא אַללע זאָ רייך פערפיצט, איזט ער געבליבען שטעהן וויא דערשלאָגען, זאָ פרעגט איהם זיין פרויא וואָס ער שוויגט? אונד אויב עס געפעלט איהם. וואָס זאָל איך זאָגען זאָגט פערדינאַנד האַלב צאָרענדיג. אַביא עס זאָל דיא קאַוואַלירען געפעללען. (זאָגט ער צישען דיא ציין) אונד געהט אַב. מוטטער! וואָס איזט עפּיס דער פאַפּאַ זאָ אונמוטהיג? פרעגט דאָס פריילין. קאָנסט איהם ניט? אַנטוואָרט דיא מוטער זאָ איז ער. אין מיט דעם נאַראַוו וועט ער שוין פעגערין.. זאָגט זיא מיט פאָלל צאָרען. נאָך ווייסטי ניט אַז אין בעסטען אונטערהאַלט פאַלט אויף איהם היממעל אונד ערד.. איך קאַן דיר שווערען אַז איהם פערדריעסט דאָס גאַנצע.. זאָ פיעל איך מאַך מיר אַוודאי פאָן איהם איך טיה וויא איך וויל אָהנע איהם צי פרעגען. מען דאַרף שוין בעסער אַללעם פאָרבערייטען עס איזט שוין פינף אוהר.. האָסט רעכט, עס וואונדערט מיך וואָס דיא מוזיק איזט נאָך ניט דאָ? זעהסטי זאָגט דיא מוטטער וואָס מיר איז איינגעפאַלען אויך מוזיק צו בעשטעלען. עס וועט שוין פיעל מעהר עפעקט מאַכען וויא בייא דער מאַדאַם בלוטפרעססער. זייא וועלען זיך יעצט געפינען מיט פיעל צוריק געזעצט וועהרענד זייא וועלען דעם באַלל ביירוואָהנען. דאָס פריילין האַפּט אַרים דיא מוטטער אין קיסט זיא דאָס ווייסט שוין אַיעדער זאָגט זיא, דאָס איך האַבע אַ געשייטע מוטטער. — זיא זעצט זיך בייא דער פיאַנע אין שפּיעלט אַ מאַזאָרקע אונד דיא אַנדערע 2 פריילין טאַנצען איינסוויל. אין קיקען אַלס אין שפּיגעל וויא אַזוי עס וועט דערגאַנץ אויסזעהן. זייא שטעלען אַבער נאָך ניט אויף דעם שפּיגעל טאַנצען זייא געגען אַנדערן.. זאָ האָבען זייא פאָן איין שפּיגעל צים אַנדערן אויסגעטאַנצט דיא מאַזאָרקע.

דער פאָטער געהט אַרים בייא זיך אין צימער הין אין צוריק

מיט אונגעוועהנליכע שריטטע.. דיא ציגע פאָם געזיכט צייגען דאָס
בייא איהם אין הערץ קאָכט וויא אַ קעסעל.. וועהרענד ער האָט
פליצים ערפאַהרען דיא צערעמאָניע.. אַה.. טראַכט ער בייא זיך
צו וויט בין איך פערקראָכען. צו פיעל האָט מיך דיא פרויא בע־
וואָגען.. זאָ וויט זיך אין אַ פרויא אַריין צו לאַסען? אָן רעכע־
נונג וויא קאָן איך הין קומען?. אונד מיין ענדע קאָן זייער שלעכט
אויס פאַלען.. צו צאַהלען צינזען נאָך פאָן זאָלכע בלוטיגע געלדער
פאָן אָרימע אַלמנות אין יתומים. זייא זאָלען אויף מיר האָבען צו
וויינען.. אונד צו מאַכען זאָלכע בעללער? וועלין מיך דען אַנ־
דערע ניט באַרעכענין? וואָס וויסען שוין פאָזיטיף אַז איך באָד
שוין מיט זאָלכע געלדער, וויא מאָרגען קאָן מען דען ניט מיין
הויז בעלאַגערן ווייל איך האַלט דיא טראַטען אין איין איבער־
שרייבען. זאָ פיעל איך מאַך מיר קוראַש אונד מאַך אַביסעל חן
דאָס איך וויל ניט מעהר האַלטען זאָלכע געלדער אונד מעהר איך
שרייא דאָס איך וויל צאַהלען, מעהר שפאַרט מען זיך מיט מיר
איך זאָל עס ווייטער האַלטען.. אַבער זייא זאָללען טאַקע זייער
געלד פערלאַנגען, בין איך אין שטאַנד? שטימט מיט איהר ברענגט
זיא אויס אַז זיא האָט מיך אין קרעדיט אַריין גישטעלט.. יוא
קרעדיט אַבער בייא מיר דאַרף איך פאָרבערייט זיין אַז עס יאָגט
אָן אַ טראַטע זאָל איך קאָנען צו האַלטען. קוים ניט? בין איך
זיך ערגער וויא פערלוירען.. דער באַל מיט דעם טאַלעט וואָס
קאָסט זייא יעצט.. וואָלט איך געקאַנט לויז ווערין פאָן 3 אָרימע
יתומים וואָס וועלין מיך וויא מאָרגען צו זעצען דאָס זייא דאַרפען
דאָס געלד זייערע חתנים געבען.. זאָל מען בייא דער צייט זאָלכע
געלדער פערשווענדען אויף בעללער, זאָ מעג מען מיך שוין אויך
אַנשטאַט פיינמאַנן, בלוטפרעססער רופען. — אונד איך פערדיען
דאָס.. זאָ וויט אַ ווייב נאַכצוגעבען, אָהנע זיך צו בעדענקען..
וואָס וועט זיין נאָך דעם באַל? מען וועט געבען דיא זעלבע קריי־
טיקע איבער מיר וויא איבער בלוטפרעסער.. אַללע זיינע בעסטע
גיטע פריינד זענען גור אַוועק געגאַנגען האָבען זייא שוין זייער
מיינונג געזאָגט אין דערבייא זיינע ביינער פערשאָלטען צו זיין
אַ בלוט פרעסער.. אונד וויא מען נעהמט צאַהלט מען ניט..
אַ יעדען איינציגען צו רויבען... אַס ענדע מאַכט מען זאָלכע

בעללער? מיט פרעמד בלוט.. האָטשע זייא האָבען זיך ערשט צו פאָהר מיט אַ פּאַאר שטונדען אין דיא פּיסקלעך געקוסט אונד דיא זעלבע געקוסטע פּיסקלעך קריטיווירען דערנאָך איבער איהם נאָך מיט קללות דערבייא. בייא מיר קאַן פאָהרקומען מיט אַ אַנדירען ניגן צו צאַהלען צינזען פיר זאָלבע אַרימע געלדער, אונד זאָלבע בעלער מיט לוקסען צו פיהרען.. איזט ניט איינס אונד דאַס זעלבע? . וייל ווייא מאָרגען קאַן איך נאָך זאָ איין באַל זעהר ליבט זאָ איין נאַמען ערדייבען. איך קען שוין גוטע בריעדער אויף א שמחה.. ביים עססען אין טרינקען זענען זייא דיא בעסטע גוטע פריינד.. אונד אַז עס לאָסט זיך אויס דער בודעם ווער ערקענט איהם שוין גאָר? ניט אַ מאָהל זייא ווילען איהם קענען. אין געגענטהייל זייא פערפאָלגען איהם פיעל ערגער מיט זייערע מיילער וויא אַנדירע.. אין זאָגען דערבייא וויר האָבין געוויסט אַז זיין ענדע וועט אַזו זיין. טאַג אונד נאַכט בעלער.. מיט זאָלבע לוקס צו טרייבען.. ווער שמיעסט אַז וועל ח"ו (איך זאָל גאָר ניט ערלעבין טראַכט ער בייא זיך) שאָן בלייבען שטעהן מיטען צאָהלען . . . שטאַט מיט מיר מיטלייד צו האָבען וועלין זאָלבע נאָך זיין אין דער שפּיצע מיך צו פערפאָלגען.. זייא האָבין פאָרט בייא מיר טאַג אונד נאַכט זיך אינטערהאַלטען.. (עיין בספרי בית יעקב או דמעת עשוקים ח"א) מיט דיא געדאַנקען איזט ר' פישיל אָדער (פערדינאַנד) וויא זיא ריפט איהם אַרים געגאַנגען איבערן צימער אונד בעדויערט זיין לאַגע..

קימט ליעבע לעזער וואָס ניטצט אונז זיך צו צו הערען צו זיין פאַנטאַזיע וואָס איהם דריקט עפּיס אויף זיין הערץ איז אויף אונז מיטעל צו וויסען?.. קימט ליעבערסט וועלין וויר דעם באַל.. (אין ווארום זאָלען וויר טאקע ניט אָן ריעפען סאָרעע?) בייוואָהנען אַ עס איזט זייער רייך פערפיטצט.. אונד דעסטגלייבען שעהן בעליכטעט. אַז עס איבערראַשט ביים אַריין קימען, פיעלע פאָן דיא געלאַדענע געסט זיצען אויס געזעצט בייא דיא טישען, אונד בעשעפטיגען זיך איינסווייל מיט פערשידענע דאָלטשעצען אויך מיט צוקער בעקערייא.. דיא צייט זיך צו פערברענגען ביז דיא מוזיק וועט קימען. אויך דערבייא מיט פערשידינע געשפּרעכע נאָר הערט איך צו בייא יעדען טיש וואָס מען רעדט. —

דאָרט בייא איינעם רונדע טיש זיצען 3 פאַמיליען וואָס בעשטעהן פאָן 3 פרויען, אונד 4 פרייליין. (דיא פרויען צישען זיך) וואָס זאָגט איהר דערצי מאַדאַם עקשטיין. וויא אַזוי גאָטט רעבט אויף אַ מענשען. איהר געדענקט ווען זעניז נאָך געזעסין אין דעם נידעריג הייזבען. אויב איך געדענק? וויפיעל איזט דען אין דעם? קיינע זעבצען יאָהר.. נאָ.. פאַר וואָס ניט, גאָט מאָג זייא העלפען זענין זעהר פיינע מענשען.. איבערהויפט דיא פרויא? מען זאָגט אַז דורך איהר האָט ער זאָ וויט עררייבט.. זיא איזט זייער אַ געשייטע פרויא.. אין בייגט זיך אָן אין ראָמט איהר איין אין אויער מען זאָגט אַבער אַז זיא איזט אַ גרויסע פערשווענדערין אין ער קריגט זיך מעהרירע מאָהל מיט איהר דאַריבער.. יאַ, איהר ווייסט ניט, אַנטוואָרט דיא אַנדערע, מעהר רייבער מעהר קאַרגער.. זיא איזט אַבער געשייט אונד מאַכט זיך פאָן איהם ניט.. בערעבענט דיא צערעמאָניע וואָס דאָס דאַרף צי קאָסטען.. אַז גאָט העלפט מען קאָן לעבען.. וואָרום זאָל מען זיך ניט פערגינען.. זיא זאָל וויססען אַז עס איזט איבער דיא קרעפטען וואָלט זיא זאָ איינע צערעמאָניע ניט געמאַכט. אַ וועלט קאָן מען טאַקע ניט נאַאַרען מן הסתם אַז דיא וועלט האַלט איהם פיר אַ גרויסען עושר געוויס איזט ער.. אונד דערצי נאָך אַ פיינער מענש. מעג איהם טאַקע גאָט העלפען.. עס איזט אַ פערדרוס אויף זאָ איינעם וויא בלוטפרעססער. וויא ער איזט אַ עושר מיט יענעמ׳ס.. אונד וויא ער נעמט וויל ער ניט צאָהלען..— אַ גלייבען.. זאָגט דיא 3 טע דער איזט טאַקע אַ גרויסער עושר, אונד וויפיעל מען שעצט איהם האָט ער נאָך פיעל מעהר. אַ בעוויז ער האַנדעלט מיט אייגען קאַפיטאַל, ער פערלייעט נאָך אַנדערע. מיין מאַנן האָט מיר ערצעהלט וויא מען לויפט איהם נאָך מיט געלדער אָהנע פאָן איהם צינזען צי פערלאַנגען, פשוט זאָלען בייא איהם בלויז זיכער זיין אונד ער וויל ניט אַננעהמען, פערשטעהט איהר שוין וואָס פיר איין עושר ער איזט? זאָ איינער וויא ער מעג שוין זאָ איין גראָסאַרטיג לעבען פיהרען. אָן זיין שאַדען אויף אַללע אונזערע ליעבע.—

ביים אַנדערען טיש קומט שוין וואָס אַנדערעס פאָהר. עס איזט וואָהר זאָגט איין פרויא צו דער אַנדערער לויט מען זעהט אַרויס איזט ער אַ גרויסער עושר, איך האָבע אַבער געהערט דאָס

ער צאָהלט פּראָצענטע פאָן זעהר אָרימע געלדער. וואָס פיר געלד עס קומט איהם פאָהר לאָסט ער ניט אַוועק.. ווער האָט אייך דאָס געזאָגט? פרעגט זיא דיא אַנדערע, מיר האָט געזאָגט ר' שלמה אַבעלעס פרויא וויר זענין צוזאַממען געוועהן אין באָד, איזט צו רעד געקוממען פאָן איהם וויא אַזוי זיין הויז ווערט יעצט זאָ גראָסאַרטיג געפיהרט, האָט זיא מיר געזאָגט הלוואי זיין ענדע זאָל גוט זיין. ווייל בייא איהר איזט דאָ אַ דיענסט האָט זיא בייא איהם 6 הונדערט פר. אונד ער צאַהלט 5 פּראָצ. צינזען דאַפיר, וויא לויט דיא וועלט שמיסט, ליגט בייא איהם זאָלכע געלדער אָהנע צינזען צו צאָהלען. אַבער פאָן זאָלכע געלדער צינזען צו צאַהלען איזט עפּיס ניט גלאַט.. נאָך מעהר האָט מיר דיא מויד ערצעהלט (אין ראָהמט איהר איין אין אויער) אַז ער האָט איהר אָנגעזאָגט אַז זיא זאָל ניעמאַנדען ערצעהלען דאָס ער צאַהלט איהר צינזען ווייל נאָר איהר טוהט ער ציליעב, ווייל ער האָט איהר פאַטער געקאָנט, זאָנסט פאָן אַנדערע וויל ער גאָר זאָלכע געלדער ניט אַננעהמען. נאָ? לאָזט זיך דאָס רעדען.. דיא אַנדירע שאָקעלט צו דערבייא מיטן קאָפּף אין זאָגט איז מעגליך אַז אַ וועלט זאָל זיך אין איהם זאָ ווייט נאַארען?.

ביים 3 טען טיש זיצט דיא פאַמילע בלוטפרעסער. אונד זעהן דיא צערעמאָניע. אויך ליגט בייא יעדען טיש איין פּראָגראַם וויא אַזוי דער באַל וועט פאָרקאָמען.. זאָ זאָגט זיא צו דיא איבריגע וואָס נעבען איהר (שטילערהייט). איך פערשטעה דיא מענטשען ניט.. איך וויל מיך ניט פאָרשטעלען, נאָר דער וועלט איזט בער קאַנט דאָס ער פערמאָגט קיין העלפט פאָן מיין מאַנן. איך האַבע אויך געמאַכט אַ באַל צו מיין עלטערער פריילינס געבורטסטאַג, נאָ? דאַרף מען זאָ איינע צערעמאָניע מאַכען מיט מוזיק? גלייך זיא וואָלט געוועהן דיא ראָטהשילד.. דיא אַנדערע וואָס נעבען איהר זיצען. בעטראַכטען דיא פרויא בלוטפרעסער וויא זיא איזט שטאַרק בעז. זייא קיקען זיך אָן איינע דיא אַנדירע אין שלעפין זיך אינטען אַרים, אין דערבייא שישקען זייא זיך אין דיא אויערען. אין דיא אויגען איזט זיא מיט איהר דיא בעסטע פריינדען. אַס ענדע שילדערט זיא אויף איהר נאָך בייא איהר אין שטיעב.. אַזוי וויא דיא פרויא בלוטפרעסער האַלט אַן איין רעדען צו זייא.

אין שטעלט פיר זייא פאהר. זא זענין זאגט זיא דיא אויפגעקי־
מינע. באלד פיהרט עס א רעסטאקראטיש לעבען... אין דעם קימט
צו דיא פרויא פיינמאנן, אין זעהט דאס דיא פרויען וואס זיטצען
צו זאממען מיט דער פרויא בלוטפרעסער געניסען גאר ניט וואס
פיר זייא שטעהט, זא זאגט זיא צו דער פרויא בלוטפרעסער איך
בין ברוגז אויף איך, ווארום געניסט איהר ניט, ווא אזוי מען האט
עס אנידער גישטעלט, אזוי שטעהט עס.. דארף מען דען שטעהן
געבען איך צו צוטרייבען? ערגערט איך ניט זאגט דיא פרויא
בלוטפרעסער, מיט א פריינדליכען טאהן זיא אנגעמענד בייא דער
האנד דיא דאגות זאלען איך בלייבען, איך שמים דא וויא פאל־
קאם איהר האט ארענשירט. גאט זאל איך העלפען אי"ה אויף
קאראלינעס פערלאבונג דארף מען קיין שענערען באל... (אין
ווארפט דערבייא א זייטען בליק צו דיא אנדרע..) איינס ערגערט
מיך נאך זאגט דיא פרויא פיינמאן, (זא ערענסט אהנע זיא זאל
וויסען וויא מען שטעלט זיא דא פאהר) וואס דיא מוזיק זענין נאך
ניט דא. איך וויים גאר ניט וואס צו קלעהרען.. עס איזט שוין
עלעף דער זייגער, זא פיעל איזט מיין האפנונג דאס מיין לעהרער
פרידריך איזט נאך ניט דא, געוויס וויל ער אן זייא ניט קימען.
אין געהט צו דיא אנדערע טישען. — אין דעם ריפט זיך אן דיא
פרויא בלוטפרעסער מיט א שפאטישען טאהן: ווען עס זאל קיין
מוזיק זיין וואלט געוועהן דיא סוכה פסול.. בייא מיר האט גער
מעגט זיין אהן מוזיק.. זא זענין דיא אויפגעקימענע אין שלאגט
זיך דערבייא מיט איהר האנד, אין פיסק, עס הייסט אז גאט זאל
זיא ניט שטראפין פיר דיא רעד.. אין ראהמט איין שטילערהייט
צו דיא אנדירע, איהר ווייסט דאס איהר פריילין ליעבט זיך מיט
איהר לעהרער.. פיליכט דענקט איהר אז דיא מוטער ווייסט ניט
דערפאן, נאר זיא מאכט זיך ניט ווימענדיג.. — דאס נאכגעבען
דיא שמד וויא זיא גיט נאך דיא קינדער ווערען זייא מיט ווילען
געהרען פערדארבען, מען זאל זייא איין אויפצוג מאכען. דאס
אללעס שטאמט מאקע פאם לעהרער.. — איהר מיינט אז פיינמאנן
פיהרט דאס הויז? ניין דער לעהרער.. אין דערבייא געהאלטען
אין איין שולדערען.

(זא איז דיא יענע וועלט, אדער ריכטיגער צו זאגען דיא

יעצטיגע פאליטיקע וואס אינזערע עלטערען האבען זא וואס ניט
גענוויסט. זא צו פערגאנבינגען יענעמס געדאנק, צו רויבען יענעמס
הערץ, צו צייגען זיך פיר יענעם פיר דעם בעסטען גוטען פריינד
צו מאכען פאלשע מינעס פיר איהם... דאס איהר זעהט מען לעגט
זיך אוועק בייא אייער קומען, מען טאנצט ארום אייך, מען שמיי־
בעלט אייך, דאכט זיך אייך דאס איהר זענט שוין פערטיג אונד
דיא קומען אייך פאהר פיר דיא בעסטע גוטע פריינד. זענט איהר
אין דעם אויך געגנארט.. איך האבע שוין דאס אויך בייגעוואהנט
אין איין הויז וויא זייא האבען דערזעהן דורך איין פענצטער וויא
עס קאמט איינגע פאמיליע גוטע פריינדע זייא צו בעזוכען, האט
זיך באלד דיא פרויא אנגערופען צו איהר טאכטער: דא האסטו
זייא שוין. מען האט געשיקט נאך זייא. נאך מיט מעהרירע אויס־
דריקע..— זאלט איהר אבער געוועהן זעהן בוים ארייגקומען וויא
זיא איזט זייא אקעגען געלאפען און זיך אין דיא פיסקעס גע־
קישט, אז מען האט געקאנט דענקען דאס זייא קאנען ניט לעבין
איינע אהנע דער אנדערער. זא פריינדליך געשפראכען אונד זייא
צעהן מאהל איבער געפראגט וואס זיא זעהט זייא ניט אפטער..
טאקע פשוט וויא דאס חיות געהט איהר אויס נאך זייא.. דאס
געהמליבע ביים אוועק געהן, האט זיא געהאלטען אין איין פרא־
גען וואס זייא איילען זיך זא שנעל צום געהן. א.. פערטיידיגען
זיך יענע, עס איזט שוין 12 דער זייגער.. וויר מיסען שוין צו
הויזע געהן. דאס איזט דאך מיט אייך אז איהר קומט שוין איין
מאהל אין א יאהר זיצט איהר וויא אויף שפילקעס. וואס וויסען
יענע?מיט דעם חן, מיט דער הניפה, שטאט זייא האבען שוין גע־
האלטען דיא מאנטילען צום אנטיהן, לעגען זייא צוריק, אונד מען
זיצט נאך א פאאר שטונדען, אום! דיא פריינדין זאל ח"ו ניט ברוגז
זיין.— קורץ מיט זאלבע שמייכלערייען זענין זייא אוועק געגאנגען
אין דערבייא זיך אין דיא פיסקים געקיסט. אויף דעם וועג צישין
זיך.. זאלבע פריינדליבע מענשען האבע איך אין מיין לעבען ניט
געזעהן זאגט איין פריילין צו דער מוטער. יוא. זאגט דיא מוטער
זעהר פריינדליבע מענשען. זעהסטו מוטטער, זאגט דיא יונגערע
פריילין מיר געפעלען זייא עפים ניט.. ווארום? פרעגט דיא אנ־
דירע.. ווייל זייא שמייכלען צופיעל.. אין דארט וויא מען שמייכעלט

יענעם צופיעל איזט איבעריג, ניכט וואהר? מוטטער. —

דארט ווידערום ביא זייער אוועק געהן. וואס זאגסטו אויף זאלכע צודרינגליכע מענשען וויא מען זיצט ביז האלבע נאכט, אהנע צו בארעכענען פיליכט איזט יענער מיעד אין וויל זיך שוין לעגען, דיא האסט זיך אליין זויא פיר געזאגט אונד געפרעגט וואס זייא איילען זיך, (פרעגט זיא דאס פריילין) וואס דען זאל איך זאגען? איך בין יוצא אין זאג, אין זייא דארפען האבען זייער שכל ביא זיך.. (יעצט איהר מענשען קאנט איהר איך מיט דער יעצי־טיגער וועלט איינפערשטעהן? עס גיבט פיעלע וואס בענעהמען זיך מיט זא איינע שמייכלערייא געגען יענעם, אז ניט איינמאהל א צענטעל גערדאנק קאן איהם פארקימען אז יענער זאל דאס ניט מיינען ערענסט..— איזט דאך דיא פראגע, קאן מען דיא וועלט באווארינגען? צו אריין קריכען אין יענעמס הערץ? דאס ניט. א יעדער מענטש מיט זיינען פעהלער פעהלען זיך איהם שוין אזוי זיינע יאהרען אין ענדערן זיך ניט. וואס דען איזט? קימט מיר פאהר דאס וואהרע שפריכווארט, אויף ניט צו געהן זאלל מען קיין חרטה האבען.— זאפיעל קאן מען איינגע אויף א זכות דערבייא געפינען וואס קריטיזירען נאך יענעמס אוועק געהן. וויל עס גיבט אייניגע לייטע וואס זענין צודרינגליך אז מען זעהט זיך פאן זייא געפטורט. איזט גלייך וויא מען ווערט לויז פאן א ענגען שטיוויל.. ער קימט אין זיצט זא פיעל אז עס עקעלט.. קאן זיך מאכען מען דארף געהן עסען. ער זיצט.. אין נאך גראדע אויף דעם פלאטץ וויא דער אייגענטהימער דארף ביים נאכטמאל זיצען. זא זיצט ער אונפערשעהמט, אהנע צו בארעכענין פיליכט שטערט ער דעם גאנצען טיש. אונד דיא הויז מענטשען זעגען גראדע עדעל לייטע וואס ראבדען אונד קאנין זא איינעם ניט רעפוזירען, אונד ער ווידערום פערשטעהט זיך ניט וויא וויט זיין גראביאנישער כאראקטער זעהט זיך ארוים.. נאך מעהר מען געהט עסען, ער זיצט. דער פאמיליען פאטער איז געצוואונגען זיך צו זעטצען וואו אנדערש ביים טיש. ניט אויף זיין געוועהנליכען פלאטץ ער זיצט. אין קוקט נאך א יעדען אין דיא אויגען. אז כמעט זייא ווארגען זיך מיטען עסען. אבער ער זיצט.. מען עסט אב מען פאנגט אן דאס בעט צו מאכען, ער זיצט.. קורץ זא לאנג ביז מען איזט

געצווינגען מיט שוועהרע מיהרע וואס איזט געגען דעם מענשליכען כאראקטער איהם צו זאגען. אז עס איזט שוין שפעהט.. אונד מען וויל זיך שוין לעגען אויסריהען.. יוא זא איינעם האבע איך שוין אויך בייגעוואהנט. אונד זאלכע קאן מען אגריפען איין גאסט צו לאסט.) קעהרען וויר זיך ליעבערסט אום צים באל.

מען זאגט דאס מיטן מויל דער זעגער האט זיך שוין גע־לאזט הערען 11 דיא מוזיק איז נאך ניט דא. דיא פרוי פיינמאנן האט איהר קוראש פערלוירען, נאך איינמאהל געשריבען אין דיא קארטען אויסדריקליך מיט מוזיק, אם ענדע קיין מוזיק, קיינע קאַ־וואלירע. איבערהויפט דאס פרייליין קאראלינע האט זיך גיערגערט אז זייא האבען זיך גיבער געווינטשען דעם טויד איידער דער באל זאל זיך ציגעהן אן מוזיק. מעהר פאן אלימען זענען, זייא בעז געוועהן אויף מאנשער פרידריך וואס ער קימט ניט אין וויי־ניגסטען צו זאגען דיא אורזאכע, ניט פאן זייא זאל דאס פלייש פאלען. ווייל איינינע געסטע האבען זיך שוין אויפגעהויבען צים אוועק געהין. קאנט איהר איך שוין פארשטעלין דאס ערגערניס פאן דער פאמיליע פיינמאנן. — (יוא זא איזט שוין דער שיקזאל דעם מענשענס. אם מיינסטען מאכט זיך ביא איהם (אין ששון בלי אסון). בעסטען אויף א שמחה מוס זיין איין איבערשלאג אום ער זאל ניט צופריעדען זיין).

בארעכענען וויר דעם ה' פיינמאנן וויא ער זיצט אבגעשפארט בייא זיך אין צימער מיט פערצווייפלטע געדאנקען, גראדע יעצט ווען זיין פאמיליע ווילען זיך אונטערהאלטען, איזט איהם פאר־געקימען זיינע לאגע וויא אזוי ער געפינט זיך. אז ער ווינשט זיך ליעבערסט ניט צו לעבען.. דיא פאמיליע פאן זייער זייט ווינשען זיך דאס נעמליכע, איידער זאלען בלייבען אויף חוזק דיא מוזיק מיט דיא קאוואלירען זאלען ח"ו ניט קימען, זא פיעל זאגט דיא וועלט צרות צו צרות איז ניט גלייך.. אינטער דיא פרויען וואס דארט געפינען זיך אונד בעטראכטען דיא פאמיליע זא פערצוויי־פעלט, איזט שוין פערשיעדענע מיינונגען פאהרגעקאממען וויא אויך בייא דער פרויא בלוטפרעסער האט זייער פערצווייפלונג א גאנץ אנדירען איינדרוק געמאכט.. אין טראכט בייא זיך ניט אים זאנסט לעגען זייא זיך זא אוועק אז דער באל זאל אום פאלען

מיט אַלימען.. אַ פּנים אַ וועלט קאָן מען טאַקע ניט נאַארען. דער פיינמאַנן איזט טאַקע אַפּנים אַ גרויסער עושר אַז זיין פאַמיליע איז זאָ אויפגעלעגט דערצו.. אין דער וואַהרהייט געשפּראָכען (פאַנטאַזירט זיא ביא זיך) וועלבע פרויא ווייסט ניט איהר מאַנס אומשטענדען? זאָ גיט וויא איך מיין מאַנס.. נאָ? איזט מיר באַקימען דער באַל וואָס איך האַבע געמאַכט? עס האָט מיך אין הערצין גיט געקרענקט. מען מוס אַבער פאָרט פיר דער וועלט זיך צייגען מען זאָל ח"ו אין אינז ניט ערקענין אין וואָס פיר איין מעמד וויר געפינען זיך ביא אינז איזט אַבער טאַקע געוועהן אַ געמאַכטער קוראַש וויא מען זאָגט, דאָ אַבער זעהט מען אַרוים מיט דיא אויגען וויא זיא ערגערט זיך גאָר איבער מוזק.. וואַהרשיינליך געהט זייא רעכט גוט.. זאָ איזט זיא שוין ביא זיך צוריקגעזעצט געוואָרען וויל עס איזט איהר פאָרגעקימען איהר מאַנס לאַגע..

אויף איינמאָהל הערט זיך דער גאַלאָפּ פאָן מעהרירע פערדע מיט דיא קלינגערס אונד זענין געבליבען שטעהן פאַר דעם הויז פאָן פיינמאַנן מעהרירע שליטען. ביא דעם ראַאש האָבען אַללע אַללע פאָם הויז זייערע בליקען צו דער טיר געווענדעט. וועליכם דיא טיהר האָט זיך ריכטיג אין דעם מאָמענט געעפענט. אונד מאַנשער פריעדריך קימט אַריין פאָראויס פערסאָפעט אָהנע נאָך דיא אַללע געסטע צו בעגריסען. אַ!. פרויא פיינמאַנן. זאָגט ער אַראָב נעהמענדיג זיין צעלענדער, איך האַבע געפיהלט אייערע ערגערניס.. נאָר עס איזט קיינע צייט דערצו אייך צו ערצעהלען. וויא זענין דיא מוזיק? טיהט מאַדאַם פיינשטיין אַ פרעג צוזאַמען מיט איהרע פריילין אָהנע פאָן איהם ווייטער אויפציהערען. זייא קימען גלייך.. אַנטוואָרט מאָנשער פרידריך מיט שטאָלץ. אין דעם מאָמענט טיהען זיך אַ שיט אַריין דיא אַללע געלאַדענע קאַוואַלירע אַזוי וויא אַ רעגימענט סאָלדאַטען אַללע אין טראַגע. מיט שוואַרצע איינציגע, ווייסע האַנדשוה מיט ווייסע קראַוואַטען. רויטע שלייפען ביא דיא רעק. ביא זייער אַריין קימען זענין דיא אַללע געסטע פאָן דאָרט געבליבען זיטצען מיט אויסגעשטירצטע אויגען, אונד בעטראַכטען דיא אַללע פיגורען, וויא איעדער פאָן זייא האָט זיין קאָמפּלימענט געמאַכט ערסטענס פיר דער מאַדאַם פיינמאַן דאַנן דאַס פריילין קאַראָלינע גראַטולירט. אין דאַן דיא איבריגע געסטע.

זייער בענעהמען זיך געגען יעדער איינציגער האָבען זייא אויס געזעהן וויא וואַהרע אַקטיאָרען אויף דער בינע. זייא האָבען זיך נאָך געהאַלטען אין פערביינען זיך איינע צו דיא אַנדערע זאָ הערט זיך ווידערום אַ שליטען אָבשטעלען. אין דאָס וואַהר שוין דיא מוזיק. דיא פאַמיליע פיינמאַנן זענין אַללע פיר שמחה איבעראַשט געוואָרען, אַז זייא האָבען פשוט ניט געוויסט וואָס מען רעדט צו זייא.. אין דיא איבריגע געסט האָבען דאָס אַללעס צו געקיקט, אין איינע דיא אַנדערע זיך אָנגעקיקט, עס איזט מיר שוין איבריג פיר אייך פאָרצישטעלען דאָס געשפרעך פאָן אַיעדע איינציגע איינסוויל האָבען זיך דיא קאַוואַלירען זעהר גאַלאַנט בענאָממען געגען אַיעדע פאָן דאָרט.

דיא אורזאַכע וואָס זייא האָבען זיך זאָ פערשפעטיגט, איזט וויל דיא מוזיק זענין געוועהן פערנעהמען ביז 12 ביי איין געוויססען הערר בעער..

עס איזט פערגאַנגען איינע שטונדע דיא קאַוואַלירע האָבען זיך אויסגעשטעלט נאָך דער גרעסטע. דיא קאָמאַנדע וויא אַזוי צו אַראַנזשירען האָט מען איבערגעגעבען ה' גאָלאַניעסקאָ, וועליכם ער איזט ווירקליך זעהר פעהיג דערצו. דאַן האָבען אַללע געוואָרפען זייערע בליקען אויף דיא פריילין וואָס דאָרט האָט זיך געפינען אין באַלד דערביי זיי אַרעם געשטרעקט צום טאַנצען.. עס הערט זיך פאָם קאַוואַליר גאָלאַניעסקאָ, איינס.. צוויי.. דריי.. אַלאָהם...— דאָ האָט גלייך איינגעפאַנגען דער קאַדריל. איך קאַן אייך זאָגען נאָך דעם גרעסטען, העכסטען, אין שענסטען ראָמאַנטישען זשורנאַל.. דאָס קאָמאַנדירען וואַר וואָס גראָס אַרטיג.. דיא אַללע דאַמען וואָס האָבען זיך דאָרט געפינען, זענין געבליבען זיצען וויא בעצויבערט דעם טאַנץ ציציקיקען, אונד אין הערצען דיא פאַמיליע פיינמאַנן מקנא געוועהן.. אויך דיא פרויא פיינמאַנן האָט ערשט באַקימען קוראַש, מיט שטאָלץ דערביי.. אין האָט אין זיך אָנגעקוועלט אין טראַכט בייא זיך דאָס אַלעס האָט זיא מאָנשער פרידריכען צו פערדאַנקען.

אַלזאָ, יעצט איזט אייך שוין בעקאַנט אַז דער באַל איזט זאָ דורך געגאַנגען אויף דער שענסטער אַרט.. ביז ענדע.

לאַסען וויר דיא לייטע זאָלען זיך גוט אונטערהאַלטען. וואָרום

דען ניט? אַז מען געפינט זיך אין זאָ איין גראַד..— וואַרפען וויר אונזערע בליקען צים הויז־העררר וואָס נעהמט גאָר קיינען טהייל פאָן דער גאַנצער שמחה.. קאָסט איהם דען דאָס קיין געלד? וועניגסטען וואָלט ער האָטש איינע שטונדע אויך בעדאַרפט טהייל נעהמען אַז גאָטט האָט איהם געהאָלפען ער האָט ווידערום ער־לעבט דעם געבורטסטאַג פאָן זיין עלטערער פריילין.. אָם ענדע זעהט מען איהם גאָר ניט.. זאָ וועל איך אייך בעקאַנט מאַכען זיין לאַגע..

דער ה׳ פיינמאַן האָט זיך גראַדע אין דיעזען טאַג איבער־גערעבענט אָהנע ער זאָל פאָן דעם עטוואַס וויסען אַז גראַדע דאָס יאָהר זאָל זיין פרויא זאָ איין אויפצוג מאַכען.. וואָס האָט זיא אייגענטליך דערצי געבראַכט דאָס יאָהר מעהר פאָן אַללע יאָהר? וויל זיא האָט בייגעוואָהנט דעם באַל בייא דער מאַדאַם בלוט־פרעססער, אונד וויא געוועהנליך האַבען דיא געסטע איהר מאַגם לאַגע דאָרט פאָרגעשטעלט, וויא דער מנהג איזט.. זאָ האַט מען איהם דאַמאַלס באַרעבענט וויא ער איזט שוין בעקאַנט פיר איין יעדען אַז וויא ער נעמט וויל ער ניט צאָהלען. אונד געפינט זיך שוין טאַקע זייער אין אַ שלעכטער לאַגע.. אַז ער איזט פיעל געלד שולדיג, אונד דער גאַנצער באַל דיענט נאָר בכדי מען זאָל זיך נאָך אין איהם אַביסיל נאַארען. דיא פרויא פיינמאַנן ווידערום וויסט דאָך זאָ פיעל ניט אין וואָס פיר איינע קריטישער לאַגע איהר מאַנן געפינט זיך, זאָ האַט זיא געוואָלט צייגען פיר דער פאַמיליע בלוטפרעססער, אויך פיר אַנדערע דאָס זיא איזט אין שטאַנד צי מאַכען אַ פיעל שענערין באַל אַלס דיא מאַדאַם בלוטפרעססער, אָהנע מען זאָל איבער איהר מאַנן זאָ קריטייזירען אַזוי וויא איבער איהרען. אויך האָט זיא פיר איהר מאַנן ניט געדאַבט פאָן זאָ איינע צערעמאָניע, אום זיא זאָל איהם איבערראַשען. דאַרף זיך דעם טאָג גראַדע מאַכען וואָס האָט זיין געשעפט איבערגערעבענט אונד האַט זיך זייער אין איינער שלעכטער לאַגע געפינען. ער האָט גיזעהן דאָס עס לויפען איהם אָן ביז 15 טאָג איינינע טראַטען צים צאַהלען. אין פיהלט זיך ניט... אונד דאָ גראַדע וועט ער מיסען איינצאַהלען אין קאַן ניט מעהר איבערשרייבען, זאָ האָט אין איהם זיין הערץ געקאָכט, אונד האָט זיך פאָרגישטעלט דיא שאַנדע וואָס

ער קאָן לוידען.. אין מיטען דעריגען קומט זיין פרויא איהם צו איבעררַאשען.. קאָנט איהר אייך פאָרשטעלען וואָס פיר אַ פנים דער בעל האָט געהאַט ביא איהם אין דיא אויגען.—

זאָ האָט איהם נאָך מעהר געערגערט וואָס זיין פרויא וויל פאָן זיין לאַגע ניט וויסען איזט ער זאָ ביא זיך אין צימער שפּעהט גיזעסען אונד איזט מיט דעם ביטערן הערץ זאָ איינגעשלאַפען.

---

# דער טרוים

דאָס איזט אונז אויך בעקאַנט אַז דאָס טרוימען נעמט זיך וואָס מען האָט אין זינן ביים טאָג, זאָ קומט אַ טהייל פאָן דיא געדאַנקען פאָר אין שלאָף בייגאַכט. דיא אַללע געדאַנקען וועלכע האָבען איהם ביים טאָג געפּלאַגט אונד האָט זיך אַללס פאָרגע־שטעלט זיין לאַגע אויך וואָס זיינע ענדע קאָן זיין, זענען איהם זאָלכע געדאַנקען אין שלאָף פאָרגעקומען וויא עס איזט פעלליג געוואָרען זיינע 2 טראַטען וואָס האָט דאָס געלד בעאַרבט דעקען אונד האָט גראַדע ניט געקאַנט בעקומען, זאָ האָט דיא גאַנצע שטאָדט פאָן איהם אָנגעהויבען צו קלינגען, אַז פיינמאַנן איזט געבליבען שטעהן, אין צאָהלט ניט.. עס האָט זיך געטהון איין איבערקע־רעניש.. פאָן אַ גרויס באַנקעה הויז איזט מען באַלד געקומען צו לויפען אום זיך צו איבערצייגען פיליכט איזט ער נאָר געשטאָקט זאָ זאָל מען איהם שטיצען.. ליידער מען האָט אַרויס געזעהן אַז וויא לויט ער טאַלעפעט, קאָן ער ניט אייגמאַל קיינע 30 פּראָצענט צאַהלען.. דאַ איזט געוואָרען אַ איבערקערעניש.. זיין הויז איזט באַלד בעלאַגערט געוואָרען פאָן אַרמע אַלמנות, יתומים, משרתים דיענסטען, אַ הויף גרויסע חובות.—

פאָן דיא אַללע האָט מען פאָן אַ יעדען איינציגען געהערט: מיט אַרעם בלוט פיהרט מען זאָ איין אַרעסטאָקראַטיש לעבען? אַ אַנדירע, גיוואַלד וואָס טיהט מען.. איך וועל מיך אין אַ קער־ניצע אַריין וואַרפען, שוין פיעל ליעבערסט.. אַ דריטע, איך וועל ניט אָבטרעטין. איך קאָן ניט אַהיים קימען צו מיינע יתומים, וייל איך האָב זייעה אַרם בלוט צו איהם אַריין גיגעבען. מען זאָל מאַכען בעללער מיט זאָלכע בלוטיגע געלדער..— דיא פרויא מיט דיא

קינדער האבען זיך אויך פערשטעקט פיר דער גרויסער שאנדע.

דא קומט אן צו לויפען איינע ארמע פרויא אין פאלט מיט איהר געזיכט צום באדען אין יעכצט דערבייא, מיין מעדעלס נדן וואס וועט זיא יעצט טוהן?— אונד וויא ער האט גיזעהן (דאכט זיך איהם ארום) אז זיין הויז איזט בעלאגערט פאן פערשיעדענע מענשען האט ער זיך פאן דער הויז אבגעטראגען ארוים פאן דער שטאדט אין דאכט בייא זיך ער וועט זיך דעם טאג ניט ווייזען בין דאס ערשטע פייער זאל וועניגסטען דורך געהן אין דאן האט ער ארוים געזעהן מיט וועהמען ער האט צו טוהן. זאגיך טראכט ער בייא זיך וועט קיינע ענדע געהמען.... האט ער געטראכט א מיטעל דיא שטאדט איינוויל צו פערלאסען. זא געהט ער ארוים פאן דער שטאדט אונד פאנטאזירט בייא זיך אין זיינע געדאנקען א.. איך שטעה מיך מיין פנים ארוים צו ווייזען. מיט וואס פיר א פנים קאן איך פאהרקומען איך זאל מיך פערגלייכען מיט דיא בע"ה.. אז איעדער זעהט ארוים מיט דיא אויגען וויא זייער ארעם בלוט איזט בייא מיר פערשווענדעט געווארען אויף אינטערהאלטען מיט בעללער מיט לעהרערט.. אונד דאס אללעס האבע איך מיין פרויא צו פערדאנקען..— פערשאלטען זאלען זיין דיא מענער וואס געהן נאך דער פרוי'ס קאפף אין זאלבע געגענשטענדע. האבע איך מיך ניט גיבעטען בייא איהר אונד פערשטעהן געגעבען אז דיא געשעפטען זענען יעצט זעהר שלעכט. זא מוס מען לעבען מיט רעכענונג.. עס האט מיר ניט געהאלפען. וואס טוה איך יעצט? איינס פאן צוויא איזט פיר מיר יעצט, אדער איך זאל מיר דאס לעבען נעהמען.. אדער דיא שטאדט געגצליך צו פערלאסען.. אין דאן? אין מיינע קינדער? אזה פערפלוכט זאל זיין דער טאג פאן מיין געבוירען.. איך האבע מיך פאן מיין יוגענד געפלאגט אם ענדע האט זיך פאן מיר זא אויסגעלאזט.. ניט איינמאל מיינע קינדער פערזארגט.. איך מוס אוועק.. אוועק אין דער ווייטער וועלט. וויהין דיא אויגען וועלין מיך טראגען. וויל אללע מיינע לעבענסטאגע וועל איך מיך שעהמען יעמעס אין דיא אויגען צו קוקען, זאגאר דיא גאס דורך צו געהן. דיא שטיינער פאן דער גאס וועלען מיך מעגן פערשטיינען.

קוים מיט דער פאנטאזיע דערמאנט זיך ארעם איהם אויך

פארגאנגען דער טאג, אונד דיא נאכט איזט איהם ציגעפאלען זא דענקט ער ביא זיך ער וועט איינסוויל אהיים געהן אין דארט וועט ער הערין וואס ביים טאג איזט פארגעקימען. ער געהט מיט דיא אינטערגאססען אום מען זאל איהם ניט באמערקען אין קימט צו זיין הויז אין שטעלט זיך נעבען א פענצטער וויא זיין פרויא איזט גיזעסען. ער קיקט אריין זעהט ער וויא זיא זיצט ביא איין עק טיש, דיא קינדער ארים איהר, זיא ווישט זיך מיט א באטיסטיל דיא אויגען, אין זאגט צו איהר עלטערער פריילין: א, איך קיק שוין ניט אויף דעם אלימען, וואלט איך איהם שאהן געזעהן.. אין פאנגט אן דערביא צו וויינען אויף א קול, אין דיא קינדער נאך, וועהר ווייסט וויא ער איזט.. איך זאל מיין מויל צו בעזען ניט עפענין. פיליכט... —

דער פאטער אינטערן פענצטער האט זיך ניט מעהר געקאנט איינהאלטען אין קלאפט אן לייכט אין פענצטער, וועלעכס זייא האבען זיך אללע דערביא ערשראקען, אונד פרעגען מיט שרעק וועך איזט דארט? קוים האבען זייא דער הערט אז עס איזט דער פאטער, האט מען באלד גיעפענט אונד איהם אקעגען געלאפען, מיט אויסגישטרעקטע ארעם. פאטער.. וויא ביסטו געוועהן דעם גאנצען טאג? וויר האבען ניט געוויסט וואס צו טראכטען.. אויך דיא פרויא אומארעמט איהם, א.. מיין ליעבער מאנן, איך בער־רייע יעצט, אונד איך בין דיא אורזאכע פאן אונזער אינגליק. איך האבע דיך ניט געוואלט בארעכענין, יעצט בעט איך פאן דיר נאר זאלסט דיך ניט ערגערין, וויא גאט וועט מיט אונז פיהרען. ווייל דיין ערגערען זיך קירצט מיר אב מיינע יאהרען.. אונד וויינט דערביא. ער שטעהט וויא פערשטיינערט אהנע א ווארט צו רעדען. ענדליך פראגט ער זיא וויא אזוי ביא טאג איזט ציגע־גאנגען.. וועך עס איזט דא פאהרגעקימען. א, זאגט זיא, פרעג ליעבערסט ניט... ניין זאגט ער איך מוס וויסען וועך פאן דיא בע"ח דיא ערגסטע זענין.. דיא ערגסטע זאגט זיא.. קאן נאך ערגער זיין וויא דיא אללע שלעפערינס קימען זיך צוזאממען אין בעוויינען מיך, אין פראגען מיך איך זאל זייא נאר זאגען וויא דיא ביסט.. זייא ווילען וויינגסטען פאן דיין מויל אליין הערין צי וועסטו זייא געבין האפפנונג. — פיינמאנן טוהט דערביא איין

טיעפען זיפץ פאם הערץ אונד בלייבט שטעהן פערוויהרט מיט זיינע געדאנקען אהנע א ווארט צי רעדען. דיא פרויא מיט דיא קינדער קיקען איהם אן, אונד זענין נייגעהריג פאן איהם זיין ראטה צי הערען. איינע טוידטע שטיממע האט איינינע מינוטען גיהערשט, אויף איינמאהל טיהט ער זיך א חאפ וויא א וואהנזיניגער א . . איך מוס דאס ארט פערלאססען, יוא . . נאך הייטע . . . אונד טאקע באלד טיהט ער א פליה פאן דער שטיעב אונד געהט מיט דיא אונטער גאססען ביז צי איין בע"ג אין בעדינגט איהם ביז ניט וויט פאן דער עסטררייכישע גרעניץ. ער זאגט פיר איהם ער האט דארט צי טיהען אין בעצאהלט איהם גיט, אז ביז טאג זאל ער איהם הין צישטעלען, דער בע"ג איזט דאמיט צופריעדען אין שפאנט באלד 4 גיטע פפערדע אונד האט איהם ריכטיג ביז טאג הין צוגעשטעלט, אונד פאן דארט נעהמט ער איין אנדערן ביז צי דער גרעניץ. בייא דער גרעניץ (דאבט זיך איהם אללס אוים) האט ער זיך ארוים גינאממען א טשערטיפיקאט אויף א פרעמדען נאמען אונד איזט אריבער דיא גרעניץ. וועהרענד ער איזט נור אריבער, קימט איהם אקעגען זיין בעקאנטער שפילטער וואס פלעגט דורך איהם איינינע ארטיקעל בעציהען, אונד פראגט איהם פערוואונדערט, העררר פיינמאנן! וואס מאכט איהר היער? ער איזט אבער דאביא זא בלאס געווארען, אז דער שפילטער האט אין איהם גלייך געמערקט, אונד עס איזט איהם עפים א געדאנק דורך געלאפען, אז עס מוס עטוואס זיין. ער ווענדעט זיך פאן איהם אוועק אונד פראגט גלייך טעלעגראפיש איין, בייא דיא אנדערע קויפלייטע דיא אורזאבע פאן פיינמאן'ס רייזע איבער דיא גרענצע . . . אין א פירטעל שעה איזט באלד דעפעשירט געווארען פאן דער פאליצייא איהם דארט צי פערהאלטען, מען האט איהם ריכטיג געפאקט אין צוריק געשיקט. — דאס אללעס איזט איהם פאהרגעקימען אין טרוים.

דיא פרויא פיינמאנן וועהרענד זיא האט זיך זא שפעהט מיט דיא געסט פארנעהמען, עס האט זיך שוין גיהערט שלאגען דער זייגער 5, דיא אללע געסטע זינד זיך צי פאהרין, דיא אללע קאוואלירע האבען איין פריינדליכען באנזשור גינעמען מיט גרוים רעספעקט. אונד האבען פערשפראכען דעם פריילין פיינמאנן איהר אפטערע בעזובע צו מאבען. דאן איזט דיא מאדאם פיינמאנן זיך

געגאַנגען אין איהר שלאַפצימער זעהר מיעד. איהר בעטט איזט אויסגעקומען געגען זיינעם, זיא האָט עפּיס בעמערקט וויא דער מאַנן קריעכט פאָם שלאָף, אונד בעוועגט זיך אַללע מאָהל, ווייל זיא איזט אַבער זעהר שלאָפעריג געוועזען, האָט זיא זיך ניט געוואָלט צו הערען אונד האַט זיך געלעגט אין איהר בעטט אונד איזט געשמאַק איינגעשלאַפען.

אין שלאַף קומט איהר פאָהר וויא זיא בעשעפטיגט זיך מיט דעם באַלל, אונד בעהאַנדעלט דיא געסטע, דער אַראַנזשעמענט פאָן דיא קאַוואַלירע, עס איזט איהר אין שלאַף אַ שטיק חיות צו געקומען, איבערהויפּט ביים קאַדריל האַט איהר אַללע מאָהל אַ אנדערער קאַוואַליר דיא אַרעם געדייכט צים טאַנצען, דאַכט זיך אַז זאָ איינע פרויא דאַרף קיין בעסער גן עדן פאָן דעם . . . אַזוי איזט געקומען צים לעצטען קאַדריל האַט איהר מאָנשער פּריעדריך זיין אַרעם געשטרעקט אונד זיא צום טאַנץ געלאַדען. זאָ וויא ער האַט זיא אַרעם גינעמען אונד זיא איהם, קוים האַט ער אַנגעפאַנגען מיט איהר דיא ערסטע שריטטע צו מאַכען אונד עס הערט זיך שאָן פאָן איהם 1. 2. 3.. זאָ הערט זיא אַ ווילדען יעבין פאָן איהר מאַנן פאָם שלאַף, אַז זיא האַט זיך באַלד ערוואַכט אונד איזט האַלב־טויט פאָן איהר בעטט אַראָב צו איהם צוגע־לאָפען, אונד איהם פאָן זיין שווערען שלאַף ערוואַכט, עס איזט אַבער פערגאַנגען איניגע מינוטען ביז ער האַט זיך בעדענקט וויא ער געפינט זיך, ער רייבט זיך דיא אויגען, אין גלויבט ניט אַז ער איזט בייא זיך אין דער היים, ווייל איהם איזט אין שלאָף פאָרגעקומען ווען מען האַט איהם געפאַקט זאָ האט מען איהם באַלד אין זיין שטאַדט געשיקט, וועהרענד מען האַט איהם אָנגעבראַכט זאָ איזט דיא גאַנצע שטאַדט אַקעגען געלאָפען איהם אָן צו קוקען מען האָט איהם איבער דער גאַסס געפיהרט צים ארעסט, איזט נאָך געגאַנגען אַ נאַראָד, וויא עס מאַכט זיך אַ גראָסער לייכענצוג אונד מען גיבט איבער דען טאָדטען פערשיעדענע אידען, זאָ האַט איעדער איבער איהם אַ אַנדערע מיינונג געזאָגט, מאַנכע האַבען איהם אַ זכות געפינען אונד געפינען דיא פרויא פיר שילד.. אונד דאַבייא איהרע ביינער פערשאָלטען. וויא מען פיהרט איהם איבער דער שטראַססע, ער געהט מיט דעם קאָפף אַראָב געלאָסט

אונד מיט אַ טיכעל דאָס געזיכט פערשטעלט, זאָ פירענדיג האַט זיך איהם דאָס זיינע קליינע קינדער לויפען צו איהם צו מיט אַ גרויס געוויין פאָטער . . . אונד האָבען איהם אַרום געהאַפט, אין זענען אָהנמעכטיג אין זיינע הענד געבליבען, זאָ האַט ער אויסער זיך פאָם שלאָף אַ ווילדען יעכץ געטוהן, פאָן דעם יעכץ האַט זיך דיא פרויא ערוואַכט אונד האַט שוין פערגעססען אין קאַדריל דאָס זיא האַט מאָנשער פריעדריכען געלאָסט שטעהען אין מיטען דרינען, זאָ איזט זיא צו געלאָפען צו זיין בעטט אונד איהם אויף געוועקט .. (נאָך זאָגט איהר עס גיבט קיינע טרייע פרויען, בייא זאָ איין נגיון צו שטעהן, צו פערלאַססען איין ראָמאַנטישען קאַוואַליער ביים טאַנץ, אונד צו איהר מאַן צו געלאָפען וויא עס זעהט אויס, האַט זיא איהם פאָם ערסט גערעטעט, אונד בדאי זיך דעם טאַנץ גישטעהרט, אויך צום בעוואונדערן . .) —

זאָ זענען זייא בײדע מיט קלאַפענדיגע הערצער אויפגעשטאַנען וויל עס איזט שוין טאַקע שפעהט אויף'ן טאָג גיוועהן זיא האַלט איהם אין איין פראַגען דיא אורזאַכע פאָן זיין יעכצען אין שלאַף, ער שווייגט אונד אַנטוואָרטעט איהר ניכט.. אַבער זעהר טרויריג איזט ער אין דעם טאָג אַרום געגאַנגען מיט פערשיעדענע געדאַנקען, אונד זיך מיט זיינע אידעען זעלבסט בעראַטהען וואָס צו טוהן איזט . . אַ, זאָגט ער צו זיך, זעהר אַ שלעכטער ציכען איז דאָס פיר מיר . . אין איין חלום געפינט זיך דאָך עפּיס אֱמת אויך, זאָ איזט לייכט מעגליך עס זאָל מיט מיר זאָוואַס פאַסירען. . אַבער ניין .. איך וועל זאָ וויִט ניט דערלאָזען, נאָך הייטע מוס דאָס געשעהן, יוא הייטע . . — ער איזט ריכטיג געגאַנגען אין דעם זעלבען טאָג אין האַט אַללע זיינע בעלי חובות צוזאַממען געריפען אונד האַט פיר זייא זיינע לאַגע פאָרגעשטעלט, אין זאָגט צו זייא, איך האָבע קיין אַנדער מיטעל, דא האַט איהר מיינע ביכער זאָ פיעל וואַארע געפינט זיך, עטוואַס קאַפּיטאַל, דאָס איבריגע האַט איהר מיין הייז, מיין מאָבעל, מיין ציערונג, מיין זילבער, אונד איך וועל מיר נעהמען מיינע פרויא מיט דיא קינדער, אונד איהר טהיילט אייך מיט דעם איין. —

זיינע וואָרטען האָבען בייא דיא אַללע קרעדיטאָרען איין גרויסען איינדרוק געמאַכט, אונד מען האַט מיט איהם גרויס מיט

לייד גיהאָט, זאָ האָט מען באַלד באַרעכענט בייליפיג וויפיעל פּראָצענט עס קאָן איינטר. נען, האָט מען געפינען ריינע 80 פּראָצענט זאָ האָט זיך אויפגיהויבען איינער פאָן דיא גרויסע בעלי הובות וואָס איהם איזט דיא גרעסטע סוממע געקימען, אונד האָט דיא איבריגע זייעדים אויסגעצאָהלט, אונד דאָס אַללעס אויף זיך איבער־גענאָממען, אין זאָגט צו פיינמאַנן, יעטצט זעה איך ארויס אַז דער נאָמען פיינמאַנן איזט ווירקליך איין פאַססיג. ווייל איהר זינד ווירקליך פיין, זאָ מוס מען געגען זאָ איינעם אויך פיינקייט בע־ניטצען. איהר בלייבט בייא אייער הויז, בייא אייער ווירטהשאַפט בייא אייער געשעפט, אונד פיהרט ווייטער, ווייל זא איינער פערדיענט צוטרויען צו האבען. — דיא פרויא האָט שאָן בערייעט וואָס זיא האָט זיך אַזאַ שריטט גינעמען זאָ ברייט צי לעבען, זאָ האָט זיא אַנגעפאַנגען זעהר עקאָנאָמיש צי פיהרען, אונד האָט זיך מיט פיעלע זאַכען צוריק גיצויגען, אונד דאָס הויז פיינמאַנן עקזיסטירט נאָך יעטצט צי טאַגע . . . . —

וואָס איזט דאָרט פיר איין געלויף? וואָס לויפט מען דאָרט אַזוי? פראַגט איינער דעם אַנדערן, איהר ווייסט גאָר ניט? אַנטוואָרטעט דער אַנדירער, מען איז בעפאַלען בלוטפרעססער׳ס הויז אונד אַללעס פערזיעגעלט . . אונד איהם ארעסטירט . . . מען האָט איהם געטראָפען מיט אַ פערפאַקטען קאַסטען נעבען דער גרענין, זאָ האָט מען איהם פאָן דאָרט צוריק געבראַכט, אין איהם אַרעסטירט, ניט אין שלאָף, טאַקע וואַכענדיג. פאָן דעם זעהט מען אַרויס אַז אין אַ חלום געפינט זיך אויך וואַהרהייט. אָבוואָהל עס האָט ניט פאַסירט בייא פיינמאַן . . האָט בייא בלוט־פרעססער פאַסירט. אַביא דער חלום בלייבט אֱמת. זאָפיעל עס איזט פערטוישט געוואָרען, אום עס זאָל מקיום ווערען דער פּסוק פאָם משורר (צדיק מצרה נחלץ ויבוא רשע תחתיו. תהלים) דאָס הייסט, דער גערעכטער ווירד אויסגעצויגען פאָן אַ צרה אַז עס קימט אויף איהם, אונד דער שלעכטער קימט אין זיין שטעלע. דאָ האָט מען אַרויס גיזעהן מיט דיא אויגען דיא ענדע פאָם שלעכטין מענטש, וויא בלוטפרעססער פאָן אַללע זיינע מאָבילירטע סאַלאָנען וואָס יעדער איינציגער האָט איהם בעניידעט, לאָזשירט ער יעצט אונטער אַללע פערברעכער. איך וויל אייך אין קורצען זיינע ענדע

מיטטהיילען, ער איזט גיזעסען 10 מאנאטה ביז צום אורטהיילען אם ענדע האט מען איהם פעראורטהיילט 3 יאהר קרימונאל. זיינע איינענע היזער מיט אלעס האבען זיך דיא בעלי חובות איינגעטיילט. זיין פרויא מיט דיא וואהלגעבארענע קינדער וואס פלעגען צי פיערן אללע יאהר זייער געבורטסטאג, האבען זיך געפינען א פאאר קליינע צימערלעך צום וואהנען אונד פלעגען זיך ערנעהרען מיט האנד ארבייט, אונד האבען זיך ביסלעך וויים איינגעווארפען מעהר פאן אללעם האט זייא גיקרענקט, וואס יעדער איינצעלנע האט זיך אין זייא א נקמה ערלעבט. אם מיינסטען פאן דיא וואס פלעגען בייא זייא אללע באללער בייוואהנען אונד זיך צייגען פיר דיא בעסטע פריינד, דיעזעלבע פלעגען אויף זייא מיט דיא פינגער צייגען, אין שאקלען מיט דיא קעפף אין זאגען. דאס קימט אז מען פערשווענדעט פרעמד בלוטט. זא מעג זייא אזוי אויס געהן. — דיא 3 יאהר האבען זיך געפעהלט, ער איזט ריכטיג בעפרייעט געווארען האבען זייא פיר שאנדע דיא שטאדט פערלאסט אונד נאך אמעריקא אוועק. דארט וויא מען קען גליקען מאבען. וואס מיט זייא דארט פאסירט, איזט מיר שאן אונבעקאננט . . .

דא האט איהר פיר אייך א שפיגעל וויא אזו צי לעבען אהנע רעכנונג, איבערהויפט מיט יענעס׳ם . . דאהער ליעבע פריינד, היעט אייך פאן איין ארעסטאקראטיש לעבען, היעט אייך פאן דיא געפעהרליכע לוקסען, וועליכם דאס איזט ניט פיר א יודען געשאפען. דער ארימע יוד, דער עלענדער, דער געפלאגטער . . וואס איזט פערטאגט פאן זיין פאטערלאנד, פאן איין מדינה צור אנדערער. געמארטערט, געהאססט פאן יעדען פרעמדען, אונד ווא ער געפינט זיך איזט ער וויא א שפין פאר דיא אויגען . . זאל זא איינער דאס אללעס פערגעססען, אונד אללעס מיט־מאבען וויא דיא קריסטען . . . אונד זיך זיכען מיט דעם ווילען געהרען בייא דיא אללע פרעמדע צו פערנמאס׳ן, עס איזט וואהר איך האבע זעלבסט דיא יודען פערטייטיגט אונד אויסגעבראבט, וויא לויט זייא דריקען זיך אוים, אז אם מיינסטען טהייל בעטרוג שטעהט איין בייא דיא יודען (עיין בספרי עץ הדעת דעם ויכוח פאם באראן אליפאנט מיט א יונגען מאנן, בחלק שני.) זא האבע איך איהם בעוויזען מען זאל זעהן אין דיא קרימאנעלער פאן וועהמען עס

גיבט מעהר ארעסטירטע . . עס איזט אַפילו אַ שוואַכער מאָטיוו ווייל וויפיעל יודען געפינגען זיך איבעראַלל געגען קריסטען ? קיינע 5 פראָצענט . . זעהען וויר אַבער וויפיעל פאַלימענטען מאַכט זיך פאָן יודען, אונד וויפיעל פאָן קריסטען ? וואָס מאַכט דאָס, ער פערצעהרט איבער זיינע אַנקינפטע . . ער האַט ניט זיינע מאָשיעס, ער לעבט נור פאָן דער לופט, ווען זאָ, וויא קימט צו איך לוקסען צו טרייבען ? אונזערע לאַנגסטיגע חכמים'ם רייד זענען היילינ, זייא האַבען נאָך צופאָהר מיט צוויא טויזענד יאָהר געשריעבען (אין מזל לישראל) דאָס בעדייטעט אַז עס איזט אונמעגליך אַז אַ יוד זאָל מיט פערגניגען אויף דיעזער וועלט לעבען . . וואָס דען איז זיין פלאַגען ? ווילט איהר פרעגען, זיין פלאַגען מיט זיין שטרעבען דאַרף נור זיין, ער זאָל זיין רעליגיאָן אונטערשטיטצען, אונד זיך אַ שעהנעם נאָמען צוריק לאַססען, וויא דער חכם האַט גיזאָגט (טוב שם משמן טוב . .) אונד דער שלעכטער מענטש בּאַרעכינט ניט דען הויפּטצוועק פאָן זיין צוקונפט ער שווינדעלט ער רויבט, ער פערגנבית יענעם'ס געדאַנק, גליך מען האַט איהם אויף עביג דיא וועלט צו געטהיילט, וואָס איזט זיין ענדע? מען פערשעלט איהם דיא יאָהרען ביים לעבען, אויך נאָך זיין טוידט זיינע ביינער. . אונד זיין שלעכטער נאָמען בלייבט צו שאַנדע אונד שפּאָטט פיר זיינע קינדס־קינדער. .

---

# דאָס ווירטסהויז !

אין דער שטאַדט קרימינטשאָק האַרקאָבער גובערניע ניקאָ־לייעווער שטראַססע נומר 18 זייטווערטס, גיבט אַ הויז אַ אַלטע געביידע, נור עס בעשטעהט פאָן מעהרערע צימער, אַ גאַנץ גראָסער סאַלאָן, אויך אַ שעהנער גאַרטען, ווייל עס קימט אויס אין איין עק שטאַדט פלעגען הין ציזאַממען קימען פערשיעדענע מענטשען, אַם מייסטען לייכטזיניגע וואָס פלעגען פערברענגען נעכט מיט טעג. ווייל אַם מייסטען פאָן זייא האָבען קיין בעשעפטיגונג גיהאַט, איזט דאָרט זעהר הויפט געשעפט געוועזען ביים גלעזעל וויין, דאָרט ווירד איבערגעשמיעסט פאָן אַללע האַנד פאָליטיק,

זייא דאַבען שאָן זאָגאר אויך פאָן דער שלאַכטע טירקייא מיט רוססלאַנד געשפראָכען, אָהנע דיא ציימונג־בלעטטער זאָלען דאַפאָן נאָך שרייבען, אונד עס האַט זיך ריכטיג געמאַכט אים יאָהרע 77. דאַמאלס איזט דיא בעסטע אונד גלענצענדע צייט פיר זאָלכע וואָס בעשעפטיגען זיך מיט גאָר ניט. ווייל דאַמאלס האָבען זייא דיא בעסטע געלעגענהייט פיר זייערע ליגענד אויסצובריינגען. אונד האָבען אויך גוטע קונים אויף זייא, אויך א גוטע פּאָזיציע ביים גלעזעל וויין. — ביים אַריין קימען זעהט מען זיך ארים דרייען א רויטע פיגור מיט א ברייטער לאנגע באָרד, הויך געוויקס, א טלית קטן מיט כפול שמונה ציצית וואָס גרעכען ביז איבערן ב"ק. אויף דעם קאָפּף שטאט אַ יארמעלקע א קאפעל, עס הייסט יאָלדיש בעל הבתיש וויא מען זאגט. דער איזט דער ווירטה פאָם הויז אונד אם מיינסטען בעדיענט ער דיא געסט וויא איהר זעהט איהם. אזו איזט ער אויסגעקאָכט מיט יעדען, אויף דיא אללע פּאָליציייא לייטע זינד זיינע. ער איזט מיט יעדען אויסגעקימען, מיט דיא וואוילע יונגען אין זייער פאַך, אויך מיט דיא חסידים. ווייל ער האט אויך א פרימע ראָללע געשפיעלט דאָרט וויא עס איז איהם אויסגעקימען, פיר איינעם האַט ער אויף איהם געשריעגען פאר וואָס ער עסט א בעגעל אים געוואשען, פאָן דער אנדערער זייט האט ער געווינקען צו דיא אנדערע, וויא איינער רעד, ער מיינט עס ניט ערענסט. . פאָן דער דריטער זייטע איז ער א גוטער ברידער מיט דיא יעניגע וואָס ברענגען צו איהם גניבה'שע זאַכען דאס נעהמליכע אין שיהל שפיעלט ער זיך זיין ראָללע וויא צו זאָ איין יודען געהער נעהמליך, ער איזט ניט קארג ח"ו ער זשאליוועט ניט זיין מויל, אויך ניט דיא באָרד, עס האלט אין איין זאָגען, אין איין טרעסען מיט דער באָרד . . ער קאן מיט דער באָרד אויס שאָקלען א גאנץ ספר תהלים אָהנע ער זאָל וויססען וואָס דאָס מויל רעדט . . אויך איזט ער ניט קארג מיט דער באָרד ערענסט אוים צו שאָקלען אללע שורות על חטא, אין זשאָליוועט דאבייא קיין קלעפּ אין הערץ אָהנע ער זאָל וויססען וואָס ער קלאפט זיך, אָט צו פעסטעט ער זיך בייא דער שמונה עשרה אויף א קול אָהנע ער זאָל וויססען וואָס ער ווינט, דיא באָרד האלט אין איין שאָקלען פיוט אָהנע ער זאָל אפילו דיא עברי קענען.

קוים ער פערטיגט זיך אָב אין שיהל, דא נעהמט ער דיא באָרד אין געהט צי זיין געשעפט, אָט שטעלט ער צי צום חשבון נאָך דעם גאנצען על חטא קלאפען, וויפיעל זיין יודיש הערץ דערלאָסט איהם, אָט נעהמט ער צי א גאָלדענע גניבה'שע קעטטע, אויך האט ער ביא זיך אַ יחודת קלייזעל מזכה צי זיין מענטשען אונד איזט מזווג זיוויגם, קורץ ער מיט זיין באָרד שפיעלען א גאנץ שעהנע ראָללע . . דאדורך איזט ביא איהם דיא צוזאַממענקונפט פאָן אללע סאָרטען מענשען וואָס זיצען שאָן אויסגיזעצט ארים דיא טישען. דאָרט זיצען א גאנצע געזעלשאפט אונד מען שאפט דאביא וויין אויף וואָס דיא וועלט שטעהט, וואָס איז דיא שמחה? אז דאָס מיליטער וועט אנפאנגען צו געהן אין דער שלאכטע וועלען זייא נאָך פאהרען דעם מיליטער אין וועלען מאַכען גיטע געשעפטען. ביים אנדערן טיש זיצט מען אונד מען שמיעסט געשמאַק פאָן דער פאָלימיק, איינער שטעלט פאָהר מעהר וויא זיבער אז דיא טירקייא ווירד זיעגען, דיא אנדערע קוועלען דאביא אָן, זאָ דארף מען דאביא טרינקען וויין, מען וועט זייא אָרים רינגלען, ביז וועלין זיך מיסען אַללע אינטער געבען . . אין גיט עס צי פערשטעהן על פי שכל . . זאָ מעג מען שוין טרינקען וויין. ביא אַ גאַנץ בעזאָנדערן טיש זיצען אוים גיזעצט אַנדירע סאָרטען, אונד איינער פאָן זייא שטעלט פאָהר זיין ביאגראַפיע וויא ער וואַר צוריק מיט יאַהרען איין סאָלדאַט, אונד מען האַט איהם פערזעקוטירט, זאָ האַט ער יעטצט דאָס געלעגענהייט אין רוססלאַנד נוקם צי זיין. ער וועט זיך אַוועק לאַסען אין דער שלאַכטע אונד וועט צי שטעהן צו דער טירקייא, אונד וועט זייא אַללע רוססישע סעגנאַלען איבעד געבען, זאָ וועט מען זייא לייכט פערנאַארען אין זאַק אַריין, אין קלאַפט דאַביא מיט כעס אין טיש, ער האַט שיעור דיא גלעזער צי בראָכען, יוא זאגט ער, איך מוס מיך אַצינד אין זייא נוקם זיין. איינער פאָן זייא וואָס איזט דאָך איין אמתר פאַטריאָט רוסלאַנד'ס געוועזען, האַט איהם גיבעטען ער זאָל דאָס ניט טוהן, וויל זאָגט ער מען טאָר ניט זיין פאַלש זיינעם קייזער, אַבער מעהר ער האַט איהם גיבעטען, מעהר האַט ער גיקלאַפט אין טיש, ניין זאָגט ער אויף אַ קול איך וועל איהם וויזען אז אַ קאַטץ קאַן אויך קאַליע מאַכען. דיא אַנהערע זיצען, אונד דיא אויגען גערן זייא שוין איבער

פאָם טרינקען, און שאָקלען זיך דאַבייא צו..

דאָרט בייא איין טיש זיצען אַ באַזונדערע סעקטע, אונד איינער פאָן זייא פאַנגט אַן טירקיש צו רעדען. אָהנע יעמאַנד זאָל איהם פערשטעהן, אין קיקען איהם אין מויל אין זענען איהם מקנא.. זאָ בעהויפּטעט ער זייא אַז ער קאַן גיט דיא טירקישע שפּראַכע, זאָ וועט ער זיך וועק לאָססען אין דער טירקייא אונד וועט צו זייא צושטעהן דאַן וועט ער אלס שפּיאָן וועהרין אונד וועט איבער געבען דיא טירקייא צו רוססלאַנד אין דיא הענדט.. נור דאָס זאָלסטו ניט טוהן האָבען זיך דיא אַנדערע אָנגעריפען מיט פערדרוס.. אין פערטייטיגען דאַבייא דיא טירקייא אַז זיא האָט קיינע שלאַכטע געזוכט, זאָנדערן רוסלאַנד טשעפּיט זיך צו איהר.. מיט שוועהרע מיהע האָבען זייא בייא איהם געפּועל'ט ער זאָל דאָס ניט טוהן, אונד זאָגאַר בייא איהם דאַרויף פּאַראָל גינאָממען, נור עס האָט זייא שאָן געניג וויין געקאָסט זיין פּאַראָל געבען.

בייא אַ גאַנץ אַנדערן טיש זיצען אייניגע וואָס זענין דיא גליקליכסטע אויף דער וועלט, איינער פאָן זייא האָט אַ פעטער וואָס פפלעגט מעהרערע מאָהל פאַדראַדען אָב צו נעהמען יעטצט וועט ער מעהר וויא זיכער דעם רוססישען מיליטער נאָך פאַהרען אונד וועט דיא בעסטע געשעפטען דאָרט מאַכען, זאָ וועט ער געוויס איהם אויך מיטנעהמען, אַבער זאָגט ער צו זייא ביז איך וועל מיך ניט זעהן וועניגסטען מיט הונדערט טויזענד רובעל.. קום איך ניט צוריק. דיא אַנדערע זענען איהם מקנא אונד ווינטשען איהם גליק נור ער זאָל אין זייא אויך ניט פערגעססען, בעהיעטע דער היממעל זאָגט ער מיט איין ערנסטען טאָהן, וועליכם דאָס געזעל־שאַפט האָט שוין דאַבייא געשאָפט אַ פּאַאַר קריגלעך וויין, אונד מען טרינקט איינסווייל אויף דעם קיזער'ם חשבון, אין מען קיסט זיך דאַבייא אין דיא פּיסקלעך. אונטער זייא האָט זיך געפינען איין יונגער מאַנן וואָס וואַר לייכטזיננגיג גלייך מיט זיא אַללע, נור דער אַבער איזט ביים ווירטה פאָם הויז מעהר חשוב געוועהן אַלס דיא דיא אַנדערע, וויל ניט איינמאָהל פלעגט ער איהם צו ברענגען אַ גיט דיאַמאַנטען פינגעריל, אַ זילבערנעם לעפעל, וכדומה זאָלכע זאַכען דאַפיר האָט ער שוין דאָרט אַ גרויסען קרעדיט געהאַט. אַבער דער יונגער מאַנן וועט בייא אונז אין דער געשיכטע אַ גראָססע ראָללע

שפּיעלען, זאָ מוס איך איהם איין פֿאָהרשטעללען ווער ער איזט. אום איהר זאָלט איהם אויך קעננען. דער יונגער מאַנן איזט בייא זיינע עלטערן איין אין איינציגער געוועזען, אונד האַט זיך אַ שלעכטען וועג גענאָממען, ער האַט זיך אין שלעכטע מענטשען אַריין געלאָסט אזוי ער נעבען דיא אַנדערע גענצליך פֿערדאָרבען געוואָרען, עס איזט זאָ וויט געקוממען אַז מען האָט איהם פֿאָן דער שטיעב געיאָגט, וויל וואָס עס איזט איהם צו דער האַנד געקוממען, האָט ער שאָן דעם ווירטה פֿאָן דעם הויז צו געבראַכט. דער יונגער מאַנן האַט גאַנצע נעכט ניט געשלאָפען אין געטראַכט וויא אַזוי ערטאַפּט מען עטליכע הונדערט ריבעל אין זאָל אַוועק. ער האַט זיך דאַרויף פֿערלעגט אונד עס איזט איהם געלינגען דערצו . .

ער האַט אָב געפּאַסט איין טאָג, וועהרענד דיא עלטערן וואַרען ניכט צו הויזע, זאָ איזט ער געקומען, דיא דיענסט האַט איהם גאָר ניט געקאָנט זאָגען, אום געגענטהייל זיא פּפלעגט איהם אינטען אַרום מעהרערע מאָהל עססען אין קיכע געבען, דאָס אייגענטליך וואַר מיט זיין מוטטער'ס בעפֿעהל, ווייל זיא האַט מיט איהם דאָך מיטלייד געהאַט. זאָ אין דעם טאָג וועהרענד דיא דיענסט וואַר אין קיכע בעשעפֿטיגט האַט ער גיהאַט דיא געלעגענהייט זיך אין סאַלאָן אַריין צו האַפּן אין האַט מיט זיך אַ צווייגעל מיט אַ האַמער מיט געבראַכט, אונד דעם קאַסטען אויפגעריססען אין געטראָפען אַכט הונדערט רובעל, אונד איזט דעם זעלבען טאָג אַוועק. דיא עלטערן האַבען דאָס ערפֿאַהרען בייא זייער אַהיים קימען, זייא האַבען גלייך פֿערשטאַנדען אַז דאָס האַט קיין אַנדערער געטוהן נור זייער זאָהן, פֿיר שאַנדע האַבען זייא קיין ראַאַש געמאַכט, אונד פֿיליכט אַביסעל דאַבייא צופֿריעדען געוועזען וואָס האַבען איהם שאָן דאַמיט פּטור געוואָרען, אונד האַבען זיך נאָך גליקליך געשעטצט וואָס דעם טאָג האַט זיך גראַדע מעהר קיין געלד אין קאַסטען געפֿינען. —

קורץ עס האַט זיך איניגע טאָגע געפֿעהלט, רוססלאַנד האַט ריכטיג אָן געהויבען אַרום צו ריקען איהר מיליטער צו אַללע גרענצען, אַז יעדער האַט שוין אַרום געזעהן, אַז עס מוס איינע שלאַכטע אוים ברעכען, זאָ איזט בעדעקט געוועזען אַללע גרענצען פֿאָן מיליטער, אונד האַבען ערוואַרטעט דעם צווייטען בעפֿעהל.

ניט ווייט ווייט פאָן אָדעססאַ, אויך בינדער, טעראַספּאָליע, גיבט איינע סטאַציאָן (ראַזדיעלנע,) פאָן דאָרט טהיילען זיך מעהרערע ציגע, נאַך קיעב, כאַרקיב, כערזאָן א. ז. וו. ביא דיעזער סטאַציאָן האָט זיך יעדען טאָג מיליאָנען פּריוואַט זעלען געפינען, חוץ מיליטער ביא יעדען אַבגאַנג וואַרען דיא קלאַססען געשטאָקט פאָן פער־שידענע פּערזאָנען, יעדער צוג האָט זיך געפּעהלט מיט ראַאַש, מיט געזאַנגע, דאָרט זינגט מען, דאָרט טאַנצט מען, איבערהויפּט דאָס מיליטער וואָס מען האָט זיא מוטה מיט קוראַש געמאַכט דאָס זייא געהען אויף זיבער דעם טערק צו שלאָגען, האָט מען זייער זינגען געהערט מיילען ווייט. — אין איינער קלאַססע גאַנץ אין עק פאָן דיא אַללע וואָס דאָרט האַבען זיך געפינען, אויפ־געמונטערט, פריילעך, אונטער דיא אַללע זעהט מען זיצען איין יונגען מאַן ביא איין פענצטער זעהר אָהנמוטהיג, פערטראַכט, אָהנע אַ וואָרט צו רעדען, עס האָט איהם ניט געקיממערט וואָס אַ יעדער פאָן דאָרט איזט אויפגעמונטערט. אין זיין געזיכט האָט זיך גלייך ערקענט, דאָס עס קאָכט ביא איהם אין הערץ.. ווייל עס האַבען איהם זיינע געדאַנקען געפּלאַגט, אונד זיך פאָר־געשטעלט אַז דער פאַטער וועט געוויס דעפּעשירען צו אללע סטאַציאָנען פאָם באַהן, אום איהם צו פאַקען אונד מען וועט איהם געוויסס צוריק שיקען. זאָ איזט ער געזעסען מיט איין קלאַפּענדיג הערץ, אין זעהר צערשטרייעט.. קוים האָט ער שוין ערלעבט צו הערען דעם דריטען סעגנאַל, אין דער צוג איזט אָבגעגאַנגען, זאָ האָט ער שאָן אָנגעהויבען אַביסעל פרייער צו אַטהמען, אונד איזט שאָן אויך מונטער געוואָרען, ער האָט זיך שאָן צו געשאַרט צו אַנדערע פאָן דאָרט, אין זייא געפראַגט וואָהין זייא פאַהרען, אונד פאָן וואַנען זייא זענען. מיט דעם געשפּרעך האַבען זייא אַנגעלאַנגט צו קישינאָף (באַסאַראַביע), 3 סטאַציעס פאָן דער גרעניץ. דיא שטאַדט קישינאָף וואַר געשטאָקט פאָן מיליטער, אויך פאָן פּריוואַט, אַללע האָטעללען וואַרען געשטאָקט, זאָ האָט 15 טאַגע געדויערט ביז דער לעטצטער בעפעהל איז געקימען, דאַס מיליטער זאָל דיא גרעניץ אַריבער געהן, עס איז באַלד געשעהן. אין אַללע שטראַססען האָט זיך געצויגען מיליטער. — אין איין אינטער גאַסס האָט זיך געפינען איין ת"ת מלמד מיט דעם נאַמען

ד׳ שמעיה אָשר דווקא אַ כשרר יוד. האַט ער גראַדע אַ בעז הערי׳ן געהאַט אויף דיא רוססען ווייל ער וואַר אין זיין יוגענד אַ סאָלדאַט אונד מען האַט איהם וואַהרשיינליך נישט גיט בעהאַנדעלט, זאָ האַט ער יעטצט דיא געלעגענהייט פאָן זייא ראַבע צו נעהמען, זאָ זאָגט ער צו זיין וויב מנוחה, אַצינד וועל איך מיך אין זייא נוקם זיין. דאָס מיליטער דאַרף געבען אינז דורך געהען, וועל איך זייא איבער געהען מיט צווייא לעדיגע קאַנגען, זאָ וועלען זייא גאָר ניט פועלן. וואָס דיא פרויא בעט איהם ער זאָל זיך ניט מישען אין פאָליטישע זאַכען, עס האַט איהם ניכט געהאָלפען.. קוים האַט ער דערהערט דאָס מיליטער געהען איז ער וויא אַ בליט׳ן דורך געלאָפען מיט דיא לעדיגע קאַנגען, אונד עס איז איהם ריכטיג געלונגען עס האַט קיינער ניט בעמערקט, ער האַט זיינ׳ס אָבגעטוהן אונד גליקליך עסקאַפעט.. יוא זאָגט ער צו זיך אַלליין, זייא וועלין מיך שוין האָבין צו געדענקען . . . אונד קימט צו לויפען פערסאַפעט צו זיין פרויא, פערטיג.. זאָגט ער צו איהר; אונד אַטהעמט קוים.. איך האַבע שוין מיינס אָב געטוהן אין מען האָט מיך ניט געהאַפט.. זעהסט דיא דאָך אַז גאָטט וויל אויך, זייא זאָלען האָבען אַ שווארצען סוף . . עס א׳ז טאַקע רעכט זאָגט זיין פרויא מנוחה, וויא זאָגט מען אָבער, אַז דאָס נאַרעשקייט געראָט, איז אויך אַ נאַרישקייט, אָבער איינסווייל זאָגט ער, האַבע איך מיינ׳ס געטוהן.. (זאָ איזט, אַז עס איזט בעשעהרט אַ שווארצען סוף קאַן אַ קאַמץ אויך קאַליע מאַכען.) דאָס מיליטער איזט דווקאַ בשלום אַריבער דיא גרענצע.. אויך מיט זייא פיעלע רוססישע פאַדראַטשיקעס, דאַבייא אויך אונזער יונגער מאַנן. אין דעם זעלבען טאָג וואַר ער שאָן אין יאַססי (ראָמאַניאַ). בעפאָהר ער האַט נאָך אין איין האָטעל אָבגעשטיגען איזט ער געגאַנגען אין איין געוועלב אונד האַט זיך באַלד געקויפט איין גומי מאַנטעל מיט אַ רייזע־טאַש, אויך אַ פאַאַר באָטפאָרטען, קורץ אַ פערטיגער פאַדראַטשיק.. דאַן האַט ער אָן געפראָגט איין האָטעל אונד פיר זיך אַ צימער געשאַפט. —

אַללע שטראַססען פאָן דער שטאָדט יאַססי וואַרען געשטאָקט פאָן מיליטער, זייער קוראַש מיט זייער געזאַנג וויא זענען אַריין געקימען האַט אַ יעדען אויפגעמונטערט, עס האַט זיך געראַשט

אין א יעדען ווינקעל.. מען האט פיר זייא באלד קוואטירען געשאפט, אויף דיא גרויסע פאדראטשיקעס פאן זייער זייטע האבען דארט א גלאוונע קאמפטואר געמאכט אונד פיעלע מענשען אויפ־גענאממען צום בעשעפטיגען, דעם ביים ברויט, דעם בייא פלייש, בייא הייא אין האבער א. ז. וו. נאטירליך האט מען דאבייא זעהר פעהיגע מענשען געזוכט, אבער ניט גראדע זאלכע פיסטע־פאסניקים וויא וויר האבען אין ווירטסהויז בייגעוואהנט, וואס האבען געהאלטין אין איין שיפור'ן אויף דער באזע.. נאך צופאהר מיט חדשים.. גראדע דיא אללע זענין צי הויזע געבליבען, ווייל ווער וועט מאכין פלאנער, ווער עס ווירד בייא דער שלאכטע זיעגען.. זא קאן זיך נאך דיא גאנצע שלאכטע ענדיגען, אהנע מען זאל וויססען ווער עס האט געזיעגט... זא מיססען זאלכע בייא זייער מיססיאן בלייבין. אויך דער געוועזענער סאלדאט וואס האט זיך פערלעגט דיא רוסישע סיגנאלען צי דער טירקייא איבער צו געבען, איז אויך צי הויזע געבליבען, וואס איזט דיא אורזאכע? דיא אורזאכע פראגט איהר? ווייל ער האט פשוט ניט גיהאט אויף רייזע שפעזען.. אדער אויף פראסט יודיש, אויף הוצאות.. אין דאס וואר מאכע דיא רוססענ'ס גליק, וויא לויט ער האט זיך אויף זייא פערנעהמען, אז ער האט זיך אבער ניט גיהאט מיט וואס.. אויך דער וואס האט אין ווירטהס־הויז טירקיש געשפראכען, אין האט זיך פארגישטעלט גליקליך צי ווערען, אויך אנדירע גליקליך צו מאכען, ליידער איזט צו הויזע פערבליבען, דיא אורזאכע? ווייל ער האט זיך פשוט ניט גיהאט מיט וואס צי רירען.. זא האט איהם דיא טירקישע שפראכע נור אין ווירטהס־הויז געגילט.. אויך דער וואס האט פאראל זיינע גוטע פריינדע גיגעבען איז צי הויזע געבליבען, דער אויך? ווארום? ווארום פראגט איהר? אויך דיא מכה, ער האט זיך ניט גיהאט מיט וואס צי רירען, וואסזשע מאכט איהר זא פיעל פראגען.. אויך דער מלמד ר' שמעיה אשר, פלעגט זיך אללע מאהל איג־מערעססירען וויא אזו עס געהט דיא רוססען, אין ווער עס זיעגט.. זא מיט איינעם ווארט פאן דיא אללע דיפלאמאטען וואס וויר האבען אין ווירטהס־הויז גיזעהן, זעהען וויר ניט מעהר, נור דעם יונגען מאנן פיר אונז.. ווייל איהם איזט געלינגען צי לעגען א יד אויף עטליכע הונדערט רובעל בייא זיין פאטער, זא דרעהט

ער זיך שוין דאָ אַרים, גלייך מיט אַללע פּאַדראַטשיקעס, מיט דער זעלבע טראַגע, אַבער אָהנע בעשעפטיגונג.. איינסווייל האַט ער קיינע נאָטה דערציי, פיר דער האַנד געפינט זיך נאָך אויף דער הוצאה.. ער איזט ריכטיג פערפאַהרען אין זאָ איין האָטעל וואָס אַללע פרעמדע ציהען אם מיינסטען הין. דיא אורזאַכע ווערדע איך אייך פאָרשטעללען וואָרום אַם מיינסטען פּאַסאַזשערען האָבּין הין געצויגען פאָן אַללע קלאַססען מענטשען, נעהמליך: פאַנאַטישע אונד ציוויליזירטע.. אויב איהר האַט ליעבע לעזער בייגעוואָהנט מיט אייער דורך רייזען גיבט אַם מיינסטען אונטער דיא חאַנזשיעס (האָטעליערען) פאַנאַטישע פיגורען, היינו איהר זעהט בייא איהם אַ שעהנע באָרד, מיט כשרה פאות, פין אינטער דיא פּאַלעס זעהט מען זיך מעלעפּין אַ טלית קטן מיט כפול שמונה ציצית.. אונד איז פאָלל אָן געשטאָפּט מיט מעשות פין גיטע יודען, קורץ איהר געפינט אַללעס אין איהם.. גראַדע זאָ איינע פיגור האַט זיך געפינען אין דעם האָטעל וואָס אינזער יונגער מאַן איזט פערפאַהרען. דער האָטעל הייסט (האָטעל קאַשקעוואַל) הין האַט אַיעדער געצויגען. דיא פאַמיליע פאָן דעם האָטעל איז בעשטאַנען דער מאַן מיט זיין פרויא אין צווייא ציוויליזירטע פריילין. דיא פאַנאַטישע האָבען הין געצויגען צו ליעב דעם ווירטה, מען זעהט זאָ איינע פערזאָנע געווים געהט דאָרט צו כשר עססען. יונגע לייטע האָבען הין געצויגען צו ליעב דיא פריילין. איבערהויפט דיא עלטערע פריילין האַט איינע גרויסע ראָללע געשפּיעלט, אונד האַט פיעלע יונגע לייטע דעם קאָפּף פערדרעהט, עס איזט וואַהר זיא וואַר זעהר שעהן העכסט געבילדעט. זאָ האַט זיא אין איהר צייט פיעלע פיעלע ראָמאַנען פיר זיך גיזעהען אונד גילעזען, זיא האַט זיך זאָ פערטיעפט אין זייא, אַז בייא איהר איז שוין פערעכנעט געוועזען דאַס זיא איזט אויך איינע פאָן דיא ראָמאַנטישע פריילין וואָס קימען פאָהר אין ראָמאַן, זאָ האַט זיא שוין געזוכט פיר זיך איינעם אַז ער זאָל זיך מיט איהר אייניגען, געווים פאָן דיא העלדען וואָס קימען אויף פאָהר אין ראָמאַן, אונד איהר גליק ווערט אין דעם בעשטעהן זיא ווערט בייא איהם האָבין אַ ראָמאַנטיש לעבען.. פערשטעהט איהר שוין אַז פיעלע יונגע לייטע האָבען זיך געטיישט אין איהר. זאָ האַט אונזערן יונגען מאַנן געדיענט דאַס גליק אויף

הין צי פערפאהרען, ער האט זיך א צימער געשאפט, דיא פאם האטעל זעהן איין יונגען מאנן נאבעל געקליידעט, טאקע וויא איינער פאן דיא גרויסע פאדראטשיקעס, זא האבען זייא איהם דאס נאבעלסטע צימער אב גיגעבען. דער ווירטה איז באלד פיר איהם ערשיענען אונד איהם שלום גיגעבען אין שטעלט זיך פיר איהם פאהר, דאס ער איזט דער ווירטה פאם האטעל. עס פרייעט מיך זעהר, זאגט ער.— (יוא ליעבע לעזער, ווארום זאלען וויר איהם ניט אן ריעפען ביים נאמען, ער מעג זיין פערוועקסעלט וויל דער יונגער מאנן איזט אונז בעקאנט פאן זיין היים מיט דעם נאמען מארקום גולאנעסקו, יעצט אבער האט ער זיך דעם נאמען גיגעבען מאריטץ שפיעלפויגעל) אונד שטעלט זיך פאהר זיין נאמען אונד שאפט דאבייא א שווארצען קאפע. דער ווירטה גערט אב, אונד הייסט גלייך א קאפע מאכען, אין האט שוין זיין שבל דאבייא אז צי זא איינעם זאל זיינע עלטערע פריילין קארלינע דיא קאפע צי טראגען.

דיא פאמיליע פאן דארט האבען שוין געוויסט וויא אזו זיך מיט דיא געסט וואס זענין הין פערפאהרען ארים צי דרייען נעהמליך, צי דיא בעיאהרטע אונד פאנאטישע האט דער מאנן מיט דער בריטער באהרד זיך מיט זייא בעשעפטיגט. אונד זייא אן געשטאפט מיט מעשות פאן גיטע יודען, אז זענין גיוועזען העכסט צופריעדען. דיא מיטלע יאלדען וועלכע זענין הין פערפאהרען האט זיך דיא מאדאם פיפערנוטער מיט זייא בעשעפטיגט, אבוואהל זיא וואר שוין אויך בעיאהרט יעדאך זעהר לוקסאסע. . נור פיר דיא יאלדען איזט זיא נאך מיט גענאנגען. פיר דיא יונגע לייטע זענין דיא פריילין פאהרגעקימען. . זא קענט איהר שאן פערשטעהן אז דער האטעל קאשקאוואל איזט אין איעדער צייט סערזעהן געוועהן מיט געסטע, איבערהויפט ביא קריעגסצייט. . אינזער שפיעלפויגעל זיצט אין מאכט זיך א ציגארע, וויא ער זעהט עפינט זיך דיא טיהר אונד דיא פריילין קארלינע קאמט ארין אין ברענגט איהם א שווארצען קאפע, וויא ער האט זיא דערזעהן איזט ער ערשטוינט גיווארען ביא זיינע ערשטע בליקען וואס ער האט אויף איהר געווארפען, זיא דערלאנגט איהם דיא קאפע מיט א פערגייג אונד געהט אב, שפיעלפויגעל בלייבט זיצען פערטראכט. . זיינע גידאנקען

האַבען אין איהם שוין נישט גערירט, אַ זעלטענע שעהנהייט, זאָגט ער צו זיך, איהרע רייצענדע אויגען האָבען מיך דורך גינעמען ביים ערשטען בליק.. אַ.. ווען איך קאָן אַ זאָלכע ערהייבען.. מען מוס זיכען עפּיס אַ פּלאַן.. פיעלע געדאַנקען זענען איהם אין דעם מאָמענט דורך געלאָפען, ער וועט מאַכען אַ שמיעס מיט דעם ווירטה.. אַבער מאָקע מיט איהר אַליין, אונד פּליצלינג איזט זיא שאָן פיר יעמאַנדען פערלאָבט.. ער הייבט זיך אויף צו געהן, אַבער נייך, זאָגט ער, ניט מיט אייליגעש פיהרט מען אויס... דאָס מיז מיט געדולד צו געהן, איך וועל מיך ערסטענס גיט מיט זייא באַקענען אויף דאַביא קיין רובעל שפּאָרען זיא מוס מיר אין דיא לאַבעס אַריין פאַללען. — ער ציעהט דעם גלאָק, עס ערשיינט באַלד אַ קעלנער, זיא ווינטשען? דעם ווירטה שיק מיר אַריין, דער קעלנער געהט אָב, דער ווירטה קומט אַריין, הערר פּיפּערנוטער, (זיין נאָמען וואַר ר׳ שמעלקע פּיפּערנוטער) זאָגט שפּיעלפויגעל, וויא טהייער שטעהט יעטצט דער קורס פאָן רוסישע רובעל? פיעל ווילט איהר וועקסלען? פראַגט איהם דער הערר פּיפּערנוטער, איינסוויל איין טויזענדער.. אַ טויזענדער? פראַגט ער איהם פערוואונדערט, יוא. אַנטוואָרטעט ער.. איך וועל מיך דאַריבער ערקונדיגען, אין שטעהט שוין פיר איהם מיט רעספּעקט אונד בעטראַכט איהם. זעהר גוט, זאָגט שפּיעלפויגעל זיא ווערדען זאָ פריינדליך זיין.. זיצען זיא! זאָגט ער צום ווירטה, ער זעצט זיך. — ער געהט מיט איהם אַן אין שמיעס אין פראַגט איהם, אָב ער איז בעקאַנט אין דער לאַנדעס קאַרטע.. וואָס לאַנדעס קאַרטע פראַגט ער איהם איבער אין ציעהט זיין באָרד, עס הייסט זאָגט שפּיעל פויגעל דער מאַשראָט וויא אַזו עס קומט אוים ביז צו דער דאָנע אויך וויטער.. ניין ציעהט דער פּיפּערנוטער אויף מיט דיא אַקסעל, דאָס דאַרף מיין פריילין וויסען, ווייל זיא האַט דאָס גילעהרינט, אַזו? אייער פריילין האַט דאָס גילעהרינט? נור דאָס? זיא האַט אַללעס גילעהרינט.. מיט איהר קלינגט דיא גאַנצע שטאַדט.. איזט זיא שוין פערלאָבט? פראַגט ער נייגעהריג, וואָס הייסט דאָס? עס הייסט זיא איזט שאָן אַ כלה? ח״ו זאָגט דער ווירטה.. זיא קאָן זיך קיין חתן צו קלויבען נאָך איהר ווערטה, וויא הייסט? פראַגט שפּיעלפויגעל, איזט בייא אייך אין ראָמאַניע

קיין התן צו בעקוממען עם זאָל איך אַנשטענדיג זיין? ער ציהט אויף מיט דיא פליוצעס, איך ווייס וועמען זיא זוכט? וואָהין פאָהרט איהר פין דאַנען? פרעגט ער איהם, איך פאָהר זאָגט שפיעלפויגעל ביז צו דער דאַנע אין וועל דאָרט שטעהן ביז עס וועט קוממען דער בעפעהל דאס דיא אַרמעע זאָל דיא דאָנע אַריבער געהן. אַבער דאָ פרעגט ער איהם, וועט איהר נאָך פיעל שטעהן? העכסטענס איין מאָנאַטה זאָגט שפיעלפויגעל.. אַזו? אין דרעהט זיך דיא פאות אין קראַזועלט זיא. דער שפיעלפויגעל בעטראַכט דיא פערזאָנע מיט זיין געבילדעטער טאַכטער.. אויך זיין פרויא. וויא אַיעדער מאָן זייא שפיעלט אַ גאַנץ אַנדערע ראָללע . . . שפיעלפויגעל נעהמט אַרויס זיין זייגער, אַ, זאָגט ער, עס איזט שוין שפעהט, איך מוס אַ נעטהיגע דעפעשע פערזאָרגען אונד ענטשולדיגט זיך בייא איהם, אין נעמט זיין אַבערראָק אין געהט אַב, דער ווירטה טראַכט בייא זיך, דער זעהט אויס אַ נגידיש קינד צו זיין, ער שמיעסט גאָר פאָן טויזענדער וועקסלען.. זאָ איזט ער קיין סמאַרק.. איך ווייס? טראַכט ער בייא זיך, לויט ער האַט מיך אויס געפראַגט אויף מיין מעדיל.. פיליבט מיינט ער אויך עפיס.. אַז זיא האַט זיך אַבער איין גירעדט אַ מאַנקאַליע מיט דעם באַנקיערס זיהן.. איך ווייס? אין מיט דיא געדאַנקען איזט ער אַריין געגאַנגען אין זיין צימער אין רועפט אַריין זיין פרויא בראַנדילע, (מען האַט זיא גערופען בראַנדילע ספּאָדיק) אין ערצעהלט איהר וויא דער יונגער פאַדראַטשיק האַט איהם אויסגעפראַגט אויף זייער טאָכטער אויב זיא איזט שוין אַ כלה.. איך פערשטעה זאָגט ער צו איהר אַז זיא געפעלט איהם שטאַרק. ער זעהט אויס אַ גרויסער עושר צו זיין (אין לעגט שוין דאַבייא זיינס צו) ער האַט זאָגט ער אַרויס גינעמען אַ גאַנצען פאַק מיט לויטער טויזענדער.. נאָ? וואָס זאָגסטו דאַצו? בראַנדילע הערט פאָן אַ פאַק טויזענדער איזט זיא עפּיס געבליבען וויא צו קאָבט, אין זאָגט צו איהם איך ווייס וואָס איהר ליגט אין קאָפף דעם באַנקיערס זיהן, אַז בייא איהר איזט פערעכנעט מעהר וויא זיכער אַז ער וועט מיט איהר הייראַטהען.. הער אויס שמעלקע! וויר מיסטען איינמאָהל אַ עק ערגעהן, וויר וועלען נעהמען איינעם פאָן דיא גרויסע שדכנים אין שיקען צו דעם באַנקעה אין הערין

פאָן זיין מויל, אָב ער וועט בעשטעהן, ווייל זיין זיהן האַט איהר פאָהר גיזאָגט אַז זיין פאַטער ווייסט שוין אויך דאַפאָן אַז ער ליעבט זיא, זאָ וועלען וויר וועניגסטען פאָן זיין מויל אַנטוואָרט הערען, אונד פיליכט האַט זיא זיך פאַלש איינגעבילדעט, ווערדען וויר דעם יונגען מאַנן ניט אַוועק לאַססען.. האָסט רעכט בראַנדילע.. נאָך היינטע באַנאַכט זאָל דאָס גישעהן. אין דעם קומט אַריין קאַראָלינע הערסט טאָכטער, זאָגט דיא מוטטער צו איהר, דער פאַטער איזט גיוועזען בייא דעם רוססישען יונגען מאַנן, האַט ער איהם גיהאַלט׳ן אין איין פראַגען פין דיר, אב דיא ביסט שוין אַ כלה, אָב ביסט געלעהרנט, קורץ מען פערשטעהט אין איהם, אַז ער וויל דיך. ער איזט אויך אַ גאַנץ גרויסער עושר.. דער פאַטער האַט בייא איהם אַליין גיזעהן אַ גאַנצען פאַק טויזענדער.. קאַראָלינע הערט זיא אוים, אַם ענדע לאָסט זיא אַרוים אַ גרויס גילעכטער, נאָ? זאָגט זיא, איז ער דען רייכער פאָן דעם באַנקיער צאַפפענשטרייכ׳ם זאָהן? דאָ זעה איך וועניגסטען מיט וועמען איך טוה, יוא זאָגט דיא מוטטער, פיליכט האָסטו דיר פאַלש איין גירעדט.. פאַלש? דאָס איזט מיינע זאַכע.. זאָ איין יונגער מאַנן וויא צאַפפענשטרייך איזט זיין וואָרט בייא מיר הייליג.. יוא טאָכטער וויל איך טאַקע נאָך היינטע וויססען. ווייל דיא האַסט שוין פיעלע אַנשטענדיגע יונגע לייטע פאָן דיר פעריאָגט.. טוהט וויא איהר ווילט, זאָגט קאַראָלינע אונד איך ווייס מיינס.. אין פערלאָסט זייא אין געהט אַב. זאָל זיא בלייבען בייא איהרען, זאָגט בראַנדעלע, וויר וועלין אינזערס טוהן.. דער יונגער מאַנן בלייבט נאָך פיעל אוים היער? פרעגט בראַנדילע, נאָך איין מאָנאַטה, זאָגט שמעלקע. אַזו? האָבען וויר נאָך צייט. —

יעטצט ליעבע לעזער וועל איך אייך פאָרשטעלען דיא קאַראָלינע וויא וויים איהר שטאָלץ מיט איהר איינבילדונג האַט זיא פערפיהרט פיעלע יונגע לייטע זענין פאָן איהר וועק געגאַנגען מיט שאַנדע וואָס זיא האַט זייא מיט שפאָטט רעפוזירט אונד פעריאָגט. אויך אַ גליק דאַבייא. ווייל פיעלע פאָן דיעזע וואָס האָב׳ן זיא וואָלען נעהמען זענין שיין לאַנג פערהייראַטעט אונד מאַכען גיטע געשעפטע אין דיא פרויען לעבען בייא זייא זעהר גליקליך, דווקא ניט ראָמאַנטיש.. זיא האַט זיך אַבער איינגירעדט אַז זיא מוס שפיעלען דעם ראָמאַן

זאָ גיט וויא דיא דאַמען וואָס קיממען פאָהר אין ראָמאַן אונד פיהרען אַרים דיא מענער בייא דיא נעז. . ביז מען האַט פין זייא איינע בעשרייבונג געמאַכט, דאָס נעהמליכע וועט מיט איהר פאַסירען. אונד דאַן . . וועט זיא אָן קימען צי איין מאַרקיז . . אָדער צי אַ לאָרד . . (כמו שכתוב בראָמאַן הקדוש) אַזו וויא אין היילינען ראָמאַן שטעהט געשריבען, וועט איהר אייך ליעבע לעזער וואונדערן וויא קימט וואָס זיא האָט זיך יעמצט אַראָב גילאסט אויף אַ איינפאַכען יודישען באַנקיערס אַ זיהן צי נעהמען, זאָ ווערדע איך אייך ערקלעהרען. — דיא אַללע פריילין וואָס האָבען פערצעהרט פיעלע צייט פאָן זייער יוגענד וואָס האָבין זייער גאַנץ געפיהל אויף ראָמאַנטיש פערוועקסעלט, זאָ איזט שוין בייא איהר מעהר וויא זיכער פערעכנעט אונד דענקט בייא זיך. בין איך דען ניט זאָ שעהן וויא יענע דאַמע וואָס קימט פאָהר אין שפיעלט איינע הויפט ראָללע אין ראָמאַן. האַבע איך ניט זאָלבע שעלמישע אויגען וויא זיא . . קאַן איך דען דיא נעהמליכע קאָקעטעריע ניט מאַכען וויא זיא . . זאָ קען איך אויך זאָ גיט וויא זיא אָן קיממען צו איין זשענטעלמאַן. . אונד דיא נעהמליכע ראָללע וויא יענע שפיעלען מיט דער איינבילדונג פערטרייבט זיא דיא ערשטע חתנים, ביז זיא ווירד צוואַנציג יאַהר, קוים געהט זיא אַריבער דיא 20 יאָהר אין דער לאָרד טרעפט זיך נאָך ניט פיר איהר, זאָ לאַסט זיא זיך אַראָב מיט איין גראַד, אַבער דענקט זיא בייא זיך אַ גראַף.. מוס זיא ערדרייבען . . . אונד רעפוזירט דאַבייא דיא חתנים וואָס מען רעד איהר בייא דער צייט. אונד אויף יעדען געפינט זיא אַ אנדירען פעהלער, דער, איזט ניט פעהיג דעם קאָמפלימענט צו מאַכען פיר זאָ איינער וויא זיא . . יענער, האַט זאָ געשווינד דעם הוט ניט אַראָב געהאַפט, וועהרענד ער איזט צי איהר אין צימער אַריין געקימען, (פאָלקאָם רעכט, וויא איך בין אַ יוד, קראַנק איז ער נאָך פין יענער זייט טיהר זיין הוט הערונטער צו נעהמען.) איינער גראַדע וואָס איזט שוין יוא פעהיג געוועהן פיר זאָלבע פריילין דעם קאָמפלימענט צו מאכען, אונד האַט זיך שוין דאמיט אַבער גליקליך גישעצט, זיא האט איהם וועניגסטען מיט איין פריינדליכער מינע עמפפאנגען, ליידער דאַרף זיא איהם גראדע א פרעג טוהן, צי ער האט געלעזען דעם ראָמאן פאָן פויל־דע־קאָק . .

אונד דעם ראָמאַן האט ער גראדע ניט גילעזען, זאָ קוים איז ער ניט בעקאנט אין פּויל־דער־קאָקס געשיכטע, איזט ער ניט פיר איהר דיא אידעען האָבּין זיא פערנאַארט ביז 30 יאָהר, — קוים זיא זעהט זיך ביא דרייסיג יאָהר אין האלט נאָך ביא גאַר ניט, זאָ ערוועקט זיך אין איהר שוין א יודישער פינק, אונד עראינגערט זיא, אז איהר מוטטער פלעגט איהר נאָך מיט יאָהרען צוריק ערצעהלען, אז זיא האט צו פינפצעהן יאהר חתונה גיהאט, מיט א פראָסטען יודען, אונד האט גיט גילעבט, אָבּוואָהל ער איזט קיין גראף, קיין זשענ־טעלמאנן, אויך קיין לאָרד.. א גאַנץ איינפאכער יוד, אונד מען קען מיט א זאָלכען אויך דיא וועלט דורך געהן, זאָ האט זיא זיך שוין אָנגעהויבען פאָן איהר איינבילדונג זיך צוריק ציהען, אונד איזט שוין מטיב גיוואָרען פיר דעם באנקיער צאפּפענשטרייכ׳ס זיהן פערלאָבט צו ווערהין, זאָ פיעל ווערדען וויר זעהען אָב עס וועט איהר מיט דעם אויך געלינגען. — אונד וועל איך אויך מיט דעם איינבילדונג אויך בעקאנט מאכען, נור געדולד. — אין דאָס איז גיוועהן איהר לעטצטער אנטוואָרט פיר איהרע עלטערן וואָס זיא רעפּוזירט דיא אללע שידוכים וואָס מען רעד איהר, אז זיא ערוואַרטעט דעם באנקיער צאפפענשטרייכ׳ס זיהן ווען ער וועט קימען פאָן זיין סטודיום אונד ער האט איהר זיין וואָרט גיגעבען, אין זיין וואָרט איז ביא איהר הייליג.. אנפאנגס האָבען זיא דיא עלטערן בעטראכטעט פיר ריין משוגע, אונד זיא געפּראגט וויא קאָנסטו דיר איינרעדען דעם באַנקיערס זיהן זאָל פערלאָבט ווערען פיר איין האַנשיעס אַ טאָכטער? זייא האָבען אבער גיזעהן דאָס זיא איזט ביא זיך פעסט, זאָ וויט פיר משוגע האָבען זייא שוין זיא ניט גערעכענט, אין האָבין אויך געוואַרט דיא ענדע דאַפאָן.

דיא אורזאַכע פאָן דער איינבילדונג, מאָגען זיך אַללע זאָלכע פריילין דאַפאָן איין מוסטער נעהמען, ביא זייא קימט פאָהר דאָס זייא פערדרעהען דיא יונגע לייטע דיא קעפּ, אונד דרעהען זיך מיט זייא אַרום.. עס איזט פאַלש.. זאָלען נור גיט בעמערקען וועלען זייא אַרום זעהען דאָס דיא מעננער מאַכען פאָן זייא חוזק וויא עס וועט אויך פאָרקאָממען אין דיא שפּעטערע קאַפּיטעל, וויא זיא האַט זיך מיט דעם יונגען באַנקיער צאַפּפענשטרייך אויך געטיישט. אין דער וואַרהייט געשפּראָכען איז פאָן איהר גענוג גיוועזען אַז זיא

האט זיך געקאנט אראב לאסען פאן איין לאָרד, אָדער איין מארקיז אויף א יודישען באנקיער איזט דאבט זיך גענוג פיין פאן איהר ליידער האט זיא זיך אין דעם אויך געטייטט, נור לאסען וויר איינסווייל דעם שמיעס, וויר וועלין ליעבערסט זעהן דיא אנטוואָרט פין דעם שדכן וואס ווערט ברענגען פאם אלטען באנקיער. —

בראנדילע ספאָדיק האט ניט מעהר געוואָלט זיך פערלאסען אויף איהר טאטער, וויל זיא זעהט אז וואס א יאָהר עס פעהלט זיך קירד זיא מיט דעם יאָהר עלטער, איבערהויפט האט דער רוססישער יונגער פאדראדשיק מיט דעם פאק טויזענדער א גרויסען דיין איהר געמאכט, זיא לאסט גלייך ריפען איינעם פין דיא גרויסע שדכנים אונד בעשטעלט איהם באנאכט צו קימען, דער שדכן האט אב געהיט דיא עקואקטע שטונדע אונד איזט גלייך געקימען צים העדר פיפערנוטער זייא האבען איהם דערזעהן, האבען זייא איהם פיין אויפגענאָמען, דאן געהן זייא מיט איהם אריין אין א באזינדער צימער אונד געבען איהם פאָהר דעם שידוך מיט דעם באנקיער צאפפענשטרייכ'ס זוהן. דער שדכן בלייבט עפּיס שטעהן אונד עס דאכט זיך איהם אויס אז ער האט פיליכט שלעכט גיהערט זא פראגט ער זייא איבער פערוואונדערט מיט וועמען מיינט איהר? איהר קאנט ניט דעם באנקיער צאפפענשטרייך? זאגט בראנדילע, דער שדכן וואלעט אויס זיינע אויגען אויף זייא אין בעטראכטעט זייא איניגע מינוטען, אין טראכט ביא זיך, זענין דיא מענשען משוגע? דאן זאגט ער צו בראנדעלען, מאדאם פיפערנוטער איהר זאלט מיר ענטשולדיגען, עס איזט ווירקליך וואהר, איעדער פאטער אונד מוטער וואלטען געוואלט אן מעכטען פיר זייער קינד דעם גרעסטען אונד רייכסטען מאן. יעדאך מוס מען אבער בארעכינען עפּיס ביים גאנג.. ניט איבער פליסיג. —

איך וועל קימען צו דעם באנקיער אונד איהם דעם שידוך פארגעבען, וועליכס עס איזט מיר בעקאנט וואס פיר שידוכים מען רעדט איהם. נא? וועל איך דען ניט ארויס געהן מיט א צישפאל-טענעם קאפף פאן דארט? זאגט איהר אלליין..

(אבוואהל עס איזט אונז גיט בעקאנט דאס דיא אללע וואס טראגען דעם נאמען שדכן, אָדער מענשען-שפּיקולאנט, וויא מען רופט זייא, אום א פראנק צו פראפּעטירען וואלט ער געוואלט צו

זאמטען ברענגען א פאאר זאלען זיך ניט אנהייבען צו גראמען, עס קומערט איהם זעהר וועניג וואס דא שפיעלט איינע ראללע דאס לעבען פאן 2 מענטשען. אבער זא וואס? עס איז איהם נור געגאנגען, ער זאל ניט אב שפארען איין צישפאלטענעם קאפף.. זאנסט מאכט ביא איהם דאס אויך ניט אוים.. דיא פריילייין קאראלינע וואס זיא איזט אויך ביא דעם שמיעס גיזעסען, אונד אללעם אוים גיהערט אונד קיין ווארט גירעדט, האט זיך ניט מעהר געקאנט איין האלטען אין זאגט צו איהם מיט בעזען, הערט איהר יוד.. איהר זענט ניט מעהר וויא א שדכן, מען שיקט אייך געהט איהר. וויל דאס איז אייער פראפיסיאן, זאנסט האט איהר ניט וואס אב צו ווענדען. ווילט איהר ניט געהן וועט מען א אנדערען שיקען. איהר זאלט ניט דענקען דאס וויר זענין משוגע.. דער שדכן, פאן זיינער זייטע זעהט דאס דיא מענשען זענין ביא זיך זא פעסטגעזעצט, ווארשיינליך געהען זייא אויף איינע באזע זיכער. זאנסט, וואלטען זייא זיך זאוואס ניט אנגעמאסטען.. זעהר גוט זאגט דער שדכן נאך יעטצט געהע איך הין, אונד נאך הייטע אבענדס, וועל איך אייך אנטווארט ברענגען. בראנדילע האט געזעהן דעם שטעל פאן איהר טאכטער געגען שדכן. איזט ביא איהר שאן אויך געוועזען פיר זיכער פעררעכענט, אונד האט זיך אן גיהויבען צו עררינגערן, וועהרענד אין דער וואקאנציע איזט דער יונגער צאפפענשטרייך אהיים געקימען, אונד איזט 2 מאנאטהע גיזעסען זא האט ער זיך מיט איהר קאראלינע מעהרערע מאהל אויף באללער געטראפפען אונד פלעגט איהר דיא גרעסטע קאמ־פלימענטע צוטהיילען, אויך נור מיט איהר געטאנצט. ווארשיינליך האבען זייא פאן דאמאלס בעקאנטשאפט געמאכט. זא פיעל זיא איזט שאן נייגעהריג געוועהן דיא אנטווארט פאן דארט צו הערען.

דער שדכן האט ריכטיג זיינס געטוהן, אונד דעם זעלבען אבענד איזט ער צום אלטען באנקיער געגאנגען, אונד עס איזט איהם נאך געלונגען דעם ה' צאפפענשטרייך זעלבסט צו טרעפין אין קאנטאר, ביא זיין אריין קימען טידט איהם ה' צאפפענשטרייך א חאפ, וואס ברענגט איהר נייעס? ר' שאחנע, (וויל דער שדכן איזט שאן דארט בעקאנט געוועזען, ער האט א פאאר שידוכים אויפגעפיהרט). אונד הייסט איהם דערביא זיצען. דער שדכן איזט

דערצי קיין נאָאַר ניט געוועזען, ער האָט שוין פיר זיך פיעלעס ביינעוואָהנט פאָן פערשיעדענע שלעק, זאָ האָט ער שוין געוויסט וויא אַזו אין מיט וואָס יענעם צו נעהמען. —

ער פאַנגט אַן פיר איהם אַ לאַנגע פאָרעדע פאָרצולעגען, ביז ער איזט אויף זיין זאָהן אַרויס געקימען, איהם געפראַגט וויא וויט ער האַלט מיט זיין סטודיום, אונד צו ער איזט שאָן געזאָננען מיט איהם אַ שידוך צו טוהן.. דעם זאָממער ענדיגט ער, אונד געוויס ער וועט נור אַהיים קימען ווערדע איך שוין אַנפאַנגען פיר איהם אויך עפיס צו טראַכטען וויל איך בין שאָן אַ בעיאַהרטער מענש, זאָ וויל איך נאָך מיט מיינע אויגען זיינע פאַרטיע זעהען. גאָטט זאָל מיר דאַצו העלפען. אין דעססען ר׳ שאַכנע, איהר האַט עפיס אַ גלייכען זיווג.. קענט איהר זאָגען, דער ר׳ שאַכנע בלייבט זיצען, דיא קאָלירען פאָן זיין געזיכט וועקסלען זיך אין איהם.. עס איזט איהם זעהר שוועהר אַרויס צו זאָגען.. דער באַנקיער וואָס וואַר זעהר איין גיזעצטער אונד געשייטער מאַנן, האַט אין איהם גלייך ערקענט דאָס ער וואַגט ניט צו זאָגען, זאָ זאָגט ער צו איהם איך זעה ר׳ שאַכנע דאָס איהר וויגערט אייך עפיס.. איהר קענט אַבער פרייא זאָגען, וויל פיר פרעגען זאָגט דיא וועלט קימט גאָר ניט.. עס קאָן ביא אייך פאָהרקימען פיללייכט ניט אַזו וויא מיין וואונש, אונד ביא מיר גראַדע פערקעהרט. דער שדכן זעהט דאָס ער מאַכט איהם מוטה צים רעדען, ער ענטשולדיגט זיך ביא איהם טויזענד מאַל, אין זאָגט, דאָס מיז איך אייך אויך זאָגען, אַז מען האַט מיך אויף זיכער צו אייך געשיקט, אין זאָגט איהם מיט אַ גערייסענע וואָרטען דעם נאַמען פאָן דעם מ״ח.. דער באַנקיער פראַגט איהם נאָכמאַלס איבער וויא אַזו זאָגט איהר ה׳ פיפערנוטער?? וואָס איזט זיין בעשעפטיגונג? פראַגט ער איהם גייעהריג, ער האַלט האָטעל קאַטש־קע־זאַל.. (דיא וואָרטען האָט ער גיזאָגט מיט דער נשמה אין דיא הענדט), קוים האַט ער דיא לעצטע וואָרטען אַרויס געזאָגט.. זאָ בעטראַכטעט ער איהם מיט בעזע בליקען, ער איזט אַבער דאָך איין געזעצטער מאַנן, האַט ער זיך צוריק געהאַלטען, אין טראַכט ביא זיך, פאָן זיין קאָפף געהט ער דאָך ניט, דאַס מיז עטוואַס זיין.. זאָ איזט איינינע מינוטען פערגאַנגען מיט שטילשווייגען. דער שדכן איזט איינסווייל גיזעסען

אין געהאַקטע ווינדען, אין טראַכט ביא זיך, דאָ האָט ער ניט מעהר צי ערוואַרטען וויא זיין שוואַרצען סוף.. ער קיקט צי דער טיהר, ער זאָל זיך קענען אַרויס האַפּען.. ענדליך ריפט זיך אָן דער באַנקיער גאַנץ געלאַססען, זאָגט מיר דיא וואַרהייט, ר' שאַבנע! וויא קימט עס זאָל איך איינפאַללען מיך מיט אַ חאַנושיע פיר מ"ח צי מאַכען? ביא דיא געלאַססענע וואָרטען האָט דער שדכן בעקימטען מוטה אונד ערצעהלט איהם וויא מען האָט איהם אייגענס געשיקט ריפען אונד איהם אויף זיכער געשיקט. עס האָט מיך אויך זאָ גוט וויא איך געוואונדערט, יעדאָך האַבע איך גיזעהען דאָס זייא זענין ביא זיך זאָ פעסט. האַבע איך ביא מיר געטראַכט, זענין דען דיא מענשען משוגע? געווים מוס עפּיס זיין..— דער באַנקיער טראַכט אַביסעל, דאַן פרעגט ער איהם נאָכמאָלס פערוואונדערט, אויף זיכער האָט מען איך געשיקט? יוא העררר! זאָגט ר' שאַבנע. דעם באַנקיער איזט פערשיעדענע געדאַנקען דורך געלאָפען, דאַן זאָגט ער צי איהם, ווען אויף זיכער, זאָלט איהר ביא מיר זיין אין אייניגע טאַגע ווערדע איך דאַריבער אַנטוואָרט געבען. דער שדכן פער־ נעגט זיך טיעף פיר איהם אין געהט אַב. אַבער פיעל מעהר אויפ־ געמונטערטער וויא צופאָר. אין דענקט ביא זיך, קוים האָט ער מיך ניט אַרויס געוואָרפען, איז שוין אַ גיטער צייכען.. קאַן זיין אַז דער זיהן האָט אָבגעמאַכט, נור ביים פאַטער האָט ער נאָך קיין ערלויבניסס גענאָממען. אַ.. דאָ קאַן אַרויס אַ גראָבע שפּע..— אין לויפט גליך אין האָטעל קאַשקעוואַל זייא דיא נאַכריכט צו איבערגעבען, אויך זייא האָפנונג צי געבען. זייא האָבען איהם דערזעהן זענין זייא איהם אַללע אַקעגען געלאָפען, אין מיט אָפענע מיילער איהם אַ פרעג געטוהן, וואָס הערט זיך? מיט גאָטטעס הילפע, זאָגט ר' שאַבנע, עס ווירד זיין רעכט.. דער פּיפערנוטער שטעהט אונד גלעט זיך זיין בריטע באָרד אין ציעהט זיא אויס מיט שטאָלץ, אין זאָגט, וואָס דען? עס איז אַ שאלה צי ער וועט מיין קאַראָלינע פאַר אַ שניער נעהמען.. בראַנדילע פרעגט נייגעהריג וואָס האָט ער גיזאָגט? דער שדכן שוין מיט שטאָלץ, האָט צייט! איך וועל מיך אַביסעל אויס ריהען, עס איזט מיר פשוט אין מויל פערטריקענט רעדענדיג.. מיינט ניט אַזו לייכט איז מיר אָנגע־ קימען.. דיא מאַדאַם פּיפערנוטער בעפעהלט דעם קעלנער ער

זאָל אָנצאַפּען פּאָס בעסטען ווין, וויא פריילין קאַראָלינע האַט
אויסגיהערט וויא ער זאָגט, אַז זייא זאָלען ניט דענקען אַז עס איז
זאָ לייכט צי געגאַנגען, זאָ האַט זיא זיך שוין געפינען באַלעדיגט
אין זאָגט מיט שמאָלין, דענקט ניט שדכן אַז דאָס מאַכט זיך אין
אייער זכות.. זאָ פיעל מען מוט פיר דער וועלט אויך יוצא זיין,
אין שיקען אַ שדכן.. זאָגסט איזט דיא זאַכע שאָן לאַנג אָבגעמאַכט
אפילו זיין פאַטער זאָל ניט וועלען.. דער שדכן האַט דאָס דערהערט
זאָ וואונדערט ער זיך זעהר, אין טראַכט בייא זיך זאָ איזט מיר
שאָן רעכט, וואָס איך בין ניט אַוועק געגאַנגען מיט אַ צישפאַלטענעם
קאָפּף.. דאָס איזט איין אָבגעשמיעסטע זאַך! וואַרשיינליך זענין
זייא פערליעבט.. זאָ טראַכט ער בייא זיך, דאַרף איך זייא גאָר
ניט ערצעהלען וויא אַזו דער באַנקיער איזט געבליבען זיצען פער־
וואונדערט.. אַזו פיעל זאָגט ער צי זייא, איך האַבע פערשטאַנען
אַז דער אַלטער באַנקיער איז אויך צי פריעדען, וואַרשיינליך ווייסט
ער שאָן דאַפאָן. נור אַבער עפּיס מאָפטערעס מוס ער דאָך מאַכען.
אויף דעם אָרט נאָכגעבען, פאַסט דאָך ניט, זאָ פיעל האַט ער מיר
געאַנטוואָרטעט, עס איזט אין אָרדנונג, עס מוס אַבער פערגעהן
איינינע טאַגע. אונד האַט מיר גיהייסען נאָכמאַלס בייא זיך זיין,
איך אַבער זעהע דיא זאַכע איזט גאַנץ אין אָרדנונג. מען טראָגט
איהם אינטער גיטען ווין, אונד צי פערבייסען. דער טרינקט גאָר
ניט מיט זיין קול, אונד פערבייסט. וויא עס וועט שוין זיין, איינס־
וויל עסט ער אין טרינקט. דאַן זאָגט ער צי בראַנדעלען, עס
קאַן מעגליך זיין ער זאָל הייסען אייער מאַנן צו זיך קימען, זאָ
וואָלט איהר איהם בעדאַרפט אביסעל אויס צי פיטצען.. דאָס
איזט שאָן מיין גישעפט.. זאָגט בראַנדעלע. יוא, יוא, זאָגט ר' שאַכנע
עס איזט אייער געשעפט, אונד נעהמט דאַבייא אָן דאָס פלעשיל
וועהרענד עס איזט שאָן לעדיג.. אונד ה' פיפערנוטער האַט דאָס
גלייך בעמערקט אין זאָגט צי בראַנדילע.. ר' שאַכנע וויל דאָך
נאָך אביסעל ווין. דיא וועסט דיך פאַטריוועען ר' שאַכנען דאַרף
ער האָבען אַ גאַנץ פאַס, זאָגט בראַנדילע מיט אַ גילעכטער, אין
הייסט דאַבייא. דעם קעלנער נאָך אַ פלאַש ווין אַרויף ברענגען.
ר' שאַכנע האַט אויף זיך געחאַפּט אַ גיט גלעזעל ווין, איז ער בייא
זיך אויפגעמונטערט גיוואָרין. אונד זייא פאָרגישטעלט וויא אַזו ער

האט דעם באנקיער דאס מיידעל פארגישטעלט, אז מען דארף אויספאהרען דיא וועלט, וועט מען דיא צווייטע ניט פינדען צו איהר בילדונג און איהר שעהנהייט.. קאראלינע קיקט אוועק און שמייכעלט. ענדליך דער שדכן הייבט זיך אויף צו געהן און זאגט צו בראנדעלען, איהר קאנט מיר שוין געבען א פאאר פר. אנגעלד, פיפערנוטער ווירד מלא בשמחה מן הסתם אז ער הייסט זיך שוין געבען אנגעלד, געווים איזט ער שאן זיכער, יוא. יוא. בראנדעלע גיב איהם א פאאר פראנק. בראנדעלע האפט ארויס 2 פראנק און גיט איהם. ער געהט אב. —

זעהסטי מוטטער, זאגט קאראלינע. איך האבע ניט געוואלט איך איבער שפארען, זאנסט האט מען ניט נעטהיג גיהאט אפילו א שדכן צו שיקען. עס איז טאקע רעכט, זאגט בראנדילע, אזו פיהרט זיך אבער דיא וועלט. גלייבער אזו.. —

דיא פאמיליע פיפערנוטער האבען זיך ערשט באדענקט און זיך פארגישטעלט זויא וועהרין מחותנים מיט דעם גרויסען באנקיער צאפפענשטרייך, זויא זענין ארים געגאנגען וויא פערווירטע פאן איבערראשונג.. ר׳ שמעלקע ציהט זיך זיין בארד און זאגט, זעהסטי בראנדעל, טאקע נור מיט א גרויסען שדכן זאל מען האבין צו טוהן, דא טיהט זיך א חאפ קאראלינע מיט כעס, ווייטער הייגט איהר אן און זיין זכות, האט איהר מיך געהאלטען פיר משוגע? אז איך האבע אייך געזאגט, עס איזט טאקע רעכט מיין קינד. זאגט בראנדיל, דאך א שדכן מוס זיין און מיטען, האסט ניט גיהערט וויא אזו ער האט דיך דארט פארגישטעלט, מן הסתם דארף איך האבין זיין הסכמה.. זאגט קאראלינע מיט שמאלץ.— (און אמת אז זיא האט זיך אבגילאסט פאן א מארקיז, און וויל נעדהמען א פראסטען באנקיער, דארף מען נאך און דעם אייך צווייפלען?)

דיא פאמיליע פיפערנוטער זענין שוין דיא גאנצע נאכט ניט גישלאפין, אונד האבין זיך שוין פארגישטעלט א גאנץ אנדערע צוקונפט, פין דעם האטעל זיך גענצליך אבלאסען, ווייל דער באנקיער האט א פאאר מאשינען זא וועט ער מעהר וויא זיכער דיא פאמיליע בעזעטצען אויף דער מאשינע. יוא, אויף דער מאשינע זאגט קאראלינע (און ציינגט אויף איהר פאטער) קיק ווערמען מען וועט ארייז זעטצען אלס וויקיל.. וואס טראגט זא איינע ווילדע בארד, מיט

ווילדע פאות . . דאָס איז דיין דאגה? זאָגט בראַנדעלע, דאָ אין האָטעל מוס ער זאָ איינע טראַגע האָבען, פיר אַ שילד געגען דיא פאַנאַטישע . . אַבער דאָרט, דער אַלטער חמור שטעהט אויף דאביי אין ציהט זיך דיא באָרד אין שמייבעלט, וויא דאָס ווייב מיט זיין געבילדעטער טאָבטער מאַכען דיא קאָמעדיע מיט איהם. —

אַבער ניין, טיהט קאַראָלינע אַ קוויטש דאָס מיז נאָך צופאָהר געשעהן, ווענ דען אינזער מ"ח צאַפּפּענשטרייך איהם ניט וועלען קענען? ער זאָל וועניגסטען זעהן ווער זיין מ"ח איזט. נאָ? פאַסט צי איהם מיט זאָ איינע באָרד צי געהן? האָסט רעכט קאַראָלינע זאָגט בראַנדילע, דאָס וועט מען ניט אָן ווערען אין דעם טאָג וואָס מען וועט שיקען נאָך איהם. ענדליך איזט זאָ געבליבען דיא נאַכט, דאָס האָטעל צי פערלאַססען, און זיך ארויס ציהען צי זייער טאַטען אויף דער מאָשיע, נור באופן אַז ר' שמעלקע פּיפּערנוטער זאָל זיך מאָדיפיצירען זיין באָרד מיט פאות. (אין איהר ליעבע לעזער מעגט שוין זאָגען רבנן קדיש . . אַז זיין באָרד זאָל האָבען א עליה . . .)

דיא פאַמיליע פּיפּערנוטער האָבען זיך גילענט שלאָפען, מעהר פאָן זויא אַללע האט קאַראָלינע זעהר אַ גיטען טרוים געהאַט . . עס איזט איהר פאָרגעקימען אַז דער יונגער צאַפּפּענשקרייך איזט אַהיים געקימען פאָן זיין סטודיום, בעפאָר ער איזט נאָך צי הויזע געוועזען, איז ער צו איהר געקימען אונד קיסט זיך מיט איהר אין זאָגט צו איהר, אַבער יעטצט וועסטו ניט מעהר צווייפלען אין מיר . . אונד מיין וואָרט וואָס חאַבע דיר געגעבען איזט הייליג, קאַראָלינע זאָגט איהם אַז זיין פאַטער וויסט שאָן אויך . . אונד וויל איהם אַללעס ערצעהלען וויא דער שדכן איז דאָרט געוועהן, אַבער ער ענטשולדיגט זיך בייא איהר, ניין מיין טהייערע, מוסט מיר ענטשולדיגען וואָס איך איל מיך צו געהן, ווייל איך האַבע נאָך מיין פאַטער ניט געזעהן. ער אומאַרעמט זיא אונד געהט געשווינד אַב. צום ווידערזעהן האָט קאַראָלינע איהם מיט אַללע קרעפטע נאָך געשריען, אַז איהר יונגע שוועסטער וואָס איז מיט איהר צוזאַממען גישלאָפען האָט זיך ערוואַכט, אין הערט וויא קאַראָלינע רעדט פאָם שלאָף, זיא וועקט זיא אויף, זיא ערוואַכט זיך, זיא פראַגט זיא וואָס זיא איזט זאָ בעשעפטיגט אין שלאָף, אַ זאָגט קאַראָלינע

א זיעסען טרופּ האסטי מיר געשטעהרט, אונד ערצעהלט איהר אללעס.. דיא יונגערע שוועסטער איזט איהר פּותר צו גוטען, אזו רעדענדיג זענין זייא שוין בּיז טאג גילעגען אין ניט מעהר פיר שמחה גישלאפען. ר׳ חיים שמעלקע מיט בּראנדעלען זענין אין זייער צימער, אבּער זייא האלטען אויך אין איין רעדען, ער פּראנט זיא מכּוח דער בּארד צי דארף ער זיא אין גאנצען אראב ווארפען, צי נור ארים שעהרען. דאס וועט שוין אינדער קאראלינע פּארמען, זעהסט זאגט בּראנדיל, אז מען האט א לייטיש קינד, וויא מען קען איין שטעהען, איך מעהן, זאגט ר׳ חיים שמעלקע אז מלבּישים זועלין וויר אויך ניט דארפען צי מאבען.. עס קאן מעגליך זיין בּייא זא איין גרויסען בּאנקיער שפּיעלט א ראללע קליידער פּיר איהר.. אבּער זעה דיא אלטער חמור זאגט בּראנדיל צו איהם.. מיילא דא אין האן האסטי געמיסט שפּיעלען דיא פּרימע ראללע אבּער אויף רער מאשיע, אונד געוויסס וועסטי דארט וויקיל אויך זיין, פּאסט א וויקיל מיט זא איינע בּארד.. זייא רוהיג בּראנדילע, איך וועל פאן דיינע רעד ניט ארויס געהן, וויא אזו וועסט מיר הייסען וועל איך דיך פאלגען: א יוא. אז דיא הייסט מיר בּיים דאבענען איך זאל מיך שאקלען וועהרענד פּרעמדע מענשען זענין דא, נא? טיה איך ניט אזו. צי בּיים טיש, איבּערהויפּט שבּת זינג איך ניט אויס אללע זמירות.. זאלסטי גראדע דאס איבּער־ טראכטען, איך מעהן, דארט ווירד פּיר מיר פיעל לייכטער זיין, איך וועל פּערשפּארען צי דאבינען, טאקע פּשוט פּרייא פּין אלימען. זייא האבּען זא לאנג געשמיעסט בּיז עס האט אנגעהויבּען צי טאגען עס הערט זיך שאן דיא גלעקליך ציהען פּאן מעהרערע צימער פּאן דיא פּרעמדע געסט, בּראנדילע טיהט זיך געשווינד אן, אויך ה׳ פּיפּעדנוטער וואשט זיך אב אין צוואגט נאך אוים זיין בּארד צים לעטצטען מאהל, אין בּעטראבטעט זיך מיט איהר אין שפּיגעל יזא זאגט ער צי זיך אליין, טאקע אום געהייער בּרייט אין לאנג.. פּריווט אין נעהמט זיא צוזאממען אין פּערבּייגט זיא ארינטער וויא אזו ער זועט אויסזעהען. נישט קשה.. זאגט ער, זא פיעל דיא פּאות טעלעפּען זיך נאך, קאן מען נאך ניט וויססען. קורץ ער האט דיא בּארד אללע מאהל אנדערש אוים גיקנייטשט אונד שפּיקולירט צי זאל ער זיא קורצער מאבען, צי נור שמאל אין לאנג

אויף פראַנצעזישער אַרט.. האָט זיך פּליצים די טיהר געעפנעט
אונד עס קומט אַריין איינער פאָן די געסט אין זאָגט גוט מאָרגען
ר' חיים שמעלקע. ר' חיים שמעלקע טיהט א שאָקעל מיט דעם
קאָפּף, ער מאָר ניט אויסרעדען, אין אַ תהילימל ליגט שוין פערטיג
אויף געמישט.. דער אורח בעהט ביי איהם טלית אין תפילין
ער צייגט איהם מיט דעם פינגער אויף דער שאַפע, דער אורח
נעהמט זיך מ"ות אין געהט אין זיין צימער זיך שטעלען דאַווינען
ר' חיים שמעלקע האָט נאָך אַביסעל געקנייטשט די באָרד, אין
איז אַריין געגאַנגען אין דער פאָדערשטוב וויא מעהרערע אורחים
זענען געזעסען, דער טרינקט טעה, דער קאַפּע, ער גיט זיי אָב
דעם גוטען מאָרגען, אין ציהט זיך דערביי די באָרד אין מאַכט
פרימע קנייטשען... אין אַ זייט צימער זיצט איין אורח אין עסט
שאָן, וויל ער וויל שוין פאָהרען, וויא ער זעהט דעם ווירטה, זאָגט
ער איהם דעם גוט מאָרגען, ער ריעפט איהם מיט שפּייזען, דאָן
זאָגט ער איך ווייס ניט ר' חיים שמעלקע צו וויל עס איז נאָך
פריה שמעקט מיר ניט די זופּע צו עס איז ניט גוט געקאָכט,
עפּיס קיין טעם.. ר' חיים שמעלקע גלעט זיך די באָרד אין
זאָגט צו איהם, דאַנקען השי"ת מיין בראַנדילע קאָן קאָכען דאָס
ווייסט די גאַנצע וועלט, אין ביי איהר ווירד דאָס עססען נור
נאַטור געקאָכט אהנע צו פערפּראַווען, וויל דאָרט וויא מען פער-
פּראַוועט איזט איינמאָהל זיכער אַז דאָס פליישׁ איז ניט פריש,
זאָ איזט מען געצוואונגען עס צו פערפּראַווען.

(מען ערצעהלט נאָך פאָן דעם הייליגען שיפּעטיקער ז' לברכה
וויא ער ברענגט אויס געגען אסתר'ן פאָן דער מגילה וועהרענד
מען האָט זיא געפיהרט צו אחשורש'ן, האָט זיא זיך ניט געוואָלט
שמיערען מיט בשמים אויך ניט פוטצען זיך וויא די אַללע אַנדירע
ברענגט דער הייליגער שיפּעטיקער אַ משל דערצו, וויא איין פאָטער
מיט איין זאָהן זענען צוזאַמען אין וועג געפאָהרען אין זענען ביידע
זעהר הונגעריג געוועזען, דיא האָבען קוים ערצויגען צו איין ראַטיש
אונד געפראָגט אויף עססען, יוא זאָגט מען זייא, מען גרייט זייא
צום טיש, מען גיט זייא אויף אַ טאַביל.. דער זוהן עססט געשמאַק,
אָבער דער פאָטער זעהר וועניג. עס איז געקומען צום פליישׁ, האָט
עס דער פאָטער ניט איינמאָהל בעריהרט.. אונד דער זוהן עסט

ער פראגט דעם פאטער ווארום ער עסט אויך ניט, זא איין שעהנעם געריך .. דיא פיהלסט גאר ניט? מאכן דאפיר וויל איך ניט עססען וייל מעהר וויא זיכער איז דאס פלייש ניט פריש, זא איזט מען געצוואונגען געוועזען מיט בשמים צי פערפראווען : . גראדע וויא העסליכע פראויען זענין געצוואונגען זיך צו פודערען, (אין שלאגט זיך דערביא אין פסק.) דעם אורח איזט דער דרש גיפעללען; זא האט זיך אינזער ר׳ חיים שמעלקע פיפערנוטער אויסגעטויגט פיר דיא אורחים מיט זאלכע מעשהליך, ופדומה ..)

ארים 12 באטאג זעהט מען זיך אב שטעלען א וואגערעל אונד איין עלעגאנטער יונגער מאן שטייגט אב, ער שאפט פיר זיך א צימער מען האט עס איהם גלייך אנגעצייגט, דער יונגער מאן האט זיך אב גיוואשען אונד איבער געטוהן אין שאפט פיר זיך עפים צום פרישטיגען, אינזער ר׳ חיים שמעלקע קימט באלד צי איהם אין צימער אין גיט איהם שלום. וויא געוועהנליך פראגט ער איהם פאן וואנען איז א יוד? פאדול-טורקע זאגט דער יונגער מאן דער ווירטה בעטראכטעט איהם. זעהר א נאבלער אויך איין אנשטענדיגער זעהט דער אויס צי זיין, ער פראגט איהם באלד אויב מען זאל פארבערייטען פיר איהם איין מיטטאגסמאהל, יוא. זאגט דער יונגער מאן אבער צו ערסט מוס איך זעהען וועגען געשעפט אנגעלעגענהייט .. ער געהט אב, מען האט איהם גלייך איין מיטטאגמאל פארבערייטעט. עס איזט איניגע שטונדען פערגאנגען, דער יונגער מאן קימט צוריק אונד שאפט פיר זיך דעם טיש צי דעקען, עס איזט באלד גישעהן, דער קעלנער בעדיענט איהם דעם גאנצען טיש, ענדליך זאגט דער יונגער מאן ער ערזוכט דעם ווירטה ער זאל צו איהם אריין קימען. ר׳ חיים שמעלקע איזט גלייך אריין געקימען, זא זאגט צי איהם דער יונגער מאן איהר זו. נאמען איזט פיפערנוטער, ניכט וואהר? יוא זאגט ר׳ חיים שמעלקע זא היים איך. מיין נאמען איזט דוד וועקסלער, מיין גישעפט איזט וועקסעל-שטובע, איך באניטץ א שעהנעם קאפיטאל. לוידער מיינע פרויא איזט געשטארבען, זא ערלויבט מיר ניכט מיין געשעפט אליין צי זיין .. וויל איך בעניטץ א שעהנעם פערמעגען אויך שעהנעם ווירטהשאפט .. האט מען מיר פארגעגעבען אייער טאכטער, האבע איך ניט מעהר וויא אייער טאכטער קענען צו

לערנען, זאָגסט פערלאַנג איך גאָר ניט. וויא לויט מען האט זיא מיר פאָהרגישטעלט פערלאַנג איך קיין געלד.. מיט איינעם וואָרט גאָר ניט... וויל איך דיא עהרע האבען מיט אייער טאָכטער צו שפּרעכען. דער ווירטה בעטראַכטעט דעם יונגען מאַן, ער געפעלט איהם דווקא.. — ער טראַכט אַ ביסעל, דאַן זאָגט ער צו איהם איהר קענט זיא באַלד זעהען, אונד געהט אַב.. דער יונגער מאַן ווידעראום האט באַטראַכט דעם פאַטער פאַן דער גערירהמטער פריילין וואָס מען האט איהם פאָהרגעגעבען, אין טראַכט ביא זיך, דווקא איין פאַנאַטישער מאַן מיט איינע געבילדעטע טאָכטער אבער עס שאַדעט ניכט, אים געגענטהייל זעהר שעהן פאַן זאַ איין מענשען וואָס איז פאַנאַטיש אונד זיינע קינדער טהיילט ער צו בילדונג וויא לויט דיא צייט פערלאַנגט יעטצט. דער יונגער מאַן באַטראַכט זיך אין שפּיגעל, ער ריכטעט זיך דאָס האָאר.. געוויס פיר זאָ איינע גערירהמטע פריילין זאָל ער וויא אַ מענטש אויסזעהן (וואָרשיינליך האָבען אַללע אַנדירע ביא איהר וויא בהמות אויס גיזעהן..) דער ר' חיים שמעלקע איזט ריכטיג אַריין געגאַנגען צו זיין בראַנדעלען אין איהר דעם ראַפּאָרט אָב גיגעבען, אין שטעלט איהר פאָהר דאָס ער זעהט אוים זעהר איין פיינער יונגער מאַנן אויך איין רייכער.. אין וויל קענען איגזער קאַראָלינען וויל מען האט זיא איהם פאָהרגיגעבען, דיא בראַנדעלע מיט איהר ספּאָדיק אויף'ן קאָפּף איזט דאָך קיין נאַרר געוועהן, אין זאָגט צו איהם דאָס שאַדעט ניט, עס קאָן קימען ווער עס וויל אונד זיך מיט איהר דילען, ביז דיא זאַכע וועט ניט צו שטאַנדע קימען מוס מען יעדען אויסהערען.. אונד לאַפט גלייך אַריין ריפען דיא טאָכטער אונד ערצעהלט איהר, דיא טאָכטער האט זיך זאָגאָר אינטער גיוואָרטשעט אונד זאָגט צו זייא, ביז וויא לאַנג נאָך וועט איהר איך נאַררען? מיר שיינט איהר זענט שוין גענוג איבערצייגט אַז מיין פּאַרטיא מיטען באַנקיער איז שאָן מעהר וויא זיכער, וואָס דאַרף איך נאָך פרעמדע יונגע לייטע דיא קעפּף פערדרייען.. עס מאַכט ניכטס זאָגט דיא מוטער האַלב בייז. לאָז ניט היטען מען פערטרייבט מענטשען.. ווען ער זאָל זאָגאָר גאַר ניט פערטיג זיין קאָן מען נאָך פערצייגערן איינגע וואָכען. אָבער געווענליך רעפּוזירען, דאַרפען וויר ניכט.. זאָ געה אַריין מאַך דיר עפּיס אַ שמועס, וואָס קען

דאָס אינז שאַדען.. קאַראָלינע האַט דיא מוטטער בעפאָלגט אין טראַכט בייא זיך, זייא מעגען פערלאַנגען וואס זייא וויללען אַבער איך ווערדע איהם גלייך עקספעדירען. דער יונגער מאַנן האַט זיך געשאַפט דורך דעם ווירטה איין שוואַרצען קאַפע זאָ האַט קאַראָלינע איהם אַריין געבראַכט, אין דערלאַנגט איהם מיט אַ פערניג אונד וואַרפט דאַבייא איהרע בליקען אויף איהם. דער יונגער מאַנן איז ענטציקט געוואָרען פאָן איהר שעהנהייט... ער האַט זיך גלייך געמערקט אַז דאָס איז דאָס פריילין וואָס מען האַט איהם פאָר־גיגעבען. ער מאַכט איהר אַ פריינדליכען קאָמפּלימענט אונד פראַגט זיא מיט וועהמין ער האַט דיא עהרע.. זיא שטעלט פאַהר איהר נאַמען, אויך ער שטעלט זיך פאָהר מיט זיין נאַמען, אין זאָגט גלייך צו איהר מיט דיא וואָרטען, האָכגעשעטצטעס פריילין, איך בין איין אלמן אָהנע קינדער איך באַניטץ אַ שעהנעס פערמעגען זאָ האַט מען מיר פאָרגעטראַגען איהר וו. פערזאָן, געלד זיך איך ניט זאָ פיעל מוס איך איהנען זאַגען דאַס זיא גיפעלען מיר... דאַהער האַבע איך ניט מעהר צו ערוואַרטען נור אַ פּאָאַר וואָרטען פאָן זיא.. דאָס פריילין באַטראַכט איהם מיט איהרע שעלמישע אויגען אונד נימט איהם דורך אין דורך, זאָ פיעל מיט דעם קאָמפּלימענט פין האָכגעשעטצטעס פריילין, האַט ער זיא אויך אַביסעל גינעמען. זיא טראַכט בייא זיך זאָ איינעם קאַן מען אויף גילעבטיר ניט נעהמען איך וועל איהם אויף עדלער אַרט אָב זאָגען. ליעבער העררר וועקסלער! זאָגט זיא צו איהם, עס טיהט מיר זעהר לייד.. איך קאַן אייך ניט מעהר געהערען. ערסטענס בין איך ניט געזאָננען אַלס פריילין איין אלמן צו הייראַטען, צווייטענס האַבע איך שוין מיין הערץ איין אַנדערן פערגעבען.... דאָס הערץ פיר אַ אַנדערן פערגעבען? רעפעטירט דער יונגער מאַנן, וואָצו ברויך איך איין ווייב אָהנע הערץ... אונד האַט מיט איהר שוין קיין גישעפטען ניט געמאַכט, אונד וואונשט איהר גליק מיט יענעם וואָס זיא האַט איהם איהר הערץ אַוועק גיגעבען, אין פערלאַנגט רעכנונג. זיא געהט אַב, אונד שיקט איהר פאַטער מיט דער רעכנונג. דער אַלטער פּיפּערנוטער אָהנע צו וויססען דעם שמיעס וואָס צווישען איהם מיט זיין טאָכטער איזט גיוועזען, זאָגט ער צו איהם, נאָ? העררר וועקעלער, זאָגט מיר אויפריכטיג גיפעלט אייך מיין בתולה.. אין

גלעט זיך דיא באָרד דאַבייא.. יוא, זאָגט דער יונגער מאַן, אַבער אַ ווייב אָהנע אַ הערץ.... איזט ניכט פיר מיך. ער נימט אַרוים זיין טאַש אַנטירט דיא רעכנונג אונד זעגנעט זיך מיט דעם ווירטה אונד געהט אַב. דער ר׳ חיים שמעלקע האָט ניט פערשטאַנען זיינע ווערטען אין געהט אַריין צו זיין פריילין אונד פראַגט זיא דיא אורזאַכע.. וואָס ער האָט געמיינט דאַמיט, עפּיס האָט ער גיזאָגט אַ ווייב אָהנע אַ הערץ דאַרף ער ניט. קאַראָלינע לאַסט אַרויס אַ גילעכטער, וואָס דען זאָגט זיא, פיעל גישעפטען צו מאַכען, איך האַבע איהם דיא וואַהרהייט גיזאָגט אַז מיין הערץ איזט שאָן פיר איין אַנדערן פערגעבען, וואָס ברויך איך נאָך אַז יונגע לייטע זאָלען זיך אין מיר נאַארען, עס מוס שאָן איינמאהל איינע ענדע געהמען, זיא פערלאַסט איהם אין געהט אַב. דער אַלטער חמור אַבוואָהל ער האָט וועניג פערשטאַנען יעדאָך איז איהם דיא אַנט־וואָרט ניט גיפעלען, אין רעדט צו זיך אַליין, יוא טאָכטער, מען זאָגט ניט האָפּפּ.. ביז מען שפּרינגט ניט אַריבער.. נור עס איזט ניט מיין געשעפט.. געווים בראַנדילע, איבערהויפּט קאַראָלינע פערשטעהען מעהר פאָן מיר. —

קאַרלינע קימט אַריין צו איהר מוטטער, וואָס זאָגסטו דערצו מוטטער? דער פאַטער איזט בעז וואָס איך האַבע דעם יונגען מאַן שנעלל עקספּעדירט. מערקווירדיג! ווען ער זעהט גיפעלט איהם. אָט איז איהם אַ קליין שטעטילדיגער אַלמן אויך גיפעלין, אַביא עס גיפעלט איהם... ער מיינט עס איזט צוריק מיט יאָהרען וואָס דיא עלטערן האָבען פערקויפט זייערע קינדער אהנע זייא צו פראַגען ביא איהם איזט גאָר קיין אונטערשיעד פאָן דעם אַלמן ביז צום באַנקיערס זיהן. — —

דעם אַלטען באַנקיער צאַפּפּענשטרייך נאָך דעם שדכן׳ס אַוועק געהן איזט איהם פערשיעדענעס פאָהרגעקימען. זאָללען דיא מענשען משוגע זיין אונד צו מיר אַ שדכן שיקען, דאַס מוס עטוואַס זיין... עס קאַן זיין וועהרענד דער זאָהן איזט היער געוועזען אין דער וואַקאַנציע, איזט לייכט מעגליך ביא דיא יעטציגע יונגע לייטע זאָל ער מיט דעם מעדיל האָבען בעקאַנטשאַפט געמאַכט... אויך זיא געווים פערזיכערט.. אונד האָט זיך מיר דאָס ניט געוואַגט צו זאָגען, זאָ האָט ער זיא אָנגישטעלט צו מיר אַ שדכן

צו שיקען. איך ווייס?.. ביא דער צייט קאן זיך אללעס מאכען, אבער צו פיעל פאן איהם, זא ווייט פערגניגען טהוילט ער מיר צו.. איך זאל מ"ח ווערהען מיט א האנזשיא.. דאס וועט ניט געשעהן! וויפיעל מיינע אויגען וועלען לייכטען אונד וויפיעל איך וועל לעבען וועט דאס ניט אויסגעפיהרט ווערהען. ער מאג אפילו משיגע ווערהען, זא ווייט מיין נאמען צו שמוטצען.. איך וועל איהם דאס ארויס שרייבען, איך גלויבע ניכט אז ער זאל פיר מיך לייגנען. ער זעצט זיך ביים שרייבטיש, מיהט אן זיינע אויגען גלעזער און שרייבט איהם זעלבסט א בריעף אויף א בויגען פאן אללע פיער זייטען, עס איזט מיר ניט געטהיג איך זאל פיר אייך דעם גאנצען בריעף פארשטעללען, עס איז גענוג אז וועל אייך דעם אינהאלט פאן דעם בריעף בעקאנט מאכען.. דיא ענדע פאן דעם בריעף האט זא געלויטעט, זא מיין ליעבעס קינד זא ווייט פערדין איך ניט ביא דיר מיינע עהרע ביא מיינע לעטצטע יאהרען צו שמוטצען אונד מיך פיר א האנזשיע צו פערטוישען... איבערהויפט פערדין איך זא פיעל רעכט ביא דיר, אז זאללסט מיינע עהרע שאהנען זא גיט וויא איך דיינע.. אונד מיין לעטצטען וואונש נאך קימען וואס איך וויל אין דיר ביא מיינע לעטצטע יאהרען זעהען, געהמליך איינע גליקליכע פארטיע וואס זאל מיר, אויך דיר אנשטענדיג זיין. האבע איך מיך ווענינ מיט דיר געפלאגט ביז האבע דיך זא ווייט געבראכט.. אויך פיר דיר איין פערמעגען פארבערייטעט אום דיך גליקליך צו מאכען, אונד ביסט ווירקליך גענוג גליקליך, זא וואלט איך נאך געבען דיר געוואלט דאס גליק האבען דיך מיט א אנשטענדיגער פארטיע צו זעהען. אם ענדע ווילסטי פאן מיר דאס גליק וועקרויבען.. איך גלויבע דאך ניט, נור פיללייכט ליעבעס קינד ביסטי אין דער מיינונג פאן דיא יעטצטיגע ציוויליזירטע יונגע לייטע וואס בעהויפטען אז נור דורך ליעבע קען מען א גליקליך לעבען האבען.. אונד קאנסט דאביא אויך זאגען א כפרה דיא עלטערנס כבוד פיר איין שטונדע ליעבע.. זא שרייבע מיר, אום איך זאל וויסען וויא איך האלט מיט דיר, וויל קוים האסטי דיא מענשען ווירקליך פערזויבערט.. זא קענסטי מיין נאמען אויף דיר ניט טראגען, אויך קאנסטי פיר מיין קינד ניט מעהר פערדעכינט ווערדען, אונד דיין צוקונפט קענסטי דיר שוין מערקען....

פאָן מיר דיין פאָטער (איינסוויל) איך ערוואַרטע אָם שנעלסטען דיינע אנטוואָרט.

2 טאגע זינד פערגאַנגען איזט דער יונגער צאַפּפענשטרייך געקימען פאָן זיין שולע צור מיטטאַג שטונדע, טרעפט ער אין זיין צימער אַ בריעף. ער זעהט דעם קאָנווערט מיט זייער פירמאַ, אַ, פאָן מיין ליעבען פאָטער ער רייסט איהם שנעלל אויף אונד וואַרפט זיינע בליקען אויף איניגע צייילען, אונד בלייבט שטעהן ער בעדענקט זיך ווער איזט דער בריעף, עס איזט וואַהר, דעם פאָטערס שריפט, אַבער איך פערשטעהע עפּיס ניט... ער לעזט איהם ווייטער אונד קימט איבער דיא לעצטע וואָרטען (קאָנסטי פיר מיין קינד ניט מעהר פערעבענט ווערען) זאָ האָט איהם אנגעפאַנגען צו שווינדלען אין דיא אויגען, ער בלייבט זיצען איניגע מינוטען וויא פערמישט, דאַן מאַכט ער זיך מוטה אונד לעזט נאָך מאָלם דעם בריעף פאָן אנפאַנגס, שאָן מיט געדולד. ער זעהט אויך דעם נאַמען פאָם האַנדשיע וואָס זיין פאָטער האָט איהם אַרויס געשריעבען, זאָגאַר דיא שטראַססע מיטן נומר פאָן דאָרט, אפילו דעם נאַמען פאָם פריילין, ער האָט צופליים זיך ערקונדיגט אין אַללעם געשריעבען, אום איהם צו צייגען דאָס ער ווייסט שאָן פאָן אַללעם. דער יונגער מאַן קלעהרט בייא זיך, מיט שוועהרע מיהע האָט ער זיך אַנגעפאַנגען צו ערריגערן, אַז אין דער וואַקאַנציע איז ער געוועהן אויף אַ באַל געלאַדען האָט ער מיט דעם פריילין בעקאַנטשאַפט געמאַכט, דאַן האָט ער זיך מעהרערע מאַהל מיט איהר אין פאָלקסגאַרטען באַגעגענט אונד פלעגט מיט איהר שטונדען לאַנג זיך אָב געבען מיט געשפרעך, עס איזט וואַהר, ער איזט מיט איהר גאַנץ אינטים געוואָרין, אונד עס קאַן לייכט מעגליך זיין דאָס זיא האָט זיך שאָן אַנגערעדט אז איך מעהן זיא. אַבער איך זאָל איהר האָבען מיין וואָרט געגעבען? טראַכטער בייא זיך, אונמעגליך! דאָס גידענקט ער דורך אוים ניט. אונד ווען יוא?.. האַבע איך זיא געוואָלט אָרים פיהרען.. אונד ווען זיא האָט זיך געלאַסט זאָ ווייט נאַררען, אויך נאָך יעמצט...! וועמים שולד איזט דאַראַן? אַ, אויף דעם בריעף מוס איך גלייך אַנטוואָרטען, ער לאַסט דאָס עססען אונד געהט אין זיין בירויא אונד זעצט זיך אַ בריעף שרייבען צו זיין פאָטער.

פיעלגעליעבטער פאטער! איך זאל דיר פארשטעללען מיין איבערראשונג ביים אנפאנג דיין געטיישטען בריעף לעזען, וויל איך דיך זא פיעל ניט ערגערן וויפיעל ערגערנים איך האבע גיהאט אויך נאך יעטצט. אבער ניט גראדע עפים אנדירש, נור דורך דיינע ערגערנים, אהנע מיין שולד זאל אין דעם זיין. נור אום דיך פאן דיא אללע ערגערגים לויז צו מאכען, שרייבע איך דיר אין קורצען, אונד דיר צום פערשטעהן געבען דיא זיטטען פאן דיא יעצטיגע יונגע לייטע, געוויס אין דיין יוגענד האסטו דאס ניט ביגעוואהנט אונד יעטצט ביא דיינע עלטערע יאהרען ביסטו גאנץ פרעמד אין זאלבע איינזיכטען, זא ווערדע איך דיר אללעס גוט ערקלעהרען, עס איזט וואהר, דיא יעצטיגע יונגע לייטע זינד לייכטזינניג אין זאלבע געגעשטענדע, דיא אורזאכע דאפאן, וויל דיא יעצטיגע פריילין זענין נאך פיעל מעהר אלם זייא.. קוים זעהן זייא אז איין יונגער מאנן מאכט איהר דעם יעצטיגען מאדעלנע קאמפלימענט... וואס מען קאן זאגען ער איזט מיט פיעל שפאטטע אונטערגעשלאגען דא דענקט זיא שאן ביא זיך מעהר וויא זיכער, דאס ער מיינט זיא צו ערדייבען... אונד בלייבט זא מיט איהרע פאלשע איינגעבילדעטע גדאנקען. —

דאס נעהמליכע ליעבער פאטער האט מיט מיר פאסירט אין דער צייט פאן וואקאנציע, אבער איך האבע מיר געניג דעם קאפף געבראכען ביז איך האבע מיך עררינגערט וועם דיא מיינסט... עס איזט וואהר, מיט דעם האטעליערם פריילין האבע איך מיך מעהרערע מאהל ביא מיין שפאציערען געהען באגעגענט אונד בין מיט איהר בעקאנט גיווארען, וויל איך בין אויך ניט בעסער פאן יעטצטיגע יונגע לייטע.. אבער ניט אויף דעם פאך וואס דיא גלויבסט.. אדער ריכטיגער צו זאגען וויא זיא האט זיך איינגעבילדעט.. אויך קאן מעגליך זיין אז איך האבע זיא פערזיבערט, ווען אפילו אזו? מען קען איהר דאמאלם פיעל פערשפרעכען.... אונד ווען זיא האלט זיך דאביא, איזט מיין שולד? איך מוס דיר גאנץ אין קורצען שרייבען, וויל זא איין בריעף פאסט נור צו דיא יעצטיגע יונגע לייטע, ניט צו דיר אלם פאטער, זא פיעל דיין בריעף האט מיך צו זא איין שרייבען געבראכט.. דאהער זייא רוהיג ליעבער פאטער, ניט איינמאהל איין אבטעל גדאנק זאל דיר

דאפאן פאהרקאממען זאלסט מיך אויף דער ארט רעכנען. דיין טרייער זאהן, עדוארד צאפפענשטרייך.

דער אלטער באנקיער וועהרענד ער האט דיא אנטווארט פאן זיין זאהן בעקיממען אונד דורך געלעזען, האט ער צו זיך אליין געלאכט, דיא אויגען האבען זיך איהם אנגעפיללט מיט טרעהרען פיר פרייד . . . אין וויל ער איזט געוועזען ווירקליך איין גיזעצטער מאנן אויף דער ארדענטליכער מענטש, זא דענקט ער ביא זיך זוארום זאל דאס פריילין פעראונגליקט ווערען, געוויס וועלין זייא ניט וועלין פאן קיין אנדערן שידוך הערען וועהרענד זייא האלטען דעם פיר פאזיטיוו . . זא איזט איהם איינגעפאללען ער זאל לאסען רופען דעם פאם האטעל קאטשקעוואל אונד ער וועט איהם אביסעל אויס מוסר'ן אויך איהם געבען צו פערשטעהן ער זאל זיך זאלבע דומהייטען פאם קאפף ארויס שלאגען, אין זאל זיך פשוט נאך זיבען זיין גלייבען . . . ער האט זיך אויך דאביא געשעהמט עס זאל ניט פעראפפענטליך ווערען, אז זייא האבען שוין געשיקט א שדכן, ווארשיינליך וויסען שוין אויך אנדערע דאפאן זא מוס איך זייא צייטליך פאם קאפף דיא איינבילדונג ארויס שלאגען. ער לייטעט מיט דעם גלעקיל איין דיענער ערשיינט. זאלסט געהן אין האטעל קאטשקעוואל אונד הייסען קימען דעם ווירטה פאן דארט, וויל איך האבע מיט איהם זעהר וויכטיג צו שפרעכען. דער דיענער געהט אב. —

איינסוויל זיט דער שדכן איז ביא זייא געוועהן אונד זייא פערזיכערט, זא פיעל עס מוס נאך איניגע מאגע דויערן, האט זיך שוין 8 טאג געפעהלט אונד מען זעהט קיינעם פיר זיך ניט דיא פאמיליע פיפערנוטער זענין אביסעל דאפאן אונרוהיג גיווארין וויל זייא האבען גירעכענט נאך צופאהר מיט 2 טעג האט מען שוין ביא זייא בעדארפט צו זיין, אם ענדע קימט קיינער ניט, זא זיצען זייא אללע צוזאממען אונד מען רעדט גראדע פאן דעם . . אידער זאגט זיין מיינונג . . . אבער פריילין קאראלינע לאסט זיך ניט אונד איזט ביא זיך גאנץ שטאלץ, איך וויס וואס דא איזט. געוויס האט זיין פאטער דאפאן נאך ניט געוויסט אין פליצים קימט א שדכן אין גיט איהם דאס פאהר . . גאנץ געוויס איזט איהם דאס קוריאס פארגעקימען, זא האט ער צו זיין זאהן געשריעבען איהם

דאַריבער צו פראָגען. דאָס איזט דיא אורזאַכע וואָס ער האַט דעם שדכן גידייסען קימען שפּעטער מיט 8 טאָג אום ער זאָל — אויך איינמאַהל עפּפּנעט זיך דיא טיהר פאָן זייער צימּמער אונד עס ערשיינט איין יונגער מאַנן נאָבעל געקליידעט נאַך יעטצטיגען מאָדעל מיט אַ גלאָגע אויף דעם האַלז אין מאַכט פיר זייא א נאָבלען קאָמפּלימענט, דאַן פראַגט ער וועלכער איזט דער העדר פּיפּער־נוטער, איך בין געשיקט פאָן דעם באַנקיער צאַפּפענשטרייך אונד ער ערזוכט דעם העררן פאָן פּיפּערנוטער אום 10 אוהר אַבענדס צו קאָממען, וויל ער דאַרף מיט זייא זייער וויכטיגעס שפּרעכען.

אין דיא אַללע פיגורען איזט איינע נייע זעעלע אַריין, זייא זענין אין דיעזען מאָמענט איבערראַשט געוואָרען, זייא האַבען נישט געוויסט וואָס זאָללען מיט דעם יונגען מאַנן טיהן, קאַראָלינע אַליין טראָגט איהם צי איין שטיהל צו זיצען, בראַנדעל ווינקט מען זאָל אַריין דערלאַנגען דולטשעטץ איהם אויפצונעהמען אונד ביידע געהען אַב. דאַן געהט צי ר׳ חיים שמעלקע אונד שטעלט זיך פיר איהם פאָהר דאָס ער איזט דער העדר פּיפּערנוטער.. אין רייכט איהם דיא האַנד אין זאָגט צו איהם, איהר זענט אַוודאַי דער בוכהאַלטער פאָן דאָרט? יוא, זאָגט דער דיענער אונד בעטראַכט דיא פאַמיליע אָהנע ער זאָל וויססען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, איהר זענט אַוודאי געקימען זאָגט ווידעראום ר׳ חיים שמעלקע צו אונז מכות דעם שידוך... (אָהנע ער זאָל דאַפאָן וויססען) יוא, יוא, זאָגט דער דיענער, וויא ער האַט דאָס דערהערט זאָ לאַסט ער איהם איבער אין לויפט אַריין צי בראַנדעלען אונד קאַראַלינע איז אויך דאָרט געוועזען אין זאָגט, אַצינד מיין ווייב זענין וויר שאָן זיכער, דער יונגער מאַנן איזט דער בוכהאַלטער פאָן דאָרט, אין איזט אייגענס אַהער געקימען מכות דעם שידוך.. ער זאָגט מיר אַז זייא זענין דאָרט העכסט צופריעדען.. אַזו? טיהען זייא זיך אַללע דאַבייא אַ חאַפּ.. קאַראָלינע! (זאָגט בראַנדילע) נעם אויף אַ טאַץ בעקערייא, אין דיא חיים שמעלקע היים אָן צאַפּען אַ פלאַש גיטען וויין אין נעהמט איהם אויף וויא עס גיהער צו זיין. קאַראָלינע געהמט באַלד דאָס אַללעס אין טראָגט אַריין דעם בוכהאַלטער..

דער בוכהאַלטער ווערענד ער האַט שוין ערשנאַפּט מבוח אַ שידוך אַ גיטער לין איז ער אויך גיוועזען, צווייטענס האַט ער גידענקט

פארשיינליך איזט עפיס.. ווייל זיין שעף האט אייגענס געשיקט איהם צו ריעפען, מעגליך זייא זעניין שוין איינפערשטאנדען, זא האט ער זיך אויך מוטה געמאכט זייא אללעם צו אנטוואָרטען, אבוואָהל ער ווייסט פאן ניכטס.. נור ווייל זייא רעבינען איהם פיר בוכהאלטער, וואָס פיר א פנים האט ער צו זאָגען אז ער ווייסט דאפאָן ניט.. קאראָלינע ערשיינט באלד פיר איהם גאָר מיט א גאנץ אנדערן קאָסטיום געקליידעט, אונד שטעלט פיר איהם דאָס צוקער בעקערייא מיט א פערנייג דאביי. דער דיענער (אָדער דער בוכהאלטער ווייא זייא ריפען איהם) בעוואונדערט זיא, אונד זאָגט צו איהר, מיט וועמען האבע איך דיא עהרע? זיא שטעלט פאָהר איהר נאמען, קאראָלינע פיפערנוטער. זינד זיא דיא עלטערע טאָכטער, יוא, זאָגט זיא אין ווארפט אויף איהם א זייטען בליק וואָס ער וועט זאָגען. זאָ? זאָגט דער בוכהאלטער, גלויבע איך דאס זיא זינד דיא גליקליכע וואָס עס האנדעלט זיך מיט דעם יונגען ה' צאפפענשטריך.. קאראָלינע ווירד רויט אין זאָגט צי איהם, וויא וויססען זיא דאָס?. איך? א פראגע, וואָס האט מען מיך גראדע געשיקט, איך זאָל אייך אויך קענען לערנען.. אין דעם קימט אריין ר' חיים שמעלקע מיט א גיטער פלאש ווין אונד שטעלט פיר דעם בוכהאלטער, אָדער דער דיענער וויא זיר וויסען איינסווייל עסט ער אָן ע"ה אין טרינקט.. ר' חיים שמעלקע שטעלט פאָהר זיין טאָכטער פיר איהם, אין זאָגט, דאָס איז מיין קריינצאלע דיא עלטערע טאָכטער וואָס דארף א כלה ווערין מיט אייער באנקיערס זאָהן. קאראָלינע מיהט אויף איהם א בעזען קיק אין זאָגט צי איהם, פאטער, דיא מוטטער רופט דיך (אום איהם צו פטרן) ער נעהט געשווינד אב. דאן פראגט איהם קאראָלינע וועגן דער יונגער צאפפענשטריך ענדיגט זיין סטודיום, נאָך דעם זאָמטער דאן קימט ער צי הויזע, ווייל זיין פאטער גיט איהם שאָן איבער אללע געשעפטען. קאראָלינע קוועלט דאביי. דאן קימט אריין דאָס יונגע פריילין אין זאָגט צו קאראָלינע אז דיא מוטטער רופט זיא. זיא ענטשולדיגט זיך ביים בוכהאלטער אונד געהט אב. דאָס קליינע פריילין בלייבט מיט איהם דער בוכהאלטער פרעגט זיא וויפיעל קינדער זייא זעניין, זיא זאָגט איהם נור 2 ער פרעגט זיא דאביי מעהרערע זאכען אויס.

ביא בראַנדילען אין צימער מאַכט מען איין קאָנסיליום וואָס צו אַנטוואָרטען, ווייל מען האַט באַרעכענט אַז דעם אַבענד קאַן ער הין ניט געהן, ער מוס זיך מיט עפּיס פאָרבעררייטען, איינסווייל זאָגט קריינצא (פאָ קאַראָלינע וויל איך זאָגען) איז דיא זאַבע שאָן אין אָרדנונג.. אויך וויא לויט דער בוכהאַלטער האַט מיר ערצעהלט זאָ האָסטי דיך ניט מעהר וואָס צו איילען. צווייטענס מען מוס עטוואַס שטאָלין אויף בעניטצען, תיכף לויפען, וועלין זייא מיינען אַז מען וואַרפט זיך אָן, צי מען האַט גיחאַפּט דעם טאָטער. דער פאַטער זאָל באַפעהלען אַז ער איזט יעצט גראַדע בעשעפטיגט אין אַ פאַאַר טאַגען וועט ער שוין הין קימען, זאָ וועלין וויר צייט האָבען איהם גוט אויסצוריכטען.. יוא זאָגט בראַנדילע זאָ בלייבט עס, אונד געהט שוין אויך הין אַריין אין זעהט וויא דער בוכהאַלטער פלאַגט זיך מיט דעם פלעשיל ווין, זאָ האַט זיא זיך גלייך געשטויסען אַז ער מיינט עפּיס צו בייסען.. זאָ זאָגט זיא צום יונגען מיידעל, געה זשאַנעטאַ אונד ברענג אַריין אַ געבראָטענע קאַטשקע, עס איז באַלד גישעהן. דער בוכהאַלטער זעהט עס געהט איהם דאָ זעהר גוט זאָ גליסט זיך איהם גאָר ניט צו רירען פאָן דאָרט, אַבער הן מוס מען דאָך אַביסעל מאַכען, ער נעהמט אַרויס דיא אוהר אַה, זאָגט ער עס איז שאָן שפּעהט, איך מוס שאָן געהן. שאַדעט ניט, זאָגט בראַנדעל, אַז עס האַט זיך יוא געמאַכט וויר האַבען דיא עהרע ביא אונז אין הויז אייך צו האָבען, זאָ מעגט איהר אייך נאָך אַ שטונדע פערוויילען. דער דיענער טראַכט ביא זיך וואָס קאַן ער אָן וועהרען? ער וועט זאָגען זיין הערין אַז הערר פּיפּערנוטער וואַר ניט צו הויזע זאָ האַט ער מיסען אויף איהם וואַרטען. מען האַט איהם אַבער קוים איין גיבעטען ער זאָל נאָך זיצען אונד זאָל דאַבייא עפּיס געניסען, ער טיהט זייא צו ליעב, ער עסט דאָס בראַטען אויך אין גיסט זיך אָן ווין צו פערטרינקען אונד בעטראַכט דאַבייא וויא דאָס פלעשיל איזט באַלד לעער. בראַנדילע וואָס איזט ווירקליך קיין נאַאַר האַט דאָס גלייך בעמערקט, אונד טיהט אַ וויגק מען זאָל נאָך אַ פלעשיל ווין ברענגין, עס איזט באַלד געשעהן. ער עסט אין טרינקט וויא גאָטט האַט גיבאָטען. דאַן מאַכט ער זיך אַ ציגאַרע, אונד צו ענדע בעטראַכט ער ערשט דיא פערמישטע פאַמיליע.. איין פאַנאַטישער

יוד מיט אַ לאַנגער ברייטער יודישער באָרד מיט פאות, אונד דיא פרויא איזט גאַנץ אין געגענטהייל, אַ יונגע טראָגע נאָך יעצטיגען מאָדעל, נאָך גאָר טשאַטשקענדיג דרעהט זיא זיך אויף איהר קנעפאַלע . . . אַ געבילדעט פריילין פערפיצט נאָך דעם העכסטען זשורנאַל. קורץ פאָן איין פיגור צור אַנדערער דיפערירט.. אונד זיין הערר צאַפּפענשטריך ווירד מיט זייא מחתנים טראַכט ער ביא זיך. זאָ איינער וואָס בעזיצט איין זאָ גראָסעס פערמעגען אָם ענדע טיהט ער מיט אַ האַנזשיא.. וואָס ליעבע קען ברענגען.. ער שטעהט אויף אונד פראַגט אויף דען הערן פיפערנוטער, מען האָט איהם גלייך אַריין געריפען, אַלזאָ! הערר פאָן פיפערנאָטער זאָגט דער בוכהאַלטער צו איהם ביא דער האַנד אָנגעהמענדיג קאָממען זיא הייטע אַבענד? . ניין. זאָגט ער וויל איך בין הייטע בעשעפטיגט, אַבער אין אַ פּאַאַר טאָגע וועל איך שאָן קימען, אונד פאָן איגזער זייט קענט איהר שאָן זאָגען אז עס איז אללעס אין אָרדנונג, אדיעע מוסיאָ פיפערנוטער, אדיעע, אדיעע, טיהט ער זיך אַ טרעססע מיט אַללע אברים אין דיא באָרד האַט זיך איהם צי שפרייעט אַז קאַראָלינע האַט שיעור געפּלאַטצט. לאַ רעוואָאַר, זאָגט ער צי פריילין קאַראָלינע. באָנזשור זאָגט ער אָן נעמענדיג בראַנדעלען. צום ווידערזעהן זאָגט ער צי דעם יונגען פריילין.. זאָ האַט דער דיענער יעדען זיינם ציגעטהיילט אונד איזט וועק געגאַנגען.

קאַראָלינע וואָס פלעגט אימער צו קריטיזירען אויף איהר פאַטערס באָרד מיט פאות, עס האַט אַבער גיהיימען דאָס ער מוס דיא מאַסקע טראָגען, אַבער יעטצט . . . האַט זיא שאָן גיהאַט דיא געלעגענהייט אַללעס אום צו פיהרען. אונד איהר פאַטער אויס צוריכטען צו איהר מ״ה נאָך איהר וואונטש . . זאָ זאָגט זיא צום פאַטער מיט שטאָלין, אַבער יעטצט פאַטערל וועסטו שוין ווערין נאָך מיין וואונטש. וואָס וועל איך ווערין? פראַגט זיא דער פאַטער מיט אַ שמייכעל, דיא צברה? לאָם דיינע שפאַססען, קיינמאהל קענסטו דיך מיט מיר ניט איינינגען. אפילו מיט דעם רעדען, אַבער מיט דער צייט ערקענט איהר שאָן אַללע וועמען איהר האַט פיר אַ קינד.. קורץ זאָגט דער פאַטער מיט אַ רחמנות פנים וואָס נאָך ווילסטו פאָן מיר, איך טיה אַללעס פין דיינעט וועגען.. קאַראָלינע

געהט צו איהם צי אין גלעט איהם דיא באָרד אין ציהט זיא אויס..
פאַסט עפּים צים מ״ח מיט זאָ איינע ווילדע באָרד צו געהן וואָס
הין קימען אריין לויטער נאָבלע.. וואָסזשע ווילסטו? פראַגט ער
זיא נאָכמאַלס... וואָס איך וויל? זיא נעמט איהם אן בייא דער
באָרד אין שלעפּט איהם ציא צים שפּיגעל אין פערבעגט פאַר
איהם אַ שטיקעל נאָ? איז ניט גלייכער אַ ביסעל קורצער. אין
וואָס נאָך פרעגט דער אַלטער חמור, וואָס איז שוין מיטוב, אין
געהט איהר שוין נאָך וויא דער בעער דעם ציגיינער... אויך
אַביסעל דיא פאות זאָגט זיא פאָראויס געהענדיג אונד ער נאָך
איהר.. טיה וויא דיא פערשטעהסט.. זיא געהט אין איהר צימער
אין נעמט אישעריל אין שטעלט איהם געגען שפּיגעל אין מעסט
אָב דיא באָרד מיט אַסענטימעטער, אין פאַרקערצט זיא מיט צו
5 סענטים פאָן דער ברייט. אין 10 סענטים פאָן דער לענג ס״ה
האָט זיא מיט פינף אונד צוואַנציג סענטים פערקלענערט (זאַגע
דורך מעסיג 25 סענטים) אין דיא פאות געגצליך ער האָט אויך
בשעת מעשה דיא אויגען ציגעמאַכט אזו וויא ר׳ שבתא דלפון
(עיין בגילגול שוהד הלק א).

קאַראָלינע לאָסט אַרוים אַ גרוים גילעכטער מיט אַ קוויטש
דערבייא, אין לויפט אַרוים פאָם צימער צו איהר מוטטער, קימט
ניט זיא אַ גישרייא וועט איהר אָנקיקען דעם פאַטער.... זייא
לויפען אַללע אין צימער אריין. דער שטעהט אין שאָקילט מיט
דעם קאָפּף הין אין הער.. טוידט.. דיא באָרד מיט דיא פאות
ריהרען זיך ניט זייא לאַכען זעהר דערבייא. אין ער שטעהט וויא
איין נגזל.. אין קיקט צי זייא מיט אַ רחמנות פנים. פערפאַלען·
(מען מעג שוין זאָגען נאָך איהר רבנן קדיש) זייא האַלטען אין
איין לאַכען, פאַר צרות צילאַכט ער זיך אויך אויף אַ קול...
שפּאַס בייא זייטע זאָגט קאַראָלינע. איז דען ניט פיהל שענער אין
געשייטער אַזו.. דער בעטראַכט זיך, אין קוועלט שוין אויך וויא
אַ באָנסער.. קורץ זייא האָבען זיך אַללע גיט אָנגעלאַכט. אויך
דער אַלטער בעער מיט זייא.. (זאָ איז וויעפיעל דאָס קינד איז
נאָך יונג איזט עס דאָך אונטער דיא עלטערן אונטערוואָרפען..
קוים אַבער קימען זייא אין דיא יאָהרען איבערהויפּט דיא פריילין
וואָס נאַשען נאָך ראָמאַן.. איזט שאָן וויא צי דיא עלטערן..

זיא פיהרט זייא שוין ביא דיא נעז.. אבער ריכטיגער וויא דער ציגיינער דעם בער.. זיא טיהט זייא אויך אָן אַ לאַנטין.. אין מיסען נאָך זייערע קעפף גאָבגעהען, ווייל זייא פירכטען פשוט פיר פיעל ערגערס... זאָלען אַ שאַנדע אויך ניט מאַכען... אַזו וויא אינזער קאַראָלינע האָט זיך מיט איהרע עלטערן אַרים גידרעהט.. אונד מיסען בע״ב זאָגען אָמן.)

יעטצט זאָגט קאַראָלינע אַז אינזער פאַטער האָט אונז יוא צי גיהערט אונד אינזער פערלאַנג נאָכגיגעבען, זאָ מיסען וויר איהם ווענינסטען אָרדענטליך אויס קליידען, אַז דער מ״ח זאָל אויך זעהן דאָס ער האָט ניט צ׳טוהן מיט שמוטציגע יודען.. זיא שיקט דעם קעלנער אין איין קליידער האַנדלונג אין שאָפט פיר איהם דעם שעהנסטען אַנצוג צו ברענגען, מען האָט איהם ריכטיג געבראַכט אַ שוואַרצען אַנצוג, איין אָבערציער, אויך אַ מאָדעלנע צילינדער־הוט, שוואַרצע האַנדשוה, מען שטעלט איהם אַריין אין דער טראַגע מען פיהרט איהם איבערן צימער הין אין צוריק, אַ געפוירנער לאָרד. נאָ? וואָס זאָגט איהר יעטצט? זאָגט קאַראָלינע מיט שטאָלץ עס ווערט זאָ ווייט קימען ער ווערט אויף מיר ניט ווערין קיקען זאָגט בראַנדילע ספאָדיק פאָן איהר זייט מיט אַ שמייכעל. קורץ דיא קאָמעדיע איזט פערטיג.. איינסווייל זעהן וויר אינזער שעהנים יודען וואָס איזט אָן געשטאָפט מיט מעשות פין גיטע יודען פיר אַ פאָלקאָמענעם דייטש.. — עס קימט שוין אָבער גאַנץ אַנדערס פאָהר..... עס קאָן שוין פיעל שוועהרער זיין וויא איהם פיר אַ דייטש געמאַכט.. געוויס איזט אַ דייטש לייכט צו ווערין (אויב איהר קענט אייך נאָר ערדיננערן וויא האַבע אַיך פאָרגישטעלט אין ספר ארבעה אבות ניזיקין חלק א׳) אזו איין לאָקש וויא איך ווערהענד איך בין אַהער געקימען בין איך אויך לייכט דאַמאַלס אַ דייטש געוואָרען, וועהרענד מען האָט מיר ניט יעטצט געדאַכט דעם טלית קטן אין קאַפעע־הויז אַראָב גינעמען מיט אַ פאַאַר פעטש אינטער געשלאָגען.. נאָ? דענקט איהר איך בין אַ פיעל שענערער דייטש געוועהן וויא אינזער פיפערנוטער? לעזט דאָרט ווערט איהר מיך אויך פיר זאָ איין דייטש זעהן, (עיין שם באריכות). — יעצט קלעה־ט שאָן קאַראָלינע וויא אַזו זיין אַריין קימען צים באַנקיער זאָל זיין, וויא אַזו דעם קאָמפלימענט צו מאַכען,

וואָס ער זאָל אַנטוואָרטען אויף דעם וואָס מען וועט איהם פרעגען . . קים אַהער פּאַטער, ביא דיין אַריין קימען זאָלסטו דעם הוט אַ האַפּ טוהן אַראָב אין זיך טיעף פערבּעגען (אונד צייגט איהם וויא אַזו . .) געה אַרוים אונד קים באַלד אַריין אין מאַך דעם קאָמ־פּלימענט . . ער טוהט אַזו ער געהט אַרוים אין קימט אַריין אין מאַכט נאָך דעם זעלבּען קאָמפּלימענט. בּראַוואָ, שרייעט אוים קאַראָלינע. מען וועט דיר הייסען זיצען זאָלסטו זאָגען מערסיע, דער פּיפּערנוטער שטעהט אין שאָקעלט צי מיט'ן קאָפּף אין ציהט זיך ביא דער בּאָרד. יודיש אויפגיהערט טיהט קאַראָלינע אַ גישרייא האַלב בּעז . . האָסט ניט מעהר דיא בּאָרד צו ציעהען, מען דרעהט זיך ביא אַ וואָנציע זאָגט זיא פאַלס אז מען וועט זיצען אין רעדען קורץ זיא שטעלט איהם אַללעם אוים אונד מאַכט מיט איהם רעפּיטיציע גראַדע וויא דיא אַקטיאָרען דאַרפען אַ שטיק אין טעאַטער פאָרשטעללען זאָ מאַבען זייא פריר רעפּיטיציע אום דאָס שטיק זאָל גוט אויספאַללען, זאָ האַט זיא מיט איהם אַללעם איינשטודירט. דיא פראַגע איזט דאָך אַבער זאָגט בּראַנדעל וואָס זאָל ער דאָרט רעדען? דאָס בּאַלאַנגט זיך שאָן אין יענעמס פראַגען, וואָס קאַן ער איהם פרעגען? זאָגט קאַראָלינע, ער ריפט דאָך איהם שאָן אויף אַ פערטיגער זאַך, זאָ וועט ער איהם דאָס ערסטע זאָגען, זיא וויסען ה' פּיפּערנוטער וואָס איך האַבּע זיא רופען לאַסען? איך וויל מיט איהנען מ"ח זוערין . . וויל מיין קינד האט זיך פערליעבט אין אייער טאָכטער. האָסטו ניט מעהר צו אַנטוואָרטען, מיט פערגניגען עם פרייעט מיך זעהר, דיא הערסט? וואָס מען רעדט צו דיר . . פראַנט בּראַנדעל, וואָס דען איך בין טויב! זאָגט שוין פּיפּערנוטער וואָס געפינט זיך שוין דאַביא האַלב בּעלידיגט, וויא איינער רעדט מען האַלט איהם פיר אַ בּעער . .

עָנדע דיא צווייטע טהייל.

# דריטער טהייל

בראַנדעל זאָגט צו איהם ער וועט דיך גאַנץ געוויס פראַגען צו ביסטו אים שטאַנד עפּיס גרין צו געבען, זאָלסטו זאָגען ניין לעבער הערר, דאָס קען איך ניט פערשפּרעכען. ערשטענס האָבע איך נאָך איין פּרייליין צו פערהייראַטען, צווייטענס וויים איך צו גוט דאָס זיא מאַכען שפּאַסס מיט מיר, ווייל אייער זאָהן זאָל לעבען האָט שוין איינמאַהל געזאָגט דאַס ער זוכט קיין געלד. דיא הערכט? יוא, יוא, זאָגט פּיפּערנוטער אין דרעהט זיך דאַבייא דיא וואָנציע, אין צייגט וויא אַזוי ער וועט דאָרט זיצען.

קורץ דיא רעפּיטיציע האָט געדויערט אַפּאַר שטונדען, דער זייגער הערט זיך קלינגען 10, אַה! מוטטער, טיהט זיך קאַראָלינע אַ האַפּ. עס איזט שוין שפּעהט, שנעל אַ געדעקטען וואַגען מיט 2 שפּענער. מען האָט גלייך גיבראַכט, מען טיהט איהם אָן דיא האַנדשוה. דעם אָבערציער הייסט מען איהם האַלטען אויף דער האַנד מען שטעקט איהם אַראַן אַ ציגאַרע אין פּיסק פאַרטיג.....

צים באַנקיער צאַפּפּענשטרייך זאָגט מען דעם קוטשער.

תּלעבען מוטטער, זאָגט קאַראָלינע עס לעססט איהם פּיעל שעהנער וויא פריער, ווער עס קען איהם ניט וואָלט געמיינט אַז ער איזט איין אַמעריקאַנישער לאָרד... יוא זאָגט בראַנדעל... ער זאָלל נאָר וויסען וויא אַזוי זיך דאָרט צו באַנעמען אַללס דאָס איינענע אַ פראָסטען יודען. איבער הויפּט אַז ער פּיהרט זיך נאָך פאַנאַטיש, זאָ פערדעקט איהם שוין אַללע זיינע פעהלער, ער מעג אינטער דער מאַסקע אַללעס טיהען. אַבער דיא פאַנאַטישע מאַסקע פערדעקט שוין אַללעס האָט ער קיין שכל מיט אַ מענ־טשען צו רעדען. געפּינט מען איהם באַלד אַ זכות. ער איזט אַ פראָסטער יוד אָן חכמות, איזט ער אַ גראָבער יונג. אין פער־שטעהט אַפּילו ניט וואָס זיין מויל רעד ביים דאַבענען, צו ביים תהלים זאָגען, אַז פאָהרט זיך אַבער צים רבין, איזט ער זיך אַ חסיד זאָ פאַרדעקט איהם שוין אַללעס, ווער שמיסט אַז ער קאַן נאָך לעהרנען. אונד טראָגט דער בייא דיא פאַנאַטישע מאַסקע.. זאָ איזט שוין פיר איהם פרייא אַללעס אין דער וועלט, וואָס פיר אין שפּיצבאָבערייא, וואָס פיר איין גנבלע, אַ זאָלכער הייסט (אַביי־ורבא). קעפּיל, אַ זאָלכען האָבען שוין דיא תנאים פון

דער גמרא אויך פערגנטוואָרט אַז וועסט זעהען אַ ת"ח איזט עפּיס עובר, עס הייסט ער געהט אויף זאָ איין אָרט וואָס מען טאָר ניט, זאָלסטו אויף איהם מלמד זכות זיין וויל מעהר וויא זיכער וועט ער דאַרויף תשובה טוהען. קורץ אַללעס וואָס שטעקט אינטער אַ פאַנאַטישער מאַסקע קאָן מען איהם בייא אַללע זיינע פעהלער אַ זכות געפינען, דער פאַלל איזט אויך מיט דיין פאָ-טער. וויר האָבען דאָס גאַנצע פערפוטשט. וואָלט ער אין זיין פאָ-ריגע טראַגע, מיט זיין פאָריגע באָרד געוועזען אַהיען געקימען וויא לויט ער איז אַ.. לאָקש... זאָ האָט קענען אַללע זיינע דום-הייטען מיט געהין. זאָ וואָלטען זייא בייא זיך געטראַכט. אַ פראָם-טער עהרליכער יוד, אָן חכמות. אַבער בייא איין דייטש איז ניט אַזוי דער פאַלל. קוים נאַמען דייטש. דאַ מוס ער אונד דאַרף געבילדעט זיין. קוים ניט, אונד איזט נאָך דער צי דום ?. דאָ האָט ער יתרו'ס נאָמען, אַ פּיסטע דייטש, איבערהויפט א גראָ-בער יונג אַ דייטש ?. ווינדערט זיך שוין אַיעדער. אונד האָבען אַ שפּריכוואָרט איין פּיסטע דייטש צי הייסען קען מען אויך אַ גאַסען קעהרער אָנטיהן אַ צווּיקער מיט אַ צילענדער. נאָ? פער-דינט ער שוין דעם נאָמען דייטש? (ניכט אים זאָנסט ריעפט מען זיא בראַנדעלע ספּאָדיק. געפעלט אייך דעם דייטש וואָס זיא האָט אַנידער געלעגט) אַבער קאַראָלינע זאָגט שוין צי איהר מוטטער מיט פּערדרוס דיר דאַכט זיך אויך דאָס ביסט ווירקליך קליגער פאָן דער גאַנצער וועלט, וואָס מיינסט דיא דער מיט, ער קען זיך מיט וויא-פיעל דומהייטען אויסדריקען דאָרט, וועט דער שידוך דעריבער ניט אָב געהין, מיין ניט אַז מען זיכט אייך דאָרט, ווייל פאָן מיינער זייט בין איך מעהר וויא זיכער, אונד וואָס מחותנים איינבעלאַנגט קימערט מיך זייער וועניג. אויב איהר וועט געפעלען, אָדער ניט ווייל איין מ"ח מיטען אַנדירין דאַרפען דיא וועלט ניט אַב פיהרען. דיא מוטטער האָט געזעהין אַז זיא גער-פינט זיך בעליידיגט. האָט זיא זיך צי ביסליך צוריק געצויגען אין זאָגט עס איזט אמת. זאָ פיעל דענק איך אַז דאָס גאַנצע ריעד-פּעכץ הין איז ווייל ער וויל אויך דעם מ"ח קענען לעהרנען אין דער זאָהן קען דיך וויא לויט דיא זאָגסט, זאָ וויל וועניגסטען יענער מ"ח אויך זיין מ"ח קענען, יוא זאָגט קאַראָלינע פיעלמאַל באַר

געגען זיך איין מ״ח מיט דעם אנדירען נאך זייערע קינדערס חתונה? עס קען וועק געהין יאהרען לאנג.

קורץ זייא האבען זיך פערנעמען מיט פערשיעדענע גע־שפרעך וויל זייא ערווארטען אז דער פיפערנאטער זאל שאן אהיים קוממען מיט דער בעשטימטער בשורה. דאן ווירד א נייא געשפרעך וואס פיר א קלייד מען מאכט זיך געוויס וועט מען זייא איין לאדען, צים ערשטען בעזוך, וואס פיר איין קאסטום מאכט מען זיך, בראנדעל טיהט אפילו א זיפץ דער בייא אין טראכט זיך ביז עפים... איינסווייל פהעלט נאך געלד.

לאסען וויר איינם וויל, זייא מיט זייער שמיעס אונד האפ־נונג, ליעבערסט וועלין וויר אויך ציגעהין צים קאנטור פאן ה׳ צאפפענשטרייך אונד זעהין וויא אזו ער וועט זיין אונבעקאנטען מ״ח אויף נעהמען, געוויס שטעלט איהר אייך שוין זעלבסט פאהר אז ער וועט פאן דארט וועק געהין מיט ניכטס, וויא לויט איך האבע אייך פאר אום ארויס געשריעבען דאס ער וואר זייער אונרוהיג נור דער בריעף פאן זיין זאהן האט איהם ערשט בע־רוהיגט. זא וועט איהר שוין יעטצט זעהין דאס דיא שפוגעל נייע איבער געניצוויטע מאסקע האט בייא ה׳ צאפפענשטרייך איין גראסען איינדרוק געמאכט. ער האט זיך זעלבסט זא פיעל ניט גע־וואונשען, אלזא קימט שנעל וועלען וויר זעהין דיא ענדע דער פאן.

שלאגע האלב עליף זעהט מען וויא עס בלייבט, שטעהן איינע עקאפאזש (איין באלאנוואגען) נעבען ה׳ צאפפענשטרייך, אונד עס שטייגט אב איין נאבלער עלעגאנטער (פיפערנאטער), זיין טראגע איזט אויך שוין בעקאנט, דעם אבערציהער טראגט ער אויף דער האנד. קוים האט ער נור דיא טיהר געעפענט צים אריין געהין איזט באלד א דיענער אין 2 טען צימער געלאפען מעלדען, זיין הערן, אז א גרויסער זשענטעל מאן איזט געקי־מען מיט איין באלאן וואגען. וויא אונז בעקאנט איזט דער נאמען יוד... ער קען אויך באנקיער זיין איזט ער זייער לויער נאך דעם פראנק, ער קען זיטצען בייא איין טיש מיט זיין פאמיליע וואס דאס פערגעניגען האט עד נור 2 מאל אין טאג אונד פיעלייכט איין מאל טעגליך וואס זיצט דאמאלס מיט זיין פאמיליע צי זאמ־

מען זאָגט איזט ער אַם מײנסטען פערקויפט, קײן אָבער שפירט
ער פאָן אַ פרעמדער שפע, זאָ לאָסט ער איבער דעם מיט מיט דער
פאַמיליע אויך דאָס עסען אין לויפט דער פר. צו האָפען.

וועהרענד ער האָט דערהערט פאָן איין זײַענטעלמאַן... איזט
ער איהם אַליין אַ קעגען געלאָפען ער זעהט ריכטיג פיר זיך
איין מאַן. זייער נאָבעל געקליידעט, מיט אַללע פראָעפעקטען, זאָ
איזט ער זיך מקדים אונד מאַכט איהם קודם דעם גרויסען קאָמ־
פלימענט אונזער פיפערנאָטער זעהט דאָס דער באַנקיער מאַכט
איהם זאָ איין קאָמפלימענט זאָ מאַכט ער באַלד צוריק, אָבער
ער פערנייגט זיך כמעט ביז צו דער ערדע, דער באַנקיער זעהט
זאָ איין טיעפען פערנייג זאָ פערנייגט ער זיך געגען איהם נאָכ־
מאָלס, אַבער פיפערנאָטער איזט אויך געשייט אונד פערנייגט
זיך נאָך מעהר. קורץ זייא האַלטען זיך אין איין בעגען אײנער
פיר דעם אַנדערן. אָהנע אַ וואָרט צו רעדען, דער באַנקיער אָ־
בער זעהט עס נעהמט קײנע ענדע פאָן דיא קאָמפלימענטע זאָ
צייגט ער איהם מיט דער האַנד אין אַנדערען צימער אַריין צו־
געהין, פיפערנוטער האָט שכל אין זאָגט מערסיא... (וויא אַזו
מען האָט איהם אָן געזאָגט) דער באַנקיער הייסט איהם זיצען,
ער זאָגט נאָכמאָלס מערסיע. דער בוכהאַלטער איזט געבליבען
דאָרט אין צימער וויל עס וואַר אויף דעם טיש מעהרערע פע־
קליך מיט נאַפאָליאָנס, וועהרענד ער האָט דערזעהין דעם פרעמ־
דען העררן איזט ער זעלבסט געלאָפען איהם בענקעל צו גע־
טראָגען, זאָ האָט ער אויך געחאַפט אַ מערסיע...

ה׳ פיפערנוטער זעצט זיך, אונד מאַכט זיך איינמוויל אַ
ציגאַרע אונד דער באַנקיער זעלבסט צינד אָן אַ צינדהעלצעל ער
פערדעכערט מיט נאָכמאָלס איין מערסיע דער בייא, קורץ דער
באַנקיער ערוואַרטעט שוין ער זאָל זיך פיר איהם פאָרשטעלען
מיט זיין וו. נאָמען, גראַדע דאָס אָבער האָט מען איהם פערגע־
סען אָן צו זאָגען, זאָ איזט ער געזעסען אָהנע זיך צו מעלדען,
ער האָט נור דיא ציגאַרע געראָכערט אונד זיך געדרייט דיא לינ־
קע וואָנטצע, וואָס דאָס האָט מען איהם גראַדע זאָ צו גענוגט
דער באַנקיער וואָגט זיך ניט איהם אויף זיין נאָמען צו פרעגען,
אונד וואַרט דיא ענדע (אויב איהר ערינערט אייך מיט ר׳

שבתא דל־פּאָן אין גילגול שוהד וועהרענד ער האָט זיין באָרד מיט פּאות אַראָב געוואָרפען. זאָ האָט ער איין פעהלער בעקומען אונד אַללעס מיטען קאָפּף אן דער זייט אַ דרייא געטוהען, עפּיס האָט איהם אויסגעפעהלט.. זאָ גראַדע אינזער פּיפּערנוטער האָט דעם נעהמליכען פעהלער בעקימען. אונד אויך אַללעס אַ מאָך געגעבען מיט דעם קאָפּף) וויא ער זיצט אזו מיט דער ציגאַרע אין פּיסק אונד טיהט אַ דרייא מיט דעם קאָפּף גראַדע געגען בוכהאַלטער וויא דער באַנקיער האָט דאָס בעמערקט, זאָ האָט ער שוין פערשטאַנען זיין שווייגען. אונד מיינט געוויס אַז דער בוכהאַלטער זאָל פאָן דאָרט אַרויסגעהין, דער באַנקיער וואַרפט גלייך איין זייטען בליק צים בוכהאַלטער וועלכעס ער האָט עס גלייך פערשטאַנען, זאָ געהט ער אַריין אין אַנדערען צימער... דער באַנקיער ערוואַרטעט שוין זיין פערלאַנג מיט אונגעדולד.

(אינזער פּיפּערנוטער איזט אינז גיט בעקאַנט דאָס ער איזט געשאַפען נור פיר בראַנדעלען זיא זאָל מיט איהם מאַכען דיא קאָמעדיע אונד אַללעס שילד פיר דער וועלט איהם צי האַלטען אַז ער איזט אַ שענער, אַ כשרר, אַ ציבראָכענער יוד. אויך האָט ער אין זיך אַ איינגעשאַפט געהאַט ער האָט געקענט דיא אַללע מעשות פאָן גיטע יודען, אונד בראַנדעלע איזט איהם נאָך געשטאַנען צי דער האַנד, זאָ איזט ער נור דאָרט גילטיג געוועזען. אַבער מיט איין באַנקיער צי טיהען האָבען זענען דיא אַללע זיינע מעשות ניט זייער גילטיג געוועזען, אויך בראַנדעלע פעהלט איהם אום אינטען אַרים פאָרציישטעלען אַז ער איז אַ פראָסטער יוד אַ כשרר זאָ איזט ער ווירקליך יעצט צים בעדוירען געוועזען, ווייל עס האָט איהם פשיט אוים געפעהלט וואָרטען.. זאָ האָט איהם אויך דאָס לשון אָבגענעמען דער באַנקיער האָט ערוואַרטעט שוין מיט אונגעדולט זיין פערלאַנג צי וויסין, אונד ער האָט ווידעראום ערוואַרטעט אַז דער באַנקיער זאָל איהם לשון מאַכען,) זאָ איזט פערגאַנגען איינגע מענוטען מיט שטילשווייגען, נאָך מעהר האָט איהם איבערראַשט דיא פּעקליך נאַפּאָליאָן וואָס אויף דעם טיש איזט געלעגען, זאָ האָט ער שוין אויך פערגעסען אין דיא אַללע סמנים וואָס מען האָט איהם צי הויזע איבערגעגעבען. איזט ער נור גיזעסען אונד זיך געדרייט ביא אַ וואָכטע

אונד אוים געשטרעקט דיא אויגען אויף דיא נאַפּאָליאָנס אונד בייא זיך געטראַכט וויא מאָרגען וועט זיך זיין טאָבטער מיט זייא באַברען. (וויא דער לעבט מען שאָן דאָס..) טראַכט ער בייא זיך.

דער באַנקיער פאָן זיינער זייטע האט שוין ניט מעהר גע־קענט דולדען זאָ פרעגט ער איהם מיט אַ פריליכער שטימע, אַלזאָ וואָס ווינטשען זיא?.. ליעבער העררע, צים וואָרט ווינטשען זיא? האט זיך אינזער פיפערנוטער וויא פאָם שלאָף ערוואַכט.. וואָס איך ווינטש? רעפּעטירט ער דיא וואָנטצע דרעהענדיג, סטאַטש.. וואָס זאָל איך ווינטשען... איך... ווינטש... איך ווינטש זאָ פיעל עס זאָל זיין אין אַ גוטער שעה... זייא־זאָללען־זיך־עלטערן אין עושר אין כבוד.. דיא לעטצטע וואָרטען האָט ער אַללעס זייער פראָטעכלע צישען דיא ציין ארויסגעגעבען.. אַז דער באַנקיער האָט ניט מעהר בעמערקט דאָס וואָרט אין אַ גוטער שעה זאָ איזט ער אויך מונטער געוואָרען. אונד טראַכט בייא זיך געווים האָט ער מיט איהם אַ גרוים גישעפט צו מאַכען אין וואַהרשיינליך שוין מעהר וויא זיכער... אַז ער ווינטשט שוין אין אַ גוטער שעה.. דאָ קען שוין אַרוים אַ גראָבע שפּע... זאָ זאָגט ער שוין צו איהם מוטהיג, וואָס איזט אייגענטליך אייער גישעפט? מיין גישעפט?. זאָגט פּיפּערנוטער... דאָס גישעפט וואָס איך האַבע.. איזט אייגענטליך מיין וואַב'ס געשעפט... אונד אייער גישעפט?.... מיין גישעפט.... יאָ מיין גישעפט.. מיט תבואה... (מען האַט איהם דאַס פאָן צו הויזע אָנגעזאָגט אַז ער זאָל זאָגען אַז ער אַליין איזט איין גע־טריידע הענדלער, אין דעם האָטעל פּיהרט דיא פרויא...

דער באַנקיער פערשטעהט נאָך אַללס ניט מיט וועמען ער האָט, אונד וואָס ער וויל... אַ געטריידע הענדלער? (רעפּעטירט דער באַנקיער), זאָ וואָס האַבען זיא צים פערקויפען?.. וואָס איך האַבע? זייער גוטע סחורה... זאָגט פּיפערנאָטער דרעהענדיג דיא וואָנטצע...—איהר מעגט שוין פרעגען אייער בוכהאַלטער אויף מיין סחורה... מיין בוכהאַלטער? פרעגט איהם דער באַנקיער פערוואונדערט.. יוא זאָגט ער.. ער האָט זיא געזעהען... אויך אייער זאָהן... אויך מיין זאָהן? יוא.. יוא... זאָגט ער... דער באַנקיער טראַכט אייניגע מענוטען, דאַן טיהט ער אַ קלינג מיט דעם גלעקעל, קומט באַלד אַ דינער... זיא ווינטשען? דער

בוכהאַלטער זאָל אַריין קימען. מען שיקט איהם גלייך אַריין. זיא וואָרען שוין איינמאָל בייא דיעזען העררן? פרעגט איהם דער באַנקיער פערוואונדערט, בייא דיעזען הערין? קלעהרט ער בא זיך וויא גוט איהר וועהרטער נאָמען פרעגט ער איהם.. (אַז איהר פערשטעהט אַז פיפערנאָטער פערשטעהט וואָס הייסט וו. נאָמען. ער פערשטעהט מעשיות פאָן גיטע יודען...) דער פיפער־גוטער שטעלט אויף דיא אויערען און וואַלעט אוים דיא אויגען אין קיקט, אין ווייסט ניט וואָס צו אַנטוואָרטען. דער באַנקי־ער זעהט שוין אַרוים דאָס ער האָט ניט צו טוהען מיט איין מאַרקיז... אויך ניט מיט איין לאָרד... זאָנדערן מיט אַ פראָס־טען ראָהען יודען, זאָ פרעגט ער איהם אויף פראָסט יודעש, (למען שמיך?) דאָ טיהט ער זיך שוין אַ חאַפּ, ווער? איך? איהר ווייסט ניט? סטאַטש חיים שמעלקע פיפערנאָטער... פאָן האָטעל קאַטשקעוואַל...

דער בוכהאַלטער הערט דעם אַנטוואָרט מיט דעם טיטעל וואָס ער האָט דאָ אויסגירעכענט, האָט ער זיך מעהר ניט געקענט איינהאַלטען און איז געגאַנגען אין אַ זייט און זיך גוט אוים גע־לאַכט אין קומט צו אין זאָגט בייא דיעזען הערין... וואַר איך ניע... זענט איהר דער הערר פאָן קאַטשקעוואַל? פראַגט איהם דער באַנקיער... עס פערשטעהט זיך זאָגט דער פיפערנאָטער, מיט אַ שמייכעל... אַלזאָ ה׳ ראַבינשטיין זאָגט דער באַנקיער צום בוכהאַלטער וואַרען זיא ניע בייא דיעזען הערין, ער ציהט אויף מיט דיא אַקסעל ניע... זאָגט ער איך זעה איהם דאָס ערסטע מאָהל, ה׳ צאַפּפענשטרייך טראַכט אַביסעל. עס עקילט איהם שוין אויך מיט זאָ איינעם זיך צו דילען זאָ פראַגט ער איהם אין קורצען, אַלזאָ וואָס איזט אייגענטליך אייער קימען צו מיר עס הייסט וואָס איך בין געקימען? סטאַטש איהר ווייסט ניט? מכוח דעם שידוך, און גאָט זאָל העלפען עס זאָל זיין אין אַ גוטער שעה.

דער באַנקיער זעהט דאָס איזט עפּיס אַ לץ.. יאָ מוס מען איהם אין שנעלסטען עקספּעדירען אום דיא צייט ניט צו פערלי־רען יעדאָך פרעגט ער איהם וויא אַזוי קומט מיין זאָהן צו אייך? אייער זאָהן? זאָל לעבען איך ווייס? אונד ווען וואַר מיין בוכ־האַלטער בייא אייך? אייער בוכהאַלטער? רעפּיטירט ער אונד

קלערהט אין בעדענקט זיך, דאַן פאַנגט ער אַן ציילען אויף דיא פינגער עם איזט געוועזען פרשה... פרשה... אַחרי מות, קדושים, יוא פ. אֶמור... איהר האָט זיך איהם אַליין געשיקט צו מיר איהר גידענקט ניט ?

דער באַנקיער האָט זיך ריכטיג עראינערט דאָס ער האָט זיין דיענער צו איהם געשיקט דיא פאָריגע וואָך אום ער זאָל איהם גיט אויס שטראָפען, אונד ער זאָל זיך אַרויס שלאָגען דעם שידוך פאָם קאָפּף אַז ער וויל זיין קינד זאָל ניט בלייבען פערר־אונגליקט ער זעהט אַבער אַז מיט איהם איזט ניט צום רעדען זאָ. מוס מען איהם ליעבערסט אַ בריעף צו שיקען פוליכט איזט זיין פריילין געשייטער פאָן איהם זאָל זיא איהם אויך פאָר איהרע עלטערען פאָרלעזען.

ער קלינגט דער בייא מיטען גלעקעל אַ דינער ערשיינט ווער פאָן אייך וואַר אין האָטעל קאָטשקעוואַל? מאַקס וואַר, ער זאָל אַריין קיממען, מאַקס קימט אַריין דאַ וואַרסט בייא דיעזען הערען? ער בעטראַכט איהם, דיעזען הערען האַבע איך דאָרט ניט געזעהען.. (ער האָט איהם פשוט ניט דער קענט).

פאָלגליך זאָגט דער באַנקיער זענען זיא דער הערר פאָן דאָרט עם פערשטעהט זיך אַנטוואָרט ער מיט שטאָלץ, עס פרייד מיך זייער זאָגט דער באַנקיער אייער באַקאַנטשאַפט אַזו זענט איהר געקימען מכוח דעם שידוך ? פרעגט ער איהם נאָכמאַלס (אונד וואַרפט דער בייא זייטען בליקען צום בוכהאַלטער מיט אַ לייכטען שמייכעל..) עם פערשטעהט זיך זאָגט פיפערנוטער אין דרעהט אַללע מאָהל שטאַרקער דיא לינקע וואָנצע, אין מיינט ער איזט שאָן פערטיג), אין קיקט שוין אַרוים דיא האַנד אוים צו שטרעקען אַ האַנדשלאַג צו מאַכען.

דער באַנקיער בעטראַכט איהם נאָכמאַלס ער מעסט איהם אָב פאָם קאָפּף ביז אין דיא פיעס עם איזט איהם שוין אויך אָנגעקימען צום לאַכען, נאָך אייניגע מענוטען שטילשוויינען שטרעקט ער זיין האַנד איהם אַ גיטע נאַכט צו זאָגען דער פיפערנוטער טוהט בייא איהם אַ חאַפּ דיא האַנד מיט שמחה אין זאָגט אין אַ גיטער שעה מח.. דער באַנקיער לאָזט איהם זיינע לעטצטע וואָרטען ניט ענדיגען אין זאָגט צו איהם אַ גיטע נאַכט.. גוטע

נאַכט... ה׳ פֿאָן פּיפּערנאָטער, וואָס מיט דעם שידיך איינבעלאַנגט ווערדע איך שוין מיט דער פּאָסט צו שיקען, זייער גיט, זייער גיט, אַנטוואָרט פּיפּערנוטער פאַלל פרייד, אונד בעגט זיך פֿאַר איהם כמעט ביז צו דער ערדע... אויך דעם זעלבען קאָמפּלימענט דעם בוכאַלטער, אויך פיר יעדען דיענער אין זעצט זיך אויף אין דעם באַלאָן וואַגען וואָס האָט אויף איהם געוואַרט מיט אַ ציגאַרע אין פיסק אין פֿאַהרט וועק פֿאָן דאָרט...

בייא זיין וועק געהין הייבט אויף דער באַנקיער ביידע הענד אין זאָגט איך האַבע שוין אויף מיין לעבען בייא געוואָהנט פער־שיעדענע לצים אונד איבער זאָ איינעם בין איך נאָך ניט געקי־מען, דער זעהט אוים אַ פערדאָרבענער בטלן צו זיין איך האַבע פעררעכענט אַז ער איזט געקימען צו מיר עפּים געשעפטע צו מאַכען, אַם ענדע וויל ער מיט מיר גאָר אַ מחותן ווערען... האַ. האַ. האַ. לאָסט ער אַרויס אַ גרויס געלעכטער, דאַן פרעגט ער דעם דיענער וואָס האָסט, דאָרט בייא געוואָהנט ? . ווערענד ביסט דאָרט געוועזען, וואַרום האָסט, איהם גראַדע יעצט ניט ערקענט ? דיא האָסט יוא מיט זייא אויך געשפּראָכען, יוא הערר זאָגט דער דיענער, דאַמאַלס האַבע איך איהם געטראָפען מיט אַ ברייטער לאַנגער באָרד אויך מיט ווילדע 2 פאות אין יעצט זעהט איהר זיך וויא ער האָט זיך אים גאַנצען געענדערט... ער האָט זיך געוויס צו ליעב איך דיא באָרד אַראָב געוואָרפען זאָגט דער בוכהאַלטער מיט אַ געלעכטער זאָ וועט ער איך געוויס פיר איין מ״ה עררייכען.

וואָס איזט זיין פריילין ? פרעגט דער באַנקיער, עס איזט וואַהר זייער אַ היפּשע פריילען, אונד מען האָט מיר געזאָגט דאָס זיא איזט האָך געבילדעט.. האָט מען דיר אויך ערצעלט אַז מיין עדוואַרד קימט אַהין...

דאָס גראַדע ניט זאָ פיעל דיא פריילין וואַהר שיינליך קען איהם ניט.. זיא, האָט מיך געפרעגט ווען ער ענדיגט זיין שטודי־אום... אונד נאָך מעהרירע זאַכען אויסגעפרעגט...

אײן דונקלער געדאַנק איזט דעם באַנקיער אין דעם מאָ־מענט דורך געלאָפען, עס איזט איהם פֿאָר געקימען אַז מעהר וויא זיכער האָט ער איהר זיין וואָרט גיגעבען. אונד זיא האַלט

דאַס פיר הייליג... זאָנסט וואָלט מען זיך ניט געוואַגט צו איהם אַ שדכן צו שיקען, אויך דער אַלטער בעער וואָלט זיך ניט געוואַגט צו קימען, זאָ מיט זייער איינבילדען זיך קען דיא פריילען פעראומגליקט ווערין אויף אַללע איהרע לעבענסטאַגע... וואָ צו זאָל דאַס דורך זיין איינציגען זאָהן פאַסירען? זאָ מוס מען דיא לייטע דורך איין בריעף צים פערשטעהן געבין דאַס זיא בלאָנזען אונד זאָלען זיך ציטליך דאַס פאָס קאָפּף אַרום שלאָגען.— יאָ האַט זיך דער באַנקיער אין זיינע געדאַנקען דאַס פערפאַסט אונד האַט דאַס אין זיין נאָטיץ בוך פערשריעבען אום ניט צו פערגעסען... (מערקווירדיג מיט דיא מענטשען דעם באַנקיער קימט אוים אַז ער איזט בייא זיך גירעכט, אונד זאָגאַר אַיעדער וועט איהם דאַס צו געבען, אין אמת וויא קימט איין חאַנזשי זאָל וועלען מיט איהם מחותנים ווערען? האַ..

שמיעסט אבער מיט דער פריילען פיפערנאָטער האָט זיא פאָן איהר זייטע נאָך מעהר רעכט.. עס איזט גענוג פאָן איהר דאס זיא האַט זיך אַראָב געלאָזט פאָן איין מאַרקיז, אויף איין פראָסטען יוד שען באַנקיער... אַם ענדע שטאָלצירט ער גאָר געגען איהר? דאַס קימט שאָהן עפּיס פאָר קאָריאָס... איבריגענס אַז וויר וועלען לעבען וועלען וויר זעהען אויך דיא ענדע פאָן דער געשיכטע איך אַליין אַלס שרייבער בין שאָהן אויך נייגעהריג צו זעהען דיא ענדע דער פאָן...)

יעצט קעהרין וויר זיך אום צים האָטעל קאַטשקעוואַל אונד הערין דיא ניסים וואָס פיפערנאָטער וועט דאָרט פאָרשטעלען אויך דאָרט האָט מען איהם מיט אונגעדולד ערוואַרטעט... אונד דער בייא זאָגט אַ יעדער דעריבער אַ אַנדער מיינונג בראַנדעל זאָגט געוויס האָט ער איהם צו זיך אין שטיעב געלאַדען אַבער קאַראָלינע זאָגט דאָס ניט, אויף צו לאַדען, זאָ וועט מען שאָהן אונז אַללע לאַדען, דאַס קאָן ערסט זיין ווען מיין עדואַרד וועט פאָן זיין שטודיום אַהיים קימען זאָגט קאַראָלינע מיט פאָלל פריידע, וויא אַזו עס איזט איהר אַנפאַנגס געוועזען זעהר שוועהר זיך צו פאַססען. מיט אַ פראָסטען יודען צו הייראַטען האָט זיא זיך יעצט מיט איהרע געדאַנקען אים גאַנצען געענדערט, ער מעג זיין אַ לאָרד אַ גראַף מיסען זייא אַללע צים באַנקיער קימען

ווייל זייא זענען איהם אַם מינסטען אינטערוואָרפען מיט געלד ווען זאָ קומט שאָן אויס איינע מיוחסים... מיט דיא פאָלל פריידע געדאַנקען טיהט זיא זיך אַ דרייא מיט אַ געזאַנג איבערן צימער אונד קומט אויס גלייך ביים שפיעגעל אין בעטראַכט זיך, אַ טראַכט זיא בייא זיך איך האַבע פיעל גרעסערס דיא ווערט צו ערייכען. איך בין אַבער בייא יודען געבאָרען... קען איך בעסער ניט מאַכען, אין דעם הערט זיך אַ וואָגען אַב שטעלען זייא טיהען אַללע אַ פליה צו דעם טיהר, יאָ אינזער פיפערנאָטער קריכט אַרויס פאָם וואַגען גאַנץ פריילך... בראַוואָ הערט זיך אַ קוויטש, דער פאַפאַ. איזט שאהן דאַ...

דער פיפערנאָטער געהט אַריין מיט שמאָלץ זיי געהען איהם נאָך אין קיקען איהם אין פיסק זאָלען שאָהן וואַס הערן פאָן איהם... אַבער ער האָט צייט... ער מאַכט זיך אַ ציגאַרע אין שטעקט זיא איין בייא זיך איין פיסק, אין פערייבערט. הכלל וואָס הערט זיך? פרעגט איהם בראַנדעל וואָס נעהמסט דיא זאָ פיעל אַרויס דאָס חיות? האָט צייט... האָט צייט... זאָגט פיפערנאָטער מיט אַ שמייכעל וויר וועלן זיך זעצען צים טיש וועל איך אייך שאָהן אַללעס ערצעהלען, דער פאַפאַ האָט רעכט זאָגט קאַראָלינע זאָ וואַס ערצעהלעט מען ניט חאַפענדיג פאַפאַ גיט זיא אַ גישרייא זאָלסט אינז ערצעהלען אויך פאָרשטעלען וויא אַזוי ביסט אַהין אַריין געקימען, אויך וויא אַזו מען האָט דיך דאָרט אויפגענעממען... קורץ אַללעס זאָלסט אינז פאָרשטעללען.

יוא מאַכטער זאָגט בראַנדעל קיין טאַנץ געהט מען ניט פאַר דעם עססען, מען האָט באַלד דעם טיש געדעקט זייא זעצען זיך אַללע אַרים מען ברענגט אַרויף פאָם בעסטען וויין, מיין פיפערנאָטער, האָט אויך זיך געחאַפט אַ פאַאַר גלעזליך וויין זאָ האָט ער שאָהן אַללעס פאָרגעשטעלט זיין אַריין קימען זיין קאָפּלימענט, זיין זיצען זאָגאַר זיינע ציגאַרע רייכען... אַללעס. אַללעס.

אַללעס איזט רעכט זאָגט בראַנדעל ערצעהל אינז שאָן דעם אַנטוואָרט... דאָ טיהט דער פיפערנאָטאר אויף איהר אַ געשרייא האַלט מויל ווען איך רעד... בראַנדעל קיקט איהם אָן זיא האָט איהם געוואָלט פיר דיא וואָרטען גיט אָב באָדען... אַבער זיא האָט זיך צוריק געצאָגען זיא זאָל שוין הערן דיא ענדע, זאָ

פיעל זאָגט זיא צו איהם, אין אַז מען ווערט שאָהן אַ מחותן מיט אַ באַנקיער איזט מען שאָהן זאָ שטאָלץ?.

קאַראָלינע רוימט איין דער מוטטער זיא זאָל מיט איהם יעצט אויף הערין חכמות שמיעסען אום ער זאָל זייא אַללעם פאָרשטעללען וויא אַזו זיין קימען וואַר דאָרט וויא אויף דיא ענדע הכלל זאָגט בראַנדעל שוין מיט אַ שמייכעל ערצעהל אינז שאָהן, וויא אַזוי ביסט פאָרגעקימען אונד אויף דעם אַנטוואָרט... אַזו יוא... זאָגט שאָהן פיפערנאָטער מיט שטאָלץ מיט גיטען וועל איך אַללעם ערצעהלען... (ווער עס לעגט גיט צו דיא אויערען צו קאַראָלינעם הערץ וואָלט ער געהערט וויא זיא רעד אין איהר הערץ מיט איהרע געדאַנקען, בעטראַכט נאָר דיא אַלטע בהמה.. וויא ער שטאָלצירט אונד רעד זיך איין בייא זיך אַז דער שידוך האָט זיך אין זיין זכות געמאַכט, מען האָט אויף זיין פערדאָר־בענער באָרד געקיקט... אַ חמור בלייבט אַ חמור.. עס מעג זיין מיין אייגענער פאַטער...)

קורץ ער האָט נאָך געהאַפט אויף זיך אַ גלעזעל וויין, דאָ האָט ער שאָהן גירעדט פאַר פייער אין פאַר וואַסער... אונד האָט זייא אַללעם פאָהרגישטעלט וויא אזו ער האָט דעם קאָמפלימענט געמאַכט אונד וויא אַזו ער האָט איהם אויפגענעהמען... (זייא קוועלען אָן דער בייא) ענדליך זאָגט בראַנדעל מיט וואָס ביסט דיא פאָן דאָרט אַוועק געגאַנגען? וואָס הייסט מיט וואָס? ער האָט מיר דיא האַנד געגעבען אין איך האָב געזאָגט עס זאָל זיין אין אַ גיטער שעה, זאָגשזע... זאָגט בראַנדעל פאָל פרייד... אין דיא תנאים? דיא תנאים, האָט ער מיר געזאָגט ווערט ער שאָהן מיט דער פאָסט צו שיקען.

זעהסט דיא מוטטער מיינע רייד זאָגט קאַראָלינע דיא מוטטער אַרימנעמענדיג איך האָבע פאָראויס געוואוסט אַז ער האָט נאָר גע־וואָלט דעם פאַטער קענען לעהרנען אין אמת (צייגט זיא אויף איהם מיט דעם פינגער) וואָס פעהלט דעם פאַטער... זעהט ער דען ניט אויס וויא א זשענטעל מאַן?

דיא זאָגסט מוטטער אַז ער טויג זיך ניט אויס... האָט ער דען זיין ראָללע גיט פאָרטרעפליך געשפיעלט? בראַוואָ... שרייט אויס קאַראָלינע מיט אַ כוויטש, ביסט לאָבענסווירדיג.. יוא זאָגט

בראַנדעל אַז דאָס גליק קומט צו אַ מענטשען זאָ ווירד ער שוין קליג אינד אויפריכטיג.

קורץ זייא האָבען איין פריינדליכען טיש אָבגעפיהרט מיט זאָ אַ פערגעניגען. עס האָט זייא שוין גאָר ניט געפעהלט. זייא האָבען אַ אייגען טעאַטער אויך געהאַט וויא אַזו זייא האָבען מיט איהם דיא קאָמעדיע געמאַכט ער האָט זייא אַללעס פאַרגעשטעלט אונד זייא האָבען דער בייא זיך אָנגעלאַכט. דער גאַנצער שמועס מיט דער קאָמעדיע האָט זיך געענדיגט, אויך אייגמאָהל טוהט זיך בראַנדיל אַ האַפּ יוא. דעם עיקר האַבע איך דיך פערגעסען צו פרעגען האָסטו וואָס איבער געלאָסט פיר דיא דינערשאַפט פאָן דאָרט ? בייא דער שטרענגער פראַגע איזט פיפערנאָטער געבליבען זיצען וויא איין פערברעכער וואָס בעגעהט דעם גרעסטען פער־ברעך, אונד אַנטוואָרטעט מיט אַ רחמנות פנים ניין, אין מיט אָב־געריסענע וואָרטען איהר . . האָט . מיר . . דען . אָנגעזאָגט ? אַבער בראַנדעל טוהט שוין דערבייא אַ גישרייא אויסער זיך עס מעג דיך שוין טרעפען אַ שלאַק . . פלאַכט ביסט דיא געוועזען אין אַ פלאַכט וועסט דיא פּגערין . דיא הערסט בטלן ? קוים שטעהט מען דיר ניט אינטער דיא פליצים ביסט דיא אין דער ערד מיט דיין קאָפּף זעהסטי דיא ענדע פאָן אַ בטלן . . זאָגט בראַנדעל בעז צו קאַראָלינען, וואָס וועט מען דאָרט זאָגען עפּים אַ שמוציאָן . . א שנאָרער. . . עס האָט אַ שעהן פנים . . דער פיפערנאָטער איז נעביך געבליבען זיצען (אבל והפי ראש) כמעט אין געהאקטע ווינדען . . עס איז אויסגעקוממען דאָס ער האָט דיא גאַנצע שפיעל דערמיט קאַליע געמאַכט. אַבער קאַראָלינע האָט שוין דאָס רחמנות פאָן איהם ניט געקענט ציזעהען זאָ האָט זיא איהם פערטייטיגט אין זאגט, ערגער דיך ניט מוטטער מען קען נאָך דאָס גוט שטעללען . . איינסווייל איז נאָך קיין תנאים נישט געוועזען זאָ קען מען נאָך דאָס בייא דיא תנאים פעראנט־וואָרטען. געווים אַז ער האָט קיין שכל געהאַט זאָ מוסס שוין זאָ בלייבען. מען האט זיך לאַנגזאַם בערוהיגט אין דער פיפערנאָטער פאָן ערגערנים האַפּט נאָך אַ פּאַאַר גלעזליך וויין אין זיך אַריין ביז עס הערט זיך דער זייגער 3 נאָך האַלבע נאַכט.

אַ מען מיז שלאָפען געהן זאָגט בראַנדעל ווייל אי"ה מאָר־

גען האָבען מיר פֿיעלעס צו פֿערזאָרגען. זייא געהן יעדער אויף זייער געלענער אבער געשלאָפֿן האָבען זייא קיינם ווייל איעדער פֿאָן זייא האָט זיך פֿאָהרגעשטעטלט איין אַנדער גליק. קאַראָלינע איז שוין בייא זיך גליקליך דיא יונגערע שוועסטער איז בייא זיך נאך גליקליכער אַז קאַראלינען נעמט מען וויא זיא שטעהט אין געהט אָהנע בייא איהר דאָס מינדעסטע צו פֿערלאַנגען אין נעמט איין באנקער'ס אַ זאָהן ווערענד איהר ווערט שאָהן קאַראָלינע פֿיהל נדן געבען. זאָ קען זיא שאָהן איינשטעהן בייא פֿיהל גרעסערע אללם זיא.

בראַנדעל קלעהרט דעם האָטעל וואָס זיא זיצט אָבציקויפֿען אונד איהם וועק שענקען איהרע אָרימע שוועסטער וואַס וואָהנט אין אקליין שטעטעל אין האַלט איין חאן זאָ זאָלל זיא וועניגס־טענס איהר חאַן האבען.

פֿיפֿערנאָטער טראַכט בייא זיך אַ.. איך וועל מיר זיצען אויף אַ מאָשיע אין וועל מיר זיין פֿרייא פֿאָן אַלעמען, פֿאָן דאַבעניען פֿאָן זמירות זאָגען, פֿשיט טאַקע אַ פֿרייער פֿאָגעל. דאָס האַבע איך מיר דורך מיין באָרד פֿערדינט. אין אמת טראַכט ער בייא זיך ווען איך פֿאָלג נישט מיין קרענצילען אונד וואַרף נים אַ־ראָפּ דיא באָרד. זאָ פֿענער איך אַ חאַנשזי.. . ווער שמיעסט וואָס קאַראָלינען איזט פֿאָרגעקימען. איז שוין גאָר נים צום בעשרייבען וויל איהרע גערדאַנקען האָבען גאַנץ אַנדערס געציהלט פֿיר איהר איזט שוין דאָ גאַנץ ענג געוועזען, זאָ קלעהרט זיא דיא אַללע מאָשיעס איבערציגעבען אונד זיך בעזעצען אין דער שווייץ אדער ער אין ענגלאַנד. קורץ זייער פֿאַנטאַזיע האָט געדויערט ביז עס איזט שוין גיט טאָג געוואָרען.

וועהרענד זייא האבען זיך אַביסעל אויסגעניכטערט פֿין זייער פֿאַנטאַזיע. האָבען זייא גאַנץ אַנדערע זאָרגען בעקימען. וויא מאָר־גען אונפֿערהאָפֿט קאָן מען זייא לאַדען צום מחותן אין עס פֿעהלט זייא פֿיעלעס אוים. מיילא התונה מלבישים וועט שוין מיססען דער התן געבען אָבער ביז דאַהין? זאָרג נים מיין טאָבטער זאָגט בראַנדעל עס ליגט בייא מיר וועק געלעגט 500 פֿר. וואָס איך זאַמעל דעם קישט צי בעצאַהלען

אָה ! וואָס טיהען נים עלטערן וועגען קינדער, זאָגאַר זאָלען

קענען זייער זעעלע פאָן זיך פערקויפען אים דיא קינדער ברענגען צו לייט. איבער הויפּט דאָס איזט דאָך קיין ארויס געוואָרפען געלד. ווייל וויא מאָרגען ציהען זייא שוין אוים אויף זייער מאַשינע וואָס ניטצט איהר שוין דער קישט . .

קאַראָלינע זעהט דאָס טרייהייט פאָן איהר מוטטער פאַלט זיא איהר אויף איהר האַלז. אונד אומאַרעמט זיא דיא ביסט שוין אַ גישייטע מוטטער זאָגט זיא צו איהר איך ווערדע שוינוויסען וויא דיך צו שעטצען אין אַללע מיינע לעבענסטאַגע. גאַנץ פריה איזט קאַראָלינע געגאַנגען אין איין געוועלב אונד געלאַסט ברענגען פערטיגע קליידער ווייל דיא צייט איזט קורץ, אונד וויא מאָרגען קאַן מען זיא לאַדען צום מחותן זאָ קענען זייא נאָך איין אום שטאַנד האַבען ווייל דורך שניידערס דאַרף דויערען. זאָ האַט מען אונגעבראַכט פיר דיא אַללע פרויען אַללאָס קאָמפלעקט דעסט גלייכען פאָן דיא מאָדיסטען אַללעס פערטיג גיבראַכט ביז 3 טאָגע זענען זייא אויסשטאַפירט געוועהן וויא דיא אָדעלסטע סאָרט מענטשען.

דיא פּאַסאַזשירען פאָן דעם האָטעל האַבען באַמערקט דעם פּלעטצליכען ראַאַש פאָן דער פאַמיליע פּיפּערנוטער. זייא האָבען ניט געקענט בעגרייפען וויא דיא לייטע זענען אויף איינמאל אים גאַנצען גיענדערט געוואָרען עס הייסט טאַקע איבערגעניציוועט מיט אַלימען... מען האַט צו טוהען מיט קרעמערס אויך מיט שניידערס. שוסטערס אָהנע זאָללען זיך צום האָטעל מענגען. זייא פערשטעהן ניט דורך אום דיא אורזאַכע... אונד דענקען בייא זיך ווען דיא מענטשען האָבען זאָגאַר איין אונגעהייער פערמעגען שאָן געמאַכט זאָ דאַרפט מען שוין זאָ ווייט משוגע ווערין ?.. דער חאָן איזט יעצט הפקר אונד פּיללעס מעהלט גאָר אוים ווייל מען קוקט זיך שוין ניט אים אויף קיינעם. אין ווען זייא זענען ווידערום פאָם האָטעל רייך געוואָרען וואָלט באַדאַרפט זיין דער געגענטהייל מען זאָל גאָר אַללעס פערפיינערען. ניט אויף דעם קעלנערס הענד לאָזען. אונד זייא זיצען פערשפּאַרט אין צימער מיט דיא שניידערס. אונד מאָדיסטען. קורץ דאָס בעדייטונג ווייסט קיין איינציגער. יוא אַללעס איזט רעכט טראַכטען איינינע פאָן דיא געסט וואָס איזט אויף דעם פּיפּערנאָטער אַ שוואַרצער חלום?

וואָס האָט ער פאַן זיך אַראָב געוואָרפען זיין באָרד מיט פאות. אים זאָגט... קיינער ווייסט ניט דאָס בעדייטונג..

אויך אינזער רוסישער יונגער מאַן שפּיעל פאָגעל האָט זיך זייער פיעל דעריבער געוואונדערט וויא דיא מענטשען זענגען איי־בער געקערט געוואָרען ער האָט זאָגאַר דעם קעלנעד דעריבער געפרעגט אַז דער קעלנער אַליין ווייסט אויך ניט נור ער האָט איהם פערשפּראָכען זיך צו אונטערעסירען דעריבער... קורץ דיא פאַמיליע זענען שאָן מיט אַללעם פערזאָרגט געוועהן זאָ זעהט מען שטעהין דיא פריילען (קרענצע) פאָ... קאַראָדינע וויל איך זאָגען. ביא איין שפּיעגעל אונד געבען איהר איין שניידער מייסטער אונד ריכטעט איהר דאָס קלייד. דיא מוטטער בראַנדיל ביא איין צווייטען שפּיגעל אונד באַטראַכט זיך אין אַללע זייטען זיא מאַכט דער ביא מאָפּטערים אונד שטעלט זיך פאָר וועהרענד זיא וועט אַריין קימען צו איהר מחותן אין בעזוך. וויא אזו זיא וועט דעם קאָפּף פערבעגען. מיט דיא אויגען מאַכען. מיטען מויל אַ שמייכעל וויא אַזו זיא וועט בעגריסען יעדען מיטן קאָפּף. קורץ דאָס אַללעס מאַכט זיא געגען שפּיעגעל גלייך זיא איזט שאָן ביים באַנקיער צו הויז אונד מאַכט דאָס אַללעס... געגען שפּיעגעל וויא אַזו זיא וועט אויס זעהין אבער עס איזט איהר אַביסיל דונקעל געוואָרען אין דיא אויגען זיא האָט געזעהין דאָס איהרע האָר זינד צו אַלט פיר איהר טראַגע... וויא לויט זיא טראָגט זיך נאָך... אַבער באַלד האָט זיא זיך באַרוהיגט אונד טיהט אַציא דעם גלאָקין שנור.

עס ערשיינט דער קעלנער מיט אויסגעוואַלטע אויגען אויף דיא אַללע פאָם צימער, איינע שטעהט ביא איין שפּיגעל דיא אַנדערע ביים צווייטען דיא דריטע דעסטגלייכען, אויך דער פּי־פערנאָטער דרעהט זיך אַרים מיט אַלעדערנע ציגאַרע אין פּיסק אין מאַכט ברייטע שפּאַן איבערן צימער הין אונד צוריק אין ער וואַרפט דערבייא אויך זיינע בליקען צום שפּיעגעל וויא אַזו ער זעהט אויס. דער קעלנער שטעהט אין בעטראַכט דאָס אַלעס אין ציהט אויף מיט דיא אַקסעל, אונד שטעהט צוא הערין דעם באַפעהל. בראַנדעל שטעהט פערטיעפט אין שפּיעגעל אָהנע צו בעמערקען דאָס דער קעלנער שטעהט אין וואַרט צו איהר בעי־פעהל. זיא ציהט נאָכמאַלס דעם גלאָק, זיא וואונטשען מאַדאַם?

פרעגט דער קעלנער. אַה! ביסט דאַ, געשווינד אין דער שפּי־צעריע אונד ברענג מיר אַ פּראָשיק פּאָדער פיר דיא האָאַר צו שוואַרצען.

ער געהט אַב פאָן איהר אין שיט אוים דערביוא אללע זיינע ביזע חלומות צו זייערע קעפּפּ. קוים איז בראַנדיל וועק געגאַנגען פאָן דעם שפּיגעל צו זעהן וויא אַזו קאַראָלינע איזט געריכטעט זאָ האַפּט זיך דער פּיפּערנאָטער צו צים שפּיועל אונד טיהט זיך אַ שטעל מיט ביידע הענד פּידבאָקים מיט דער ציגאַרע אין פּיסק אונד בּיאָסט דערבייא. אָן זיינע באַקען. אַזו וועט ער בּייז באַנקיער רייבערען וויא אַזוי עס זעהעט אוים.. זעהר שעהן זעהר שעהן. טראַכט ער בייא זיך ער טיהט זיך א.דרייא אין דער זייט אללעם מיט אָן געבלאָזענע באַקען וויא אַ הינדיג. אין מיט דיא הענד פּידבאָקים אין קיקט דער בייא צים שפּיגעל,. זעהר שעהן ער דרעהט זיך צוריק גלייך. אונד שטעללט ארוים דעם בויך.. מיט אונגעבלאָזענע באַקען. יוא טראַכט ער איך זעה אוים וויא אַין וואַהרער לאָרד וויא לוים מיין קרענצעלע פּלעגט מיר דער־ציילען פאָן איהרע ראָמאַנען.

קורץ זייא זענין אללע פערטיג געוואָרען מיט ריכטען זיך דיא שניידער מיט דיא מאָדיסטען זענען שוין וועק געגאַנגען זאָ האָ־בען זייא שוין צישין זיך אונגעהויבען זיך צו בעטראַכטען אויף איינ־מאָהל פאַלען זייא זיך איינער דעם אַנדערען אויף דעם האַלז אין מען ציקוסט זיך קאַראָלינע קיסט איהר מוטטער אין דאַן מיט איהר שוועסטער. פּיפּערנאָטער מיט זייא אַללע גראַדע וויא נאָך אַ חופּה. ווירד צישען דיא פאַמיליעם אַ געקיסעריייא מיט אַ פּערמי־שעבין אַז מען ווירד אזו פערמישט אַ ברידער דיא שוועסטער דיא שוועסטער דיא מוטטער ביז זייא ווערין איך פערבלאָנזעט צו פּעמדע פּיסקים פאָן איבערראַשונג.. זייא האָבען זיך אָב געקיסט קאַראָלינע טיהט נאָכמאַלס אַלויף מיט אַ טענציל צים שפּיגעלאויך בראַנדיל פאָן איהר זייט וויל זייא האָבען שוין אַביסעל פערגעסען וואָס פיר אַ פּנים זייא האָבען אויך דער פּיפּערנאָטער איזט ניט פויל אין שטיפּט נאָך. מען בעטראַכט זיך נאָכמאלס אין אַללע זייטען.

זייא זעצין זיך אַרים טיש צים קאַפּפּע אונד דער בייא מאַכט קאַראָלינע דעם פּלאַן וויא אַזו דעם באַנקיערם מאָשיעם איינצו־

טהיילען. ווען מיין עדוארד וועט פאַם שטודיאום אַ היים קוממען זאָ ווערדע איך איהם דאַס פאָרלעגען ער זאָל מיר דאַס בעשטעטיגען... נעהמליך. דיא מאָשיע טראַסטינעץ פיר אייך וויפיעל גאָטט וועט אייך שענקען דאַס לעבען זאָל דיא מאָשיע צו אייך געהערען (דער פיפערנאָטער שטעלט דער בייא אויף זיינע אויערען אין באַלעקט זיך)...

אייגענטליך האַט זיא זאָ פיעל ניט געמיינט וויא זיא האַט צו געטראָפען ווייל אין טראָסטינעץ איזט איינמאָהל געבוירען איין צאַפ. געווים האַט איהר גיהערט פאָן דעם טראָסטינעצער צאַפ, אַ שאַלה? ווער האַט ניט גיהערט?... האָט דער גאָטט זעליגער צאַפ געהאַט זאָ איינע באַרד. גראַדע וויא פיפערנאָטער. זאָ פיעל דער צאַפ האַט זיין באַרד געטראָגען ביז אין טוידט אריין. אונד דער צאַפ... דער פיפערנאָטער וויל איך זאָגען. האַט זיין באַרד ביים לעבען אַראָב געוואָרפען. זאָ געהער איהם דיא מאָשיע... פיר דער שוועסטער דיא מאָשיע דאָבראָוועץ. אונד פיר זיך מיט איהר געמאָהל דיא מאָשיע האַלאַדעץ ווייל דאָרט גיבט זייער ריינע לופט אויך אַ וואַססער צים באַדען, זאָ ליעבע לעזער האַט מען שוין נעביך דעם אַלטען צאַפפענשטרייך דאָס חדר צינעהמען, אָהנע ער זאָל וויססען וואַס אינטער זיינע פליצים טיהט זיך. דער קליינער פאַמיליע איזט דיא חלוקה זייער געפעלען בראַנדיל אַבער מיט איהר ספּאָדיק וויל זיין פעסט געזעצט. זאָ זאַגט זיא מיט אַ פרייד געלעכטער יוא טאָכטער אַללעס איזט רעכט וועט דען בלייבען וויא דיא ווילסט?... דאַרפסט זיך דעם מחותן פרעגען אויב ער וועט באַשטעהין, מען זאָל איהם זיין פערמעגען בייא זיין לעבען איינטהיילען? אין דעם געהט דיר? זאָגט קאַראָלינע מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל. עס איזט שוין ניט דיא יאָהרען אַז קינדער זאָלען זיין אונטערוואָרפען דיא עלטערין, יעצט איזט שוין דער נעגענטהייל, איבער הויפט האַסט ניט גיהערט וויא דער שדכן האָט ערצעהלט אַז דער אַלטער אליין קיקט שוין אַרום אַז עדואַרד זאָל קוממען פון זיין שטודיאום זאָ גיט ער איהם אַללע גישעפטען איבער וויל.. ער איזט שוין צו אַלט דאַפיר...

קוים וועל איך מיט עדואַרדען דיא גישעפטען איבערנעהמען קענט איהר אייך שוין דענקען וואַס פיר אַ דעה ער קאַן בייא

אונז האַבען, בראַנדעל טראַכט אַביסעל. דאַן ריפט זיא זיך אָן מיט אַ ערענסטער מינע עס איזט אָבער ניט מענטשליך מיין קינד... אין דער וואַהרהייט געשפּראָכען האָט ער דאָך דאָס פערמעגען פערהאָרעווט וויאַפיעל האָט ער זיך געפּלאָגט ביז ער האָט דאַס עררייכט אַם ענדע זאָל מען בייא איהם זיין גאַנצע דעה צינעהמען אונד איהם פאָן זיין פערמעגען ערוויטערען. ניט נאָר דאַס עס קען פיר פערדרוס צישין אייך אַ שלעכט לעבען אָנמאַכען. אין מיט רעכט. עס וועט הייסען בייא זיין פאַטער וועק גענאָמען אונד דיינע עלטערן געגעבען, געווים איזט קיין יושר, אין אֶמת וויפיעל קען ער נאָך לעבען ? נאָך 5 יאַהר...

(יעצט באַרעכענט איהר שוין ליעבע לעזער וויא מען קויפט זיך מיט זיין געלד שונאים... אין וועהמען ? מאַקע אייגענע קינ־דער... וואָס קען איהר שאַדען אַז דער אַלטער צאַפּפּענשטרייך זאָל נאָך לעבען מעהרערע יאַהרען... האָט ער דען ניט מיט וואָס? אַם ענדע איזט ער שוין בייא זיין ציקונפטיגער שוויגער טאָכטער צי לאַססט אין וואָלט שוין געהרין זיינע פטור גיוואָרען...) דאַס געשפּרעך וואָלט נאָך גערוערט וועהר וויסט וויעפיעל. קאָמט אַ־ריין אין דעם דער קעלנער אין ברענגט דעם פּאָדער פיר האַאר שוואַרצען אין זאָגט פרויא אַללע צימער זענען פערגעבען, אונד יעצט זינד איינינע געסטע געקימען קען מען זייא געבען דאָס צימער וואָס פריילין קאַראָלינע מיט זשאַנעטען שלאָפען דאָרט?.. לאָז אונז יעצט מיט דיא פּאַסאַזשערען... מיהט קאַראָלינע אַ בע־זען גישריא. וויר האַבען וואָס וויכטיגעס אונטער אונז צו שפּרעכען קימט ער מיט זיינע פּאַסאַזשערען.

דער קעלנער געהט אַרויס פאָן דאָרט אין רעד צי זיך אַ־ליין, מיינע פּאַסאַזשערען... וואָלטען זייא שוין געוועזען מיינע... מיטין ווילען גערין פערטרייבען זייא דיא געסטע פאָן דאַנען... ווענינסטען אַז מען שעהרט זיך שוין ניט אין האָטעל זאָ גיט מען איהם איבער... ניט געסט צי פערטרייבען זאָ מאָרמעלדיג איזט ער געגאַנגען ביז אין האָטעל.. אין געזאָגט דיא געסט אַז ער האָט פיר זיא קיין צימער זאָלען זיך וואָ אַנדערש זוכען...

דיא אָבער גליקליכע זענען אויפגעשטאַנען פאָם טיש אַ יעדער פאָן זייא מאַכט זיך אַ בעוועגונג, קאַראָלינע געהט אַרים

זינגעדיג איבערן ציממער בראנדעל האט זיך איהרע גרויע האאר
שווארץ געמאכט. זשאנעטע נעהמט דעם זעלבען פאדער אין
שווארצט זיך איהרע ברעם.. דער פיפערנאטער האט זיך אריין
גישטעקט א גראבע ציגארע אין זיין פיסק אין ציהט דער ביא
אוים א פאאר ליפען ביים רויך ארויס לאזען מיט שטאלץ גלייך
ער געפינט זיך שוין אויף דער מאשיע וואס איהם איזט געבליבען
פאן זיין טאטען... זעה טאכטער זאגט בראנדעל איך בין שוין
אויך יונג געווארען. איז צום ערקענען אז דיא האאר זענען גע־
פארבט? פארטרעפליך גיט קאראלינע אויסער זיך א גישרייא אין
חאפט ארים דיא מוטטער, פארטרעפליך... מען וועט שוין ניט ער־
קענען וועלכע איזט דיא כלה פאן אינז ביידע וויא זייא האלטען
זיך אזו ארים דיא העלזער הערט זיך לייכט אין דער טיהר אנ־
קלאפפען. אנטרעה... הערט זיך פאן זייא אללע וויא פאן איין
מונד. דיא טיהר עפענט זיך אונד עס ערשיינט דער זעלבער
קעלנער... אדער בוכהאלטער וויא זייא האבען איהם פארעכענט
אונד פערבעגט זיך טיעף פיר זייא דאן גיט ער איבער א בריעף
דעם ה׳ פיפערנאטער פאן הערן צאפענשטרייך... אונד געהט
באלד אב... קאראלינע האט דעם בריעף א חאפ געטוהען פאם
פאטערס הענד. אבער זיא עפענט איהם נאך ניט... זייא אללע
שטעהען שאהן ארים איהר מיט אפענע מאלער אונד מיט אויפ־
געשטעלטע אויערן זאלען הערען וואס אין בריעף אדער אין דיא
תנאים שטעהט... אבער פריילין קאראלינע עפענט נאך ניט אונד
זאגט וויר זענען זא אויך וויא בעזאפען פאן איבערראשונג יעצט
בעקאממען וויר א נייע פרייד מיט נייע איבערראשונג זא ווערדען
וויר עס ניט קענען פערטראגען... דאן זאגט זיא ווידערום גוטטעס
וועלן וויר שפעטער אויך ניט אנווערין (אונד ערצעהלט זייא דיא
געשיכטע פאן נאפאליאן דעם ערסטען וועהרענד ער האט שלאכט
געפיהרט מיט רוסענלאנד אין א ווינטער איזט ער מיט זיין מי־
ליטער אין טיעף רוסלאנד פערקראכען נאך ווייטער פאן מאסקווא
אז עס איז איהם שאהן שווער געוועהען פאן דארט זיך אום צי
קערין, פאן זיין מיליטער איזט זעהר פיעל געפאלען, ער איז זייער
געוועזען געערגערט דעראיבער, זא מאכט זיך אין איין נאכט ער
איזט שאהן געשלאפען קימט אן איין קאריער מיט א גוטער

נאַכריכט אַז דאָס מיליטער האט דאָרט געזיעגט.. האָט אים זיין אַדיאָטאַנט פאָם שלאָף אויפגעוועקט אים דיא גוטע נאַכריכט איבער צוגעבען איזט ער דאַריבער זעהר בעז געוואָרען אונד האָט איהם שטרענגעס פערבאָטען דאָס צווייטע מאַהל זאָל מען זיך ניט וואַגען מיט זאָ וואס איהם פאָן זיין שלאָף צושטערען. נאָר פינקט אין געגענטהייל בייא שלעכטע נאַכריכטען זאָל מען איהם אין מאָמענט פאָם שלאַף ערוואַכען פיללייכט קען מען דאַס צייטליך פערהיטען אבער ביים גוטען פאַלל.. דארף מען קיינע מיטעל זוכען ווייל זאָ בלייבט עס שאָהן.) דאַס נעהמליכע זאָגט קאַראָלינע (דעם בריעף דרעהנדיג מיט דיא הענד) איזט מיט אינז.. גאָט זייא דאַנק דעם גוטען אנטוואָרט האַבען וויר שוין אונד זאָ בלייבט עס שאָהן.. זאָ ווערדען וויר זיך ביסליך וויים בערוהיגען דאַן וועלען וויר דיא תנאים לעזען מיט געדולד.. בראַוואָ. טיהט קאַראָלינע אַ גישרייא צו דער קלענערע שוועסטער זשאַנעטאַ גיב מיר אַהער אַ טינט פאַס מיט פאַפיר איך וועל מיר אַללע מיינע פלענע אויפנאַטירען דאָס וואָס וויר האָבען צווישען אינז אַב גער מאַכט געוויס ווען מיין עדואַרד וועט צו פערלאָבונג אַהיים קימען זאָ ווערדע איך איהם דאָס אַללעס פאָרשטעלען דיא אַללע קאָנדיציאָנען אום עס זאָלל שפעטער צווישען אינז קיינע רעדערייא זיין. ווייל איך וויל אייך אַללע פערזאָרגען זאָ גוט וויא מיך.. פיפערנאָטער שטעהט דער בייא מיט דיא הענד אויף דעם אינטער חלק אין באַלעקט זיך. זייא האַפּען זיך ווידערום אַללע אַרים אין צו קיסען זיך מיט טרעהרין אין דיא אויגען פאָן פיעל פרייד.. זאָ איזט ווידעראום פערגאַנגען א פאַאַר שטונדען מיט דעם גישפרעך אַלזאָ זאָגט שאָהן בראַנדעל צו קאַראָלינען זעצין וויר זיך שאָהן אַרים טיש אונד דיא זאָלסט אינז פאָרלעזען דיא תנאים אות באות וויעפיעל ער איזט זיך מתחייב אויך אַנדירע זאַכען. יוא מוטטער האָסט רעכט, זייא זעצען זיך אַרים טיש קאַראָל'נע שפארט זיך פעסט אָן מיט איהרע שולטערן צו דער קאַנאַפעה 'אונד מען נעמט זיך שאָהן דיא תנאים צו עפענען זאָ טיהט זיך אַ חאַפּ דער הינדיק. (דער פיפערנאָטער וויל איך זאָגען) ליעבע בראַנדעל. איהר זאָלט מיך פאָלגען אַז גאָטט האָט אינז יוא זאָ געהאָלפען וואָלטע מיר בעדאַרפט אַז בייא אינזער שמחה זאָללען אינזערע פריינד אויך

איינגע גוטע פריינד דער בייא מהיול נעהמען... בראוואָ. הערט זיך פאן קאראלינע א קוויטש בראוואָ... זעהר ריכטיג איין פעלד-קאמינער פלאן איזט דאס. דאהער מיטטעריל וועל איך אללם דיא תנאים נאך ניט עפענען ביז זיא וועלען אויך דערבייא זיין. אונד עס וועט איין גאנץ אנדער איבעראשונג זייא אויך מאכען אונד דערבייא אונזער שכנה עטיג שטאך פאן אקעגען מיט איהרע שטאלצירטע פרייליין אויך דערצו לאדען.. זאלען זייא דער בייא קראפען זייא האבען גענוג מיט מיר צו טוהען געהאט אונד מיך פיר מעהרערע יונגע לייטע פארגעשטעלט אז איך פערדרייא אללע יונגע לייטע דיא קעפפע דארף מען זייא אויך איינלאדען. האבע איך רעכט? יוא. יוא. שרייען זייא אללע אוים ווייא פאן איין מונד.. זעהר א גישייטער פלאן זאגט בראנדעל אין שטעלען זיך דערבייא פאהר, וועהרענד זייא וועלען זיך אללע צו זאממען קומ-מען אונד זיך א יעדער בעזעצען אהנע זאללען נאך וויסען וואס מען האט זייא געלאדען אונד איך וועל פליצים נעהמען דיא תנאים צים לעזען אונד זייא וועלען דערהערין דעם נאמען פאם באנ-קיער צאפפענשטריך. וועט זייא אן חאפען א ניין יעהריג קדחת.

יוא. יוא. זאגען זייא אללע צוזאממען. מוטטער. פרעגט דיא יונגע טאכטער וועלען ווי דיא מאנטע שפרינגע אויך ריפען נאך דיא שלעפערען פעהלט אונז.. וויר דארפען גאר ניט דאב-טען אז זיא איזט דעם פאטערס שוועסטער זאלבע וואס איזט אין אללע הייזער בעקאנט פיר א וועבטערען. א פארווערען. פאסט זיא פיר אונז. איבערהויפט פיר אונזער מחותן? האסט טאקע רעכט מוטטער, אבער מיר דארפען ניט פארגעסען אז ניט יעצט געדאכט אז מיר זענען געזעסען אן פרנסה האט זיא נעביך אללעם געטוהן אונד אונז אונטערשטיצט מיט בראד מיט מעהל. אין אצינד זאלען מיר זיא אויסשעהלען? וואס קען מעהר זיין אויב זיא וועט אויך וועלען זיין אויף דער האכצייט וועלען מיר זיא אויך ארדענטליך אויסקליידען אין ווער וועט דארט וויסען מיט וואס זיא בעשעפטיגט זיך? מען מוסם זיא ריפען מיהט פיפערנאטער א קלאפ אין טיש בעז.. מיין אייגענע שוועסטער זיא איזט יוא מיין בלוט אין פלייש אם ענדע זאלל זיא ניט זיין בייא מיין קינדס תנאים דאס וועט ניט זיין, קלאפט ער נאכמאלם

מיט כעס אין טיש.. מיט איבערגעקעהרטע אויגען האָבען זייא אַללע אויף איהם געקיקט וויא ער איז ווילד אין כעס געוואָרען אַדאָ האָט שוין בראַנדעל ארויסגעשטעללט איהר ספּאָדיק אין פאַנגט אַן צו שרייען אויף דען גישמער, דיא בטלן ווער ביסט דיא זאָלסט מיר אַ דעה זאָגען, האָסט שוין פאַרגעסען וויא וויט דיא האָסט ביא מיר דיא דעה. ער מיינט גאָר אַז ער איז שוין פערטיג אונד ווירד שוין אַ מאָשיער. אין באָד אַריין פיר איין שמיסער. דיא פערדאָרבענער בטלן.. זאָ האָט זיא אויסער זיך געשריען אַז אַללע געסט זענען זיך צוזאַממען געלאָפען פאָן אַללע צימער אונד האָבען בעלאַגערט דיא מיהר. זאָ פיעל דיא מיהר וואַר פאָן אינוויניג פערשלאָסען.

קורץ עס איז געוואָרען צווישען זייא אַ ווירוואַר. קאַראָלינע האָט זיך געשלאָגען מיט ביידע הענד אין קאָפּף אונד האָט זיך אויף אַ קול צווויינט מען פערשטעהרט איהר דיא שמחה. וואָס טויג איהר דאָס לעבען. דיא יונגערע שוועסטער האָט אויך אָנגעהויבען דאָס צו שרייען, זייא האָבען גישריגען אין גיטעניות אָט ענדע האָבען זייא געפינען אַז דער פאָטער האָט רעכט דען אַז גאָט האָט זייא אויף איינמאָהל אויפגערעכט דאַרף מען אין אָרימע פריינד פערגעסען? איבערהויפּט זיא האָט זייא אין דער נאָמה אונטערשטיצט.. קוים האָט דער פּיפערנאָטער דערהערט דיא וואָרטען. אונד מען גיט איהם רעכט. שטעלט ער זיך אויף מיט שטאָלץ, איך שוועהר זאָגט ער ביא מיין באָרד מיט דיא פּאות אַז.. אַבער בראַנעל שלאָגט איהם איבער אין גיט אַ גישרייא לאַקיש. וויא האָסט דיא שוין אַ באָרד? (פיר כעס אין לייד האָט ער פאַרגעסין אַז מען האָט ביא איהם דיא באָרד צוגענומען אום מיט איהם דיא קאָמעדיע צו מאַכען)... זאָ טוהט ער אַ גישרייא אויף אַ קול אַז דיא פענצטער האָבען געקלינגען אונד געזאָגט זאָלל מיין נאָמען ניט הייסען פּיפּערנאָטער אויב איך וועל נעהן אויף דיא תנאים אַן מיין שוועסטער... וואָס הייסט? מיין בלוט אין פלייש.. אין קלאַפּט דער ביא אין טיש קאַראָלינע האָט צו גיזעהען אַז דאָ מוס איין שקאַנדאַל אַרויס. זאָ הייבט זיא זיך אויף מיט דיא תנאים אין איהר האַנד אונד זאָגט צו זייא איהר הערט אויף זיך צו קריגען.. זאָגט שוועהר איך ביא מיינע עהרע

אַז איך נעם דיא תּנאים אונד מאַך שטיקליך פאָן זייא... בייא דיא וואָרטען האבען זייא אַללע איינגענעמען שטימיניש אין מאָמענט האָט גיהערשט שטילשווייגען וויא אויף איין פריעדהאָף... (אין דער וואהרהייט האָט זיא פאָן איהר זייטע פאָלקאָם רעכט אַז מען פערשטעהרט איהר יוא דיא שמחה מאַכט זיא זייא אַללע אוים קאָפּעליטש מאַכערם. קוים צירייסט זיא טאָקע דיא תּנאים זאָ בלייבט פּיפּערנאָטער דער זעלבער וויא אזו ער איז פריהר גיוועזען... זאָ פיעל דיא באָרד וועט איהם אוים פעהלען בראַנדיל דיא זעלבע נאָר שון מיט שוואַרצע האַאַר אויף איהר קאָפּף אין זאָ ווייטער).

דאַן גענמט קאַראָלינע דאָם וואָרט אונד זאָגט איך וויל ניט מעהר הערין פאָן אייך גענייגע וואָרטען וואָם פּאַססען פיר מיר ניט איבער הויפּט פיר מיינע עהרע...

דאַהער זאָלט איהר פאָן מיינע רעד ניט אַרוים געהין אונד וויא איך וועל זאָגען זאָ מוסט איהר בעפאָלגען. אונד גיבט דער בייא אַ גישרייא מיט שטאָלץ זשאַנעטאַ! שיק מיר אַריין דעם קעלנער ער זאָלל געהן צו דער טיפּאָגראַפיע לאַסען איינלאַדונגס קאַרטען דרוקען. נאָך דעם צעטיל וואָם איך ווירדע אוים־שטעלען אונד נעהמט דער בייא פּאַפּיר אונד שטעלט אוים דיא אַללע גע־לאַדענע זאָגאַר ניט איבער פופציג ביז 25 פערזאָן אונד זאָ פיעל קאַרטען זאָל מען דרוקען. מען האָט באַלד דעם קעלנער געריע־פען אונד איהם געשיקט דיא קאַרטען צו בעשטעלען. זשאַנעטאַ פרעגט זיא וויא אַזו זאָלען דיא קאַרטען לויטען? פערלאָבונגס קארטען? ניין זאָגט קאַראָלינע איינפאַכע איינלאַדונגס קאַרטען דעם דאַטום פאָם טאג אויך דיא שטונדע אונד דאַם וואָהנונג זאָנסט ניכטם... ביים צו זאַממען קוממען ווירדע איך זייא דאַמאַלם מיט דיא תּנאים איבערראַשען דיא תּנאים וועלען זאָ ליגען פערזיגעלט ביז דיא אלרע געלאַדינע וועלין זיך צו זאַממען קוממען דאַן וועל איך זייא פיר זייא פליצים עפּענען אונד פאָרלעזען. נאָ? וויא מיינט איהר... וואָם פיר אַ איינדרוק וועט דאַמאַלם אויף זייא מאַכען? עם וועט זייא שטעכען אין יעדים אבר. אונד נאָך הייטע אַבענד זאָל דאַם גישעהין. דער קעלנער איזט געגאַנגען דאַם אַללעם צו פערזאָרגען. יעצט מוטטער דאַרפען וויר פאָהר בערייטען בעקערייא

פיר דיא געסט, אויך עססען ? פרעגט זשאנעטא א קרענק זייא אין דיא ביינער זאגט קאראלינע בעז. ערסטינס אין גרויסען גראד פיהרט זיך איינפאך צווייטענס קענסט זייא ניט אז ביים עססען זענען זייא דיא בעסטע פריינדע אין אינטער דיא אויגען רעדען זייא אב דאס לעבען... א דאס ווער שאהן א גיטער פלאן פאן מיר זייא וועלין דאס ערפאהרין וועלין זייא אללע פיקען...

אונד דיא פאטער ! זאלסט בעטען פארדאן בייא דער מוטטער וויל דיא האסט זיא בעליידיגט מיר געגענווערטיג. אונד דאס זאל ניט מעהר פארקימען. וואס הייסט פירדאן ? פרעגט פיפערנאטער האלבלאבענד. וועהרענד ער איזט שאהן אביסעל רוהיג געווארען. וואס דען ריפט זיא מיך לאקש . בטלן?. בין איך דען דער זעלבער וואס בין פריהר געוועהין ? איך וואלט אייך גענוואונטשען איהר זאלט גענוועזען זעהין וויא דער מחותן האט מיך אויף גינעהמען. זיין בעגען זיך פיר מיר... טאקע וויא פיר איין לארד... אם ענדע היים איך בייא איהר אויך נאך אצינד בטלן?. וואס דען ביסט דיא ?. פראגט איהם בראנדעל האלב שמעיכעלדיג. אבער קאראלינע גיט צי איהר אקיק איך האבע דאך אייך עפיס געזאגט עס זאלל אללעס אויפהערען.. עס איזט צישין זייא געווארען שטיל אין דער כעם פאם פיפערנאטער איזט שטיל געווארען. אין דעם קימט דער קעלנער אונד זאגט זייא ער האט שוין דיא קארטען באשטעלט אום 6 וועלען זייא פערטיג זיין.. זייער גיט זאגט קאראלינע. הבלל קינדער! עססען דארף מען הייטע ניט? פרעגט בראנדעל. איינס צום אנדערען האט ניט . אין שאפט דערבייא מען זאל דעם טיש דעקען. זייא פאנגען אן שוין ווידערום פריילליך צי ווערין מען זעצט זיך צי טישע מען עסט אונד מען טרינקט אויף וואס דיא וועלט שטעהט. ביים טרינקען צי קיסט מען זיך אין דיא פיסקעס אויך פיפערנאטער מיט בראנדלען מען וואונטשט זיך אויך דיא חתונה צי דער לעבען. אויך זאל גאטט העלפען אהנע קאראלינעס שאדען זאל זשאנעטא זא איינע פארטי ערדייכען.. אמן . אמן. זאגען זייא אללע דערבייא (אויך איך זאג אמן אויף דיא אללע וואס שפיעלען דעם ראמאן.)

גלייך אין דעם מאמענט זענען דיא קארטען צישיקט געווארען דיא אללע געלאדענע האבען דאס בדייטונג ניט געוואוסט פאן

דעם איינלאַדען ווייל די קאַרטען האָבען נור געלויטעט אַז זיא ערזוכט זייא בעשטימט אַם 8 אָוהר אַבענדס. זאָנסט ניכטס זאָ האָבען זיך די געלאַדענע פאָהר־בעריט צו דער עקזאַקטער שטונדע אַללעס נייגעריג.. אויך האָבען מעהרערע פערשיעדענע מיינונגען דאַריבער געגעבען מאַנכע האָבען בעהויפטעט אַז עס איז וואַרשיינליך איהר געבורסטאַג אַבער אויף תנאים איזט קיין איינציגער יינגער־פאַלען ווייל איעדער פאָן איהרע בעקאַנטע האָבען געוואוסט איהר איינבילדונג. אונד וועמען זיא זוכט. אונד וויפיעל אַנשטענדיגע זיא האָט פעריאָגט פאָן זיך דאַדורך האָבען זייא זיא געהאַססט דורך איהר שטאָלץ.

האַלב־אַכט זעהט מען שוין די צימערען פאָם האָטעל קאַטשקעוואַל רייך בעלייכטעט מען האָט אַראַנזשירט געדעקטע טישען זייער נאָבעל. פריילען קאַראָלינע אונד די שוועסטער האָבען זיך פערפיטצט נאָך דער ערסטען אונד לעטצטען זשורנאַל אויך בראַנדעל מיט איהרע שוואַרצע לאָקען. זאָ פיעל דאָס געזיכט וואַר אַביסיל צו אַלט צו די האָאַר. נור עס איזט מיט געגאַנגען אויך דער אַלטער פיפערנאָטער אין זיין אָניפאָרמע זייא לויפען אַללע ארים אין צימער פאָן איין שפיעגעל צום אַנדערען זאָלען זיך ריכטיג איבערצייגען וויא אַזו זייא זעהען אויס... אויך דער פיפערנאָטער בלאָסט אָן די באַקען אין לאָסט דער בייא אַרויס דעם רויך פאָם ציגייער מיט שטאָלץ אין מאַכט אַללע מאָהל מיט אָנגעשוואָלענע וואַרגעס פיפ. פ. פ.

קורץ עס איזט אַללעס קאָמפלעקט אונד מען ערוואַרטעט נאָר די געסט דאָן האָט זיך קאַראָלינע אַנידער געזעצט בייא איין טיש מיט אַ פראַנצעזיש בוך... אונד מיט די תנאים בייא איהר אין ביזעם פערשטעקט ווייל זיא האָט זייא קיינעם ניט גע־וואָלט ארויס געטרויען, זשאַנעטע געבען איהר מיט אַ דייטשעס בוך. בראַנדיל שטעלט אויס בעקירייא אויף דיא טישען. דער פי־פערנאָטער דרעהט זיך וויא אַ הונדיג ארים זייא מיט אָנגעבלאָ־זינע וואַרגעס. אין פין זי׳ן פיסק וואַלעט אַ רויך נאָר וואָס די פאָזאַרניקעס האָבען אויסגעפעהלט...

עס הערט זיך עפיס טריט פאָן מענטשען זאָ לויפט בראַנדעל אַ קעגען צו עמפפאַנגען די געסט. וויא פינצטער איהר איזט גע־

וואָרען אין דיא אויגען זיא זעהט איהר שוועגערין דיא וועבמערין אונד מיט איהר שלעפט זיך נאָך דרייזע דיא מיקערין ווייל זיא האט מיט איהר צי זאממען אין איין שטיב געוואָהנט אויך זיא פאָן איהר זייטע האט מיטגעשלעפט הענצי דיא מילך טרעגערין. ציא איהר בריעדערם טאָכטער אויף דיא תנאים ווייל זיא האט געוויסט אז דעם אבענד איזט דאָרט תנאים, דאס גליק איזט גע־וועזען וואָס האט גראדע בראנדעלין א טראָג געטוהען אונד האט זייא דערזעהין זאָ האט זיא זייא גלייך אין קעך אריין טראנצ־פאָרמירט. נאך דיא שלעפערנם פעהלען מיר אוים... וואָרטשיט זיא ציא זיך.. שלאגע אכט האבען אנגעפאנגען דיא געסט זיך צוזאמען ציקיממען דיא מיהר עפענט זיך עם ערשיינט דיא מאדאם עסיקר שטאָך מיט איהרע 3 פריילין אביסעל געבילדעט נאָר איינפאך.. צי זייא איזט קאראָלינע אליין ציגעלאָפען אונד זייא אויפגינאָממען אין דער ביא געקיסט זיך אין דיא פיסקלעך אויף פראנצעזיש... אין באלד נאך זייא אנדערע. מען באזעצט זייא ארים דיא טישען. דיא אללע געסט ווארפען זייערע בליקען איבעראלל. דיא אורזאכע וויסען זיא קיינם. ביז 9 זענען אללע געסט קאָמפלעקט געוועזען קאראָלינע איזט געזעסען נעבען איהרע פריינדין פריילין עסיקשטאָך אינד מיט זייא פאָן פערשידענעם געשפראָכען. בייא איין רונדע טיש זעהט מען זיצען פרויען מיט פריילין גענען 13 פערזאָן אין האלטען זיך אין איין שישקען וואָס דאָ איזט? קורץ בראנדל הייבט אָן צי צי טראָגען פיר יעדען דולטשעין מיט וואססער אונד בעהט זייא זאָלען געניסען פיפערנאָמער איז גראדע געוועזען 2טען צימער דאן עפינט זיך דיא מיהר אין דער פיפערנאָמער ערשיינט אבער פאָן דיא אללע געסט האָבען איהם קיינם ערקענט ווייל זייא האָבען איהם געקענט פיר א איינפאבען במלן מיט אגרויסער קלאָטשיוואטע באָרד מיט פאות זייא האָבען געדענקט ער מוס זיין פריינד זיין וואָס איינגט זיך מיט איהם.. אבער מעהר זייא האָבען זיך ציגעקיקט האָט זייא געשיענען אז נאָר ער איז דאָס. איין פריילין ריפט זיך אָן צי איהר מוטטער אין צי דיא איבריגע איך פארייר מיט אייך אויף וואָס איהר ווילט אז דאָס איזט פיפער־נאָמער.. א שפעטערען איז זיא אויך געוועזען אין טיהט דערבייא א גישרייא הערר פיפערנאָמער.. ער שטעלט אויף דיא אויערען

אין קיקט ווער עס רופט איהם .... העררּ פּיפּערנאָטער שרייט זיא נאַכמאַלס ער לויפט גלייך צי זייא וואונטשען? (דאַס האָט מען איהם שוין אויסגעשטעלט.)

דיא פרויען וואָס האָבען געהאַלטען דיא גלעזער וואַססער ביים מויל צים טרינקען האָבען זיך אָן געהויבען אין זיך צי שטיקען אַז זייא האָבען זיך שיעור דער שטיקט ביז זייא האָבען אַללע אויף איינמאָל אַויסגעשאָסען אַ גילעכטער. אונד האָבען זיך איינע דיא אַנדערע גישלעפּט געקניפּען. איַנד ער שטעהט האָטשי איהם אוים ציִמעלקען אין לאַכט אויך גלייך מיט זייא אָהנע צייוויסען וואָם.. אין וואַרט זייא זאָללען איהם וואָס פרעגען... בראַנדעל אַבער האָט בעמערקט פאָן דער וויט וויא מען שטיקט זיך בייא יענעם טיש פאָן געלעכטער אונד ער שטעהט דאָרט... זיא האַט גלייך פערשטאַנען אַ מען לאַכט פאָן איהם...טיהט זיא אַ גישרייא חיים שמעלקע געה הייס אַריין געבען נאָך וואַסער. ער איזט פאָן דאָרט וועק געגאַנגען דאָ האָבען זייא ערשט אַנגעפאַנגען צישין זיך צי לאַכען אונד אַללע זייערע בייזע חלומות ביז אַצינד אייך אויף ווייטער האָבען זייא צי זיין קאָפּף אויס געשיט.. אונד פרעגען זיך ערשט איינע דיא אַנדערע זענען דיא מענטשען משוגע געוואָרען? מעגליך זייא האָבען געמאַכט אַביסיל פּאָרים... נאָ? דאַרף מען פאָן זיך זאָ וויט חוזיק מאַכען? זאָ אַ אינטעמנאַטע בעקאַנטער בטלן וואָס זיין באָרד מיט פאות איזט פיר אַידען בעקאַנט אַם ענדע האָט ער זיא אָבגעשוירען.. אַללעס איזט רעכט ריעפּט זיך אָן דיא פרויא זוערמילך וואָס בעדייטעט דער באַלל ?. דיא ערסטע פריילין ריפט זיך אָן נאָך ווייסט איהר גיט דאַס בעדייטונג.. איהר זעהט ניט וויא מען מאַכט קאָמעדיע אונד מען שטעלט פיר אונז פאָהר אַ אָבגעשוירענעם פּיפּערנאָטער זייא לאַבען זייער דער בייא מען וואָלט נאָך פערשיעדענע וואָרטין דאַריבער גישפּראָבען איזט אַבער בראַנדעל אַהין ציגעקימען אונד האָט גיט באַמערקט אַז דאָ לאַכט מען אויף הוזיק... זיא טראַכט אַבער בייא זיך עס שאַדעט ניט איהר וועט שפּעטער לאַבען מיט יאַשטערקים. עס וועט אייך אָנחאַפּען אַ קדחת וויא קאַראָלינע האָט פריהר גיזאָגט עס וועט אייך טראַכט זיא ווערען פינצטער אין דיא אויגען אַז איהר ויעט הערין דיא תנאים לעזען...

זיא האָט איהר פּעס בעהאַלטען אונד זאָגט צו זייא מיט שמייכלעריייא איך בין ברוגז אויף אייך. איך זעה איהר זיצט. אונד בעריהרט ניט דאָס מינדעסטע... וויא אַזו מען האָט דאָס אַנידערגעשטעלט זאָ שטעהט עס... דיא דאגות זאָלען איך בלייבען זאָרגען דיא פרויען פאָן דאָרט. איהר ווייסט בראַנדעל זאָגט דיא פרויא זויערטיליך צו איהר. מיר האָבען שוין אייער מאַגן גאָר ניט דערקענט. עפּיס האָט איהר איהם געמאַכט פיר אַ גאַנצען פאָר דראַדטשיק?... חלעבען מיר האָבען איהם ניט ערקענט... עס איזט אַ סימן ער וועט רייך ווערין זאָגט מאַדאַם פאסטאָרנאַק. איינס פאָן דיא ביידע איזט שוין זיכער. (זאָגט בראַגדעל צישין דיא ציין...) אונד געהט פאָן דאָרט צוא דיא אַנדערע. קורין זיא איזט געגאַנגען פאָן טיש. צו טיש. זאָל דיא געסטע ציפריעדען שטעלען.. זיא איזט נאָר פאָן יענעם טיש וועק געגאַנגען דאָ האָבען זיך דיא פרויען מיט דיא פריילען פאָן דאָרט צו לאַכט אונד זיך דערביייא אין דיא פּיסקים געשלאָגען עס הייסט (גאָטט זאָל זייא ניט שטראָפען פיר דיא רייד). זייא האָבען בעטראַכט בראַנדלען מיט איהרע שווארצע האָאַר... אונד דיא פריילען זוויערטיליך זאָגט נאָכמאַלס נאָ! דאַרף מען האַבען אַ בעסער טעאַטער? אויף איינמאַהל עפּענט זיך דיא טיהר אונד עס קימט אַריין ר' שאַכנע שדכן... אין טיהט אַ גישרייא אויף אַ בריטער שטימע דעם גוטען אַבענד... וויא דער פּיפּערנאָטער האָט דעם שדכן דערזעהין שנעל וויא אַ בליטץ איזט ער צו איהם צו געלאָפען. אונד חאַפּט איהם אַרים אונד ציקישט זיך מיט איהם. אין קאַראָלינע האָט דאָס באַמערקט עס האָט אין איהר יעדעס אבר געציטערט פיר כעס.. זיא האָט געשווינד ציגעשיקט דיא שוועסטער מען זאָל איהם פאָן שדכנס העגד אָברייסען. מיט שוועהרע מיט האָט איהם זיין פריילין זשאַנעטאַ אויסגעריסען אונד איהם געזאָגט דאָס דיא מוטטער דאַרף איהם נייטיג.. דער שדכן וואַרשיינליך איזט אויך געוועזען געלאַדען אונד האָט אויך ניט געוואוסט וואָס!... ביים אַריין קימען אַבער האָט איהם שוין פּיפּערנאָטער דערציילט, אַז דאָס איזט דיא תנאים וואָס מען האָט זייא ציגישיקט פאָן זייער מחותן. זאָ לויפט ער שוין אין קיכע אונד זיכט אוים בראַנדלען. אונד גיט איהר אָב דעם גרויסען מז״ט. בראַנדעל פרעגט איהם

מיט אַ שמיבעל וואָס פיר אַ ניט גוטער האָט איך אָנגעטראָגען ?. ווער האָט נאָך איך געשיקט ?...

אָהנע מיר זאָגט ר׳ שאַבנע טיהט זיך גאָר ניט, מיט בראַנדלען אַריין קומענדיג אין סאַלאָן צוא דיא געסט.. אָהנע מיר טיהט זיך גאָר ניט רעפּיטירט ער נאָכמאַלס מיט שמאָלין דיא געסטע זאָלען איך הערין.. אין דאָס קען שאַבנע.. דיא געסט האָבען דערלעבט נעבען זיך ר׳ שאַבנען צו זעהין. דאָ האָט מען איהם צוריסען אויף שטיקער דיא רייסט איהם צו זיך פאָן איהם צו הערין וואָס דאָ קומט פאָהר. געזעהין האָבען זייא שוין דאָס איזט תנאים. ווער איזט דער מחותן ?. אונד וועלכער איזט דער גליקליכער וואָס איזט איהר חתן... קורץ מען פרעגט איהם פאָן אַללע זייטען דער ר׳ שאַבנע אַנטוואָרטעט מיט שמאָלין צוא דיא אַללע פריילין וואָס זיצען ביים טיש מיט דיא וואָרטען דאָס קען שאַבנע נאָר צו זאַממען ברענגען.. הלוואי אָן איהר שאָדען פיר איך זאָלבע חתנים.. וויא איזט ער ? אונד ווער איזט ער ? פרעגען זייא איהם אללע נייגעריג. איהר וועט באַלד וויסען (וויל בראַנדעל האָט איהם נאָך ניט גיהייסען אויסזאָגען, ווייל זיא וויל זייא מיט דיא תנאים אַליין איבעראַשען. ער האָט זיך דאָך ניט געקענט איינהאַלטען אונד וויל זייא וויא געשווינד צייגען וואָס שאַבנע קען. זאָ רוימט ער זייא שטילערהייט איין מיט דעם גרויסען באַנקיער צאפּפענשטרייך איינציגען זאָהן.. וואָס זאָגט איהר ?... זאָגען זייא אַללע ערשטוינטד.. דאָס וואָס איהר הערט.. אין דאָס קען שאַבנע... אַ דאָ זענען זייא אַללע געבליבען זיצען שטים אָהנע צו בעוועגען זיך. עס האָט זייא אין דעם מאָמענט דאָס לשון אָבגענאָממען זענען געוואָרען בלאַסס אונד האָבען זיך איינע דיא אַנדערע אָנגעקיקט אָהנע שוין אַ וואָרט צו רעדען, איינינע האָבען זיך זאָגאַר ערינערט אַז ער פלעג אָם מיינסטען מיט איהר אין דיא בעללער טאַנצען דאָס איזט ביסליכוואָס צו שפּרייט געוואָרען פאָן טיש צו טיש, דיא אַללע געסט פאָן דאָרט זענען געבליבען זיצין אין געהאַקטע ווינדען אונד נאָר ניט געקענט בעגרייפען וויא זאָ וואָס זאָל צו שטאַנדע קוממען... בראַנדעל אויך קאַראָלינע האָבען דאָס באַמערקט אונד אין זיך אָנגעקוועלט. זאָ פיעל זאָגט בראַנדעל שטילערהייט צו ר׳ שאַבנען, פלוישער וואָס איהר זענט

איהר האָט איך ניט געקענט איינהאַלטען נאָך איינינע מעניטען. עס זאָל זייא וועניגסטען דיא קאַפּע בעקוממען.. זאָללען זייא פּיקען... זאָגט ר׳ שאַבנע, אויך שטילערהייט, איך וויים דען ניט אַז דיא אַללע זענען איך שונאים... אין דעם ברענגט מען אַריין גרויסע טאַצען מיט שוואַרצע קאַפּע... דיא געסט האָבען זיך ביסליבוואַם ערוואַכט פאָן זייער פאַנטאַזיע. מען הערעט שוין גאָר אַנדערע ווערטער... דאָס איזט דיא אורזאַכע פאָן זייער פערענדערן זיך ?... עס איזט זייא שוין רעכט געוואָרען וואָס דער פּיפּערנאָטער האָט זיין באָרד מיט פּאות אַראָבגעוואָרפען, עס איזט זייא שוין רעכט וואָס בראַנדעל האָט זיך איהרע גרויהע האַאר געפאַרבט אויף שוואַרצען. עס איז זייא שוין רעכט געוואָרען וואָס קאַראָלינע האָט וועק געיאַגט מעהרערע יונגע לייטע אויך אַנשטענדיגע פאָן זיך אַז זיא האָט געקענט ערהייכען דעם גרויסען באַנקיער צאַפּפענשטרייך... פיר איין מחותן, זאָ האָט שוין פּיפּערנאָטער גימעגט ניט נאָר דיא באָרד אָבהאַקען, אויך דיא פּים.. איינינע האָבען שוין בעהויפטעט אַז זאָ איינע פרייליין וויא קאַראָלינע, מעג איינשטעהן ניט נאָר בייא צאַפּפענשטרייך אויך בייא איין פיעל גרעסערען פאָן איהם וויל זיא איזט ווירקליך שעהן אונד געבילדעט... קורץ מען האָט שוין גאָר מיט אַנדערע וואָרטען גירעט.. אונד דערבייא זיא בענײדעט... קאַראָלינע זיצט וויא אַ פּרינצעסען אין לאָשט ביסליך וויים מיט דיא אויערען וואָס מען רעד אין קוועלט בייא זיך אָן. דיא אַללע שמיעסען האָבען זיך פערנעהמען ביז מען האָט גיהערט דעם זייגער שלאָגען 3 נאָך האַלבע נאַכט, עס האָבען זיך שוין מעהרערע פאָן זייא אויפגעהויבען צים וועק געהן: פּשיט פאָן פעדרום זאָלען נאָך זיצען מיט זייערע אויערען הערין דיא תנאים לעזין.. עס פּיקעט זאָ אויך זייער הע־צער אויף... אַבער קאַראָלינע האָט זיך אויפגעהויבען אונד זאָגט צו זייא מיט דיא וואָרטען.

האָבגעשעטצטע דאַמען אונד פרייליין. עס פרייד מיך זייער דאַס זיא זינד זאָ פריינדליך געוועהן אונד געקומען מיר עהרע צו טהיילען אונד טהייל נעהמען פאָן מיין שמחה. דיא שמחה וואָס שטעהט מיר אויך מיינע גישעטצטע עלטערן גליקליך צי זיין אַללע אינזערע לעבענסטאַגע. זאָ ערזובע זיא נאָך איינינע מענוטען

ער זיך צו פערוויילען אום איך זאל אייך נאך דיא תנאים פאר־
זוען פאן מיין האכגעשעטצטען שוויגערפאטער באנקיער פאן
זפפענשטריין, איך האפפע דאס זיא ווערדען דאס נעהמליכע
־גענינען האבען וויא אונז... (אונד ווארפט דערביא זייטען
־קען מיט שפאט צו איהר מוטטער)... אונד וויר פאן אונזער
טע בלייבען פערפליכטעט אונד שולדיג איך דאס זעלבע צו ער־
דערען ביא אייערע קינדער נאך אייער וואונטש... דיא קורצע
דע האט קאראלינע געזאגט מיט שטאלץ אויף א קלינגענדער
טימע אונד בעגייסטערט. מיט רויטע פארבען איזט איהר גע־
ט קאלירט געווארען... זיא האט ווירקליך אויסגעזעהען וויא א
מלישעס וועזען דאן האט זיא זיך געזעצט אויף דער זאפפע מיט
הרע שולטערען פעסט אן געשפארט. דיא מוטטער אין איהר
כטער האנד. זשאנעטא אין איהר לינקע האנד. אללע פרויען
ט פריילין אויך איינינע מענער אקעגען. אונד האבען אויפ־
שטעלט מויל אין אויערין צו הערין פאן קאראלינען לעזען דיא
אים.. דער פיפערנאטער שטעהט א קעגען זיא מיט דער צו־
רע אין פיסק אונד מיט אנגעבלאזענע וואנגעס. דיא הענד
טבאקעס אין שטעלט אויף זיינע אוירען צו הערין דיא תנאים.
ך איזט ער דערביא נייגעהריג צו הערין וויא אזו דיא תנאים
נגען איין. צו שרייבט מען קודם צו איהם פיעל געליעבטער
זותן, אדער סתם מזל טוב...

ר׳ שאכנע שדכן שטעהט דער בייא פערטיג מיט א טעלער
ן דער האנד אויך בראנדעל. אונד איינינע פאן דיא דאמען
ס בראנדיל האט זייא ארוין געבראכט טעלער צים ברעכען
ד מען ערווארטעט שאן מיט גרויס אונגעדולד דיא תנאים צו
רין.

קאראלינע רייסט אויף דעם קאנווערט מיט שטאלץ אונד
רפט איהם וועק. דיא פריילין עסיקשטאך האט איהם שטיל
פגיהויבען אהנע יעמאנד זאל באמערקען יוא... דיא פירמע
ם באנקיער זעהט זיא אויף איהם. עס איזט איהר פינצטער גע־
ווארען אין דיא אויגען.. דאס גליק וואס קאראלינע האט ער־
כט אונפערהאפט... זיא וואלט פאר פערדרוס געוואלט אוועק
זין.. אבער זיא האט זיך פשוט גישעמט וויל מען וועט זיך שאהן

מערקען דאָס זיא פערגינט איהר ניט . . אין צימער האָט גע־הערשט איין טאָדטען שטיממע, עס איזט אויך איינמאָהל שטיל געוואָרען וויא אויף איין פריעדהאָף, נאָר וואָס שאַבנע שיכּור . (שדכן וויל איך זאָגען) טיהט איטליכען געשרייא שאַט . . . עס זאָלל זיין שטיל וויר זאָלען הערין . .

קאַראָלינע וואַרפט איהרע בליקען אויף איינינע צייליען. אום זיא זאָלל עס דייטליך פאָהרלעזען . אַבער . . עפּיס קימט ניט אוים גלאַט . . . עפּיס דאַכט זיך עס איזט גאָר ניט דאָס . . . זיא שטרענגט זיך איין אונד לעזט אין זיך וואָרט . אין אַ וואָרט . . עפּיס . פאַנגט איהר איין אין דיא אויגען צו שווינדלען . . . עס פאַנגט איין אין איהר דיא קאָלירען צו וועקסלען . . . זיא ווירד בלאַסס .!. עס פאַנגען איהר איין דיא הענד צו ציטערען . . .אַ קאַלטער שוויים . בעדעקט איהר געזיכט . . . מיט ציטערנע הענד ווישט זיא פאָן זיך דעם שוויים . . איהרע אויגען פאַנגען איין צו גליהען וויא אַ פלאַם פייער . . . גליך זייא וואָלטען געוואָלט אַרוים שפּרינגען פאָן זייער פלאַטץ . . .

אין איהרע בליקען האָט געגליהט אַ פייער . . . אין איהרע געזיכטסציגע האָט געציינט ווילדהייט . . .אונד מיט ווילדע בלי־קען האָט זיא צו איהר מוטטער געקיקט . . זיא האָט נאָך גע־זוכט מיט איהרע לעצטע קרעפטען זיך צו בעהערשען . . אַבער עס וואַר אונגמעגליך . מיט ווידער ווילען האָט זיא מיססען אוים־פלאַטצען אַ גרויסען יעבין . . דיא תנאים פאַלען איהר אַרוים פאָן איהרע הענד אונד פאַלט אונמעכטיג . .

דיא אַללע וואָס האָבען דיא סצענע בייגעוואָהנט זענען גע־בליבען זיצען פערדילצערט . . איינע דיא אַנדערע האָבען זיך אונגעקיקט אָהנע אַ וואָרט צו רעדען . . נאָר וואָס בראַנדעל האָט אויסער זיך אַנגעשרייא געטוהען גאָטט . . אין הימעל . . זיא חלישת? עסיק הערט זיך פאָן איינינע . . וואַסער . . . הערט זיך פאָן אַנדערע אַ דאָקטער . . אַ דאָקטער . . הערט זיך פאָן מעהרערע! . . זאָפּיעל דער פּיפּערנאָטער האָט זיין קוראַש ניט פערלאָרען (אויפהייבענ־דיג דיא תנאים) אין שרייט פאָן זיינער זייטע עס איז גאָר ניט. גאָר ניט . . טאַקע פשוט גאַר ניט . . זיא איזט פיר פרייד איבער־ראַשט געוואָרען . . אַבער עס איז גאָר ניט . .

מען האָט באַלד אויף איהר וואַסער געשפּריצט. אויך מיט עסיק געריבען מיט שוועהרע מיהע האָט זיא דיא אויגען געעפענט. אונד איהרע ווילדע בליקען געוואָרפען צו דיא אַללע וואָס זענען אַרום. איהר געשטאַנען אָהנע אוואָרט צו רעדען... וואָס איזט מיט דיר? ליעבע טאַטער. פרעגט זיא בראַנדעל מיט אַ יאַמער שטיממע...

ר׳ שאַבנע האָט דער זעהן דאָס זיא האַלט שוין דיא אויגען אָפען.. זאָ זאָגט ער שוין אויך זיין מיינונג עס איזט טאַקע גאָר ניט... זיא האָט געהאַפּט אַ גיט אויג... (אין רוימט דערביא איין שטילערהייט בראַנדלען זיא זאָל זיא מטמא זיין) ברעכעגדיג דיא העגד טיהט בראַנדעל וואָס ר׳ שאַבנע האָט איהר געהייסען... וויל וואָס טיהט ניט אַ מוטטער וועגען אַ קינד.. אַבער קאַראָלינע ליגט וויא אַ לייבע אָהנע זיך צו בעוועגען... נאָר שוועהרע זיפצען העהרען זיך פאָן איהר טיעפען הערץ... עס איז איינגע מינוטען פערגאַנגען.. מען זעהט זיא ליגט שוין אַביסעל רוהיגער.. זיא האָט אבער נישט געשפּירט וואָס מיט איהר טיהט זיך.. וויא איינע וואָס פערלירט דעם פערשטאַנד. זאָ געהט צו דיא פריילין עסיקשטאָך צו איהר. אין זאָגט איהר. וואָס איז מיט אייך פריילין? איז דען דאָס אייך פּלעצליך אונגעקומען?. דאָס וויסען זיא שוין פאָן לאַנג.. וואַרום זאָלען זיא גראַדע יעטצט זאָ איבער ראַשט זיין? (ווייל זייא האַבען ווירקליך גערעכענט אַז פּיפּערנאָטער האָט חעכט.. זיא איזט איבער ראַשט..) אַבער קאַראָלינע ליגט אונד ריהרט זיך ניט וויא איינע מאַרמאָרנע פיגור.. אונד קיקט מיט שאַרפע בליקען.. עס איז זייא שוין פאָהרגעקימען אַז עס איז איהר גאָר ניט.. זאָ זאָגט דיא מאַדאַם זווירמילך עס וואָלט גלייך געוועזען אַז איין אַנדערע זאָלל דיא תנאים פאָהרלעזען.. אונד זיא זאָלל הערין. וועט איהר במילא בעסער ווערין.. (דיא אַנדערע פריילין צישין זיך.. דאָ האָט איהר פאָן אללע גליקען.. נור עס איזט קיין וואונדער וואָס זיא איז זאָ איבער ראַשט געוואָרען... אַקליינינקייט. אויף איין מאָהל זאָ איין גליק צו ערווייבען.. דאַרף זיא ניט נאָר איבער ראַשט ווערין.. אויך משוגע ווערין... אַ קליינינקייט. זאָ איין געמיינער חאַנזשי האָט ערווייבט דעם גרויסען

באַנקער צאַפּפּענישטהייך פיר א מחותן..) איינינע פאָן דיא בעיאָהרטע פרויען זענען צו איהר צו געגאַנגען אונד מיט שטייבלערייא איהר אויסגערעט.. שטאַט איהר זאָלט אונקוועלען. אַם ענדע זאל איך זא וויט איבער ראשען?. וואָס איזט נייעס? אייגענטליך דאַרף דאָס בייא איך זאָ אין עפּעקט נישט מאַכען.. פּאַסט אייך דען ניט דעם באַנקערס שנוער צו זיין?.. אויך בייא פיהל גרעסערע מענט איהר אוינשטעהן.. זאָ האָט זיא אַ יעדער פאָן דיא געסטע געטרייסט. אַבער קאַראָלינע ליגט אין שווייגט.. אויף איינמאָהל גיט אַנישרייא ר' שאַכנע אויף אַ געמבע עס זאָלל זיין שטיל. עס איז שוין גאָר נישט... טאַקע גאָר נישט.. ר' חיים שמעלקע! גיט דיא תנאים זשאַנעטיקע זאָלל פאָהרלעזען.. מיט גאָטטעס הילפע עס וועט גיט זיין.. אַ שאלה.. זאָגט פּיפּערנאָטער. אויב עס וועט גיט זיין... (אין באַלעקט זיך דער בייא) נאָ! זשאַנעטיקאָ לעז דיא.. אין קאַראָלינע וועט אויך הערין... דאָ נעמט שוין זלאַטע... (זשאַנעטע וויל איך זאָגען..) דיא תנאים אין דיא הענד... אונד זעצט זיך מיט שטאָלץ נעבען קאַראָלינען. אונד צישפּרייט איהר פּיסן זיא זאָל לעזען מיט אַ הויכער שטימע אַ יעדער זאָל הערין, אין קאַראָלינע זאָל דערבייא אָנקוועלען.. קוים פאַנגט זיא אין אויף אַ לויטער שטימע איינינע וואָרטען צו לעזען.. הערין פּיפּערנאָטער האָטעל קאַטשקעוואַל. איהר אונפערשעהמטער מעמיש... זאָ פאַנגט איהר אין אויך אין דיא אויגען ציטווינדלען.. זאָ גיט וויא איהר שוועסטער.. איינינע וואָרטען האָט זיא שוין אין זיך געלעזען.. מיט קורצע וואָרטען זיא האָט דעם נעהמליכען יעכין געטוהען גראַדע וויא איהר שוועסטער אונד איזט נידער געפאַללען אונמעכטיג...

דיא תנאים זענען פאָן איהרע הענד צו דער ערדע געפאַלען. דאָ האָט מען שוין ניט פערשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָהר. דיא געזעממציגע פאָן דיא אַללע האָבען זיך אין זייא געוועקסעלט, אונד האָבען זייערע בליקען געוואָרפען איינע צו דער אַנדערער אונד מיט דיא אַקסעל אויפגעצויגען.. בראַנדעל האָט פערלאָזט קאַראָלינען אונד איזט געלאָפען צו זלאַטען, (צו. זשאַנעטיקאָ. וויל איך זאָגען.)

דיא תנאים ליגען שוין אויף דער ערדע אויף הפקר.!. זאָ

פיעל ר׳ שאַבנע האָט זיך ערבאַרעמט אונד האָט זייא אויפגעהויבען. אין געהט מיט דעם טעלער אין איין האַנד אין דיא תנאים אין דער אַנדערער האַנד.. אין אַ ווינקעל אין לעזט זייא אין זיך.. עס ווירד איהם אַבער אויך דונקעל אין דיא אויגען... אַ מאַנן איזט אבער קיין פרויא. ער לעזט זייא דאָך איבער.. זאָ פאַלט איהם אַרוים דער טעלער פאָן דער האַנד. דיא פרויען וואָס האַבען אויך געהאַלטען צי טעלער אין דיא הענד.. וואָס בראַנדעל האָט זייא געגעבען אונד האָבען שוין ערוואַרטעט דעם גליקליבען מאָמענט צי הערין מזל טוב.. וויא זייא האָבען געזעהין אַז ר׳ שאַבנע האָט שוין זיין טעלער צי בראָכען זאָ האָבען זייא זייערע אויך צו דער ערדע געוואָרפען..

קורץ עס איז געוואָרען אַלאַרעם פאָן דיא טעלער ברעכען אָהנע זאָלען וויסען וואָס.. ביז ר׳ שאַבנע איזט צו זייא צי געגאַנגען אינד זייא איינגעראָמט מיט איבעראַשטע וואָרטען אַז זייא מעגען שוין אַהיים געהין.. בייא דיא וואָרטען האָבען זייא זיך זייער ערשראָקען.. זייא האָבען באַלד בעפאָלגט ר׳ שאַבנען. אונד דאָס הויז פערלאָסט אָהנע דיא אורזאַכע נאָך צי וויסען. זאָ פיעל האָבען זייא געהאָפט דורך ר׳ שאַבנען אַללעם צי וויסען.

אַבער אַ פריינד איזט קיין פרעמדער.. פאָן דיא אַללע דאַמען מיט פריילין איזט איבער געבליבען פיפערנאָטערס שוועסטער מיט איהרע בעגליטערס האָבען זיך ניט גערירט זאָלען זעהין מיט זייערע אויגען דיא ענדע... מיט שוועהרע מיהע האָט מען שוין זלאָטען (זשאַנעטיקאַ וויל איך זאָגען) אויך אויך געמינטערט. אַבער זיא קוקט מיט דיא זעלבע שאַרפע בליקען וויא איהר שוועסטער.. אומזאָנסט שטעהט בראַנדעל איבער זייא אין ברעכט דיא הענד אין ווינט זייא זאָללען איהר זאָגען דיא אורזאַכע... אַבער זייא אַנטוואָרטען ניט.. פיפערנאָטער דרעהט זיך אַרום אין זיכט דיא תנאים.. זיא ליגען ריכטיג אין אַ ווינקעל. וויא ר׳ שאַבנע האָט זייא פערשטעקט.. אַבער ער פירכטעט זייא אונצירירען.. ער זאָל אויך ניט בעקימען עפּיס אַ שלאַק.. ער האָט נאָר צי זייא געקיקט אַבער בערירען האָט ער זיך ניט געוואַגט. קורץ ליעבע לעזער! איך זעה איהר ווייסט שוין ניט וויא איהר נעפינט אייך אונד ווייסט שוין ניט וואָס צי קלעהרען זאָ קימען

אויף דיא תנאים פֿאָהר ניט אַנדערש נאָר פֿערפֿישיפֿת... ווייל ווער עס בעריהט זייא. דער מוס פֿאַללען אונטעכטיג... ניכט וואָהר? דאַהער! וועל איך זייא פֿיר אייך פֿאָרלעזען. אָהנע צו פֿירכטען.. ווייל איך בין אַגעשפּראָכענער פֿאָן אַללע רבות, זאָ נעהמט זיך קיין כּישוף צו מיר, נאָר לעגט צו מויל אין אוירען אונד הערט ווי אַ איין מחותן שרייבט צום אַנדערען.. ווענ איהר ערשטווינגן אָבוואָהל איהר זענט אונפּאַרטייאיש...

## העררן פּיפּערנאָטער האָטעל קאַטשקאַוואַל. (היער)

איהר אונפֿערשעהמטער געמיינער האַנזשי! וויא האָט איהר אייך געוואַגט צו מיר אַ שרבן צו שיקען. איך זאָל מיט אייך אַ מחותן ווערען?. איזט אייער טאָכטער ווירקליך זאָ געבילדעט? בין זיא האָט זיך זאָ איין שגעון איינגעבילדעט? זאָ גיבט היער איינע גאָליע (בית משוגעים) פֿיר זאָלכע.. נאָר דאָרט קען מען זאָלכע שגעונין פֿאָן זייא אַרויס שלאָגען.. וויא מעסט מען זיך אָן זאָ וויט אויף חוזק.. אַלזאָ געמיינער יוד!. אייער גליק וואָר וואָס איך בין אַ מענטש מיט איבעדלעגונג.. זאָנסט וואָלט איהר צו זאַממען מיט אייער שדכן געוועזען אַרויס געוואָרפֿען פֿאָן מיין הויז מיט צובראָכענע ביינער.!. אַבער איך בין ניט דער אַרט מענטש.

דאַהער יוד! ווען איהר ווילט אייער טאָכטער פֿערזאָרגען זאָלט איהר זוכען אייער גראַד. עס גיבט פֿאָן פֿערשיעדענע האַנדווערקער נעהמליך שניידער.. שוסטער.. בלעכער אין זאָ ווייטער. (הערט אַ עזות פֿאָן איין באַנקיער. יענע פֿאָן אַללע איהרע איינגערעדעטע גראַפֿען.. מאַרקיזען.. האָט זיך קוים גע־ פּאַסט מיט אַ יודישען באַנקיער.. אַם ענדע שטאָלצירט ער נאָך. אין זיכט דער ביא איהר פֿריינדשאַפֿט אין רעד זיא צוא צו איין האַנדווערקער.. מעג ער זיך ניט שעמען?..) אונד קוים וועל איך ערפֿאַהרען דאַס איהר לאָסט אייך ניט אָב דערפֿון, זאָ וועל איך זעהן דאַס איהר זאָלט פֿאָם געריכט האַרט בעשטראָפֿט ווערדען..

צאַפּפּעשטרייך

דאַס וואַרען דיא תנאים וואָס זייא האָבען זיך איינגערעדעט.
אויף דער באַזע וויא לויט פּיפּערנאָטער האָט זייא פּערזיכערט דאָס ער האָט מיט איהם שוין אַ האַנדשלאַג געמאַכט אונד ער וועט איהם דיא תנאים מיט דער פּאָסט צישיקען.. איזט שוין קיין וואונדער וואָס זענען אונמעכטיג געבליעבען, עס איזט שוין ניט זאָ וועגען צאַפּפּענשטרייך פיר אַ מחותן.. וויא זיינע מאָשיעס וואָס האָבען ערשט מיט אַ פּאַאר טאַגע צו פּאָהר צישין זיך איינגעטהיילט..

קורץ דיא געשיכטע איזט צישפּרייט געוואָרען איבעראַלל.. אין מען האָט נאָר דער פאָן גירעדעט... מיר שיינט (נאָר איך ווייס ניט זיכער) אַז אויך אין דיא ציישונג האָט מען דאַרי־בער געשריעבען...— איך זאָל אייך פּאָרשטעללען יעדעס גי־שפּרעך מיט אַיעדענס קריטיקע.. קאַן זיך דער גיטער יאָהר אָן געדענקען.. אויך איזט מיר ניט נעטיג... דאַס קענען זיך שאָן דיא לעזער זעלבסט פּאָרשטעללען, זאָ פיעל איינינע האַבען זייא בעדויערט אונד מעהרערע האָבען דערפאָן פערגעניגען געהאַט, זאָ־לען זיך זאָלבע ראָמאַנטישע פריילין פאָן איהר דעם בייאשפּיעל נעהמען. אונד זיך אָן מעסטען איבער דער מאַסס..

אויך קימט פאָהר פערשיעדענע פראַגען דערבייא, אונד אייגענטליך מיט רעכט וויא לויט איך שטעל פאָהר דיא פריילין קאַראָלינע פיר הויך געבילדעט, אונד בראַנדעל פיר אַ ספּאָדיק, זאָ איזט מעגליך זייא זאָללען זאָ ווייט פערפירט זיין אונד פאָן זיך חוזק צו מאַכען? וואָס איז? דער אַלטער המזר האָט זייא פּאָהרגעזאָגט אַז ער האָט שוין מיט דעם באַנקער אַ האַנדשלאַג געמאַכט אונד דיא תנאים וועט מען מיט דער פּאָסט צו שיקען האָבען זייא דען איהם ניט געקענט פּאַר אַ לאָקש... אַ איינ־פאַכען בטלן.. אָם ענדע זאָלען זייא אויף איהם שטעללען?..

זאָ קימט בייא זייא אויס (נישט מיט מיין מויל גערעט) אַז דיא היסטאָריע איז גאָר אים גאַנצען פאַלש... עס הייסט עס איזט קיינע קאַראָלינע... קיינע בראַנדעל... אויך קיין פּיפּערנאָטער גאָר אויף דער וועלט געוועזען.. עס איזט גאָר איינע אויסגע־טראַכטע געשיכטע. אונד דריקען זיך אויס. וויל איך האָב שוין פּשוט ניט וואָס צו שרייבען. זאָ האַבע איך אויסגעזוכט זאָ איינס וואָס עס האָט נאָך ניע פּאַסירט.. אין ניט עס קען פּאַסירען.

זאָ קומט אויס אַז דאָס גאַנצע איזט ליעגענד... ניכט וואַהר? אַלזאָ! דאַרפט איהר דאָך מיך אויך אויסהערין. צי ניין? דאָס וואָס איך האַבע אייך פאָהרגעשטעלט קאַראָלינען פיר געבילדעט. קען איך שווערען בייא מיין באָרר מיט פאות זאָ גוט וויא פיפער־נאָטער בייא זיינער. אַז איך האַבע אַליין געהערט פאָן בראַנדעלס מויל אַז זיא האָט איהר מאָכטער קאַראָלינע פיר אַיעדען פאָהר־געשטעלט דאָס זיא איז הויך געבילדעט? וויא הויך האַבע איך גראַדע נישט געמאָסטען, צי דרייא מעטער צי זעקס.. דאָס קען איך גיט וויסען זאָ פיעל איהר בילדונג וועל איך אייך צים פער־שטעהען געבען וויא לויט מיין מיינונג...

דיא קריינצי.. (פאָ. איך פערגעס מיך אַלס.) דיא קאַ־ראָלינע האָט געמאַכט 4 קלאַססען. אונד האָט זיך באַלד געגע־מען צי ראָמאַנען לעזען, ראָמאַנען וואָס קימען מיט פיגורען.. זאָ האָט זיא געזעהין וויא אַ געוויסער לאָרד ליעבט זיך מיט אַ איינפאַכעם מעדכען.. גראַדע פאָן איינע נידריגע קלאַססע. זיא בעטראַכט דאָס מעדכען. זיא זעהט דאָס זיא איז פיעל שענער אלס זיא.. זיא וויל אַבער אויף זיך גיט שטעלען. זאָ געהט זיא מיט איהר צים שפיעגעל זיך צי איבערצייגען. דער שפיגעל גיט איהר רעכט דאָס זיא איז ריכטיג שענער פאָן דעם מעדכען פאָס ראָמאַן וואָס דער לאָרד שטעהט אונד קניעט פיר איהר... אָהנע זאָל קיקען אין דיא שפעטערע קאַפיטל וויא דער זעלבער לאָרד צו דער מאַרקיז וואָס האָט פיר דער פריילין געקניעט ליגט שוין געשאָסען אונד דאַס מערכען איזט שוין פערגיפטעט! צי דאָרט געהט מען אויף דועל... דאָס גראַדע האָט זיא גיט גי־קוקט.. זיא האָט נאָר דאָס געזעהן וויא אַ פריילין פערדרעהט דיא קעפף זאָלכע לייטע. זאָ טראַכט זיא בייא זיך זאָ איינע ראָלע מענער דיא קעפף צי פערדרעהען איזט בייא מיר דאָס קלענ־סטע. אויף איהר אונגליק האָט זיך איהר גראַדע גיט געטראָפען עס זאָלען צו איהר קימען גראַפען.. אָדער מאַרקיזען.. זאָ האָט זיא זיך נוקס געוועהן אין מעהרערע יונגע לייט אונד זייא פאָן זיך פערטריבען זאָ פיעל מיט דעם יונגען באַנקיער צאָפפענשטרייך האָט זיא זיך צופריעדען געשטעלט..

זיא האָט זאָ פיעל יונגע לייטע פערטריבען.. ביז עס האָט

זיא אָריין געטריבען אין גיאָבע יאָהרען.. זאָ האָט זיא שוין גענומט מיט איהם צו פריעדען זיין.. אויך קען איך ניט וויסען פֿליובט האָט ער איהר ריכטיג זיין עהרען וואָרט דערביא גע־געבען וואָס זיא איזט ביא זיך זאָ פעסט געזעצט געוועהען...

אין דער וואהרהייט איזט זיא איינע זעלטענע שעהנהייט געוועזען. ווער עס האָט זיא געזעהין איזט ענציקט געוואָרען.. זאָ קען ליובט מעגליך זיין דאָס ער זאָל איהר האָבען זיין עהרענוואָרט געבען דאָס ער בליבט איהרער צו נאָר אין דעם מאָמענט צו אויך אימער.. דאָס וויסט ער.. (אַ יונגער מאַן פערלירט זיך אין דעם מאָמענט. אונד קען פערשפרעכען דער־ביא גאָלדענע בערג... וויל אין דעם מאָמענט שפּיעלט ביא איהם קיינע ראָלע זיין וואָרט.. זיין עהרע.. זאָגאר זיין לעבען דאַמאָלס איזט דיא וועלט ביא איהם הפקר..) אונד אויב אַזו? איזט פאָן אים אַגרויסע אינרעכט.. וויל זאָ אייגער מאַכט שוין קאַליע אין דיא טויזענדער..)

דיא פריוליין.. אויך דיא דאַמען וועלען שוין צו דיא יונגע לייטע דאָס מינדעסטע צו טרויען ניט האַבען.. ניט נאָר זייא זאָלען פיר זייא קניען.. זאָגאַר זיך אוים שטרעקען פיר זייא.. יוא. ער האָט פיעלע יונגע לייטע געשאַדעט. פערפאַלען.. אונד זייא ביידע קומען מיר פאָהר פיר לייכטזיניג..

אַבער אַ שפיגעל בליובט דאָס פיר דיא אַנדערע פריוליין איך גלויבע דאָס זייא ווערדען זיך שוין פיעל געשייטער אויפפיה־רען זייא זאָלען פאָן זיך זאָ וויט קיין הוזיק מאַכען.. אויך פאָן זייערע עלטערענס רייד ניט אַרויסגעהן...

פערלאַססען וויר דעם שמיעם קערין וויר צוריק צו אונזער געשיכטע.. אין האָטעל קאַטשקאַוואַל. הערשט טרויער אין יעדען ווינקעל.. דיא קליינע פאַמיליע פאָן דאָרט האַבען זיך געשעהמט איינע דער אַנדערע אין דיא אויגען צו קיקען.. נאָר זיפצען איבער זיפצען האָט זיך געהערט פאָן אַיעדענס הערץ אַרויס רייסען אונד דערביא שטיל בעקלאַגט אַ יעדער זיין שיקזאַל.. אַ יעדער פאָן זייא האָט געטראַגען אין זיך אַ סומע מיט מכות. אונד האַבען אין זיך שטילערהייט געמאַרמעלט. בראַנדעל האָט אין זיך געקלאַגט אין געיאַמערט אַ. דער קישט.. דער קישט.

עס וועט זייא קימען אין הייזער צי געהען . . קאַראָלינע האָט
אין זיך בעדויערט איהר שיקזאַל . . . איך איהר ציקונפט . זיא
איזט פערונגליקט אויף איממער . . אונד וועט זיך שעהמען יענים
אין די אויגען צי קיקען . . אויך זשאַנעטע דאַס זעלבע . . מעהר
פאָן דיא הערט מען רעווין דעם פיפעטנאָטער אין אַ ווינקעל
מיט דיא וואָרטען אין שאָקעלט זיך אוי ! אוי ! אוי ! מיין באָרד . .
מיין באָרדרד . . . מיינע פאות . . מיינע כשרה פאות . . האַבע איך
פערזינדינט . . אוי. אוי. אוי. וויא אַזוי וועל איך קיממען אין בית
המדרש דאַווינען . . . קירץ זייא זענען אַללע צים בעדוירען . . .
גראַדע וויא נאַך אַ שריפה. דער מענטש מעג שטאָלצירען, אָהנע
צי באַרעכנען וואָס פיר איין אונגליק איהם קען שטעהין אונ־
טער זיינע פלייצים . . וויא לאַנג זינט דיא לייטע אויף דער גרעס־
טער שטופע געשטאַנען, אַ באַנקיער פיר אַ מחותן, מיט מאָשיעס
וואָס האָבען זיך שוין זאָגאַר צישין זיך איינגעטהיילט . . . ליידער
יעצט זענען זייא אויף איינמאָהל וויא אָבגיברענט געוואָרען . . אז
זייא האָבען אפילו ניט דעם קישט צי צאַהלען זאָלען וועניגסטען
פערזאָרגט זיין מיטין שטיקיל ברויט . . .

דרייסיג טעג מיט דרייסיג נעכט האָט בראַנדעל געקלאַגט נאָך
דעם קישט . . . דרייסיג טעג מיט דרייסיג נעכט האָט קאַראָלינע
אויך איהר שוועסטער זייער שיקזאַל בעקלאַגט . . . דרייסיג טעג
מיט דרייסיג נעכט האָט דער פיפערנאָטער בעקלאַגט זיין באָרד.
מיט זיינע פאות. . דרייסיג טעג מיט דרייסיג נעכט האָבען זיך
געפעהלט וואָס יעדער איינציגער האָט נאָר מיט דעם זיך בעשעפ־
טיגט . . אונד פיעל ראָמאַנטישע פריילין האָבען געשוואָרען אין
ראָמאַן ניט מעהר צי לעזען . . פיעלע פריילין האָבען זיך אונ־
טער געגעבען זייערע עלטערן, אונד פערלאָבט געוואָרען נאָך
זייערע עלטערנס וואונטש . . אָהנע שוין דערביא ליעבע צי
שפיעלען . . יא דיא שטאָלצע קאַראָלינע וואר דער אָפפער פאָן
פיעללע פריילין . . .

(עס איזט קיינע גרויסע זאַכע ביא מיר איך זאָל אייך פאָר־
שטעלען דאַס דיא מענטשען האָבען זייער פערשטאַנד צי זאַמ־
מען מיט דיא איינגערעדטע מאָשיעס פערלאָרען . . . איבערהויפט
קאַראָלינע וואָלט זייער גיפאַססט זיא זאָל איהר פערשטאַנד פער־

לירען. ווען ניט ? קומט אוים דאס זיא האט ניט וואס צו פערלירען . . בארעכנען איך אבער קוים. זיא ווער משוגע. ווערדען האבע איך שוין ניט מעהר וואס צו שרייבען . . .

וויל ווער רעדעט פאן משיגענע ? צוויטענס. זא וויט פער־פאלגען . . וויל איך זיא אויך ניט. וויל וואס פיר א ליידעם האט זיא מיר דען געטוהען ?. דאן קען זיא נאך א גוט לעבען אין איהרע יאהרען אב פיהרען . . ניט גראדע וויא לויט זיא האט זיך איינגעבילדעט. אבער איהר שיקזאל קען מען נאך ניט וויסען, ווארום זאל איך איהר שטעהרען ?.

אזו וועללען וויר טאקע זעהען וואס איהר ענדע וועט זיין. איך פאן מיינער זייטע וועל מיר מיין צוועק אויספיהרען, אונד איהר פאן אייער זייטע וועט האבען וואס צו לעזען . . . ניכט וואהר ? . . (אלזא וויא אזו איזט אייער מיינונג ?. איך זאל זיא מאכען משיגע ? צי זאל איך זיא לאססען וויא איהר שיקזאל וועט זיא פיהרען ? . . יוא גלייכער זיא צו לאססען . . יוא ? זא. ווערדען וויר וויטער פאן איהר שפרעכען).

בייא דער שלעכטער לאגע. ביים גרעסטען—געפאהר, ביים ערגסטען אונגליק, ווען עם פאסירט מיט דעם מענטשען, איזט נאך זיין גליק דערבייא דיא האפנונג אונד דיא האפנונג צו שטרייעט איהם . . דיא האפפנונג פערשאפט איהם קוראש דיא אללע צרות איבער צו קומען . . דיא האפנונג שמייכעלט איהם אללע זיינע לעבענסטאגע, ביז אין גראבען . . ווען ניט דיא האפנונג . . . זא וואלט דער מענטש ניט געקענט עקזיסטירען . . — אויך דיא אונגליקליכע ארומע פאמיליע פיפערנאטער האבען זיך בערעכענט אז מיט קלאגען, אונד זיפצען, וועלען זייא גאר ניט מאכען, זייא וועלען זיך נאך מעהר פערראונגליקען, וויא זייא זענען . . . זא ! האט איעדען פאן זייא אנגעפאנגען דיא האפנונג צו שמייכלען, בראנדיל איזט פאהרגעקומען אז צוריק מיט אייניגע יאהרען ווע־רענד זיא האט זיך אין דעם האטעל אריין געצויגען, וויא ארעם זיא וואר דאמאלס, אם ענדע הייסט שוין בייא איהר יעצט איינע גוטע לאגע . . זא פיעל דער קושט פעהלט איהר אוים . . איזט פאן דיא קליינע זאכען זיא וועט זיך אויסהעלפען, ווארום זאל זיא זיך פערלירען ? . . קאראלינע האט זיך איבערלעגט אייגענ־

טליך איזט דאס ניט איהר שולד.. אז זאָ איינער וואס טראָגט דעם נאַמען באַנקער אונד האָבגעבילדעט זאָל זיין ווארט ניט האַלטען ?. זאָ ווער מען זיא ניט בעשולדיגען. אין אַז זיא וועט איינשטעהען בייא איינפּאַקען קופמאַן, וויא אַנדערע אין איהר גראַד.. נאָ ? לעבט מען ניט ?. (איהר הערט אַ קול ?. שטאַט זיא זאָל איהר פערשטאַנד פערלירען, איזט זיא גאָר צים שכל געקימען.. בראַוואָ !.. זעהט איהר שוין אַז מען דאַרף זיא לאַ־סען געהען)... אויך דער פּיפּערנאָטער האָט זיך איינגם וויל זיין מאָרדע פערבינדען מיט אַ גראָבער פּאַטשעהלע.. אונד האַט אויך געהאַפּט. אַז אין איניגע וואָכען וועט ער זיין באָרד מיט זיינע פּאות צוריק בעקימען, איי וואס ? וואס ? וואס ?. איך וויים אויך ניט וואס ?. וויל ער דעריבער ניט מעהר טראַכטען.. (אויך געשיים).

דיא וועלט זאָגט אַ שפּרוך ווארט, אַז נאַטט שיקט צו דיא רפואה פאַר דער מכה, האָט זעהען וויר גראַדע יעטצט. אונזער רוסישער יונגער מאַנן מיט דעם פערשטעלטען נאַמען שפּיעל־פאָגעל וואס איהם איזט געלונגען צי לעגען אַ האַנד אויף עט־ליכע הינדערט רובעל ביי זיין פּאַטער, אונד איזט מיט זייא אַוועק, (אויב איהר ערינגערט אייך) זאָ לאַזירט ער פין זייט ער איזט געקימען אין דעם האָטעל. זיין בעשעפטיגונג איזט איינס־וויל וועקסלערי, ער וועקסעלט איין רובעל אין עסט איהם אויף זיין האַפּנונג איזט ער וועט זיך צישלאָגען צו איין פּאַדראַטשיק אונד וועט מיט איהם אַריבער דיא דאָגגע וועט ער דאָרט גליקן מאַכען, אין לויפע דער צייט האָט ער דיא פריילין קאַראָלינגען קענען געלעהרענט. אונד פלעגט איממער צו זובען מיט איהר אינטיהם צי ווערען, אַבער זיא וואַר צושטאַליג געגען איהם אונד איהם מיט באַלטע וואַרמען אויפגענעמען אויך אַזו עקספּידירט. וויל זיא האָט איהם אָנערקענט פיר אַ לייבטזינינגען. וויא לויט דיא יונגע לייטע וואָס פלעגען זיך מיט איהם צו זאַממען קיממען איבערהויפּט אַז זיא האָט שוין איהר הערץ אַוועק געגעבען דעם יונגען צאַפּפענשטרייך... וואס זשע האָט זיא באַדאַרפט זיינע קאָמפּלימענטען ?. זאָ האָט דער שפּיעלפאָגעל אויך פאַן איהר ניעדערלאַגע ניט געוויסט... וויל ווער האָט דען דער פאַן ניט געהערט ?. אונד ערשטוינט.. זאָ וואָס זאָל זיך מאַכען..

זאָ מאַכט זיך אין איין נאַכט האָט ער ניט געקאַנט שלאָפען קימט איהם פאָהר נאָך דער געשיכטע וואָס מיט איהר פּאַסירט האָט זאָ קען לייכט מעגליך זיין ער זאָל זיא יעצט קענען ער־רייכען.. יוא. טראַכט ער ביא זיך זייער לייכט. איך גלויבע זיא וועט זיך נאָך גליקליך שעטצען. ווען זיא וועט מיך ערדייכען.. אבער איך מוס האַבען יעמאַנד דערצו אַ... ריכטיג איך דאַרף קיין אַנדערען וויא נאָר דעם קעלנער פאָן דאַנען.. מיט איהם וועל איך זיכער דאָס דאָרעכשלאָגען, איך וועל איהם גוט בעלוינען דאַ־פיר. מיט דיא געדאַנקען איזט איהם דיא נאַכט פאָראיבער אונד זיך געפאַסטט מיט דעם קעלנער דאָס צו אונטערהאַנדלען..

(אַפּנים איין הערץ ציהט צום אַנדערען) בראַנדעל מפאָדיק איז גראַדע אין דער נאַכט אויך ניט געשלאָפען זונד איהר דיא נעהמ־ליכע געדאַנקען פאָרגעקימען, דאָס איהרע שטאָלצע טאָכטער אי גענוג בלאַמירט.. אונד אַ יעדער האָט מיט איהר צו טאָהען.. זאָ וואָס קאַן זיא יעטצט מיט איהר מאַכען? בייא דיא יאָהרען וואָס זיא געפינט זיך שאָן, אונד וועהמען קאַן זיא נאָך זאָ איינע געשיכטע ערדייכען?. זאָ איזט איהר איינגעפאַלען ווען זיא האָט יעמאַנדען מיט דעם רוסישען פאָדראַדטשיק צו אונטערהאַנדלען.. זאָ וואָלט דאָס מעהר וויא זיכיר געקאַנט צו שטאַנדע קימען. אַ־בער וועהמען בעניטצט מען הער צו?. אַ שדכן וויל זיא ניט מעהר אָנקיקען בייא זיך אין שטיב.. ווייל דער שיפיר שאַבנע האָט זייא אויך מיט זיינע ליגענד פערפיהרט.. זאָ האָט זיא פאַנטאַזירט דיא גאַנצע נאַכט ביז עס איזט טאָג געוואָרען, ענדליך איזט איהר איין ריכטיגער פלאַן איינגעפאַלען, זיא רופט אַריין איהר קאַראָלינע אונד זאַגט צו אי איהר, הער אוים טאָכטער, וואָס מיר איזט איינ־געפאַלען, דיא זעהסט גוט צו וואָס דיין פאַלש איינבילדונג האָט דיך געבראַכט, זאָ פיעל איך וויל ניט מעהר דישקורירען דעריי־בער, אום דיך ניט צו ערגערען.. דאַהער זאָלסט מיך יעצט פאָל־גען, זאָלסט דיך צו שמייכלען צו דעם רוסישען יונגענמאַנטשיק, אונד מעהר וויא זיכער ויעט ער דיך ניט רעפוזירען, קיין אָריי־מער איזט ער אויך ניט. וויא לויט דער פאַטער האָט בייא איהם אַליין געזעהען שוועהרע טויזענדער (דער פאַטער... טיהט זיא אַ טיעפען זיפץ) ענדליך פאַלט קאַראָלינע אויף איהר מיטטער׳ס

האַלז, אַ מוטטער טייערע מוטטער: . טייערע מוטטער . . . איך וועל פאָן דיינע רעד ניט אַרויס געהן, אין פאַנגט איין צו וויינען, אין שלאָבצען . . איך טוה וואָס וועסט מיר היישען.

(אונזערע חכמים האַבען געזאָגט דאָס ווענט האַבען אויערן. אזנים לכותל). אונד עס איז ריכטיג, וועהרענד בראַנדעל האָט אַריין גערופען איהר מאַמטער אונד זיא געראַטהען. זיא זאָל זיך צישמייכלען צוא דעם רוסישען פּאָדראַדטשיק, זאָ איזט גראַדע דער קעלנער פאָן דאָרט געשטאַנען אינטער דער טיהר אונד אַללעס אויסגיהערט וויא קאַראָלינע וויינט, אונד פערשפרעכט איהר מוטטער פאָן איהרע רעד ניט אַרויס געהן, זאָ טראַכט ער ביי זיך, אַ דיא קאַנאַליע . . . יעצט ביסטו שאָן פיין . . אונד וועסט שאָן פאָן דיינע עלטערענס רעד ניט אַרויס געהען . . וויא לאַנג האָסטו שטאָלצירט? מיט דיין פאַלשעם איינבילדונג . . יעטצט שפירסט שאָן דיין שוואַרצען סוף . . יעצט גלויבע איך וועט איהר מיסטען אין מיינע לאַבעם אַריין פאַלען, וויל זייא וויסען דאָס איך בין מיט דעם רוסישען אַ גוטער ברודער. אונד נאָר דורעך מיר מוס דאָס אויסגעפירט וועהרין . . . וויל איין שהבן וועלען זיא זיך שאָהן שעהמען אין דיא אויגען צו קיקען . . וויא אַזוי עס האָט זיא אַ יעדען אייגענען געפלאַמט אַ רויך אויף דעם קאָפף, אויך בראַנדלען איזט געוועהן אַ שוואַרצע חלום מיט דיא שוואַרצע לאָקען, אויף דעם פּיפּערנאָטער מיט זיין באָרד . . עס איזט גאָר ניט געוועזען צום רעדען מיט זייא. זוא זייא וועלען שאָהן האָבען צו געדענקען אַללע זייערע לעבענסטאַגע. זאָ פיעל דעם רוסישען שטרענגאַר וועט געראָטען, עס וועט איהם קומען אַ געבראָטינע טויב אין פּיסק . . אין בויך וועטיג . . נאָר איהם פעהגין איך איהר . . מיטין גאַנצען הערין . . דער זעהט אויס איין רוסישער ביטעל שנידער צו זיין . . פאָן דער לעטצטער קלאַספע, אַ . . טהוט ער זיך אַ חאַפּ אַוועק . . עס הערט זיך טריט פאָן איינעם . . ער טראָגט זיך געשווינד אַב, אָדער ער האָט שאָהן געזוכט געלעגענהייט דער צו.) בראַנדעל זאָגט וויטער צו איהר מאַמטער. דיא ערסטע פּראָבע וועט זיין זאָלסט איהם ביטען ער זאָל דיר געבען אַ גמילות חסד. אַ הינדערטער, אויף איניגע טאַגע, קוים גיט ער דיר, זאָ קאָנסטו האָבען האָפנונג אויך ווי-

טער.. איינסווייל ליגט מיר דער קישט אָפּען קאָפּף איך קאַן מיר קיינע ראַהטע געבען..

זאָ איזט געבליבען קאַראָלינע זאָל זיך צו שמייכלען צום רוסישען פאָגעל.. אונד שאָהן מיט איהם דיא קאָמעדיע מאַכען.

אַז וויר וועלען לעבען. וועללען וויר אויך זעהען וואָס דער פאָן וועט ווערען.

איינינע טאָגע זינד פערגאַנגען. פריילען קאַראָלינע האָט ריכ־טיג געזוכט געלעגענהייט מיט דעם רוסישען שפּיעל פאָגעל איינ־טיהם צו ווערען זאָ מאַכט זיך אין אַ טאָג ווערענד מען האָט באַדאַרפט דאָס עסען איהם אַריין צו געבען, זאָ נעהמט זיא זעלבסט דאָס עססען אונד טראָגט צו איהם אַריין, אָהנע דעם קעלנער צו באַנוצען, דער פאָגעל ווערענד ער האָט זיא דער־זעהען, זאָ פליהט ער איהר אַקעגען, אונד מאַכט איהר דעם גרויסען קאָמפּלימענט פערוואונדערט וואָס איזט נייעס פריילין? זיא זעלבסט זאָלען זיך באַמיהען?.. צו פיעל פיר מיך... זאָ איינע עהרע צו עררייכען?. פריילין קאַראָלינע זאָל פיר מיך עססען אַריין ברענגען.. זאָ ווייט האַבע איך ניט ערוואַרטעט... אויך איך פאָן מיינער זייטע זאָגט קאַראָלינע. האַבע ניט איינמאַהל גע־דענקט אַז זאָ איינער וויא זיא זאָלען זאָ ווייט צוריק געזעצט זיין אַז עס זאָלל זיא איבערראַשען. פערדינען זיא דען ניכט דאָס איינע פריילין וויא איך זאָלל איהנען דיענסט לייסטען... (אונד וואַרפט דער בייא איהרע טיעפע בליקען צו איהם.) מיר צו דינסט לאַססען? זאָ איינע וויא זיא? ענטשולדיגען זיא פריי־ליין..— (איהר הערט וואָרטען..) יוא וויר זעהען שאָהן אַרום וויא קאַראָלינע האָט איהר שטאָלץ גענצליך בעזייטיגט.. אונד דער רוסישער פאָגעל מאַכט מיט איהר שאָהן דיא קאָמעדיע.. ווייל וויר זעהען אַרום דאָס זיין קאָמפּלאָמענט איזט פאַל שפּאָ־טיש, אונד שמייכלערייא, ווען האָט זיא זיך פאָן איהם געמאַכט.. ניט איינמאַהל מיט איהם געשפּראָכען וויא עס געהער... יעצט אַללעס נאָהט.. זיכט זיא שאָהן איהם.. זאָ מאַג ער זיא שאָהן אויך אַרום פיהדען..

זאָ פיעל איהרע בליקען וואָס זיא האָט אויף איהם געוואָר־וואָרפען. האָבען זיין הערץ געלעכערט... ער האָט שוין באַלד

פערגעססען וואָס פריהר איזט געוועהען.. אונד וואָס מיט איהר פאַסירט האַט.. ער שטעלט איהר אַ זעססעל צום זיצען.. עס פערגעהט איינינע מענוטען מיט שטילשווייגען. עס האָט זיך זייא ניט געעפענט דאָס מויל אין איין וויטערען געשפרעך איין צו געהען, וייל זיא האַט ערוואַרטעט פאָן איהם וואָרטען, אונד ער פאָן איהר.

דאָס געשיכטעס פאָן דעם מענטשען איזט, דער יעניגער וואָס האָט אין זיך איינע שוועכע.. (אַ לײדענשאַפט) וואָס דאָס מוט זיך אין אַ יעדען מענטש געפינען, קוים ער פיהלט אין זיך דעם פעהלער, אונד איזט אויך איבערצייגט דאָס אַנדערע וויסען שאָהן פאָן דעם, זאָ זאָל ער זיך ניט בעהאַלטען מיט איהם.. בייא איין געגענשטאַנד זאָל ער זעלבסט זיך אויסגעבען. זאָ מאַכט דאָס דאָך ניט זאָ אַ איינדרוק. וויא לויט יענער שטעלט פאָהר, דאָס זעלבע קימט אינז יעצט פאָהר מיט קאַראָלינען, וואָס מיט איהר פאַסירט האָט מיט איהרע תנאים.. זאָ האָט זיא בייא זיך זייער ניט געוואוסט אַז דיא געשיכטע קלינגט שוין בייא יעדען אין דיא אויערן.. האָט זיא יעצט דאָס געלעגענהייט געהאַט אַליין צו ערקלעהרען. נאָך מעהרער נאָך דענקען עפענט זיא דאָס גע־שפרעך אונד זאָגט הערר שפיעל פאָגעל! וואָס זאָגען זיא צו דער געשיכטע וואָס מיט מיר פאַסירט האַט? (דער בייא הערט זיך איין געדישיטער זיפץ פאָן איהר הערץ...) — געהמליך! פראַגט ער זיא. זיא וויסען יוא. וויא וויט איך בין פערפיהרט געוואָרען דורך דעם באַנקיערס זאָהן. (זיא בלייבט שטעהען בייא דיא וואָרטען. אונד ערוואַרטעט פאָן איהם א וויטערען שטים) עפּעס האַבע איך דאַ פאָן גיהערט זאָגט שפיעל פאָגעל, נאָר איך האַ־בע מיך זייער ווענינ אינטערעסירט דעריבער.. (וייל ער האָט געזעהען דאָס איהרע געזיכטס ציגע וועקסעלען זיך אין איהר, זאָ האט ער ניט וואָלען אין דעם שמיעס איין געהען.) זיא זעהט דאס ער איזט ניט זאָ נייגעריג אין דעם שמיעס איין צו געהען, זאָ זאָגט זיא גראַדע זיא? האַבען זיך ניט אינטערעסירט דעריבער? אונד וואַרפט דער בייא איהרע בליקען צו איהם. זאָ ווערען וויר לאַס־סען דעם שמיעס אויף אַ אַנדערס מאַהל. אונד הייבט זיך אויף אַוועק צו געהען. אַפּראָפּאָ! זאָגט זיא צו איהם דאָס וויכטיגסטע האַבע איך פערגעססען. דיא מוטטער האַט זיא ערזוכט זיא זאָ־

לען זא פריינדליך זיין אונד איהר אויסבארגען א הונדערטער אויף איניגע טאגע.. זיא האט נאך ניט עספיהט אויסצורעדען, חאפט ער זיין טאש ארויס אין גיבט איהר הונדערט רובעל.— זיא דאנקט איהם דער בייא מיט א פערניג, צים ווידער זעהען זאגט זיא צו איהם דיא האנד נעהמענדיג. אונד ווארפט דער בייא צו איהם איהרע בליקען מיט א לייכטען שמייכעל. וואס האט פיעל בעדייטונג געצייגט.. אדיא.. רעפעטירט ער מיט צוטערנע הענד זיא געהעט אוועק.—

דאס געזעגנען זיך מיט איהרע טיעפע בליקען האבען אויף איהם א גרויסען איינדרוק געמאכט. ער איזט געבליבען זיצען וויא פערמישט.. ער שטעלט בא זיך פאהר איהר ארייןקימען איהר אויסרעד. איהרע בליקען ווארפען צו איהם. א! טראכט ער בא זיך, דאס איזט ניט אימזאנסט, זיא האט ניט געמיינט דיא הונ־דערט רובעל.. זיא האט וואס וויכטיגערס געמיינט... זיא מיינע געדאנקען מיט מיין פאנטאזיא האבען מיך ניט גענארט... זיא מיינט נאר מיך... יוא גלייך איך בין אין איהר הערץ... א איך וואלט דער גליקליכסטער אויף דער וועלט געוועהען... זיא איזט נאך אויך יעצט צום בעוואונדערן.. אויך יעצט נאך דעם צלי־מען איזט איהר שענהייט ניט אוועק פאן איהר. זיא האט מיט איהרע בליקען מיין הערץ גענעהמען.. יוא איהר נידערלאגע איזט מיין רפואה. אונד איך גלויבע דאס זיא וועט זיך נאך דער בייא גליקליך שעטצען ווא לאהט זיא איזט יעצט בייא יעדען אין דיא מאלער. אבער מיט וואס פיר איינע באזע קאן איך מיט זא איינער איינגעהען ?. וויא קאן איך אויף מיר זא איינע לאסט נעהמען ?. זא איינע צו בעזיצען. זא איינע וואס האט רעפוזירט איינשטענדיגע יונגע לייטע.. זא איינע וואס האט וועק געלאסט גרויסע קיפלייטע וואס וואלט געקענט בייא זייא אין גליקליכעם לעבען האבען.. זא איינע וואס האט זיך איינגעבילדעט אונד זיך פאהרגעשטעלט לארדען, מארקיזען באנקיעבען, נאר פיר זייא צו חיוראטהען, אם ענדע זאל איך זיינער שטעללע פערטרעטען מיט וואס מיט דיא לעטצטע 5 הונדערטער וואס פערמאג נאך.. קוים געה איך איין מוט איהר, זא מוס איך וועניגסטען דאס אויף איהר פערצעהרען.. אונד וואס מאך איך דאן ?. עס איזט איהר

זאָ וויט געקאָממען דאָס אַלס שאַנדע. ווענ אַויך פיליכט פאַססען
דערצו.. וויל זיא נאַארען זיך נאָך אין מיר אונד גלויבען דאָס
איך פערמאָג מיינע שוועהערע טויזענדער.. אַבער דיא וואַהרהייט
וויים איך.. זאָ זאָל איך זאָ איינע פערפיהרען.. אונד זאָ איין
אונמענשליכען שריט אויף זיך נעהמען... זאָ איינע וואָס איך
גלויבע אויך יעצט קוים ווענ זיא איהר שטאָלץ בעזייטיגען, זאָ
קען זיא נאָך אויך יעצט עררייכען אַ אַנשטענדיגען קויפמאַן, אונד
זאָל נאָך ביא איהם אַ גליקליכעס לעבען פיהרען... ניט ביא
זאָ איין עלענדען ליבט זינייגען וויא איך.. וואָס האַבע שוין אַ־
לעס איבער געטיהען, זאָל איך נאָך דיא שריטטע אויך מאַכען?
צי פיעל.. זאָ האָט ער איינע פאָללע שטונדע ביא זיך פאַנ־
טאַזירט.. אונד איזט פערקראָכען אין אָרדענטליכע געדאַנקען.
וואָס האָבען איהם גראַדע געפלאַגט זאָ וואָס אַנציגעהען.. (איי־
געגטליך וויא צו זאָ איינעם קימען זאָלכע געדאַנקען? וויים איך
ניט.. דער אֱמת איזט אַבער דער מענטש האָט אין זיך איינען
גוטען געדאַנק אונד אַ שלעכטען.. יצר הרע, ויצר טוב.. אונד
וועלכער עס בעזוענט איהם.. דער ביא בלייבט ער זאָ האָט מיט
איהם ביז יעצט דער נאַטור געדאַנק געטענית..) ער געהט אין
צימטער אַרים מיט אונגעוועהנליכע שריטטע.. יוא דיא הינדערט
רובעל איזט בלאָסס איין אויסרעד... זיא האָט וואָלען ווייטער
שפרעכען.. געווים האָט זיא וואָללען אויף דעם שמיעס אַרוים
קימען.. אַבער עס וואַר שוין צי פיהל.. איך האַבע זיא ניט
מעהר רעדען לאַססען.. איך האַבע ניט געוואָלט זיא זאָלל זיך
ערגערען וויל איך האַבע שוין גיט פערשטאַנען וואָס איהר קי־
מען צי מיר איזט.

דאַן קימט איהם פאָהר גאָר גאַנץ אַנדערס פאָם 2 טען גע־
דאַנק.. וויא געפין איך מיך? וויא בין איך דען פערקראָכען
מיט זאָלכע פאַלשע געדאַנקען, איך שטעל מיר פאָהר פאַללס אַז
זיא ווענ מיט מיר וועלען איינגעהען... זאָ וויל איך זיא ניט
פערזונגליקען. חאַ.. האַ.. חאַ.. לאָסט ער אַרוים אַ געלעכ־
טער.. וויא דום איך בין.. איך טראַכט וואָס שפעטער ווענ זיין
עס איזט אויף מיר מיטטעל? קוים פאַלט זיא אין מיינע לאַבעס
וואָס קימערט מיך זיא? וואָס איזט? זיא ווענ זוכען צי פיהרען אַ

רעסטאָקראַטיש לעבען ביא מיר, אין אַז ניט? וועט זיא ברוגז ווערען?. אונד וועט זיך ווענדען צו איין מאַרקיז. צו אַ לאָרד. צו איין באַנקער.. חאַ.. חאַ.. וויא בין איך אין דער וועלט? מיר שיינט נאָך זאָ איינע ניעדערלאַגע.. וויא מיט איהר פּאַסירט האָט, זאָ דאַרף זיא צופריעדען זיין אויך פאָן אַ איינפאַכען שוסטער.. אונד מיר קימט פאָהר זי צו בעדוורען. איהר צוקונפט.. זיא זאָל ח"ו ניט פערפיהרט ווערען.. חאַ.. חאַ.. חאַ.. ווענינג יונגע לייטע האָט דא דיא קעפּפע פערדרעהט. אונד וועניג יונגע לייטע האָט זיא ביא דיא נעז אַרום געפיהרט... ענדע קימט אוים איך זאָל זיא ח"ו ניט פערפיהרען.. אין אַז ניט? שטעהט מיר אָנצוזועהרען?. אַ קוים וועל איך זיא נאָר ערדייכען?. וועט זיא שוין נאָך מיין קאָפּף נאָכגעהען... וועט זיא מיט מיר ערענסט איינגעהען, זאָ וועל איך געגען איהר אויך ערענסט זיין. אָדער קוים ניט?. וויסט שוין שפּיעל פּאָנעל וואָס מיט אַ זאָלכער צו טוהען איזט..

אין געגענטהייל.. איך וועל נאָך פאָן מיינער זייטע געגען איהר שטאָלצירען.. זיא זאָל ניט דענקען דאָס איך האָב מיך אָן מיט ליעב אונד זעעלע.. יוא. עס וועט זייא נאָך גענוג דיא אויגען אַרוים ביז זייא ווערדען פאָן מיר איין ריכטיגען אַנטוואָרט בעקוממען.. אונד ביא דיא געדאַנקען איזט ער פעסט געבליעבען.

ליעבע לעזער. איהר ערינערט אייך וויא דיא לייטע זענען פאָם האָטעל. אייניגע טאָגע אַרום געגאַנגען וויא בעזויפען. פאָן פיעל פרייד.. ערסט זייט אַ פּאַאר מאָנאַטה..!. וועהרענד זייא האָבען ערדייכט צאָפּפענשטרייך פיר אַ מחותן אונד זייגע מאַשינעס נדן. זענען זייא גענוג פריילאך געוועזען.. זאָלט איהר יעצט בעמערקען וועהרענד קאַראָלינע האָט אַריין געבראַכט דעם הינדערטער פאָן דעם יונגען מאַן וויא פאָלל פרייד זייערע הערצער זענען געוואָרען.. וויל דאָס האָט זייא שוין געשאַפט האָפּפנונג אויף אויף וויטער.. וויא בראַנדעל האָט פאָר אוים געזאָגט איך קען אויך זאָגען. אַז דיא פריידע האָט כמעט בעוואָגען דיא ערסטע.. וויל זענען פּשוט אַיעדער אייציגער פאָן זייא ביא זיך געפאַלען געוועזען.. יעדער איינציגער פאָן זייא האָט פערלוירען דיא מוטה.. דעם כּוראַש.. מיט קורצע וואָרטען הימעל אין

ערדע איזט אויף זייא געפאַלען. . אין דער וואַהרהייט געשפּראָכען האָט נאָך זאָ וואַס פּאַסירט? אַז מען זאָלל פאָן זיך זעלבסט זאָ וויט חוזיק מאַכען? קען מען זאָגען זייט דיא וועלט שטעהט קורץ אַז איינינע ווילען זיך מאַכען נאָך יעצט איין אונטערהאַלט זאָ שטעלט מען פאָהר דעם אָבגעשווירענעם פּיפּערנאָטער.. מיט זיין מאָכטער קאַראָלינען. וויא אַזו זיא האָט זיך געזעצט מיט שטאָלץ דיא תנאים פאָהרצילעזען. . אויך דער בייא שאַבנע שיכור מיט דעם מעללער אין דער האַנה זאָ איזט שאָהן צים פערשטע־העון וויא וויט זייא האָבען זיך געפינדען צוריק זעזעצט. . אונד נאָך דעם אַלעמען אַז עס קען זיך געפינען איינער וואָס וויל מיט איהר איינגעהען. מעגען זייא שוין זיין אָבערגליקליך. . איבערהויפּט האָט פּיפּערנאָטער איהם פאָהרגעשטעלט מיט שווערע מויזענדער זאָ האַבען זייא שוין באַלד פערגעסען וואָס ביז יעצט מיט זייא פּאַסירט האַט. . אונד האָבען זיך שוין פאָהרגעשטעלט אַ שפּוגעל נייא גליק. .

בראַנדעל פאָן איהר זייט האָט איבערצייגט דאָס זיא פערר־שטעהט. אַ בעווייז! אַז זיא האָט קאַראָלינען דעם ציכען געגעבען פאַלם ער וועט איהר דעם הינדערטער אויסבאָרגען, איזט אַ בעווייז דאַס ער מיינט זיא. קאַראָלינע פאָן איהר זייטע שטעלט איהם שוין גאָר פאָהר פור אַ עדעלמאַנן. זיין בענעהמען זיך נעגען איהר זיין כאַראַקטער. וויא ער האָט ניט געוואָלט זיא אויסהערען וועה־רענד זיא האָט איהם געוואָלט אַללעס ערצעהלען וואָס מיט איהר פּאַסירט האַט. איזט אַ סימן פאָן אַ עהרען מאַנן.

זאָ קימט אוים קוים ער וועט נאָך דעם גימען אַנטוואָרט גע־בען יוא.. איזט זיא דיא גליקליכסטע אויף דער וועלט. אין וועט שוין שיעסען דעם פאָגעל.

יוא ליעבע לעזער! דאַ קימט אינז שאָהן פאָהר אַ נייער עדעלמאַנן. . אונד שטאַמט דייקא פאָן רוסלאַנד. . פּועלייכט האָט איהר שוין זיין שטאַם אַביסעל פערגעססען. . . זאָ קעהרט אייך איהם מיט איינינע בלעטליך צוריק אונד פאַנגט גיט איין צו לעזען פאָן דעם ווירטסהויז. אין קרימענטשוק. דאָרט וועט איהר אַללע זיינע מאַה־מען וויסען וויא אַזו ער האַט זיך דאָרט אויפגעפיהרט. אויך אַזוור ווערליך

לעבען וועלען וויר זעהען ווינא ער וועט זיך אויך יעטצט בעד נעהמען מיט דער געבילדעטער פרינצעסען .

בראַנדעל וואָס האַט זיך שאָהן ניט געוואָלט פערלאַסען ניט אויף קאַראָלינען . אויך ניט אויף איהר פּיפּערנאָמער. ווינא ווייט זיא האָבען זיך ביידע געגאַרט . קאַראָלינע מיט דעם יונגען צאַפּפּענשטרייך . אונד דער פּיפּערנאָמער מיט זיין מחותן . . . זאָ האָט זיא שוין אויף זיך אַליין גענאָמען דאַס דורכצופיהרען . זאָפיהל זיא האָט געמוזט צו זיך איהר קעלנער בענוטצען. ווייל צו אַ אַנדערען האָט זיא מעהר קיין צוטרויען געהאַט. זאָ לאַסט זיא אַריין דיפען איהר קעלנער צו זיך . און זאָגט צו איהם מיט דיא וואָרטען . הער אויס פראַניץ . (אויך גוט . זאָ ווייסען וויר שוין דאַס דער קעלנער הייסט פראַניץ) דיא ווייסט יאָ וואָס מיט מיין קאַראָלינען האָט פּאַסירט . ווינא אַ נידערטרעכטיגער דווקא אַ באַנקער האָט וואָלען מיין קאַראָלינען פערפיהרען . דאָס גליק וואַר, דאָס וויר האָבען ערפאַהרען דאַס ער ליעבט זיך גאָר מיט אַ פראַנצוזקע פאָן דאָרט וואָ ער האָט שטודירט. אונד פאָן דער אַנדערער זייטע האַט ער מיין קאַראָלינען געליעבט . קוים איזט זיא דאַס ערפאַהרען . נעהמליך דעם בריעף וואָס זיא האָט דאַ־מאַלס ערהאַלטען וועהרענד זיא האָט געפייערט איהר געבורטס־טאַג, ווינא דיר בעקאַנט איזט . אונד האַט אַללע איהרע פריינדען דערבייא געלאַדען. זא קימט איהר אָן אַ בריעף פאָן איהרע אייגע בעסטע פריינדין אונד שטעלט איהר פאָהר ווינא ווייט זיא נאַארט זיך אין דעם לייבטזיניגען באַנקער . ער וואָהנט גאָר פרייא מיט אַ פראַנצוזקע. זאָ איזט זיא אונמעכטיג געבליבען פיר ערגערניס ווינא דיר בעקאַנט איזט. (דער קעלנער שאָקילט מיט דעם קאָפּף) דאַהער וויל איך פאָן דיר דאָס האָבען . ווייל אַ שדכן וויל איך ניט מעהר בייא מיר אין הויז זעהען . זאָלסט דיא זיין דער פערמיטלער מיט מיין קאַראָלינען אונד מיט דעם יונגען רוסישען פּאָדאַטשיקעל . דיא ווייסט וואָס איך מיין .

יאָ יאָ פרויא זאָגט פראַניץ . איך פערשטעה שוין אַללעס . מיר דאַרף מען קיין פינגער אין מויל נישט אַריין לעגען . אונד איך שווער איך בייא מיין יודישקייט אַז איך וועל איך זיין טרייא אין דער זאַך פיהל מעהר ווינא אַ שדכן.

זאָ ליעבער פראַניץ נאָך היטע זאָל דאַס געשעהען אויך
איהם ניט זאָגען אַז איך האַבע דיך געשיקט יוא פרויא. הייטע
אַבענד וועל איך איך דעריבער אַנטוואָרט געבען . . ער געהט
וועק פאָן איהר. (קוים ער האַט זיך געזעהען פאָן יענער זייט טהיר
זאָ שיסט ער אוים אַ געלעכטער צו זיך אַליין . . ליעבער פראַניץ
חאַ. האַ. אַ דיא אלטע קאַנאַליע, מיט שוואַרצע לאָקען. ווילסט
מיך נאָך יעצט פערגנבענען. ערצעהלסט מיר זאָ וואַס וואָס עס
האָט זיך ניט אָנגעהויבען. וועך ווייסט שאָהן ניט דיא מפלה וואָס
איהר געבילדיטע טאָכטער האָט געהאַט . חאַ. חאַ. חאַ. זיא וויל
מיך נאַאַרען ? יוא. זיא האָט מיט פראַנצען צו טיהען. איך האַ־
בע שאָהן געוואוסט. אַז זייא מיסען מיר אין מיינע לאַבעם אַריין
פאַלען יוא. איך ווייס שאָהן וואַס איך יעצט צו טוהען האַבע.
ער איזט פיר פרייד דער גאַנצען טאַג אַרים געגאַנגען טויט שיכור
ענדליך דיא נאַכט איזט צו געפאלען, זאָ קומט ער אַריין אין צי־
מער וויא שפיעל פאָגעל איזט געשטאַנען. אונד גיט איהם אָב
דעם גרויסען גוטען אַבענד. שפיעלפאָגעל האַט שאָהן אין איהם
גלייך ערקענט אין זיין מונטערקייט. דאָס ער האָט איהם וואָס
וויכטיגעס מיט צוטהיילען זאָ זאָגט ער צו איהם זיין פראַניץ . .
איך ערקען אין דיר דאַס האַסט מיר שאָהן וואַס נייעס מיט צו־
טהיילען. אַלזאָ רעד וואָס דיא ווייסט . . אַ הערר שפיעלפאָגעל .
איך ווים שאָהן צו פיעל . . אויך איהר וועט שאָהן אַללעם וויסען . .
יעצט איזט שאָהן דיא שטאָלצירטע קאַראָלינע בייא מיר אין דיא
הענדט. אין דאַן וועט זיא שאָהן קוממען אין אייערע לאַבעם . .
נאָר איהר זאָלט וויסען וואַס איהר האָט מיט איהר צוטוהען . .
אין דאַס קאַן פראַניץ. (איך שרעק מיך שאָהן ליעבע לעזער.
פיר דיא וואָרטען . . ווייל אַזו גראַדע האָט זיך ר׳ שאַבנע שיכור
אויס געשפראָכען אַז דאַס קען שאַבנע זאָ מען איך אויך פאָן
מיינער זייטע זאָגען . . פערוויסט איזט זיא שאָהן געוואָרען ווער
איהרע פערזאָרגער זענען וועלען וויר נאָך זעהען וואָס פאָן דעם
וועט ווערען . . .)

שפיעל פאָגעל קוקט איהם אין מויל אין בעהט איהם ער
זאָל ערצעהלען אות. באות. וועהר איהם האָט איינגעטראַגען, אונד
אויב מען האָט איהם אייגענס צו איהם געשיקט. ה׳ שפיעל פאָ־

נעל. זאָגט פראַניץ, איהר דאַרפט מיך זאָ פיעל שאַלות ניט פראַ־
גען, ווייל פאָן פראַנצ׳ס. מויל געהען קיינע פיסטע רעד אַרויס,
איהר האָט מיר ניט מעהר צו זאָגען יוא. אָדער ניין? דאַס וויל
איך פאָן אייך הערין.. אויך דער בייא וויל איך איינסווייל אַ־
פּאַאַר רוסישע רובעל פאָן אייך זעהען, אונד ווייסט דאַס איהר
האָט צו טוהען מיט פראַנצען..

שפיעלפאָגעל האָט זיך פערטראַכט אונד דענקט בייא זיך,
עס איזט וואַהר איך האַבע מיר דאַס זעלבסט פאָרגעשטעלט אַז
זיא מיינט מיך, אַבער מיט איהם מוס איך אויך גיט זיין, ווייל
ער קאַן מיר דער בייא פיעל שאַדען.. ווייל ער ווייסט פאָן מיר
אייניגע לייכטזיניגע שריטטע וואַס דאַס פאַסט מיר ניט אַז זיא
זאָל וויסען דער פאָן.. איבערהויפט, וויא לויט ער זאָגט באַ־
לאַנגט דאַס אין איהם.. אַלזאָ פראַניץ! וואַס פערלאַנגסט, יעטצט
פאָן מיר? וואַס איך פערלאַנג? זאָגט ער פראַניץ האָט אייך שאָן
איינמאַל געזאָגט. איינסווייל אַ פאַאַר רוסישע רובל. אין דאַנן?.
וועט שאָהן אַללעס גיט זיין.. דאַס איזט גאָר?. זאָגט שפיעלה
פאָגעל אין נעהמט דער בייא גלייך אַרויס אַ פינף רובעל שטיק.
אין גיט איהם, דאָ האָסטי זאָגט ער צו איהם איינסווייל. אונד דאַן
קענסט מיך שאָהן.. איך דאַנק ה׳ שפיעלפאָגעל. נאָר זאָגט מיר
וואַס פיר אַ אַנטוואָרט איך זאָל פאָן אייער זייט דאָרט זאָגען..
פאָן מיינער זייטע?. ער טראַכט אייניגע מענוטען. דאַן זאָגט ער
צו איהם, הערראויס פראַניץ, דיא ווייסט דאַס איך האַבע דיך איינ־
ערקענט פיר מיין בעסטען גוטען פריינד זייט איך בין אַהער גע־
קיממען. יוא. עס איזט וואַהר.. זאָגט פראַניץ, זאָ מוס איך דיר
דיא וואַהרהייט זאַגען. אַז איך בין מיט לייב אונד זעעלע דאַפיר,
מען מוס אַבער דיא ראַללע גאַנץ אַנדערס שפיעלען, זאָ שנעל
ניט אָנחאַפּען, עס זאָל זייא נאָך גענוג דיא אויגען אַרויס ביז זייא
וועללען פאָן מיר איין ריכטיגען אַנטוואָרט בעקימען, איך געדענק
גיט וויפיעל מאָל איך פלעג צו איהר אין צימער אַריין קיממען
וויא שטאָלץ זיא וואַר געגען מיר. יעצט אַללס נאָטה אַללס
שאַנדע. זוכט זיא מיך.. זאָ מאָג איך שאָהן שטאָלצירען. ניכט
וואַהר? יוא זאָגט פראַניץ! זאָלסט זאָגען אז האָסט מיר פאָרגע־
שלאַגען, אַבער איך האַבע דיר קיין אַנטוואָרט נאָך דאַריבער גע־

געבען, איך וועל מיר נאך חשבון נעהמען. זאללען זייא אביסעל זייער מוטה דער בייא פערלירען. אונד דאן.. וועלען וויר שאהן זעהען וואס וויר צי טוהען האבען, זאג איך גלייך?.. פראנץ.. פאלהאם רעבט אויף מיין עהרען ווארט. איהר מעגט שאהן אבער דאס איבעריגע פראנצען איבערגעבען וויל פראנץ וויסט שאהן וואס ער האט צוטוהען.. יוא איך פערלאסס מיך שאהן אויף דיר ער הייבט זיך אויף צים אוועק געהען, וואס אייסטי? פראגט איהם שפיעלפאגעל, וויל זאגט פראנץ, איך האבע זייא פערשפראכען נאך הייטע אבענד אנטווארט דאריבער ציגעבען נאך הייטע אבענד? רעפעטירט שפיעלפאגעל, זייא האבען שאהן קיין געדולד? זאללען זייא נאך ראבדען, קוים האלט איך שאהן מיט איהר זא וויט, זא האבע איך שאהן ציט.. איזט וואהר? פראנץ!. אלזא צו גלעזליך מאסטיק.. ער גיעסט אן 2 גלעזליך, זייא טרינקען אוים אונד רעפעטירט נאכמאלם. אין וואהרענט איהם וויא אזו ער זאל זיך מיט זייא ארים דרעהען. ער נעמט בייא איהם דיא האנד אונד געהט אב.

(יוא רעד דער פאגעל צו זיך אליין) איך טאר מיך נישט באלד נאכגעבען.. וויל קוים וועל איך מיך באלד איילען. זא וועט זיא געגען מיר שפעטער דעם נעהמליבען שטאלץ פיהרען וויא צופאהר. אונד וועט מעגען דעקלארען אז אללם נאטה איז זיא מיט מיר איינגעגאנגען. אנדערם אבער אז איך וועל שטאלצירען זא ווירד זיא גענצליך דעסקוראזשירט אונד וועט זיך שוין דערבייא גליקליך שעצען פאן מיר איין ריכטיג ווארט צו הערין יוא מען מעג זיך שוין אויף מיר פערלאססען. מיט זא איינער מוסס מען זיך דיא אויגען עפנען זאנסט קען זיא מיך שפעטעהיען אללם שקלאוו פעררעבנען.

פראנץ פאן זיינער זייטע אוועקגעהענדיג פאנטאזירט דאס זעלבע. עס איז וואהר ער איז טאקע א שטראנגאר. א לייבטזינניגער וויא מיר בעקאנט איז. אבער אין דער בעציהונג האט ער רעכט. וויל וויא עס זעהט אוים האט ער פערמעגען. וויא אזו ער האט דאס פערמעגען געמאכט? דאס וויסט ער. איך זעה. א מענטש זיט ער איז געקימען טיהט ער קיין געשעפט. ער וועקסעלט א רובעל אין פערצעהט איהם. נאר וואס נעהט

דאָס יעמאַנדען אָן ? אַבער געגען זייא וואָס זענען אויף געלעבּ־
טער פיר יעדען געבליבּען מעג ער זיך שטאָלצירען. אונד מיך
קיממערט עס זעהר וועניג. איינסווייל האַבּע איך איין בּעשעפ־
טיגונג. אונד אַ רובּעל געהט אויך אַרויס. איך האַבּע מיר זאָ
ווייט נישט געווינשען.

מיט דיא געדאַנקען איז ער פערקראָכען בּיז צו בּראַנדלען
אין צימער. ווערהרענד זיא האָט איהם שוין דאָרט ערוואַרטעט.
מיט אונגעדולד.. קוים האָט ער דיא טיהר געעפענט אונד נאָך
ניכט עספיהעט צו צומאַכען. פראַגט איהם בּראַנדעל נאָ? וואָס
הערט זיך פראַניץ ?.. פראַניץ לאָסט אַראָבּ דיא אויגען..
אונד מיט געצייגענע וואָרטען אַנטוואָרטעט. וואָס זאָל זיך הערין
דער וונגער מאַנן—האָט—מיר—זעהר—קאַלט—געאַנטוואָרטעט.
ער וועט—שאָהן זעהן.. ער וועט זיך—חשבון נעהמען...
עפּיס פערשטעהע איך איהם ... גלייך.. וויא ער איזט גאָר
נישט דאַפיר..

אַזו וויא מיט אַ רעוואָלוער אין קאָפּף אַריין זאָ האָט דער
אַנטוואָרט בּראַנדלען געגעבען. עס האָט איהר דאָס לשון אין
דעם מאָמענט אָבּגענאָממען.. זיא האָט זיך געשעהמט איהרע
אויגען צו פראַנצען צו ווענדען. זאָ איזט זיא אויף איינינע מי־
נוטען פערשטיממט געוואָרען. ענדליך מאַכט זיא זיך מוטה אונד
זאָגט. שפּריך דיא וואַהרהייט. פיליכט שטאָלצירט ער נאָך?
יוא. זאָגט פראַניץ. אַזו זעהט דאָס אויס. אַזו? זאָגט בּראַנ־
דעל מיט מוטהלאָז. עס האָט זיך איהר דער קאָפּף פערדרעהט
זיא איזט געבליבען זיצען פערטיממעלט. אַ חלשות איזט איהר
אונגעקיממען. מיט ווידערווילען האָט זיא מיססען זאָגען פראַנ־
צען פערלאָסס מיך.. אונד שיק מיר אַריין קאַראָלינען.. עס
איזט מיר נישט גוט..

פראַניץ פערלאָסט זיא אונד געהט צו קאַראָלינען.. דיא
מוטטער רופט זיע. קאַראָלינע לויפט גלייך צו איהר מוטטער אין
צימטער פאָלל פריידע.. געווים האָט איהר שוין פראַניץ איינע
גוטע נאַכריכט געבּראַכט. וואָ. טראַכט זיא בּייא זיך איך בּין
שוין ווידעראום גליקליך. גאָטט לאָבּ. מיין שטאָלץ ווירד ניט
פערלאָרען. ער איזט בּייא מיר איינגערעכענט דער זעלבּער וויא

דער לויבטזיננגער צאפפענשטרייך . אונד פוליצט נאך מעהר . זיין כאראקטער שיינט מיר פיעל מעהר וויא יענעמס . זא איזט זיא מיט דיא געדאנקען געקאממען ביז צו איהר מוטטער.. וויא ערשטוינט זיא איזט געווארען. זיא טרעפט איהר מוטטער צו בעטט ליגען . . אין קרעבצט.. וואס איזט מוטטער.? וואס פעהלט דיר? עס איזט מיר ניט גיט. קרעמפפען האבען מיך געפאקט . . קרעמפפען ? וואס איזט נייעס ? . זיין געבען מיר . . קאראלינע זעצט זיך געבען איהר מוטטער אין קיקט איהר אין דיא אויגען קורץ עס איזט אייניגע מענוטען פערגאנגען . בראנדעל האט זיך שוין אבוסעל בעסער געשפירט . זיא הייבט זיך אויף. אונד זאגט א . . טאכטער ! פערלוירען אינזער האפפנונג . . אונזער ציקונפט וואס איזט ? פרעגט זיא קאראלינע מיט שרעקע . . וואס איזט ? איין שלעכטען אנטווארט האבע איך געהערט פאן פראנצען . . געמליך ? . ער האט איהם זייער קאלט געאנטווארטעט זאגט מיר פראנץ . ער וועט ערשט זעהין . ער וועט זיך חשבון געהמען . וויא לויט עס זעהט אויס איזט ער גאר ניט דאפיר .

גאר גיט דאפיר ? פרעגט קאראלינע ערשטוינט אונד איהרע געזיכטעס ציגע האבען זיך דערביא געוועקסעלט זא זעהט עס אויס . . זאגט בראנדעל . . א . . פערלוירען אינזער לעצטע האפפנונג . . איך האבע אויף איינע זיבערע באזע געשטעלט אויף זא איינעם . וואס איך קען איהם ניט וועהר ער איזט . אינד וואס ער איזט אם ענדע. זאל זא איינער אויך שטאלצירען . . א . . אשלעכטער ציבען פיר אינז . . וואס איזט יעצט צו טוהן ? . קאראלינע טראכט אייניגע מעניטען . דאן ריפט זיא זיך אן האסט דיא פראנצען אללעם געפרעגט צו האט ער אויך אין זיינע מינעם ערקענט דאס ער קאלט איזט . . דיא קענסט יוא פראנצען ער האט אין זיך פערשיעדענע טענעד . מעגליך ער וואר גראדע בעזויפען, זא איזט איהם אויסגעקימען זא איין אנטווארט צו גער בען . . דיא קאנסט איהם אריין רופען זאגט בראנדעל. פיליכט וועט ער דיר אנדערס זאגען. קאראלינע וויינערט זיך אביסעל דאן ציהט זיא דעם גלאקען שנור פאן דעם צוממער וויא פראנץ איזט, פראנץ דערהערט דעם גלאק ציהען. יוא זאגט ער צו זיך. זייא רופען מיך שוין ווידערום. א. איך וועל זייא געניג פלאגען

ביז איך וועל זייא ברענגען צו איין ריכטיגען רעזולטאַט. איך האַבע שוין ערקענט דיא אַלטע קאַנאַליע האָט שיער געפּלאַצט פאָן מיין אַנטוואָרט. זאָל זייא דיא נשמה אַרויס. פראַנץ האָט פיר זיך אַ שעהנעם שפּיעלצייג. פראַנץ איזט אַ יונג מיט ביינער ער ווייסט זיך שוין וויא מיט זאָלכע זיך אַרום צו דרעהען. איך וועל זייא אויך זייערע קעפּף פערדרעהען. אונד קומט אַריין צו זייא אין צימער מיט דעם קאָפּף אראָב געלאָזט. גלייך וויא הימעל אונד ערדע איזט אויך אויף איהם געפאַלען. אויך גלייך וויא עס האָט איהם זיין גאַנצען קערפּער צושמעטערט. אונד פרעגט מיט מוטהלאָז וואָס ווינטשען זיא מאַדאַם? זיין פראַנץ! זאָגט קאַראָלינע. איך וויל פאָן דיין מונד הערען וואָס דער יונגער מאַן האָט דיר געאַנטוואָרטעט. אונד וואָס האָסט אין זיינע וואָרטען פערשטאַנדען. דיא ווייסט יוא אַז וויר האַלטען דיך פיר איין געשייטען מענטש. אויך פיר איין הויז פריינד. פראַנצען. האָבען קאַראָליגעס וואָרטען אַביסעל ציגעהמען עס האָט איהם אביסיל געפלאַנט זיא זאָ וויט צו ערגערען. זאָ ריסט ער זיך אָן צו בראַנדלען. ליעבע מאַדאַם זיא ווייסען יוא זאָ אַ צייט זויט איך געפין מיך ביי אייך. אונד עסם ברויט פאָן אייך. זאָ קאַן איך ניט פאַלש זיין. דאַהער וויא לויט איך האַבע מיר פאָרגעשטעלט אַז איך וועל אַריין קוממען צו דעם רוסישען. אונד איהם פאָרטראַגען מיט אייער געשעצטער פריילין קאַראָלינע. האַבע איך געגלויבט דאס ער וועט זיך אָן האַפען מיט לייב אונד זעעלע. אַם ענדע האָט ער מיר מיט קאַלטע וואָרטען געאַנטוואָרטעט. ער וועט זעהין. ער וועט זיך חשבון נעהמען. זאָ האָט דאָס מיך זייער עמפּעהרט. אַז פיר פערדרוס האַבע איך ניט וואָללען מיט איהם ווייט אין געשפּרעך איין געהין. זאָ פיעל האָט ער מיך געפרעגט צו האָט מען מיך איינגעגם צו איהם ווענגען דעם געשיקט צו בין איך פאָן מיין קאָפּף צו איהם געגאַנגען. דאַרויף היים איך פערשטעה פראַנץ. זאָ האַבע איך איהם געאַנטוואָרטעט. דאָס איזט ניט אייער זאַכע. איך וויל נאָר ווסען אייער מיינונג דערויבער. זאָ. מיסט איהר אַבער רעכנען. דאָס ער איזט איין רוסישער. דיא רוסישע פערשטעהין זיך זייער פאַך. אונד האָט זיך געדענקט פוליכט האַבע איך איהם בלאָם פאָן מיין קאָפּף דאָס פאָר געגעבען אָהנע איהר

זאָלט דאַפאָן וויססען. זאָ קאַן ער נאָך אויף חוזק בלייבען. איזט לייכט מעגליך אַז דאַדורך האָט ער מיר זאָלבע קאַלטע וואָרטען געאַנטוואָרטעט . . אַנדערס איך זאָל צי איהם קיממען מיט אייער פאָלמאַכט. זאָ קאַן וואַס אַנדערעס זיין . זייא טראַכטען דערבייא אייניגע מעניטען ענדליך. ריפט זיא אָן בראַנדעל. הער אויס פראַנץ מיין פאָלמאַכט האַסטי שוין . . אייך קאַראָלינעס . . זאָ פיעל זאָלסט וויסען וויא זיך צי בעגעהין . . אום אונז קיינע שאַנדע מאַכען פאַלם ער איזט ניט דאַפיר . זאָל עס אין וועניגסטען צווישען אינז בלייבען . (אונד בלייבט ערשטיקט אין מיטען). זייט רוהיג מאַדאַם זאָגט פראַנץ גאַנץ מונטער . איהר קענט נאָך פראַנצען ניט . . פראַנץ ווייסט שוין וואָס ער האָט צי טיהן . . הלוואי וואָלט דיך דער רוח געקאָנט . . טראַכט בראַנדעל בייא זיך. נאָר עס העלפט ניט . איך בין שוין צו וויט מיט דיר פערקראָכען . . אַשווערער זיפץ רייסט זיך פון איהר טיעפער ברוסט . . אין פראַנץ בעמערקט דאָס . . אונד ערוואַרטעט אַ ריכטיגען אַנטוואָרט פאָן זייא . אַלזאָ! זאָגט פראַנץ וויא איזט אייער מיינונג? אום! איך זאָל וויסען וויא אַזו זיך צי בעגעהין . נאַך אייניגע מענוטען נאָך דענקען זאָגט בראַנדעל ווידערום . לאַססען וויר נאָך אייניגע טאָגע פערגעהין . זאָלסט איינסווייל פראַנץ מיט איהם דאַריבער ניט רעדען. אום . וויר זאָלען זיך בעראַטהען וואָס מיט איהם צי רעדען. גיט מאַדאַם זאָגט פראַנץ אונד אין פאַלם ער וועט מיך וואָס איינפראַגען? וואָס זאָל איך איהם אַנטוואָרטען?. ווען ער דיך פראַגט דאַ קאַנסטי זאָגען דאָס דיא ווייסט פאָן ניכטס . אונד מוסט מיט אונז קודם שפרעכען פראַנץ פערלאַסט זייא אונד געהט וועק אַבער אַ גאַנץ אַנדערער געדאַנק קימט איהם פאָר . אַ איך בין ניט יוצא געגען זייא אין דערוואַהרהייט בין איך בייא זייא זאָ איינע צייט. אונד זייא האַבען צי מיר דאַס גאַנצע צוטרויען. אַם ענדע, זאָלל איך זייא ערגערען. וואַס איזט דער רוסישער האַט מיר אַזו געהייסען. ווייל ער וויל זיך שפיעלען זיין ראָללע . . . דאַרף איך זיין אין דער מיט ?. אייגענטליך. וויא לויט איך קען איהם האַט ער בייא מיר ניט ווערט ניט נאָר זיא . זאָגאַר דיא ערנסטע. אַם ענדע זאָל איך איהם צי האַלטען ?. ניין. דאַס ניט. איך וועל געהען ערענסט אין דער זאַכעי וואָס איזט ? עס וועט ניט אַרויס דיא

עטליכע ריבעל וואָס ער האַט מיר פערשפּראָכען, ער וועט מיר געבען זאָ וויא זאָ. ווען ניט.. וועל איך איהם פאָרשטעללען... ער מעג האַבען זיינע טויזענדער.. אונד קאַראָלינע מעג זיין געשמוצט, נאָך ערגער וויא זיא געפינט זיך. האַט ער זיא דאָך ניט דיא וועהרט וויא לויט איך קען איהם.. איך וועל זעהען עס זאָל איהם גענוג היא אויגען אַרויס קוּקען ביז ער זאָל שאָהן הערין דאַס דיא זאַכע איזט אין אָרדנונג.

בראַנדעל בייא פראַניץ וועקגעהען האָט זיא זיך ערסט איהר הערצען אויסגעשפּראָכען פיר איהר טאָכטער, אַ טאָכטער יעצט זעהען וויר אַרוּם אינזער נידערלאַגע אונזער אונגליק. אַז איינער, וואָס איך קען איהם ניט. ווער ער איזט, אין וואָס ער איזט. אונד וואָס ער טיהט. ווען ער האָט זאָגאַר איינינע טויזענד פר. וויא ער האָט זייא גענעמען, אונד וויא אַזו ער האָט זייא ערוועהבט, וויסט ער. איזט דאָך גענוג פאָן אינז, וואָס וויר מאַכען איהם קיינע איינפראַגען אַם ענדע, שטאָלצירט ער נאָך זייער טרויריג. וואָס זאָל איך פראַנצען זאָגען ? וואָס זאָל ער מיט איהם רעדען ? מיין קאָפּף דינט מיר שאָהן זאָ וויט ניט. זאָ פיעל פערוויסט איזט אינזער שיקזאַל אַז פראַניץ דאַרף זיין אינזער פערמיטטלער.. אונד מיט ווערמען.. מיט זאָ איינעם וואָס איזט ניט בעססער פאָן איהם. קאַראָלינע זיצט דער בייא אָהנע אַ וואָרט צו רעדען. ענדליך זאָגט זיא מיט טרעהרען אין דיא אויגען מיין מוטטער וויא דיא פערשטעהסט. איך האַבע דיר איין מאַהל געזאַגט דאַס איך געה ניט אַרויס פאָן דיינע רייד. עס איזט נאָך איינינע מענוטען פערגאַנגען, זשאַנעטא קומט אַריין מוטטער מען דאַרף היך האַבען אין קיכע. בראַנדעל געהט אַוועק, קאַראָלינע בלייבט אַליין, אַ איך בין אונגליקליך. מיין האָפנונג איזט שאָהן גענצליך פערלוירען.. קוים מאַכט זיך דאַס אויך ניט. זאָ איזט מיר מיין לעבען שאָהן צו לאַסט. קורץ דער טאַג האַט זיך אויך געפעהלט. עס איזט שאָהן ווידערום אויף יעדע איינציגע פאָן זייא געפאַלען הימעל אונד ערדע. פראַניץ איזט גראַדע דעם אַבענד בראַנדלען געקוממען פרעגען אויב ער זאָל אַריין געהען צו דעם רוסישען, אונד וואָס ער זאָל שפּרעכען. זאָגט בראַנדעל מיט מוטהלוז צו איהם, וועדער געה ניט מעהר צו איהם

ווערער טיה וויא דיא פערשטעהסט.. קאַנסט פערשטעהען פראַנץ (זאָגט זיא צו איהם) אַז זאָ איינער קען שטאָלצירען געגען מיין קאַראָלינען. וואַס דאַרף איך שפּרעכען דעריבער.. פראַנץ געהט אַוועק פאָן איהר אָהנע אַ שום רעזולטאַט.. עס הייסט ער זאָל שאָהן טוהן וויא ער פערשטעהט..

דער רוסישער פאָן זיינער זייטע האַט דעם טאַג אַרויס גע־קוקט פראַנץ זאָל איהם אַנטוואָרט ברענגען וויא לויט ער האַט מיט איהם זיך אָב געשמיעסט. פראַנץ איזט קיין נאַאַר אין לאָסט איהם לויפען.. אויך איזט איהם אַ וואונדער געוועהען וואַס ער זעהט ניט מעהר קאַראָלינען וועלכעס זיא האָט איהם זאָגאַר אַליין עססען אריין געבראַכט, אונד זייט דאַמאַלס זעהט ער זיא ניט מעהר.. דאָ איזט איהם שאָהן אויך גאַנץ אַנדערע געדאַנקען פאָר געקימען, דאַס וואַס זיא איזט צו איהם אַליין אַריין געקומען איזט בלאָס וויל זיא האַט באַדאַרפט אויסלייען בייא איהם דיא הינדערט רובעל. זאָגנסט ניכטס. וואַס פראַנץ האַט איהם פאָר געזאָגט ?. האַט ער פּשוט איהם באַקלעהרט. אום. בייא איהם אויסצינאַרען עטליכע רובעל. זאָגנסט קאַן זיין דאַס דיא לייטע מאַכען זיך גאָר פאָן מיר ניט אין נאָך אויף דער אַרט. זייא זאָלען מיך מיינען ?. גלויבע איך דורכאויס ניט. נאָך דעם אַלימען וויא עס האַט מיט איהר פאַסירט קאַן זיא נאָך אויך עררייכען אוין פיעל איינשטענדיגערען פאָן מיר וויל איך קאַן מיך אליין וועהר איך בין, קורץ עס איזט איהם אויך פאָרגעקימען דאַס ער נאַאַרט זיך אומזאָנסט אונד פראַנץ מאַכט מיט איהם דיא קאָמעדיע.. ער מאַכט זיך שאָהן זעלבסט פאָרווירפע, אַ. האַבע איך געפעהלט וואַס האַבע נאָר אונגעהויבען מיט דעם אָרדינערען קעלנער. וואַס פיר אַ פּנים האַט דאָס גאָר פיר זייא אַז איך שיק איהם אַללס פערמוטלער. ער זאָגט מיר פאָהר דאַס זיא האַבען איהם דאַס פאָרגעגעבען. איזט דאַס מעגליך ?. ער האַט פּשוט בייא מיר באַ־דאַרפט דיא עטליכע רובעל אויסנאַרען.. אַ וויא דומם איך בין אין אַללע בעציהונג. האַבע איך דען זעלבסט קיין פלאַטץ גע־האַט מיט איהר דאַמאַלס צו רעדען. וועהרענד זיא האַט מיר במעט וואָרטען אין מייל אַריין געלעגט, זיא האַט מיר וואָללען ערצעהלען וואַס מיט איהר פאַסירט האַט געגען וואַס?. געווים

וואָלט זיא געוועהען דארויף אַרויס געקומען זיא זאָל מיט מיר איינגעהען. אַם ענדע האַבע איך זיא ניט געוואָלט אויסהערען. אַבוואָהל מיין מיינונג וואַר אַנדערס.. איך האַבע זיא ניט וואָך־לען ערגערען. אַבער איהר האַט געקענט גאַנץ אַנדערע געדאַנקען פאָרקומען. דאַס איך מאַך מיר גאָר פאָן איהר ניט. אַ. וואָס אַ מענטש טיהט זיך זעלבסט. איזט ניט אים שטאַנד אשונא זאָלל דאָס טיהען. דער קעלנער קומט ניט מעהר צו מיר. לויט ער האַט מיר פערשפראָכען דעם זעלבען טאָג צו קומען, וואַרשיינליך היעט ער זיך אוים פאָן מיר. דאַס עססען שטאַט ער פלעגט מיר צו ברענגען. שיקט ער שאָהן מיט דעם אונטערקעלנער... איבער הויפט איך האַבע שאָהן דיא עהרע געהאַט אַז קאַראָלינע אַליין האַט מיר אַדיין געבראַכט עססען.. וואַרשיינליך מיט איינע אורזאַכע. אַם ענדע האַבע איך זיא זעלבסט פעריאָגט. ווער, ווייסט וואָס דער שאָרק האַט דאָרט אָן געפלוישט אין מיינעם נאָמען וואָס מאַך איך יעצט ?. פראַנץ גיט זיך אין דער זייט. קאַראָלינען זעה איך ניט מעהר.. אַ.. זיא האַט מיר ערשט יעצט געמאַכט אַ ברען, אין מיין הערץ. ווייל מיר קומט פאָר מעהר וויא זיבער דאָס זיא איזט צו מיר אייגענס וועגען דעם געקוממען.

איך זאָל זייא האַלטען אויף דער לאַגע אַז זייא זענען שאָהן זאָ וויים געשטאָקט. אונד האַבען באַדאַרפט מיין שטיצע. מיט וואָס ? מיט הונדערט רובעל.. דאַס גלויבע איך ניט. זייא זענען נאָך ניט אויף דער לאַגע. אַבער איך מוס פראָבירען. איך האַבע ער־וואַרטעט אַז פראַנץ זאָל צו מיר קומען, עס העלפט מיר ניט. איך מוס איהם אייגענס לאַססען רופען, פיללייכט וועל איך פאָן איהם עפעס ערפאַהרען, ער ציהט דעם גלאָקען שנור, עס ערשיינט פיר איהם דער קליינער קעלנער. זיא וואונטשען מיין הערר! וויא איזט פראַנץ ? פראַנץ איזט אונוואָהל. (געווים האַט איהם פראַנץ זאָ געהייסען זאָגען.) אונוואָהל ?. פאָן ווען ? זייט אַ פאַאַר טאַגע פראַנץ איזט אונוואָהל.. רעפעטירט ער. געה דאַן וועג.. דער געהט אַב. ער ריעפט איהם צוריק. זאָג פראַנצען. אַז עס וועט איהם בעססער וועהרען זאָל ער צו מיר אַריין קוממען, ווייל איך דאַרף איהם האַבען נייטיג, גיט זאָגט דער קעלנער, אונד געהט וועק.. פראַנץ איזט אונוואָהל. רעפעטירט ער נאָכמאַלס.. דער

שאַרלאַטאַן. ער שעהמט זיך צו צייגען פיר מיר. יוא ער האַט מיך גיט באַקלעהרט. פערפאַלען אויך איך וועל מיך שעהמען אוים צו זאָגען. איך האַבע דאַס גאַנצע פערלאָרען. טראַכט ער ביא זיך. אונד האַבע עס זעלבסט פערדיענט. אַבער דיא אור־זאַכע מוס איך וויסען. פאַלס פראַנץ קומט צו מיר ניט הייטע אַבענד זאָ וועל איך מוססען צו איהם געהען. אייגענטליך מיט וואָס פיר איינע אורזאַכע וועל איך צו איהם געהען, עס הייסט איך זאָל געהען איהם מבקר חולה זיין. פאַסט דאַס פיר מיך?.. זאָ וויט זיך צו ערניעדעריגען? ניין דאַס ניט. איך מוס דאַס גאַנצע פערלאַססען, איך האַבע יוא דאַס געלעגענהייט גלייך צו קאַראָלינגען צו געהען. איך וועל נאָך איניגע טאַגע פערלאַססען דאַנן וועל איך צו איהר געהען דיא הונדערט רובעל צו פער־לאַנגען איזט דאָך אויך דיא פראַגע פאַסט דאַס פיר מיך? עס זאָל הייסען דאַס הונדערט רובעל שפּיעלען בייא מיר איינע ראָל־לע. ניין. דאַס מאַך איך ניט. איך מוס מיט אונגעדולד פראַנצען ערוואַרטען. איך זאָל זאָ וויט רעכענען אַז ער איזט פאָן זיין קאָפּף צו מיר געקיממען אונד מיר זאָ וואָס איינצוטראַגען? קאַן אויך ניט זיין. וואַרום איזט ער דורך דער צייט צו מיר ניט גע־קימען. איך מוס דיא זאַכע גענצליך פערלאַססען, אונד זעהען וואָס דערפאָן וועט ווערען. יוא זאָ בלייבט עס.

וועהרענד דער אונטערקעלנער איזט צוריק געקיממען אונד פראַנצען געזאָגט דאַס ער בענעטיגט איהם זייער. ער בענעטיגט מיך. טראַכט בייא זיך פראַנץ. אַ. דיא רוסישער פאָגעל דיא בוסט שאָהן נייגעהריג. זאָלען דיר דיא אויגען גיט אַרוים קריכען. דיא ווילסט דיין וואונטש ערלאַנגען אָן בויך וויטיג, זאָללען דיך פאַקען קרעמפּפען זאָ גיט וויא בראַנדלען, איך מוסס גיכער פיר זייא יוצא זיין וויא פיר זאָ איינעם וויא דיא..

ער געהט אַריין צו בראַנדלען אונד ערצעהלט איהר דאַסס שפּיעלפאָגעל האַט איהם רופען לאַססען, אונד מעהר וויא זוכער וועגען דעם זאָ פיעל זאָגט ער איך האַבע מיין וואָרט געהאַלטען, אונד האַבע מיך פיר איהם ניט געצייגט, וויא איהר האַט מיר גע־זאָגט דאַהער! ווען איהר ערלויבט מיר. זאָ וועל איך צו איהם אַריין געהען אונד הערען וואָס ער פערלאַנגט מיך. בראַנדעל

טראַבע אַביסעל דאַן זאָגט זיא צו איהם דיא קאַנסט געהען פראַנץ אַבער איך באַשווערע דיך זאָלסט פאָן מיינע וואָרטען ניט אַרויס זעהען. קוים ריעפט ער דיך וועגען דעם. זאָלסטו אין נאַממען מיינעם שטאָלצירען אונד איהם דאַס גאַנצע צו נישט מאַכען. וואַס דען? זאָלסט איהם ראַהטען ער זאָלל פיר אונז זעלבסט דעקלאַרירען. זיין פערלאַנג דאַן וועללען וויר וויסען וויא מיט איהם זיך צו בענעהמען. אונד פיליכט וואַס אַנדערס. זאָלסט דער פאָן ניט מעהר רעדען, אום וויר זאָללען וועניגסטען דורעך זאָ איינעם ניט בלאַמירט וועהרען.. פערשטעהסט מיך פראַנץ?. יוא פרויא שענקען זיא מיר דאַס צוטרויען, איך ווייס שאָהן וויא זיך צו בעגעהען...

דעם אַנדערען טאַג וועהרענד שפיעלפאָגעל זיצט פערטראַכט עס האַט איהם אין דיא פאַאַר טאַגע זיין שלאָף געשטעהרט. זיין הערץ צורידערט.. עס האַט זיך איהם קיין עססען גענעהמען. קיין שלאָף. קיין רוהע.. פלעטצליך עפענט זיך דיא טיהר אונד פראַנץ קימט אַריין דאָ האַט איהם געטוהען אַ טרוג אויף פאָן זיין זעסעל. גליך וויא אַ שלאַנג האַט איהם אַבים געטוהען. אויסער זיך טיהט ער אַ געשרייא וואַס מאַכסטו פראַנץ? דיא וואַהרסט קראַנק? יוא זאָגט פראַנץ מיט מוטה לאָז. איך בין נאָך אויך יעטצט שוואַך וואַס פעהלט דיר אייגענטליך. קאָפף שמערצען זאָגט ער אונד זעצט זיך דער ביא אויף דעם זעססעל וואַס שפיעלפאָגעל האַט איהם צוגעטראַגען. (גלויבען זיא מיר ווען דער פאָגעל זאָל געוועהען דער זעהען זיין טאַטען פאָן רוסלאַנד וואָלט ער ניט געוועהען אַזו ערציטערט געוואָרען וויא איבער איהם, אין קיקט איהם אין פיסק ער זאָל שאָהן חערען עפעס וואָרטען פאָן איהם פראַנץ האַט שכל אין שוואַגט.) ער טראַכט ביא זיך עס וועט דיר נאָך גיט אַרויס קריכען דיא אויגען פאָן דיין קאָפף ביז וועסט עפעס וויכטיגעס פאָן מיר הערען. קורץ ער ערוואַרטעט וואָרטען פאָן איהם, אַבער פראַנץ וויל צופאָר פאָן איהם הערען... זאָ איזט איניגע מענוטען פערגאַנגען, ענדליך האַט זיך דער פאָגעל ניט מעהר געקענט איינהאַלטען. אונד ברעכט אויף דעם שמיעס. פראַנץ!. זאָגט ער. איך האַבע דיך מיט אונגעדולד דיא פאַאַר טאַגע ערוואַרטעט אום איך זאָל שאָהן וויססען וואַס עס

איזט געוואָרען פאָן אינזער שמיעס.. פאָן אינזער שמיעס.. זאָגט פראַנץ קאַלט בליטיג. וואָס זאָל וועהרען ?. איינסוויל גאָר ניט זאָגט ער צישען דיא ציין גאָר ניט ?. טיהט זיך אַ חאַפּ דער פאָגעל איינסוויל זאָגט פראַנץ. אין דאַן ?. וועלען וויר זעהען.. דער פאָגעל בלייבט זיצען צי קאָכט. עס האָט איהם שוין זיין לשון אָבגענאָממען. אויך זיינע געדאַנקען זינד איהם אין דעם מאָמענט פערמישט געוואָרען.

אַ שלעכטער צייכען.. טראַכט ער ביא זיך זעהר איין שלעכטער צייכען. ענדליך ערוואַכט ער זיך וויא פאָם שלאָף. זאָגט מיר דיא וואַהרהיים. פראַנץ. וואָס האָבען זייא דיר געאַנט־וואָרטעט. דאַרפסט זיך מיינער ניט שעהמען. שעהמען ?. זאָגט פראַנץ. וואָס האָבע איך מיך צי שעהמען איך האָבע גאָר ניט געגנבית. (דיא וועלט זאָגט אַ ווערטעל אויף דעם גנב ברענט דאָס היטעל. דאָס וואָרט געגנבית האָט איהם געטוהען אַ האַק אין קאָפּף. פיליכט האָבען זייא וואָס ערפאַהרען דאָס ער האָט זיין פאַטער בעגנבית. אונד איזט אַוועק. זאָ טראַכט ער ביא זיך, אַנדערס קען ניט זיין זאָגסט. וויא לויט ער איזט שוין פערטיג געוועזען מיט אַללעס, זאָ פיעל ער האָט נאָך געוואָלט אַביסעל שטאָלצירען. אָם ענדע איזט גאָר דאָס גאַנצע איבער געקעהרט. ער האָט זיך שוין געשעהמט ווייטער אין שמיעס אַריין ציגעהען אונד ערוואַרטעט שוין זיין אורטהייל פאָן פראַנצען צי הערען).

פראַנץ איזט געשייט אין שוואַגט ער זעהט שוין גוט, דאָס ער איזט ציקאָכט אַ. דיא רוסישער פעקעלמאַכער (טראַכט ער ביא זיך) דיא ווילסט אויסנאַארען אַ פריילין אָן בויכווייטיג זאָללען דיר נאָך גוט דיא אויגען אַרוים. ביז דאַן. פראַנץ איזט אַ יונגאַטש מיט ביינער. ער קען זיך מיט זאָ איינעם אויך גוט אַרומדרעהען). עס הערשט צישען זייא אַ טיפעס שטילשווייגען זייא ערוואַרטען איינער פאָן דעם אַנדערן איין וואָרט.. אַבער עס איזט אומזאָנסט דאָס וואָרט גאָר ניט. אין געגנבית.. האָט דעם פאָגעל זיין קאָפּף פערשלאָגען, אונד פירכטעט דאַרויף צי פרעגען ער זאָל וואָס ערגערעס ניט אויפרויהרען. פראַנץ זעהט אַז עס האָט איהם זיין לשון אַבגענאָממען זאָ זאָגט ער צי איהם, הערט אוים שפיעל פאָגעל! וואָס מיר איזט איינגעפאַלען זיא זאָ־

לען זעלבסט זיך צו איהר ווענדען, אונד דערפאָן שפרעכען, זאָ
גלויבע איך דאַס מעהר וויא זיכער וועלען זייא אייך ניט רעפו־
זירען. דיא וואָרטען האַבען איהם עטוואַס אויפגעמונטערט, זאָ.
זאָגט ער צו איהם דיא האָסט דאָך מיר געזאָגט פאָזאָטיף. . אונד
זאָגאר ביסט שוין מיט זייא פערטיג נאָר פאָן מיר אַנטוואָרט צו
הערען. אונד אויף דער באַזע האָסט דוא בייא מיר אויך עטליכע
רובעל גענאָממען. אַם ענדע זאָל איך ערשט אַליין געהען ?. ווע־
גען דיא עטליכע רובעל זאָגט פראַנץ. קען איך זייא אייך צוריק
געבען. איהר זאָלט ניט דענקען אַז פראַנץ איזט אַ לייכטזיניגער
יונג . זאָ וואַס געהט ניט בייא פראַנצען. זאָ פיעל ! איך האַ־
בע דאַס פאָהרגעגעבען. מוס איך אייך דיא וואהרהייט זאָגען האָס
זייא שטעלען וואהרשיינליך ניט אויף מיר אונד וויא לויט איך
פערשטעהע ווילען זייא אַז איהר זאָלט זייא דאָס זעלבסט פאָר־
שלאַגען. וואָס קען דאָס אייך שאַדען ?. גאַנץ ריכטיג זאָגט שפיעלד־
פאָגעל עס קען מיר ניט שאַדען אַבער דיא אורזאַכע האַבע איך
דיר געזאָגט אַז איך מוס דער־בייא אַביסעל שטאָלצירען . זאָגסט
קען זיא מיך שפעטרהיען פיר אַ איינפאַכען שקלאַווען רעכענען.
(אַוואַדי שטעהט זיין טאַטען ניט אָן . טראַכט פראַנץ בייא זיך
אַ ! דיא פאָגעל. דאָ וועסט שוין געפאַנגען ווערען אין שטאַגעל.)
דאַס גלויבע איך ניט זאָגט פראַנץ, נאָך דער בושה וואָס זייא
האָבען איינגענאָממען, האָבען זייא שוין זייער שטאָלץ גענצליך
פערלאָרען, אונד גלויבע דאַס זיא וועט אייך רעספעקטירען.. אַלזאָ
פראַנץ וואָס איזט יעצט צו טוהען ? יעצט זאָגט פראַנץ וועל איך
געהען צו דער אַלטער אונד וועל איהר זאָגען דאַס אוהר האָט
מיט איהר וואַס צו שפרעכען, זיא זאָל אייך בעשטיממען דיא
שטונדע. האָסט רעכט פראַנץ אַבער נאָך הייטע זאָלסט דיא מיט
איהר רעדען. יוא. יוא. נאָך הייטע רעפעטירט פראַנץ אין זאָגט
אַדיאָ אונד געהט אַוועק.
(יעצט קום איך מיט איין גאַנץ אַנדערען קוראַש. רעדעט צו
זיך פראַנץ. איך האַבע מיר מיין ראָללע זעהר גוט געשפיעלט
אונד אויסגעפיהרט נאָך זייער וואונש. זאלען זייא זעהען וואָס
פראַנץ קען). דער שפיעלפאָגעל קלעהרט בייא זיך פאָן זיינער
זייטע. יוא פראַנץ האָט רעכט. איך מוס מיך זעלבסט צו איהר

וועגדען. איך האבע מיר איין גערעט איך זאל אביסעל שטאלץ צידען געגען איהר אבער וואס איזט אין מיר דער יוחס? וואס איך זאל שטאלצירען. אייגענטליך וויים איך דען ניט בייא מיר זעהר גיט. ווער איך בין?. זא פיעל זייא נאארען זיך אין מיר אונד דענקען דאס איך פערמאג פיליכט מיינע שווערע טווזענדער דעם אמת וויים איך. אלזא? זאל איך נאך שטאלצירען? דוממער קערל וואס איך בין. קוים וועל איך נאר הערען דאס ווארט יוא. זא בין איך דאך בייא מיר דער גליקליכסטער. א. דיא ווײלע איזט מיר יעטצט פיעל מעהר וויא צי פאהר איך וואלט שוין געוואלט זעהען פראנצען מיט דער בעשטימטער שטונדע איך וועל לויפען.. איך וועל פליהען.. איך וועל זייא פיעלעס פיעלעס. פערשפרעכען איך וועל מיך פארשטעלען פיר דעם רייכסטען, אונד זיא וועט בייא מיר דיא גליקליכסטע זיין. וואס קען דאס מיך הארען? א־בער וויא האלט איך שוין ביים רעדען, וועל איך שוין וויסען וואס צי רעדען זא געהט ער ארים אין צימטער היען אונד צוריק פערטיעפט אין דיא געדאנקען..

פראנץ קימט מיט פאל פרייד אריין צו בראנדלען. אין גיט א גישרייא מאדאם! עס איזט אין בעסטען ארדנונג.. איך האבע עס אויסגעפירט. נאך אייער בעסטען וואונטש.. אין דאס קען פראנץ.. וואס איזט? פרעגט זייא איהם וואס זאל זיין.. איך האבע איהם ארויס געבראכט. דאס ער זאל קוממען צי אייך אליין. אונד אייך דאס פארגעבען... אבער... וואס אבער? פרעגט איהם בראנדעל.. אבער זאגט פראנץ איהר זאלט איהם געניג דיא נשמה ארויס נעהמען ביז ער וועט הערען פאן אייך איין ריכטיגען רעזולטאט.. געה צי אלטע גוטע יאהר זאגט בראנדעל מיט אגילעכטער.. אונד דער בייא איזט זיא פאלל פריידע געווארען וואס הייסט פרעגט זיא איך זאל בייא איהם דיא נשמה נעהמען. קוים איזט ער דאפיר געווים זענען וויר אויך דאפיר.. ניין מאדאם איך האבע איהם פארגעזאגט דאס איהר זענט נאך ווייט דאפאן. זא זאל איהם אייער בעשטעטיגונג שוועהר אנקומען. ווען וויל ער קימען? פרעגט זיא איהם. ווען איהר וועט איהם בעשטיממען נאך הייטע וויל ער.. נאך הייטע? זיא לאסט ריפען קאראלינען אונד גיט איהר איבער פראנצ'ס רייד.. קאראלינע איזט דער בייא

פאָלל פרייד געוואָרען. אַזאָ וואָס איזט געבליבען ? פרעגט זיא נייגעהריג . . ער וויל נאָך הייטע אַבענדס אַריין קימען מיט אינז דאַריבער צי שפרעכען. וואָס האָסט דיא אינז זאָלכע שוועריקייטען פאָרגעזאָזט. פרעגט איהם קאַראָלינע . איך האַבע אייך קיין ליגענד פאָרגעזאָגט זאָ פיעל וויל פראַנץ איז א יונג מיט ביינער . . וואָס הייסט ? זאָ איינער . זאָל נאָך געגען פריילין קאַראָלינען שטאָלצירען? דאָס ווערט פראַנץ ניט דערלאָססען . . קאַראָלינע קוועלט אָן דער בייא . . אונד וואַרפט צי איהם פריינדליכע בליקען . . יוא יוא . . זאָגט בראַנדעל דיא מיסט וויסען אַז דיא ביסט בייא אינז ניט אַלס קעלנער פעררעכענט . . זאָנדערען אַלס הויזפריינד אַלזאָ קען איך איהם געהן זאָגען דאָס ער קען נאָך הייטע אַבענדס צי אייך קיממען ? יוא וואַר דיא אַנטוואָרט פאָן זייא בידע וויא פאָן איין מונד . . פראַנץ געהט לוסטיג אַוועק גלייך צים שפיעלפּאָגעל.

## ענדע דיא דריטע טהייל

---

**דיא פירטע טהייל ווירד ערשיינען מיט דעם בילד פאָם פערפאַססער.**

וועך עס ווינשט צו האַבען דיא דרייא טהיילע זאלל קאָממען אין דער בוכדרוקערייא דעם צ. לייגוואַנד סטראַדאַ סטעפאַן טשעל מאַרע געגען דער באַנקאַ נאַציאָנלאַ אונד בעצאַהלען 2 פראַנק אונד נעמען דיא דרייא טהיילע אונד דאַס פירטע טהייל ווירד דער זעלבער בעקאָמען אָהנע געלד.

I. LEINWAND
JASSY

---

**אין דיעזער בוכדרוקערייא ווערדען אַללער אַרט דרוקסאָרטען שעהן, שנעל אונד ביללינג געאַרבייטעט**

ליעבע לעזער (אם יגזר ד׳ לחיים) זאָ וועל פיר אייך
אַרויס געבען אַ גאַנץ וויכטיגעס בעשרייבונג . (האָבות והבנים)
וויא אַזוי עלטערען פלאַגען זיך אַללע זייערע לעבענסטאַגע אונד
ברענגען אין פייער וועגען קינדער . . אונד וואָס זייער לאָהן
איזט אויף זייער עלטער . . . דאָס גלויבע איך ועט אייך פיעל
וויכטיגער זיין פאָן מיין גאנצעס שרייבען ביז יעטצט
איינסוויל אַדיאָ . איך האָפפע וויא אין שנעלסטען צום
ווידערזעהען.

דער פערפאַסער ישראל אָרנשטיין

בראַנדעל אונד זשאַנעטע



פראַנין אונד שפּילפאָגעל

אַחנע שדכן אונד פּיפּערנאָטער
דויטש געקליידעט

שפּילפאָגעל אונד קאַראָלינע

# פירטער טהייל

אַזו וויא איין אַרעסטירטער וואָס איזט שאָהן איינִיגע יאַהרען אַרעסטירט, אונד האָט שאָהן דעם טאָג צי ערלעבען וואָס מען וועט איהם פאָן זיין אַרעסט בעפרייען. גראַדע זאָ איזט געוועהען דיא איינִיגע שטונדען ביא שפיעל פאָגעל, יעדע סעקונדע האָט ביא איהם אויסגעזעהען אַ פאָללע שטונדע. אונד יעדע שטונדע איין פאָללעס יאַהר. זיין ערוואַרטען פראַנצען שאָהן צי זעהען. אונד פאָן איהם אַנטוואָרט צי הערען. פערמישטע געדאַנקען זינד איהם דורך געלאָפען, באַלד האָט ער זיך געטרייסט אַ גוטע אַנטוואָרט צי הערען. באַלד פערקעהרט מיט קורצע וואָרטען איעדעם אבער האָט אין איהם געקאָכט, אונד האָט זיך זעלבסט ניט געקאָנט באַשיידען. וואָס עס קאָן דער פאָן ווערען. אויב עס וועט איהם געלונגען, זיין וואונטש אום צי פיהרען. וויא ער זיצט אַזו פערטראַכט עס הערט זיך פעסטע טריט פאָן איינעם. אַ.. ער איזט דאָס איך ערקען איהם אין זיין געהען. ער געהט מיט קור ראַש. יוא ער ברענגט מיר שאָהן איינע גוטע נאַכריכט. דיא טיהר האָט זיך ריכטיג געעפענט, אונד פראַנץ ערשיינט פאָר איהם. שנעל וויא איין בליטץ איזט ער איהם אַקעגען געלאָפען וואָס הערט זיך פראַנציל? (ער פערציהט מיך שאָהן טראַכט זיך פראַנץ). וואָס זאָל זיך הערען? זאָגט פראַנץ, מיט גאָטעס הילפע עס וועט זיין גוט. געהמליך? פראָגט ער איהם נייגעהריג זייט רוהיג. זאָגט פראַנץ. איהר מאָגט אייך שאָהן פערלאָסען אויף פראַנצען. פראַנץ איזט אַ אינגאַנטש מיט ביינער. אונד אַז פראַנץ זאָגט עס וועט זיין רעכט איזט רעכט, פראַנץ האָט צייט אין זעצט זיך אַנידער אין מאַכט זיך אַ ציגאַרע. אונד זאָגט צי איהם הערט אוים שפיעל פאָגעל איך זעה אַרוים אַז דיא זאַכע איזט אין אָרדענונג. וויל איך האַבע זייא געגעבען אָן צי הערען וואָס אייער קימען איזט, זייא האַבען ביידע אַב געשוויגען, וועהר ביידע? פראָגט איהם שפיעלפאָגעל איבער, וועהר? בראַנדעל. מיט קאַראָלינען, האַר קאַראָלינע אויך דער ביא? יוא זאָגט פראַנץ זייא האַבען איינגעפאַנגען צי קלעהרען וואָס אייער פערלאַנג קאָן זיין האַבע איך מיר מיין מיינונג דעריבער געזאָגט אַז איך פערשטעה דאָס איהר מיינט קאַראָלינען. וואָס האַבען זייא דערויף געאַנטוואָרט פראָגט דער פאָגעל נייגעהריג. קאַראָלינע האָט אַ שמייכעל געטו-

הען. אונד בראַנדעל האַט געזאָגט מיט פערגעניגען. זאָל ער קי־
מען ווער זאָללען הערען זיין פערלאַנג. אין וועלכער שטונדע?
אויך הייטע זאָגט פראַנץ, איהר זאָלט מיר נאָר זאָגען אין וועלכער
שטונדע מען זאָל איך ערוואַרטען. שפיעלפאָגעל האַט זיך איינינע
מינוטען פאַרטראַכט. דאַן זאָגט ער ווען נאָך הייטע? זאָ קאַנסטו
זיא זאָגען אַז אום 9 אוהר קים איך אַריין. זייער גוט זאָגט פראַנץ
וואָס זאָגט [illegible] ה' פאָגעל? פראַגט איהם פראַנץ, וואָס זאָל
איך זאָגען. איך ווערדע[ן] הערען זייער אַנטוואָרט. און דאַן? פראַגט
פראַנץ וואָס דאַן? רעפּעטירט שפּיעלפאָגעל. וואָס זאָל זיין. וואָס
וואָס ווילסטו פראַנץ וויסען? וואָס פראַנץ וויל. איהר וויסט שאָהן
וואָס פראַנץ וויל. פראַנץ וויל דאַפיר אַ גראָבע מטבע. דאָס פער־
שטעהט זיך זעלבסט זאָגט שפּיעל פאָגעל. קוים עס וועט זיך נור
מאַכען. דערויף קאַנסטו שאָהן מיך. דאָס איך בין קיין שמוציאַן.
יוא. יוא. זאָגט פראַנץ גאַנץ ריכטיג. וויל פראַנץ וועט אייך דינען
ביז אין דער לעטצטער שטונדע אַלזאָ ה' שפּיעל פאָגעל איך
געה זאָגען אַז אַרים 9 אוהר זאָללען זייא אייך ערוואַרטען...
אונד געהט אַוועק.

אַ איינסוויל שפּיר איך מיך גליקליך. אויב עס איזט נאָר
ריכטיג וויא פראַנץ האָט מיר פאָרגעזאָגט אַז ער האַט שאָהן גי־
געבען אָן צי הערען. אַ ווען זאָ איזט. בין איך פערטיג מיט זייא
אונד ער האַט אויך רעכט דער בייא נאָך עטליכע רובעל צי
פערלאַנגען.

קוים איזט פראַנץ צי בראַנדלען געקימען מיט דער באַ־
שטימטער שטונדע. זאָ האַט זיך שאָהן ביסליך וויים אָן געהויבען
אין שטיעב צי ראַשען. מען האַט איין צימער גאַנץ ריין געמאַכט
קאַראָלינע האַט זיך פערפיטצט. בראַנדעל האַט זיך פערקעמט
איהרע שוואַרצע לאָקען. נאָר וואָס פיפערנוטער וויסט נאָך פאָן
דער גאַנצער געשיכטע ניט. אַזו פיעל זיין באָרד האָט איהם שאָהן
אַביסעל אַרויס געשפּראָצט דורעך דער צייט אויף איינינע סענטי־
מעטער דיא לאַנג. אונד האַט זיך נאָך ניט געוואָגט דיא פאַט־
שיילע אויף צי בינדען.

שפּיע[ל] פאָגעל האַט זיך דעם טאַג אַב געוואַשען שיין ראַ־
זירט אונד האַט זיך אויך שעהן פערפיצט אונד ערוואַרטעט מיט

אונגעדולד דיא ריכטיגע שטונדע. אינזווייל איזט ער אַרום גע־ גאַנגען זייער צוקאָכט. זיין הערץ האַט אין איהם העפטיג געקלאַפּט אָהנע ער זאָל וויסען וואָס. ער פּאַסט בייא זיך וויא אַזו ער זאָל אַריין קומען. וואָס ער זאָל איינפאַנגען צו רעדען. צו זאָל ער וואַרטען זיא זאָלען מיט איהם אָנפאַנגען אין געשפּרעך איינצוגעהען.

גיין . . איך מוס דאָס געשפּרעך איינפאַנגען, איך וועל מיר מוטה אונד קוראַזש מאַכען, איך וועל רעדען אויך פיר זייא געוועהנליך וועלען זייא זיך צוריק האַלטען. אונד אַללעס פאָן מיר ערוואַרטען איין פאָרשלאַג. אַ גיט ער זיך אַ האַפּ 10 מענוטען צו גיין. איך געה שאָהן. ער נעהמט זיין אָבער ראָק אונד מאַכט זיך אַ ציגאַרע ער פערדרייבערט אונד געהט אַרום פאָן זיין צימער אין קומט צוא צו דעם צימער פאָן קאַראָלינען. ער בלייבט שטעהן בייא דער טיהר. ער גלעט זיך אוים דיא וואָנצעס. גלאַבט זיך אוים דיא האָר, ענדליך קלאָפּט ער לייכט אָן אין דער טיהר אַנטרעה. הערט זיך פאָן אינוועניג. דיא טיהר עפענט זיך אינזער שפּיעלפאָגעל ערשיינט. אַבער עס האַט איהם איבעררעאַשט וועהרענד ער האַט געזעהען וויא קאַראָלינע זיצט פערביטצט. זיא האַט וויר־ קליך אוים געזעהען וויא אַ הימלישעס וועזען. עס האַט איהם אין דעם מאָמענט זיין לשון אָב געגעהמען ער האַט נאָר זיין קאָפּף טיעף פערבויגען, אונד איהר בעגריסט. זיא האַט איהם העפליך צוריק בעגריסט. אונד איהם גלייך אַ זעסעל צו געטראָגען ער זעצט זיך. אָבער וואַרטען פעהלען איהם אוים קאַראָלינע האַט אין איהם גלייך ערקענט. וויא ער איזט איבעררעאַשט. זאָ האַט זיא זיינע שטעללע פערטרעטען אונד איהם באַלד מיט פריינדליכע וואָרטען אויך געמונטערט אַ. זאָגט זיא אַ גאַסט בייא אונז וואָס מאַכען זיא ה' שפּיעל פאָגעל. וויר האָבען זיך זייט איינגע טאָגע ניט געזעהען. ניט וואָהר? . יאַ פרייליין. זייט זיא וואָרען בייא מיר האָבע איך געגלויבט דאָס זיא ווערדען מיך עפּטער בעזוכען. אָם ענדע זענען זיא ניט מעהר געקומען. זיא האָבען פאָלקאָם רעכט העהר. דיא אורזאַכע איז ווייל דיא מוטטער וואָר אונוואָהל. זאָגט וואָס מאַכען זיא ה' שפּיעל פאָגעל? וואָס נייעס ברענגט איהר אונז. (דאָ בלייבט ער וויא שטום אַ שפּוגעל נייע פראַגע

טראַכט ער פּילייכט ווייסען זייא פאָן גאָר ניט . . פּילייכט האָט איהם פראַגין גאָר אָפּגענאַארט . אַז זיא פרעגט איהם וואָס ער ברענגט נייעס . . ) ער מאַכט זיך מוטה אונד זאָגט ווען איך קים זיא צו בעזובען מוט וואַס נייעס זיין ? . בּיטטע זייער ה׳ שפּיעל־פאָגעל מיט פערגעניגען . . זאָ געהט דאַס געשפּרעך . . איזט דיא ערסטע פראַגע וואָס איז ניעס ניכט וואַהר . . (אונד מאַכט דערבּיי שפּיקולאַציע מיט איהרע בליקען) וואַס מאַכט איהרע מוטטער. פרעגט ער זיא. איך דאַנקע. זיא וועט באַלד אויך אַריין קימען .. דאַן זאָגט זיא צו איהר שוועסטער זשאַנעטעקע געה ריעף דיא מוטער אַהער. זאָג איהר דער ה׳ שפּיעל פאָגעל איזט היער זשאַנעטע געהט וועק. . זייא בלייבען אַליין. עס פערגעהט איינגע מענוטען מיט שטילשווייגען דאן פאַנגט אַן קאַראָלינע דאַס געשפּרעך, וואַס איזט דיא אורזאַכע ה׳ שפּיעלפאָגעל וואָס זיא האַבען מיך ניט וואָלען אויסהערען וועהרענד איך וואַר בייא איהנען . אום מיר אַביסעל דאַס הערץ אויסצורעדען . אַם ענדע האָט איהר געאַנטוואָרטעט דאַס זיא אינטערעסירען זיך וועניג דאַריבּער. איך ווערדע איהר גען זאַגען פריילין . . אַבער קאַראָלינע לאָסט איהם ניט אויס־רעדען אונד פאַלט אַריין אין זיינע רייד איך וועל איהנען זאַגען וואַרום ? . וויל זיא אַללם מאַנן האַבען נישט וואָלען אויסהערין דעם געמיינעם כאַראַקטער פאָן דיא מענער . נישט וואַהר ? . . הערר שפּיעלפאָגעל . . (אין קיקט איהם דערבּייא גלייך אין דיא אויגען וואָס פאַר אַ מינעם ער וועט מאַכען . .

זיא ווערדען מיר ענטשולדיגען געשעצטע פריילין . . זאָגט שפּיעל פאָגעל אָהנע דיא אורזאַכע גרינדליך צו וויסען . גלויבע איך דאַס זיא האַבען רעכט . . אַבער דאַדורך צו קריטיזירען אויף יונגע לייטע ?

(קאַראָלינען איזט דער אַנטוואָרט געפעללען . ) בעהיעטע דער הימעל זאָגט זיא . אין געגענטהייל איך האַבע וואָלען פיר אייך בלאָסם פאָרשטעללען . איין אַרט מענטש . , וואָס טראָגט דעם נאַמען באַנקעה . אונד דערבּייא געבּילדעט . אַם ענדע זאָל זאָ איינער זאָ איין געמיינעם כאַראַקטער בעניצען . אונד בלייבט ערשטיקט מיט דיא וואָרטען . . אין פאַנגט אַן אַנדערע רייד . . וואָס בעדייטעט וואַס דיא מוטטער קאָמט ניט אַריין ? . . זאָגט

קאַראָלינע וואַרשיינליך איזט זיא בעשעפטיגט .. פערגאַנטוואָרט זיא שפיעלפאָגעל בראַנדעל איזט דאַרויף געשייט . זיא האָט וואָלען איינסווייל זאָלען זיא זעלבסט זיצען אונד זיך אויסשפרעכען ..
יוא עס איזט וואַהר .. זאָגט קאַראָלינע . געוויס איזט זיא בעשעפטיגט .. וייל דעם גאַנצען לאַססט פאָם האָטעל טראָגט זיא ...
שפיעלפאָגעל בעדענקט זיך אַביסעל .. דאַן זאָגט ער איהר . אַלזאָ ! פריילין . וויא לויט עס זעהט אויס . פינדען זיא זיך שטאַרק בעלידיגט פאָן דיא מענער .. אָדער זאָגאַר פערפיהרט ... בעדייטען . זאגט קאַראָלינע .. ווען זיא זענען אין מיינער שטעללע .. פינדען זיא זיך ניט בעליידיגט ?.. גאַנץ ריכטיג .. זאָגט שפיעלפאָגעל . נאָך מיין מיינונג . זאָגט ער . גלויבע איך דאַס זיא האַבען גאַר ניט פערלאָרען דער בייא ... אַבער איהם ....
דאַרפען זיינע געדאַנקען פלאַגען אַללע זיינע לעבענסטאַגע ..
יוא פלאַגען זאָגט זיא ... אונד מיינע עהרע ?? (אונד אַ טיפען זיפץ גיט זיא דער בייא .) שפיעלפאָגעל בעמערקט דאָס . דאַן זאָגט ער .. איהרע עהרע .. זיא זינד דיא זעלבע וואס זיא וואַרען פריהר. אונד ווערדען גאַר ניט פערלירען .. (אונד וואַרפט דער בייא ליבליכע בליקען צו איהר .. נעהמליך ?. פראַגט זיא איהם מיט אַ שמייכעל .. וייל זאָגט ער קוים ווערלען זיא זיך פאָן איהרע פאָריגע געדאַנקען עטוואַס צוריק ציהען .. זאָ גלויבע איך דאָס זיא האַבען ניכטס פערלאָרען .. ניכטס פערלאָרען .. רעפעטירט זיא .. זאָ !.. מוסס איך שוין זוכען אַ נייעס .. ציטרויען ..
(זאָגט זיא מיט שטיללע וואָרטען) שפיעלפאָגעל בעמערקט איהר מוטהלאָז .. ער קלעהרט אַביסעל .. דאַן רייפט ער זיך אָן . הערין זיא וואַס פריילין . מיין בעדויערן מוסס איך איך יעטצט אויסשפרעכען .. זיא מיססען וויסען דעם ערשטען טאַג .. דיא ערסטע שטונדע .. זאָגאַר אין דעם ערסטען מאָמענט .. וואַס האַבע איך ערקענט . זאָ זינד אַללע מיינע אברים צו איך ציגעזאָמטען געוואָרען .. איך מוסס איהנען דעקלאַרען . דאָס איך האַבע דורך איהנען פיעל פערלאָרען .. דורך מיר ? . פראַגט זיא איהם פערוואונדערט . יוא .. דורך איהנען .. נאָר ביטטע מיך אויסציהערין . זאָגט ער צו איהר .. ביטטע . מיט פערגעניגען .. אין דעם ערסטען מאָמענט וועהרענד איך האַבע זיא

קעננען געלעהרענט . זאָ האַבען זיא מיר מיין הערץ וועק גענאָמען . . איך האַבע מעהרערע נעכטע ניט געשלאַפען . . מיין געשעפט פערנאַכלעסיגט . . איך האַבע זאָלען וועק פאַהרען מיט איין פאָדראַדטשיק נאַך בוקאַרעסט . . וואַס האַבע געקאַנט אַגלענצען געשעפט מאַכען . . זאָ בין איך דורך איהגען צוריק געצוויגען , וועהרענד , אייער פאַטער האַט אייך דאַס ערסטע מאַהל פיר מיך פאָהרגעשטעלט . . אַבער עס וואַר ניט אייער שולד . . גאַנץ ריכטיג . . זייא פאָן זייער זייט . . האַבען פאָללקאָם רעכט געהאַט . . וועהרענד זייא האַבען שוין אייגעם זייער וואָרט געגעבען . . זאָ פיעל . . יענער איזט איין לייכטזיניגער מענשט . . . ער בלייבט שטעהן . אונד רעדעט ניט ווייטער . .)

קאַראָלינען האַבען דיא וואָרטען מוטה געגעבען צים רעדען . . אונד נעהמט אַן פיר גאַנץ ערענסט . . זאָ זאָגט זיא צו איהם . . אַלזאָ ! הערר שפּיעלפאָגעל . . וואַס וואָללען זיא בעהויפּטען ? . וואַס איך וויל . . . שטאַמעלט ער . . וואַרשיינליך האַט אייך שוין פראַנץ געזאַגט . . פראַנץ ? . . פיליכט האַט ער מיט מיינער מוטטער געשפּראָכען . . ניכט מיט מיר . . אַבער דיא מוטטער מוסס באַלד אַריין קוממען . . איהר הערץ איזט איהר פאָלל פרייד געוואָרען . דאַס זיא האַט דערבייא געזיעגט . . ער האַט איהר פאָהרגעשלאַגען . . איך דערבייא זיא פעראַנטוואָרטעט . .

זיא וויל ניט מעהר רעדען דעריבער . . אונד ערוואַרטעט איהרע מוטטער . . ענדליך ציהט זיא דעם גלאָקען שנור . . דער קליינער קעלנער ערשיינט . . שיק אַריין דיא מוטטער . . גלייך זאָגט ער , אונד געהט וועק . . וועהרענד אין איינגע מענוטען ערשיינט בראַנדעל זעלבסט מיט איהרע שוואַרצע לאָקען. שפּיעלפאָגעל מאַכט איהר דעם גרויסען קאָמפּלימענט . . זיא ערווידערט איהם . . אַ . . . אַ גאַסט בייא אינז . . זאָגט זיא . . וואַס פיר איין גאַסט זאָגט שפּיעלפאָגעל . . איך בין יוא בייא איך שטענדיג אין הויז . . יוא זאָגט בראַנדעל . אָבער בייא אינז אין צימער זענט איהר אַ גאַסט . . נאָר ניט צו לאַססט . . זאָגט שפּיעלפאָגעל מיט אַ שמייכעל . . צו לאַססט ? . טיהט זיך בראַנדעל אַ חאַפּ . . . בעהיטע דער הימעל . . . באַלד דאַרויף קומט

אַריין זשאַנעטיקע מיט אַ טאַץ דולשטעץ . אונד שטעלט פיר דעם פאָגעל . . אין בעט איהם ער זאָל געניעסען . . ער טיהט צי ליעב אונד געניעסט . . ער מאַכט זיך דערבייא איין ציגאַרע אונד ערוואַרטעט דער בייא שוין זיין ריכטיגען אורטהייל . . . בראַנדעל פאָן איהרער זייטע ווייסט נאָך ניט וואָס פיר איין געשפרעך צישען זייא איזט פאָרגעקימען . . זאָ ערוואַרטעט זיא פאָן זייא וואָרטען צו הערין . שפיעלפאָגעל עפענט זיך אויך ניט דאָס מויל אין איינען געשפרעך איינצוגעהען . . זאָ פאַנגט איין קאַראָלינע צי שפרעכען אונד זאָגט דיא הערסט מוטטער ! דער העררר שפיעלפאָגעל האַט צו אונז פראַטענציאָנען . אונד זאָגאַר מיט רעכט . פראַטענציאָנען ? פראַגט בראַנדעל פערוואונדערט . . יוא זאָגט קאַראָלינע אונד רעפעטירט דערבייא זיינע וואָרטען .

קוים האַט בראַנדעל דאָס דערהערט איזט אין איהר יעדעם אבר אויפגעמונטערט געוואָרען . . דאַן זאָגט ווידעראום קאַראָלינע זאָפיעל איזט . וויר האַבען צוטהען . מיט איין געשייטען מאַנן זאָגאַר אַ עדעלמאַן . . וויל זיין אורטהייל איזט מיט רעכט אונד געפין מיר קיין שולד דערבייא . . יוא זאָגט בראַנדעל . אַז מען וויל זיבען מענטשליך . . אויך עדעלקייט . . זאָ פינדעט מען אָם מייסטען טהייל בייא דיא רוסישע . . איך דאַנק פיר דעם קאָמפלימענט . . זאָגט שפיעלפאָגעל . . ( אונד איזט דערבייא אַביסעל רויט געוואָרען ) דענקען זיא דאָס ניט מאַדאַם עס גיבט פערשיעדינע כאַראַקטערע איין רוסעגלאַנד זאָ גיט וויא היער . . דורך איינעם קען מען ניט קריטיזירען אויף אַללע . . בראַנדעל פאָן איהר זייט וועהרענד זיא האַט שוין זיין געשפרעך אויסגעהערט זאָגט זיא מיט פאָלל שמייכעל . . הערען זיא יונגער העררר , דעם טאַג וועהרענד זיא האַבען מיין הויז בעטרעטען . אונד וויא לויט מיין מאַנן האַט איך פאָהרגעשטעלט, האַבען מיר באַלד מיינע געדאַנקען געצילעט . אַז זאָ איינער וויא זיא . . האַט גאָטט מיר איין שטיעב צי געשיקט פיר מיין קאַראָלינען . . זאָפיעל עס וואַר איין איבערשלאַג . וגיא איהנען בעקאַנט איזט . . נאָר עס איז אַלעקציע פיר קינדער . . איך איינע האַבע פאָם ערסטען מאָמענט ניט בעשטאַגען . . וויל איך האַבע

איהם אַנערקענט פיר איין לייכזיניגען יונג. (עס פערגעהט איי־
ניגע מענוטען מיט שטיל שוויגען)

ענדליך. זאָגט ווידערום בראַנדעל. מיינע ליעבע קינדער.
איך זעה עס איזט פאָן גאָטט. זאָ האָט זיך בעדאַרפט מאַכען אַז
פאָן דער גאַנצער געשיכטע וואָס מיט מיין קינד פאַסירט האָט..
זאל מען זיך פיר איין ביישפיעל נעהמען. אַז יעדער דאַרף זיך
אָנמעסטען זיין גראַד.. דאַהער! אום איך זאָל אייך ערשפאַרען
וואָרטען.. זאָ געפין איך אַללס מוטטער דאָס גאָטט האָט ז״א
ציגעשיקט אייגענס פיר מיין קינד.. זענען זיא דאַפיר..הער״ר!
שפיעלפאָגעל? עס האָט זיך זיינע קאָלירען אין דעם מאָמענט
געוועקסעלט, אונד איזט דער ביא אַביסעל איבערראַשט געוואָ־
רען. אַבער באַלד האָט ער זיך מוטה געמאַכט. אונד שפרינגט
אויף פאָן זיין זעסעל. דיא ציטערנע. האַנד אויסשטרעקענדיג
צי קאַראָלינען עס זאָלל זיין מיט גליק.. קאַראָלינע נעמט ביא
איהם דיא האַנד. אָהנע אַ וואָרט צו רעדען. אונד איהר גע־
זיכט איזט דער ביא קאָלירט געוואָרען מיט רויטען. אַלזאָ זאָגט
ווידערום שפיעלפאָגעל מיט מוטה. וויא איזט דער פאַפאַ? (וויל
ער האט פשוט געוואָלט זיך פערפעסטיגען. איינסווייל האָט ער
מיט פרויען, זא וויל ער וועניגסטען מיט דעם פיפערנאָטער אַ האַנד
מאַכען) דער פאַפאַ. זאָגט קאַראָלינע. עפּ״ס איזט ער אונוואָהל
(לויטער אונוואָהל טראַכט ער ביא זיך פראַנץ אונוואָהל דיא מוטטער
אונוואָהל דער פאַפאַ אונוואָהל..) אין דעססען מוטטער לאָסס
איהם אַריין קוממען, בראַנדעל געהט זעלבסט איהם ריעפען..
וואהרשיינליך האָט זיא בעדאַרפט איהם וואָס אויסצושטעלען.
זאָ בלייבען דאָס פאַאַר אַליין אין צימער זייא זיצען ביידע וויא
שטים, אַבער שפיעלפאָגעל קען זיך ניט מעהר איינהאַלטען אונד
געהט צו איהר צו אונד גיט איהר אַ הייסען קוסס.. אין זאָגט
דערביא דאָס איזט ביא מיר מעהר געזיכערט וויא דיא האַנד.
קאַראָלינע וואָס האָט דאָס ערוואַרטעט. איזט דערפאָן צופריעדען
געוועזען, אזו פיעל טראַכט זיא ביא זיך זאָלכע אַנגאַבען האַבע
איך שוין פיעל געהאַט.. נאָר מן הסתם איזט דער שוין פאָן
גאָטט אליין.

אויף איינמאַהל עפענט זיך דיא טיהר אונד עס ערשיינט

(בכבודו ובעצמו) ר׳ חיים שמעלקע עס הייסט דער געוועזענער אָבגעשווירענער פּיפּערנאָטער אַבער ניט מיט דער טראַגע וועהרענד ער איסט געוועזען ביים באַנקער צאַפּפּענשטרייך . . אויך ניט מיט דער טראַגע וועהרענד זייא האַבען געלאַדען אַללע פריינדען אויף תנאים . . אויך ניט מיט דער טראַגע וועהרענד ער האָט זיך ציקיסט מיט ר׳ שאַבנע שיפּיר פאַר יענע תנאים (ניט ציגד געדאַכט) פאָהרלעזען . . וואָס דען ? . מיט אַ גאַנץ איינפאַכע לאַנגע קאַפּאָטע . . מיט אַ גאַרטעל . אַרים געגאַרטעלט . . אַ האָזענעם קאַפּולימש מיט אַ ברייטער ראַנד עס הייסט רביש . . זאָ פּיעל זי ן מאָרדע אינטער געבינדען מיט אַ גראָבער פאַטשיילע . . בייא זיין אַריין קיממען האָט זיך שפּיעלפאָגעל אויפגעהויבען . . אונד אים דיא האַנד געדריקט . . פּיפּערנאָטער זעצט זיך נעבען איהם אין שוואַגט . . זיין נאראוו אַבער זאָ איזט איהם נאָך געבליבען ער זאָל זיך דרעהן דיא וואָנצע דער פאָגעל וויל זיך אום זוכען מיט אים אויך עטוואָס צו רעדען . . זאָ פראַגט ער אים וואָס געהט איהר פערבּנדען ? . העדר ! פּיפּערנאָטער . . שיניים וועטיג . . ניט פיר אייך געזאָגט אַנטוואָרט ער באַלד . . וויול פיר אַידען האָט ער דעם תירוץ באַניטצט . בראַנדעל ריעפט זיך באַלד אָן . ווייסט וואָס נייעס ? . חיים שמעלקע . . דער יונגער מאַנן וויל אינזער טאָבטער קאַראָלינע פיר אַ פרויא . . דער פּיפּערנאָטער שטעלט אויף דער בייא דיא אויערען . אין באַלעקט זיך דאַן זאָגט ער אַזו ? אינזער קרענצלע פיר אַ ווייב . . . לאָז גאָטט געבען עס זאָל זיין אין אַ גיטער שעה . . (אָמן זאָגען זייא שטילערהייט) . ווען אַזו ? . זאָגט פּיפּערנאָטער היים אָנצאַפּען אַ פלאַש וויין . אונד איך וועל טרינקען צי איהם לחיים אַז עס זאָל טאַקע זיין אין אַ גיטער שעה . . (דאָס איסט דאָך בייא אים דער עיקר טראַכט בראַנדעל . .)

בראַנדעל לאָזט ריפען דעם קעלנער . . פראַגץ ערשיינט באַלד אונד באַטראַכט זייא אַללע מיט זייטען בליקען .

(אַ . . טראַכט ער בייא זיך וויא לויט עס זעהט אויס האָבען זייא שוין נעשאָסען דעם פאָגעל . . אַבער בעסער צו זאָגען אין דער נעטץ אַריין געחאַפּט . . .) זיא וואונטשען מאַדאַם ? צאַפּ אָן אַ פלאַש וויין פאָם גוטען . . גלייך זאָגט פראַגץ ער געהט

אַב אין טיהט דערביא אַ קיק צום שפּיעלפֿאָגעל . מיט אַשמייכעל . . אונד טראַכט בייא זיך ענדליך דיא רוסישער פֿאָגעל . האָסט דיר דיין ווינטש ערפֿיהלט . . אַבער פֿראַנץ האָט נאָך פֿאָן דיר פֿיעל צי פֿאָדערען . . מיין ניט זאָ לייכט . . ווערסט דיא פֿראַנצען אָב קימען . . אונד געהט מיט דיא געדאַנקען ארוים פֿאָם צימער אונד שיקט דעם אונטער קעלנער וויין אַריין צוגעבען צי קאַראָלינען אין צימער . עס איזט באַלד געשעהען . .

מען ברענגט אַריין וויין . אויך בראַנדעל פֿאָן איהר זייטע צו צובייסען ר' חיים שמעלקע גיסט אָן דיא גלעזער אין פֿערר קאַטשעט זיך דיא אַרבעל אין שטרעקט זיין האַנד צים פֿאָגעל לחיים . . אונד ווינטשט דערבייא ער זאָל זיך מיט איהר עלטערען אין עושר אונד אין כבוד . . קורץ גערעדט מען האָט זיך צישען זיך אַביסעל אונטערהאַלטען . דאַן קלעהרט אַביסעל בראַנדעל מען מוס יוא תנאים שרייבען . . זיא האָט דאָס באַלד פֿאַר זייא פֿאָהרגעלעגט . עס איזט געבליבען מען זאָל ריפען דעם אַלטען שוחט מיט אַ פּאַאר אונבעקאַנטע בטלנים זאָלען בייא וואָהנען דיא תנאים . אויך דער בייא עדות זיין . .

בראַנדעל ריפט אַריין פֿראַנצען . אונד ראַהמט איהם דאָס אַללעס אין . פֿראַנץ זאָגט פֿערלאָסט איך אויף מיר מאַדאַם ? פֿראַנץ ווייסט שוין וואָס ער האָט צו טוהען . . אַבער באופן זאָגט איהם בראַנדעל שטילערהייט . עס זאָל ניעמאַנד דער פֿאָן וויסען . . בעהיטע דער הימעל זאָגט פֿראַנץ . וועק געהענדיג . .

קורץ ביז אין איינער שטונדע האָט פֿראַנץ מיט זיך געבראַכט דעם אַלטען שוחט מיט אייניגע בטלנים מען האָט געשריבען תנאים נדן האָט זיך געהייסען דער התן איינשרייבען 10 טויזענד רובעל . . אונד דאַן האָט מען זיך אַביסעל גוט אינטערהאַלטען . . ענדליך האָט מען דיא בטלנים אָבגעשאַפט . שפּיעלפֿאָגעל נעמט ארוים 2 הונדערטער אונד מיט דעם וואָס ער האָט געלינגען איזט 300 אונד גיט קאַראָלינען . מיט העכסט צו פֿרידענהייט נעהמט בייא איהם קאַראָלינע צו דעם פּראָזענט . . אונד דאַנקט איהם מיט אַ פֿערניג . . אונד דערבייא איהם איינגעייגט איהרע בליקען . . אונד איהר געזיכט האָט געשטראַהללט אין איהר אַז דער פֿאָגעל איזט צו מישט געוואָרען אין דעם מאָמענט . . ער

האָט כמעט ניט געוויסט וואָס מיט איהם קימט פאָהר . . אָהנגע זיך זאָ וויט צי פערדרעבענען . . קורץ דיא היימישע האָבען זיך נאָך איניגע שטונדען פערנעהמען דאַן איזט אַ יעדער פאָן זייא געגאַנגען זיך אויסריהען . . אבער יעדער איינציגער פאָן זייא איזט פיעל פרייד געוועהן . .

שפיעלפאָגעל איזט געגאַנגען אין זיין צימער דערבייא האָט אים פראַנץ בעגלייט . . דאַן זעצען זייא זיך נאָך ביידע אונד פראַנץ זאָגט צו איהם זאָ ? הערר שפיעלפאָגעל . . וואַס זאַגען זיא דערצי וואָס פראַנץ קען ? . . יוא עס איזט וואַהר . . זאָגט שפיעלפאָגעל . . פראַנץ איזט אַ געשייטער יונג ניט נאָר אַ גע־שייטער יונג . . זאגט פראַנץ . . טאַקע אונגאַטש מיט ביינער . . ניכט וואַהר ? . יוא . יוא . . זאָגט שפיעלפאָגעל . . אונד איזט שאָהן דערבייא נייגעהריג צי הערין וואָס ער וויל דערמיט

ענדליך זאָגט פראַנץ אַבער הערר שפיעלפאָגעל יעטצט וויל איך טאַקע וויסען וויא איך האַלט מיט אייך . .

שפיעלפאָגעל האָט זיך פערטראַכט . . אונד בערעכענט זיך ער בלייבט שוין באַלד ריין פאָן זיין קאַפיטאַל . . וואָס וועט ער אָנהייבען צוטוהען ? . . ענדליך זאָגט ער צו איהם אַלזאָ פראַנץ וויפיעל פעררעכענסט דיא נאָך בייא מיר . וויפיעל ? . זאָגט ער איינס וויל האָט איהר מיר נאר 5 רובעל געגעבען אונד ביז וויפיעל רעכענסט דיא ? . נאַך קורצען נאַבדענקען זאָגט ער ווע־ניגסטען ביז פינפציג רובעל . . .

צו פיעל זאָגט דער פאָגעל . . איך דענק נאָר דיא העלפטע . . . מעהר האָט זיא בייא אייך ניט דיא וועהרט ? . פרעגט פראַנץ (אונד דיא צייכנעס פאָן זיין געזיכט צייגען דאָס ער איסט פאָלל צופריעדען . .) זיא ? זאָגט דער פאָגעל האט בייא מיר פיעל דיא וועהרט אַבער דיא מיין אויך דאַרפסט דערמיט צו פריעדען זיין . .

אַלזאָ זאָגט פראַנץ זאָל דאָס געשעהען . . יוא ליעבער פראַנץ . . עס איזט איינמאַהל הייליג . . וויר בלייבען דאָך שאָהן צוזאַממען . . יוא יוא. הייליג זאָגט פראַנץ צי גלעזליך מאַסטיק . . ער נעהמט אַרויס פאָן זיין רענצעל אַ פלעשעל מאַסטיק . אונד מען טרינקט מיט פראַנץ אַלדעמאַש פראַנץ וואונטשט איהם צי פאָן זייגער זייטע אַללעס גוטעס . . שפיעלפאָגעל קיקט אויף זיין זייגער .

אַ. עס איזט שוין שפּעהט .. איך וויל מיך שאָהן אַבּיסעל אויס־ריהען . . . מיט פערגעניגען . זאָגט פראַנץ אונד נעמט בּייא איהם דיא האַנד . . גוטע נאַכט . . ערווידערט ער איהם . . אונד פערלאָסט איהם . .

שפּיעלפאָגעל נעמט זיך קיין שלאָף .. עס פאַנגען אין איהם איין ווידערום אַ יעדעס אבר צו קאָכען . . ער פערמאָגט נאָר נאָך קנאַפּע . 2 הונדערטער . . וואָס וועט ער דאַן טיהען ? . תיכף נאַך זיין הייראַהטען . . וואָס מאַכט ער . . ער האָט זיך פערפליכטעט 10 טויזענד רובעל . . וואָס פיר אַפּנים וועל איך האָבען ?.. אַ.. זיא האָט בּייא מיר פיעל מעהר דיא וועהרט .. ניט אומזאָנסט האָבען מיך מיינע געדאַנקען צו פאָהר געפּלאָגט . · איך זאָל ליעבּערסט ניט איין געהין . . פאָן מעניט צו מעניט איזט ער ערגער ציקאָכט געוואָרען . . .

ענדליך ערוועקט זיך אין איהם דער צווייטער געדאַנק . וואָס איזט מיט מיר . . מאַכט זיך דען ניט מעהרערע זאָלכע פעללע . . וואָס איין מאַנן זאָגט צו אַ פערמעגען . . אַם ענדע האָט ער ניכטס . . אַלזאָ . ? איזט נאָר דורך געלד דאַרף דיא פרויא איינגעהין . . זאָגסט . . האָט דער מאַנן בּייא איהר קיינע ווערהטה ? נעהמען וויר איין איך האַבּע געהאַט . אונד האַבּע אין איינע קורצער צייט פערלאָרען . זאָ בּין איך מעהר פיר קיין מאַנן גער־רעכענט ?.. איך גלויבע קוים.. (טרייסט ער זיך זעלבּסט...) איך זעה דיא מענטשען זענען העכסט צו פריעדען גלייך וויא איך בּין בּייא זייא אין הערץ דאַס זייא טראַכטען בּייא זיך זאָלען וויסען אַז קאַראָלינע וועט בּייא מיר דעם 3 טען טאָג טריקען בּרויט עססען וועט זיא זיך דערבּייא גליקליך שעטצען . וויא לויט פיר איינע שאַנדע זייא האָבען איינגענעמען . . . זאָ גלויב איך זיא וועט מיר זיין אינטערטעניג . . . אונד וועט זיך מיר אַללעס נאַכגעבען . זאָגאַר גלייך מיט מיר דיא לאַסט טראַגען וויא אינטער איין ארדענטלעכעס פּאַאַר דאַרף אויך צו זיין . אויך גלויבע איך . קוים זיא וועט מיך דערבּייא ליעבען . זאָ וועט זיא שאָהן פערגעססען אין דיא טויזענדער . . : איינמוויל האַבּע איך דעם תירוץ . דאָס איך דאַרף בּעקוממען פאָן צו הויז . . זאָ גלויב איך זיא וועט זיך פּאַססען אין ערגסטען פאַלל מיט מיר . . .

קוים ניט ? . . זאָ ווײס איך . . . (אַבער ער וויל מעהר ניט טראַכטען . . ווארום זאָל איך מיר זעלבסט דאָס הערץ שווער מאַכען . . . אינכווייל האָבע איך עס ניט אויסגעאַרבייטעט . . . ער לעגט זיך שלאָפען . . אַבער ער קען ניט . זאָ ליגט ער אויף זיין געלעגער . שטאַט שלאָפען . שוועבין אין איהם פער־שיעדענע געדאַנקען . .

בראַנדעל אויך קאַראָלינע זענין געזעסטען ביז אין טאָג . . . אונד ציישען זיך געשפּראָכען . . זעה מיין קינד וויא אַ מענטש דאַרף זיין האָפפענונג ניט פערליערען . גלייך ווען ער איז נאָר צו אונז געקומען איזט ער מיר געפעלען . דער זעהט אויס אַ נגידיש קינד צו זיין אַקלעגיקייט 10 טויזענד רובעל נדן דאָס הייסט אויף אונזער געלד 30 טויזענד פר. . . איך פערשטעה דאַס האָט ער בלאָס זיין אייגענס ציגעזאָגט . . אונד גלויבע דאָס ער וועט צו זיינע עלטערען אויך שרייבען . . וועט ער נאָך אַ מאָהל זאָ פיעל בעקומען . . נאָר ער איזט געשייט ער וויל אונז ערסט דערנאָך איבערראַשען . . . אין נאָך עפּיס זאָגט בראַנדעל . . ער זעהט אויס אויך איין גוטמוטיגער יונג צו זיין . . דיא קענסט נאָך בייא איהם פועלען דאַס ער זאָל פאָן זיין קאַפּיטאַל אויך פיר אונזער זשאַנעטין אויסבאָרגען אַ פּאַאַר טויזענד רובעל . זאָ וועט איהר מיט גאָטטעס הילפע ביידע זיין פערזאָרגט . . (אַ נייא האָפפענונג . . מיט אַ שפּוגעל נייא גליק שאָהן . .)

מוטטער זאָגט קאַראָלינע אויף ווען האָט מען דיא האָבצייט בעשטימט ? . דאָס וועלען וויר שוין ציישען זיך אַראַנשזירען . . איך ווערדע דיעזע וואָך איין מאָהלצייט מאַכען . . אונד איהם לאַדען . זאָ ווערדען מיר שוין אָרדנען אַבער . איך גלויבע העכס־טען ביז פינפצעהן טאָג איך וויל ניט עס זאָל אַריין אין דער לאַנגער באַנק . . מיר האָבען גענוג שונאים . זאָ . קען זיך נאָך איינער געפינען אונד אָנביללען . .

קורץ דיא נאַכט איזט פאָרואיבער . . 8 דעם זייגער האָט קאַראָלינע אַריין געשיקט פראַנצען זאָל זעהן אויב דער פאָגעל איזט שוין אויפגעשטאַנען . . פראַנץ געהט גלייך אונד קלאַפּט שטילערהייט אָן אין דער טיהר . העריין . הערט זיך פאָן אינ־וועניג . . דיא טיהר עפענט זיך פראַנץ קומט אַריין אונד ניט

איהם אָב דעם גוטען מאָרגען . . מיט אַ שמייכיל אָ , איהר זענט שוין אויף דיא פיעס ? . זאָגט פראַנץ פריילין קאַראָלינע האָט מיך געשיקט זעהין . . אום זאָל איך דיא קאַפפע אַריין שיקען . גיב איהר מיין דאַנק פראַנץ. וואָס זיא אינטערעסירט זיך וועגען מיינער זאָוויט . . וואָס נאָך טוהט זיך ?. וואָס זאָל זיך טיהען זאָגט פראַנץ . . איינסווייל האָט זיך שוין געטיהען . . אונד וויר האָפפען אויך אויף וויטער . . יוא . יוא . זאָגט שפיעלפאָגעל אינד גיט איהם דער ביא אַ ציגאַרע . . פראַנץ דאַנקט איהם אונד לאָסט זיך באַלד צוריק געהין זאָגען דאָס ער איזט שוין אויף . . מיין בעסטען גרוסס צי איהר פראַנץ זאָלכט אבגעבען אָ . יאָ .

ער געהט וועק אונד גיט אַלעס איבער קאַראָלינען זאָ נעהמט קאַראָלינע אויף אַ טאַץ פיטער גיבעקס מיט קאַפפע אונד שיקט דאָס מיט דעם קליינעם קעלנער . ער ברענגט דאָס צי שפיעלפאָגעל אַריין . . אונד שטעלט פיר איהם אונד געהט באַלד וועק . . אַ רעד ער צי זיך . איך האַבע איין פעלער בעגאַנגען . . וואָס האַבע איך ניט אוים געשמיעסט דיא האָבצייט זאָל וויא אַם שנעלסטען זיין . . איך וויל דאָ פיעל ניט שפיקולירען . . וויל פיליכט קען זייא נאָך איין געדאַנק קימען דאָס איך זאָל דעם נדן בעלעגען . . איך גלויבע אייגענטליך ניט . . אַבער עס קען זיך מאַכען . . אויף דער היימער שעה זענין זייא ביא זיך נאָך געפאַללען . אַבער קוים וועט זייער ניעדערלאַגע אַביסעל פערגעססען ווערדען . זאָ קענען זייא שוין אויף פערגעסען וואָס מיט זייא פאַסירט האָט זאָ קען דיא שטאָלצע פריילין ווידערום איהר שטאָלץ אַפיר נעהמען . . אונד טאַקע וועלין מיט דיא אויגען זעהין צי האַבע איך ריכטיג דאַס געלד . . . אונד קוים וועל איך מיך ניט איבערצייגען. זאָ קען דאָס גאַנצע צי נישט ווערין . .

אַ דער ערסטער פערלאַנג מיינער וועט זיין אַז העכסטען ביז 15 טאַגע זאָל דיא האָבצייט געשעהען . . אום זייא זאָלען קיינע צייט האָבען פיעל איבער מיך צו פאָרשטען . .

ער נעהמט זיך דיא קאַפעה טרינקען . . יעדאָך וואָס פיר אַ תירוץ וועל איך זייא זאָגען פיליכט פראַגט מען מיך דאָך אויף מיין קאַפיטאַל . . (ער דענקט אַביסעל נאָך . .) אַ ריכטיג איך האַבע שוין אַ תירוץ מיט אַ פלאַן דער צו . .

בראַנדעל האָט בעשטימט דעם צוויטען טאָג איין מאָהלצייט אנד עס איז ריכטיג געשעהען אַבער נאָר פיר היימישע פאַמיליע. וואָס זינד בעשטאַנען בראַנדעל מיט פיפערנאָטער. קאַראָלינע מיט איהר שוועסטער אונד שפּיעלפאָגעל.. אַזוי פיעל פּיפערנאָטערס שוועסטער האָט נאָר אויס געפעהלט.. ווייל ער האָט זיך שוין ניט מעהר אַוועק געלעגט וויא ביוא יענע תנאים ניט אַצינד געדאַכט.. דעם אַנדערען טאָג אַרום 12 האָט מען געדעקט אַ שענעם טיש וועלכעס דיא גליקליכע פאַמיליע האָבען זיך שוין אַללע געפינען. נאָר וואָס שפּיעלפאָגעל האָט נאָך אויס געפעהלט. ווייל ער איזט דאַמאַלס גראַדע זיך געגאַנגען ראַזירען.. זאָ האָט מען נאָר איהם ערוואַרטעט.. אינסוויל בעשפּרעכען זיך דיא פאַמיליע צישען זיך אַז דער ערסטער פונקט זאָל מען איהם פאָהרלעגען אַז דיא האָכצייט זאָל באַלד געשעהען... פּיפערנאָטער האָט זיך אַפילו דערביא אָנגעריפען מען דאַרף איהם הייסען דעם נדן איינלעגען.. אַבער בראַנדעל טיהט באַלד אַ גישרייא שטיל לאָקש.. עס איזט ניט דיין געשעפט.. אַ דאָ איזט פּיפערנאָטער ווילד אין כעס געוואָרען אין טוהט אויך דערביא אַ גישרייא עס איזט יוא מיין געשעפט אזו גיט וויא דיינס... קורץ דורך דעם גישעפט איזט שיער אַרויס אַ שקאַנדאַל.. צישען זייא.. זאָ פיעל פראַנץ איז באַלד אַריין געקימען אונד זאָגט דער ה' שפּיעלפאָגעל איזט שאָהן דאַ.. זאָל איך איהם אַריין שיקען? יוא זאָגט בראַנדעל.. אויך קאַראָלינע.. אַבער דער פּיפערנאָטער טיהט אַ גישרייא ניין... אַז דיא פענצטער האָבען געקלינגען דא זענען זייא אַללע געבליבען טויד... אויך פראַנץ האָט ניט פערשטאַנען וואָס דאָ קימט פאָהר. זייא האָבען אַקיק געטוהען דאַ איזט אַשלעכט פעקעל מיט איהם זאָ האָט בראַנדעל שוין מיט וויכע רייד אָנגעהויבען מיט איהם צי שמיעסען. חיים שמעלקע! מאַך ניט קיין לאַטיש גע־לעכטער.. אויף וועניג געלעכטער זענען וויר איבערגעקימען.. ווילסט יעטצט נאָכמאַלס מאַכען? קאַראָלינע האָט דערביא אָנגעהויבען צי וויינען. אונד בעהט איהם מיט גיטען וואָס ער וויל... וואָס איך וויל? פראַגסט דיא נאָך?... וואָס האָט זיא צי זאָגען אַז עס איזט ניט מיין געשעפט?.. וואָס בין איך אַ פרעמדער?. אַ?..

קוים זייא האבען אללע איהם גענומען בעשטעטיגען אז עס איזט יוא זיין געשעפט. . אונד דעם פעס פאם פיפערנאטער האט זיך ביטליך וויס געשטילט . .

ריעף אדיין דאס פאדראדשיקעל מראגין... טוהט פיפער־נאטער א גישריוא (געפיפעריש..) עס זאל הייסען אז ער האט געזיעגט . . פראגין געהט וועק פאן דארט ער ציהט אויף מיט דיא אקסעל . אונד באמעלט הלומות אויף זייא . אונד רעדט צו זיך האסט דיר מיין געשעפט . דיין געשעפט... דיא מענטשען קימען מיר מעהר נאר ווייא רייך משוגע.. צו זיינט זייא האבען דעם מאללער מיט צאפפענשטריך געלימטען ? . צו פאן תמיד.... אונד קימט אריין מיט דיא געדאנקען צום שפיעלפאגעל אין צימער ה' שפיעלפאגעל ! מען בעהט איך צו מישע . זייא ווארטען שאהן אללע אויף איך . . א . . גליך זאגט ער . אונד קלוי־דעט זיך אן . . .

קאראָלינע האט זיך אום געוואשען דיא אויגען . מען זאל ניט ערקענען דאס זיא האט געוויינט . . אונד שטעהט ביים שפיעגעל . מיטען שאכטעל פודער . . איך בראנדעל ביים אנ־דערען שפיעגעל שווארצט צו אביסעל איהרע גרויע לאקען . . . דער פיפערנאטער דרעהט זיך ארום איבערן צימער מיט שטאלץ . ער האט געזיעגט . דאס געשעפט איז געבליבען זיינס . . . אונד טוהט דערביא אויף אקוק אין שפיגעל אויפבינדענדיג דיא פאטשיילע אונד בעטראכט דערביא זיין באָרד . אויב ער מעג זיא שוין בעפרייען פאן דער פאטשיילע . . . ניין טראכט ער ביא זיך . . זיא קריכט זייער לאנגזאם ארוים . . עס מוסט נאך דויערען א פאאר וואכען . . איך גלויבע טראכט ער ביא זיך אז א"ה אויף קרענצעלעס חתונה וועל איך זיא שוין בעגייען . . . עס הערט זיך לייכט אין דער טיהר אנקלאפפען . . העריין . . הערט זיך פאן אללע וואס ווארען אין צימער אונד טיהען דערביא א וואָרף מיט דיא שאכטעל פאדער . . דיא טיהר עפענט זיך דער שפיעלפאגעל ערשיינט אונד געהט צו צום פיפערנאטער אונד קיסט איהם דיא האנד . . דאן צו בראנדעלען . דאן דריקט ער קאראָלינען דיא האנד . . אויך זשאנעטען .

מען הייסט איהם זיצען . . ער זעצט זיך . . זייא האבען

צישען זיך איינינע ווארטען געוועקסעלט . דאַן זאָגט בראַנדעל
אַלזאָ . . קינדער ! געהן וויר צו טישע פּיפּערנאָטער שאַפּט מען
זאָל דערלאַנגען וואַסער צו וואַשען זיך עס איזט באַלד געשעהען .
דער פּיפּערנאָטער וואַשט זיך . דאַן דער שפּיעלפּאָגעל . מען
זעצט זיך אַרים טיש אונד מען פּערברענגט דערבייא אַפּרייליעבען
טיש אונד זענען אַללע אויפגעמונטערט פּריילעך . זאָ ריעפט זיך
אָן דער שפּיעלפּאָגעל (אַבער ווארום זאָלען וויר איהם שאָן ניט
רופען בייא זיין רעכטען נאָמען ? . ער האט בלאָסס זיין צונאמען
פערוועקסעלט פאָן גאָלאָנעסקאָ אויף שפּיעלפּאָגעל . . אַבער זיין
נאָמען איזט אַללים מאַקס . .) זאָ זאָגט מאַקס צי בראַנדלען איין
הויפּט אַרטיקעל האַבע איך זאָללען פאַהרלעגען נאָך בייא דיא
תנאים שרייבען . לייַדער איזט מיר דאָס פּאָס קאָפּף אַרויס . .
(געהמליך ? פּראַגט איהם בראַנדעל) וויל זאָגט ער ווידערום
עס איזט בייא מיר איין הויפּט פּונקט . . זיא מיססען וויסען
מוטטער . זאָגט ער צי בראַנדלען . דאָס איך האַבע איין גרויסען
פעהלער בעגאַנגען געגען מיינע עלטערען אָהנע אין זייא זיך
אַנצופראַגען . . האַבע איך אויף מיר זעלבסט געשטעללט . . .
דיא אורזאַכע דער פאָן וועל איך איהנען אויך זאָגען . ביים ערסטען
מאָמענט וואָס האַבע איער טאָכטער קענען געלעהרענט . זאָ
איזט זיא מיר געפאַלען . . (ער וואַרפט דערבייא איין זייטען
בליק צו קאַראָלינען . זיא שמייכעלט דערבייא .) זאָ פיעל האַבע
עס ניט וואָלען איינטראַגען . וויל עס האָט געהייסען דאַס זיא
איזט פערגעבען צו איין אַנדערען . . (אַ געדישיטען זיפץ האָט
זיך אַרויס געריסען מיט ווידערוויללען פאָן קאַראָלינעס הערץ
דערבייא . .) אַבער יעטצט אַז גאָטט האָט אזו געפיהרט . זאָ
בין איך קודם געזאָנען געוועהען אין מיינע עלטערען זיך אַנצור
פראַגען . . האַבע איך צוריק בערעכענט אַז אויף קיינען פּרייז
וואָלטען זייא דאָס מיר ניט ערלויבט . . וויל מיין פאָטער שפּיעלט
דאָרט אין זיין שטאָדט איינע שעהנע ראָללע אויך איזט ער דערבייא
אַ גרויסער עושר . געוויס וואָלט ער וואָלען מיט מיר איין שידוך
טוהן נאָך זיין וואונטש . . (בראַנדעל מיט קאַראָלינען קיקען זיך
דערבייא אָן .) דאַדורך האַבע איך זייא ניט געשריבען . וואַס
וויל איך דערמיט אויסברענגען ? . אַז דיא האָכצייט זאָל וויא

אין שנעלסטען זיין .. ווייל איך רעכט מיך א טאָג . אין אַ טאָג אַז מיין פאַטער זאָל קימען . זאָל ה"ו ניט פאָהר קימען אַ שטעהרינג . . זענט איהר דאַפיר ? מוטטער . . .

(בראַנדעל וואַרפט איהרע בליקען דערביא צו קאַראָלינען מיט פאָלל פרייד . . וויא איינער רעד גלייך וויא ער איזט אין זייער הערץ וואָס פערלאַנגען דעם זעלבען וואונטש . .) בראַנדעל מיט איהר גניבישען ספאָדעק האָט שוין דערביא דאָס געלעגענהייט חן צו מאַכען . . זאָ זאָגט זיא צו איהם וואָס רעדסט דיא מיין קינד ? . וויא אין שנעלסטען ?. עס פעהלט איהר נאָך אויס צו איהר אויסשטאַפירונג . . קען דאָס זאָ שנעל פערטיג וועהרען ? . מוטטער טוהט מאַכס אַ גישרייא מיט איין ערענסטען טאָהן . איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען . . איהר זענט ניט בעקאַנט אין דיא רוסישע כאַראַקטערע . . . איך קוק אויף קיינע בייזאַכען . . איך געה איין מיט אייער טאָכטער אַ לעבען צו פיהרען . . וואָס אַנדערס אַנבעלאַנגט . . . איזט מיינע זאַכע . . דאָס האָט אייך ניט צו קיממערען . . (בראַנדעל מיט קאַראָלינען בלייבען דערביא זיצען מיט טרעהרען אין דיא אויגען פיר פריידע .) אויך דער פיפערנאָטער וואָס האָט ביז יעטצט זיינע אויערען געשפיצט אונד אויסגעהערט דאָס גאַנצע געשפרעך פאָן מאַקסען . אַזו וויא ער האָט פיר זיך געהאַלטען זיין גלעזעל וויין צו טרינקען זאָ טוהט ער אַ גישרייא לחיים . . מאַקסעל . . . אונד צו קיסט זיך דערביא מיט איהם . . אויך בראַנדעל גיסט דערביא אָן דיא גלעזער אונד מען טרינקט צום וואָהל זיין שלאָגענדיג אין דיא גלעזער . . עס האט זיך פערנעהמען איינגע שטונדען מיט לוסטיגהייט . . דאַן זענען זייא אַיעדער אין זיין צימער געגאַנגען זיך אויס צו רוהען . . ביים וועק געהן זאָגט בראַנדעל אַלזאָ מאַקסעל אויף ווען ביסט דיא געזאָגען דאָס דיא האָבצייט זאָל זיין ?. וועגען מיינער נאָך דיא אַנדערע וואָך . . גוט . זאָגט בראַנדעל אונד עמפפעהלען זיך איינס פאָן עס אַנדערע .

זאָ ? זאָגט בראַנדעל צו קאַראָלינען . האָסטי דיך גערעכט זאָוואָס אַז נאָך דעם אַלימען וואָס מיט אינז פאַסירט האָט . זאָל זיך אַזו אויסלאָזען . . . יעטצט באַקענסטי שאָהן דאָס דיא האָסט איינע קלוגע מוטטער . . ווייל זאָלסט בערעכענען דאָס וואָס עס

איזט פאָהרגעקימען מיט דעם לייכטזיניגען צאַפּפּענשטרייך איזט דורך דיר . . אויך דורך דיין פאַטער . . דער חמור . . . דיא האָסט מיר מעהרערע מאָהל געזאָגט אַז איך זאָל מיך ניט מישען דיא ביסט בייא דיר מעהר וויא זיכער . . אונד דער אַלטער חמור איזט געקימען פאָלל פרייד . ער האָט שאָן אַ האַנדשלאַג געמאַכט מיט איהם אונד דיא תנאים וועט מען איהם שוין מיט דער פּאָסט צו שיקען . . זאָ ? . וואָס האַבע איך זאָלען וויסען ? . איזט בייא מיר אַזו רעכט געוועזען . . איבערהויפּט דער שאַבנע שיביר . . קיין גוטען סוף זאָל ער האָבען דער האָט מיך צום איבעריגען צום נאַאַר געמאַכט . . . ווייל אויף איהם האַבע איך מעהר געשטעלט וויא אויף דיר מיט דיין פאַטער . . אַבער דאָ וויא איך בין אין מיטען זאָ פערשטעה איך שוין בייא וואָס עס בעשטעהט . . איך ערקען גלייך דעם מענטשען . אויך מיט זיין כאַראַקטער צוזאַממען . אָט איזט דיין פאַטער דער לאָקש געזאָגט געוועזען דאָס גאַנצע צו פערדאַרבען פּליצים פאַלט איהם איין ער זאָל דעם נדן ביילעגען . . וואָס זאָגסט דיא יעטצט ? . . האָסט רעכט מוטטער זאָגט קאַראָלינע איהר אויף דעם האַלז אַרימגעהמענדיג . . איך זעה שוין אַרויס דאָס ביסט אַ געשייטע מוטטער . . אונד מעהר פאָן דיינע רייד געה איך ניט אַרויס . . . איך אַללס קינד בין בעגאַנגען איין פעהלער . . אונד דיא אַללס מוטטער דאַרפסט מיר פערצייהען . .

אַלזאָ מאַמטער דיעזע וואָך וועל איך אַריין פאָהרען אין דעם שטעדטיל פ׳ ווייל דאָרט גיבט שוין איין געוויסער האַן מיט איין גוט לאָקאַל וועלען וויר דאָרט דיא האָכצייט מאַכען . . טיה וויא דיא פערשטעהסט . זאָגט קאַראָלינע . . דיא 3 הונדערט רובעל וואָס ער האָט דיר געגעבען דאָס הייסט 12 הונדערט פר. זאלסטי דיר פיר דער האַנד קויפען וואָס נעטיג איזט . אויך דער פאָן וועט בלייבען אויף החונה שפּיזען . . אין דאַנן . . וועט ער דיך שוין אויסקליידען נאָך דיין וואָנטש . . יאָ מוטטער ! מיט וואָס בעדאַנקט מען אונזער פּראַנצען . ער האָט נעבעך זעהר ערינעמט אין דעם געאַרבייטעט . . פיעל געטרייער וויא אַ שדכן . . איינם ווייל מיט וואָס זאָלען וויר איהם בעדאַנקען ? איך גלויבע דאָס מאַנטעל וועט איהם דאַפיר גיט בעלאָהנען . . זאָ פיעל יעטצט

וועל איך איהם פּרעזענטירען דעם אַנצוג וואָס וויר האָבען געקויפט פיר דיין פאַטער דעם לאָקש ווערהענד ער האט בעדאַרפט פאָהרען צום באַנקער דיא טראַגע קאָסטעט צוריקע 2 הונדערט פר. זאָ גלויבע איך דאַס ער וועט איינסווייל צופריעדען זיין .. יוא. יוא. מוטטער מאַקע יעטצט זאָל עס געשעהען · אונד ציהט דערבייא דעם גלאָק .. פראַנץ ערשיינט . זיא וואונטשען ?. זיין אַביטעל פראַנץ זאָגט קאַראָלינע · אונד געהט צו צום שראַנקען אין נעהמט אַרויס דאָס אַללעס .. דאָ האָסטי פראַנץ אַ פּרעזענט איינסווייל פאָן אינז .. פראַנץ בלייבט שטעהן אין קיקט זייא אָן .. וואָס זאָל איך דער מיט טיהען ? פרעגט ער זייא . וואָס זאָלסט טוהען ? זאָגט קאַראָלינע מיט אַ געלעכטער נעהם מעסט דאָס אָן .. פראַנץ איזט ניט פויל . אין מעסט דאָס אָן דעם ראָק דיא הויזען דיא וועסט . אויך דעם צילענדער .. אונד דעם אָבערציהער האַלט ער אויף דער האַנד .. דאָ לאָסט אַרויס קאַראָלינע מיט בראַנדלען אַ געלעכטער מיט אַ קוויטש אַז עס האָט פּערטיבט .. פראַנץ לאַכט אויך זייער דערבייא .. אין געהט צי צום שפּיגעל אָ .. זאָגט ער איך זעה אויס וויא אַ וואַהרער ענגלענדער .. זאָ געהט ער איבערן צימער איניגע שטריטטע .. אַלזאָ . וויא נעהם איך אויך עפּיס אַ .. קאַראָלינע ... געה צום טייפעל .. זאָגט קאַראָלינע מיט אַ געלעכטער . אַלזאָ ! מען דאַרף דאָס אַביטעל ריכטען . זאָלסט געהן צו איין שניידער אונד דאָס לאַססען אויף דיר ריכטען אויף אינזער קאָסט . פראַנץ דאַנקט זייא . אין לאָזט זיך וועק געהן. וואָס טיהסט ? פראַגט איהם קאַראָלינע מיט אַ גרויס געלעכטער וויהין לאָזט דיא דיך זאָ געהן ? . איך וויל אַזו אַריין געהן צום ה' שפּיעלפּאָגעל .. געה צו מיין עלטער זיידען זאָגט קאַראָלינע טיה דיך אויס .. איינסווייל וועסט נאָך האָבען צייט דער צו .. פראַנץ טיהט זיך אויס אונד ציהט אָן זיינע קליידער . קאַראָלינע לעגט איהם דאָס אַללעס צוזאַממען . זאָלסט נאָך מאָרגען געהין צו איין שניידער אונד ער זאָל דאָס אויף דיר ריכטען .. איך דאַנק אייך פריילין .. אין געהט אַוועק . זייא האָבען זיך נאָך גוט אָן געלאַכט נאָך זיין אַוועק געהן . דאַן האָט זיך שאָהן געהערט דער זייגער שלאָגען 1 זייא זענען געגאַנגען שלאָפען ..

פראַנץ האָט פיר פריידע דיא גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען

ער האט ערדייכט זאָ איין פּרעזענט וואָס מען האט מיט דעם אויסגעקליידעט דעם אָבגעשווירענעם פּיפּערנאָטער וועהרענד ער איזט צום באַנקער געפאַהרען . . אין דעם אַנצוג איזט ער געוועזען אַנגעצאָגען וועהרענד דער גרויסער באַלל איזט געוועזען וואָס מעהרערע דאַממען מיט פרייליין זענען געלאַדען געוועזען זאָ איזט דער פּיפּערנאָטער אין דעם אַנצוג געגאַנגען . . אויך וועהרענד ר' שאַבנע שיפיר איזט אָנגעקומען . אונד אַ גישרייא געטוהן דעם גרויסען גוטען אַבענד זאָ איזט איהם דער פּיפּערנאָטער אין דער זעלבער טראַגע אַקעגען געלאָפען אונד מיט איהם געקיסט זיך אַ שטאַרקע האַלבע שטונדע . . אויך וועהרענד ער האָט אַללעם דערלאַנגט צו דיא טישען וואָס מען האָט גידעקט פיר דיא דאַמען אַללס אין דער טראַגע . . . אויך אין דער זעלבער אַניפאָרמע איזט ער געשטאַנען מיט דיא הענד אויף זיין אינטער חלק . . אונד מיט אַ ציגאַרע אין זיין פּיסק . ווען קאַראָלינע האָט זיך געזעצט אויף דער קאַנאַפּעה דיא תנאים פאָם באַנק'ער פיר איהרע פריינדען פאָהרצולעזען . . . האַבע איך פראַנץ יעטצט דיא טראַגע ערדייכט . . . האַ . האַ . האַ . שיסט ער אויס אַ געלעכטער צו זיך אליין . . ) פראַנץ איזט אַ יונגאַטש מיט ביינער . . .

עפּיס פאַלט מיר איין אַ געדאַנק . . עפּיס זאָגט מיר מיין הערץ . . . יוא . . איך מעהן עס איזט איין מאָהל זיכער אַז פראַנץ וועט נאָך ערדייבען דיא 2 טע פרייליין . . פיר אַ . . ווייב . . יוא איך מעהן אַז דער שפּיעלפאָגעל ווערט מיר אויך צו הילפע זיין . איך האַבע מיט איהם געניג געטוהען . . איך האַבע איהם געדינט ניט וויא אַ שדכן טאַקע וויא אַ ברידער . . איך מוסס דאָס איהם פאָהרטראַגען . . אין באמת ! מיט וואָס איזט ער מעהר מיוחס פאָן מיר ? מיט זיינע טויזענדער . . עס איזט בלאָטטע . . זיא וועט איהם גיך אויסמעלקען . . לאָז זיא זיך נאָר אין איהם איינוויקלען . . ער קענן זיא נאָך גיט . . . דאַן בלייבט ער דער געהמליבער מיוחס וואָס איך . . . זיא וועט איהם אין איין קורצער צייט מאַכען פיר איין לייט . . . נאָר דאָס איזט שוין ניט פראַנץ'ס געשעפט . . דאָס איזט זייער געשעפט . . ענדליך האָט ער זיך שלאָפען געלעגט . .

# די חתונה

יעטצט ליעבע לעזער איזט שוין די העכסטע צייט דאָס די געפלאַגטע קאַראָלינע זאָל שוין חתונה האָבען אָבוואָהל עס גיבט נאָך פיעל פאָן זייא צו שפּרעכען ביז אין דער חתונה . . זאָ פיעל איך זעה אַרוים דאָס די ביידע פאַרטייען איילען זיך שוין אום איינער פאָן די ביידע זאָלען ח"ו קיין חרטה האָבען שונאים זאָלען זיך ח"ו ניט אַריין מישען זאָ מוס איך זייא אַללע צוליעב טוהען אונד אַביסעל אַבקירצען פאָן דער געשיכטע אונד וויא אַם שנעלסטען די האָכצייט מאַכען . אונד איהר ליעבע לעזער וועהר פאָן אייך צייט האָט . אונד וויל דערבייא קיין פאַאַר פר. שפּאַרען אום די חתונה בייאצייוואָהנען . אויך דאָס שטעדיל מיט די איינוואָהנער פאָן דאָרט זאָ גאַראַנטיר איך אויך דאָס איהר וועט קיין חרטה האָבען . . איבערהויפּט די זיטטען פאָן די איינוואָהנער פאָן דאָרט. וועט איהר ערשטוינען אַז ביי דער יעצטיגער צייט זאָלען נאָך זאָלכע עקזיסטירען . . . וויא לויט איהר וועט בייוואָהנען אונד זיך איבער צייגען מיט אייערע אויגען .

21 קילאָמעטער וועיט פאָן דער הויפּטשטאַט מאָלדאַווע גיבט אַשטעדכען פ . . . מיט מעהרירע יודישע פאַמיליעס. די איינוואָהנער פאָן דאָרט אָבוואָהל זייא זענען ניט וועיט פאָן דער הויפּטשטאַד וואָס די ציוויליזאַציאָן שטייגט דאָרט פאָן טאָג . צו טאָג . . אויך געפינט זיך אַרים דעם געגענד מעהרערע שטעדליך. אין דעסען דעפירירט פאָן די איינוואָהנער ביז יענע וויא פאָן טאָג צו נאַכט . . . נאָך יעטצט צו טאַגע זענען זייא פערזינקען אין לאַנגסטיגע דומ־הייטען . . . יעטצט צו טאַגע איזט ער אין שטאַנדע (ער זאָל נאָר קרעפּטע האָבען) אייך אויף דעם פייער ברענגען איהר זאָלט אייך עפּיס אויסדריקען אויף זיין (פּסל) רבין . . . וואָס גלויבט אין איהם מיט מעהר צוטרויען וויא צו גאָטט . . ווייל איך האַבע דאָס גראַדע בייגעוואָהנט . (עס האָט זיך איינמאָהל אויסגעדריקט אַ קליין שטעטילדיגער אפּיקוירסיל . פיר איין (יעזיוויט) חסיד דאָס ניט גאָטט פיהרט די וועלט . . זאָנדערען די נאַטור . . . האָט דער חסיד דערבייא צו גישמייבעלט . אָהנע דאָס מינדעסטע איהם אַבצייוועגדען . דאָס גישפּרעך איזט אָבער זאָ וועיט געקימען

דאָס ער האָט איהם זיין רבין בעריהרט זאָלט איהר געוועהן זעהין
וויא דער זעלבער יעזווִיט איזט ווילד אין כעס געוואָרען איהם
נור דאָס פנים אויסצוגראַבלען. דאָ האָט אַיעדער אַרויסגעזעהן
וויא ער איזט זיך מוסר נפש מעהר פיר זיין רבי וויא פאַר גאָטט..)
זאָ גיבט אויך אין דעם שטעדטיל פ׳... צווייא פאַרטייען בעה״ב
צווייא פאַרטייען שוחטים. עטצ... ווייל איין פאַרטייא האַלט
גאָר פאָן אַ אַנדערען רבי.. זאָ הערשט טאָג אונד נאַכט אונטער
זייא אַ שפּאַלטונג. וואָס עס קימט צו מסירה.. מיט איינעם
וואָרט זענען געזאָגען איינס דאָס אַנדערע אויף דעם פייער צו
ברענגען.. איך וויל אייך זאָ פיעל ניט מאַריך זיין. איך וויל
אייך נור בעהויפּטען בייא דער יעטצטיגער צייט.. ביים יעטצטיגען
סעקול בייא יעטצטיגער זשענעראַציאָן זאָלל נאָך זאָ וואַס עקז
זיסטירען? יוא איהר סעקטע לא לנו יודלעך! אַ פנים איהר
געפינט אייך בייא אייער טאַטען אין ירושלים אונד עס קימערט
אייך גאָר ניט דאָס פערפאָלגונג פאָן אייערע אונגליקליכער ברידער
אין דעם באַרבאַרישען רוסענלאַנד... וואָס ניט נור הינדערטער
זעעלען.. אויך ניט טױזענדער.. זאָנדערען מיליאָנען...
זינד פעראונגליקט.: בערויבט.. פעריאָגט... פאָן זייער
היימאַט פאָן דאָרט וויא זענין געבוירען אונד בלאָנזען אַרים נע ונד..
עלענד.. אונד וויסען ניט וואָהין. אויך וואָס זייא זאָלען טוהען..
ווייל אַללע גרענצען האָט מען פיר זייא געשפּאַרט זאָ וואַלגערן
זייא זיך אין מעהרערע שטעדט נאַקיט אין באָרפיסס פערשמאַכט
פערקעלטיט. אונד זינד געצווינגען אויסצוהערין דאָס יאַמער מיט
געוויין מיט הערצרייסענדע שטיממען פאָן זייערע פרייען.. אונד
קינדער.. פערלאַנגען אַ טריקען שטיקעל ברויט דיא זעעלע צו
ערהאַלטען... זאָ שטעלט אייך פאָהר אין וואָס פיר איינע לאַגע
זייא געפינען זיך. זאָ וואַס קען זייער ענדע זיין? זייא וואונטשין
זיך דעם טוידט.. אַבער דערצו האָבען זייא אויך קיין גליק..
גראַדע ווען מען זיכט איהם.. קימט ער ניט. וואָס זאָלען זייא
אַללס נאָטה טוהען? זאָ פיעללע פאָן זייא וואָס קענען ניט מעהר
אויסהאַלטען זענען געצווינגען געוועזען פאָן זייער רעליגיאָן לויז
צו ווערען.. זייער אַלטען גלויבען צו פערלאַססען.. אָה! אַ
גלויבען וואָס עקזיסטירט אַריבער דרייא טויזענד יאָהר.. אַ

גלויבען וואָס מיליאָנען פאָן אינזערע ברידער האָבען זיך געלאָסט ברענגען אין בראָטען . אונד ניכט וואָללען פערוועקסלען . . בייא דיא אינגליקליכע איזט אָבער ניט דער פאַלל זייא ברענגט מען ניט. מען בראָט זייא ניט . פשוט מען בערויבט זייער פערמעגען . אונד מען פעריאָגט זייא פאָן זייער היימאַט וואָס זענען דאָרט געבאָרען . ערצויגען . באַלד זייערע יאַהרען דאָרט אויסגעלעבט. פערלאָסט דעם גראַבען פאָן זייערע עלטערען . וואָס ליגען דאָרט זייט הונדערטער יאַהרען . אונד אויסגעוואַנדערט . . . .

אָבער ניט נאָך דאָרט אין באַרבאַרישען רוסענלאַנד הערשט אויף זייא גאָטטעס שטראַפע . . אויך איבעראַלל . . בילדען זיך יודען פיינדע זאָגאַר אין דיא ציוויליזירטע לענדער וואָס יודען שטעהען שוין דאָרט אויף דער העכסטער שטאָפפע . . אונד האָבען גלייכע רעכטע מיט אַללע בירגער. אַם ענדע הערשט דאָרט אויך דיא אַנטיסימיטישע קראַפט . . אונד זוכען דיא דאָרטיגע יודען אויך צו פערניכטען . . זאָל דער הוממעל דאָס שוויגען ? ?

אַבער וואָס דאַרפען וויר זעהען וואָס אין פרעמדע לענדער געהט פאָהר ? . געפינען וויר זיך דען היער אין איינע בעסערע לאַגע ? ? האָט מען דען ניט פאָן אינזער מונד דעם לעטצטען ביסען שוין אויסגעריסען ? וואָס אַם מיינסטען טהייל שעיקול איזט פיר אינז פערבאָטען . . . אויך הונדערטער פאַמיליען פאָן דיא דערפער אַרויסגעיאָגט זאָ גיט וויא אין דעם באַרבאַרישען רוסענלאַנד . . . .

זייא זינד אויך דאָ געבאָרען . . דאָ : . זייערע יאַהרען פערבראַכט אַם ענדע האָט מען זייא אַרויסגעיאָגט . וואָהין זאָלען זייא ציהען ? . צי וואָס זאָלען זייא זיך נעהמען ? ? אַז זייא ווייסען קיין אַנדער מסחר . . מיט וואָס קענען זייא זייערע קינדער ערנעהרען . . זענין זייא ניט צום בעדויערען זאָ גוט וויא דיא רוסישע ? ? אַם ענדע איהר יציב פתגם יודען האָט איהר נאָך געדולד צו אייערע דומהייטען . . אויך דערבייא פיסטע אַנביציעס צופיהרען . . צום ב"ש וויא איך האָבע געלעזען אין אַין בלאַטט דאָס אין דער שטאָט . ב' . האָבען זיך 2 רבנים געשלאָגען . . . האָט זיך דאָס געהרט זייט דיא וועלט שטעהט ? . ? . פאָן

אַנדערע קלאַססען שפּרעך איך שוין ניט וואָס מעהרסטען טהייל מאַכען אָן שקאַנדאַלען . וויא ? . טאַקע נור אין מקום קדוש אונד פאָן דאָרט קומט עס במילא פיר דעם קריסטליכען געריכט . . אַלזאָ ? וויא אַזו זעהט אוים אַ פּראָצעס מיט יודישע פעטש פאָן דעם מקום קדוש בייא דיא קריסטען אין דיא אויגען ? . מאַכען וויר זיך ניט אַליין ללעג ולקלס . . אין דאָס געהמליכע קומט בייא אייך פאָהר איבער דיא רבות . . שטאַט עס זאָל זיין אַחדות צישען אייך אונד טראַכטען וועניגסטען דעם צוקונפט פאָן אייערע קינדער ווען איהר זענט שוין פערלאָרען . . בעשעפטיגט איהר אייך גאָר מיט רבנים אין שוחטים . . ניכט וואָהר ? (אנו צאניך יודלעך .) . .

נור איך האַבע שוין גענוג דאַריבער געשריבען זאָ האָפפע איך אַזו וויא יענץ שרייבען האָט געווירקט זאָ וועט דאָס יעטצטיגע ווירקען אַ כפּרה הונדערט הילטאַיעס פאַר דעם רבינת מינצטען פינגער . . .

לאַססען וויר אַבער דעם שמיעס איך וועל אייך ליעבערסט פאָהרשטעלען וואָס איך האַבע בייאגעוואָהנט אין דעם שטעדטיל . פ׳ אין אַ טאָג פאָן שבת . . איך בין דאַמאַלס איינגעשטאַגען בייא מיינעם אַגוטען פריינד זאַ האַבע איך מיט איהם דורך שפּאַצירט דאָס שטעדטיל . . בייא דער זאָממער צייט אים מאָנאַטה יאָליע אין דער פריה אום 6 אוהר זעה איך געהט איינער אַ דיקער מאַנן אין אַ חאַלאַט אָן געטוהען אינטען מיט דיא בלויסע גאַטקעס אין שטעק שיך אין באָרפיסיג. אויף זיין קאָפּף ליגט אַ שטריימעל מיט 12 שפּיטצען . (וואַרשיינליך געגען דיא 12 שבטים . .) אין טרייבט אַ ציג אויף אַ שטריק אין פעלד אַריין איך פרעג אויף דער פערזאָנע ווער ער איזט . . דער איזט גבאי אין קלויז . . מיט איניגע מענוטען שפּעטער זעה איך וויא איינער טראָגט אויף דיא הענד אַ קינד פאָן 3 יאָהר אונד אויף דעם קינד איזט אָנגעלעגט מאַססען בינדען מיט טלתים . חמשים . . סידורים תהלימליך . אין נאָך . וועלליכס דיא משא קען קוממען 10 מאָהל דאָפּעל וויפיעל דאָס קינד קען וועגען איך פרעג דיא אורזאַכע ? אַנטוואָרט מען מיר וויל מען טאָר דאָ ניט טראָגען . עס איזט קיין עירוב דאָ. זאָ טראָגט דאָס קינד דאָס אַללעס פאָן מעהרירע שבנים

צוזאממען גענעמען ביז אין שיהל אונד צוריק . . . עס הייסט דאס קינד טראגט ניט ער. קוים איך האבע מיך נאר אויפגעהערט זא פיעל דאריבער צו וואונדערן . קימט אינז פאהר א גאנץ נייא באגעגעניש . . איך בין ערשטווינט געבליבען . . . וויא איך זעה געהט איין צאפף מיט א שיינער באָרד אונד צו זיינע הערנער איזט צי געבינדען צווייא גרויסע פעק אויף מיט טלתים מיט חמשים עצט. . . פאן אינטען געהט איהם נאך איינער . . א דארער א הויכגעוויקסיגער מאן מיט א דארען הויבען גארגעל פאן זיין (שפיץ מאָרדע איזט צי גישעפעט א באָרד גראדע אזו וויא דעם צאפם . .) דער צאפף געהט פאראויס . אונד ער נאך איהם . . איך פרעג פערוואנדערט דאס בעדמיטונג ? . וואס טראגט דער צאפף ? דער צ"פ זאגט מיר מיין פריינד איזט דעם רבינת . . ער איזט בייא איהם אויפגעוואקסען אונד דער וואס געהט איהם נאך איזט שמש ביים רבין אין שיהל זא פיהרט ער אוים מיט דעם צאפף אללעם אין דעם טאג פאן שבת אזו וויא דיא לאנג־סטיגע מיט דעם גולם . . ער נעהמט צוזאממען אללע טלתים פאן דיא וואס דאבענין ביים רבין אין קלויז . . אין שיקט זייא מיט דעם צאפף . . . דעסטגלייכען מען דא־ף ברענגען ווין זא געפינט זיך אייגענס 2 קריגע גרויסע וואס מען נעהמט ווין אין זייא . אונד מען בינד זייא אן דעם צאפף בייא דיא הערנער אונד מען ברענגט צום רבינת מיש . . . איך האבע דערבייא זעהר געלאכט . זא זאגט צו מיר מיין פריינד איך וועל דיר וואס שעהנערס ערצעהלען וואס מיט דעם צאפף האט איינמאהל אין א שבת פאסירט וועסט דיא ערשט קענען לאבען .

עס האט זיך געמאכט אין א שבת בראשית ווערענד דער שמש פאם רבינת קלויז איזט ארויסגעגאנגען צוזאממען נעהמען בייא דיא בעה"ב וואס דאבענען ביים רבין זייערע טלתים מיט חמשים וויא אללע שבת . . . זא האט ער צוזאממען גענעהמען 22 טלתים אויף חמשים אין סידורים . . . דער שמש האט דאס גיט איינגעפאקט אין 2 בינדען בייא דעם הארען א בינד אין ביים אנדירען הארען א בינד . . דער צאפף איזט קוים געגאנגען מיט דער לאסטט . . אין דער שמש געהט איהם נאך אונד האלט איהם מיט איין האנד אויף זיין ריקען . צום אונגליק קימט זייא

אַ קעגען אַ ציגיינער מיט אַ בּער . אַך ! וויא דער צאַפּף האָט
זיך ערשראָקען אין געחאַפּט ווינט אונד געלאָפען מיט דיא פּעק
וויא אַ פייל פאָם בויגען . . דער שמש האָט זיך אויך זייער
ערשראָקען זאָ פיעל טלתים מיט עטרות אַ חיין ספרים האָט ער
געוואָלט דעם צאַפּף איינהאַלטען מיט אַללע זיינע קרעפטען אַבער
עס איזט אונמעגליך געוועהין זאָ האָט ער זיך אַרויסגעוואָרפען
אויף דעם צאַפּף איהם איינצוהאַלטען אונד האָט זיך אין איהם
פעסט געהאַלטען . דער צאַפּף אַבער האָט איהם געחאַפּט וויא אַ
ריח אַ מלמד אין איזט מיט איהם זאָ געלאָפען אַז עס איזט
אונמעגליך געוועהען איהם צו חאַפּען דאָס גאַנצע שטעטיל בעה״ב
זענען נאָכגעלאָפען מיט שטעקענס אין דיא הענד מען האָט שוין
גאָר פערגעסען אַז עס איזט שבת . אויך טאַקע פּקוח נפש דערבייא
מען האָט געזעהן דער שמש הענגט אויף דעם צאַפּף אין געפינט
זיך אין געפאַהר . . אום אַ נפש צו רעטטען איזט דיך דוחה
שבת . . . אַחוץ דעם בעטראַג פאָן זאָפיעל טלתים מיט ספרים . .
דער צאַפּף מיט דעם בּער אויף דיא פּליצעס (מיטן שמש) איזט
זאָ לאַנג געלאָפען ביז ער איזט פערלאָפען אין באַהלאָיע אין
וואַסער אין דאָרט איזט ער שטעהן געבליבען אונד האָט זיך
אָנגעהויבען אינטער צו טינקען ווייל ער האָט פּשוט אויף זיך
פיעל משא געטראָגען אויך דער שמש ליגט איהם אויף זיינע
קרישוועס . . זאָ האָט דער צאַפּף געמיינט נים אַנדערש אַז דער
בער ליגט אויף איהם . ער האָט זיך מיט אַללע זיינע קרעפטען
געראַנגעלט ער זאָלל פאָן דעם וואַסער אַרויס עס איזט אומזאָנסט .
דורך דער לאַסטט וואָס אויף איהם איז געלעגען קען ער זיך נים
ריהרען . . זיין גליק וואַהר וואָס מענטשען זענען דאַרויף אָנגעלאָפען
אויך דורך דעם געשרייא פאָם שמש האָט מען זיוא מיט שטריק
אַרויסגעשלעפט זאָ . פיעל דיא פעק מיט טליתים אונד ספרים
זענען אין וואַסער געבליבען אָהנע זייא צו געפינען . . זאָ וואַס
קען אין דעם שטעדטיל פ׳ פאַסירען . . דאַרויף האָט שוין דער
רבי פיעל פירישים געזאָגט . . ווייל ער האָט בעהויפטעט אַז דער
שמש איזט אַ גילגול פאָן אַ צ״פ . . . פערקעהרט וויל אַ ק זאָגען . .
דער צ״פ איזט אַ גילגול פאָן אַ שמש . אויך שטאַמט ער אַרויס
פאָן דעם טראָסטינעצער צאַפּף זכרונו לברכה . . וואָס האָט

מעשות . . . אויף דער וועלט וויא אַ רבי . . וואַהרשיינליך איזט ער אויך געוועזען אַ גילגול פאָן אַ רבי . . . אויך אויף דעם שמש . . . פאָ . . אויף דעם צ"פ וויל איך זאָגען פלעגט זיך צו לעהרנען דעם רבינת יונגעל רייטען . . יעטצט אַז עס האָט זאָ וואַס מיט איהם פאַסירט . . זאָ האָט דער רבי זאָל לעבען בעפוילען אַז דיא שטאָט בעה"ב זאָלען גוזר תענית זיין . עס איזט באַלד געשעהן . . אונד פאָן דאַמאָלס אַן איזט אין דעם שטעדטעל שטרענג פערבאָטען אַריין צו קימען איין ציגיינער מיט אַ בעער . . אויך אויף דעם בעער האָט דער רבי געזאָגט אַז דער בעער שטאַמט אַרויס פאָן יענים בעער וואָס דער היילגער בעל שם זכר צדיק לברכה . איזט איהם נאָכגעלאָפען אונד האָט דורך איהם ענדעקט עלילות דם . . (עיין בשבחי בעש"ט דף י"ג ותמצא שם באריכות . . ) מען האָט באַלד דוא געשיכטע אין גרויסען פינקים פערשריעבען . אַבער דיא גאַנצע וועלט איזט וויא איין שטאָט זאָ איזט דאָ אויך . אָב וואָהל אַ יעדער האָט דאָס מיט זיינע אויגען געזעהן . אונד בייגעוואָהנט יעדאָך געפינען זיך דאָרט אויך איינינע וואָלע יונגען וואָס האָבען דערפאָן געלאַכט . . וואָס דער רבי זאָל לעבען בעהויפטעט פאָן וואַגען דער צאַפף שטאַמט . . אויך דעם בע"ש בעער . ז"ל . . זאָ איזט שוין אַבער . . זייט דיא וועלט איזט געפינען זיך לצני הדור . . אויך אין אברהם אָבינו צייטען . . איינסווייל זעהן וויר מיט דיא אויגען אַז דער רבי מיט זיין צ"פ שפיעלען נאָך יעטצט צו טאַגע זייער ראָללע . דער רבי פראַוויט וויבער . אין דער צ"פ ברענגט אויך יעטצט אים שבת ווין מיט דיא קריגען ואין פוצה פה ומצפצף . אונד דיא קליינע שטעדילדיגע אַפיקורסימליך בלייבען בייא זייער וואָרטשען . . איך גלויבע זייא וואָלטען זיך שוין געוואָלט צו שטייבלען צום רבינת פאַרטייא . נור זייא שעהמען זיך . .

איך בין אַבער דאַרויף ניט אויסען איך וויל איך נור בע־הויפטען אַז בייא דער יעטצטיגער צייט וואָס יודען פאָן איבעראַלל געפינען זיך אין זאָ איינע געפעהרליכער לאַגע זאָלען זייא זיך אָבגעבען מיט זאָלכע דומהייטען . . דאָס איזט וואַהר דיא רבות בזמנינו זענען פעהיג עקרות פוקד צו זיין . . . צו קראַנקע גזינד צו מאַכען . עס מעג זיין אויך דורך איין דאָקטער יעדאָך מיט

דעם רבינת קראַפט צו זאָלען איינעם געבין הצלחה . . דעסט גליבען מעהרירע פיר קבצנים מאַכען . . . וואָס אֶמת איזט אֶמת דער צו זענען זייא פעהיג דאָס קען מען בייא זייא ניט צונעהמען . . זאָ פיעל איינם וואונדערט מיך . . וויא קענען זייא צו זעהן וויא יודען וועהרין זאָ ביטער פערפאָלגט אָן רחמנות . . אונד זייא געבען זיך קיין מיהע דער צו זייא זאָלען . פאָן דיא צרות אויס העלפען ? ? וויא איזט זייער תקופות ? ? עס שטעהט בפירש (הקב"ה גוזר . והצדיק מבטל) עס הייסט אַפילו גאָטט אַליין איזט עפּיס גוזר . זאָ קען דער צדיק מיט זיינע ברייטע פלייצעם מבטל זיין . איבערהויפט אַזאַ בשר ודם איז גוזר דאַרף זיך בייא זייא (כלומר) בייא דיא צדיקי הדור זיין דאָס לייבסטע מבטל צו זיין אַ דאָס . . . ברענגט מיך אַליין שוין אויך אין אַ גרוים פערצווייפלונג . . איך קען מיר זעלבסט דערפאָן קיין רעכענונג געבין . ווען איך זאָל מיך ניט שעהמען וואָלט איך אויך באַדאַרפט וועהרען איינער פאָן דיא קליינע שטעטילדיגע אַפיקורתים אונד שילדערען אויף דיא רבית גלייך מיט זייא . . . ווייל דיא רבית בייא זיך אין הערץ וויסען גאַנץ גיט דאָס זייא נעהמען צו בייא דיא בני היכלא יודען אומזאָנסטיג געלד פאַר וואָס ? ווייסען זייא אַליין ניט . . זייא געפינען זיך שוין מיטלען דער צו . . נישט אַללם רבי וואָס פערשפרעכען איינער אַ ברית צו מאַכען אַם ענדע לאָסט זיך אוים אַ בלאָטטע וואָס פיר אַפנים האָט ער דען ? דער תירץ איז ער גיט בלאָסס סגולות פיר קראַנקע אין דער קראַנקער וווירד געהאָלפען גלייך מיט דער עקרה . . האָט ער ניט געטראָפען . . . אַבי ניט אַללם רבי . . עס זאָל הייסען ער מוסס וואָנדער בעווייזען . . . ניין . פשוט ער קען סגולות . . ער גיט אַ עצה . . אַבער ניט אַללם רבי . . פשוט וויא אַ גיטטער פריינד אָהנגע אינטערעס . . . זאָ קען מען שוין צו זייא קיינע טענית האָבען וואַרום זייא העלפען ניט אוים אינזערע ברידער פאָן זייער נאָטה . . ווייל צדיקים מיט מופתים . אויך שדים אין דיביקת איין וואָלפקאָלאַקעס האָט שוין יעצט גענצליך אויפגעהערט . . בעוה"ר זאָ שפיעלען זייא נור דיא ראָללע וויא אַנדערע ממחטעם . . אָ דער תמהחטעם . . וואָס שוע האָט מען מיט זייא ? ? ? איינסווייל בין איך גיט פערקראָבען מיט מיין געשיכטע . .

עס הייסט אַז דיא פאַמיליע פיפערנאָטער פאָהרען שוין אַרויס אין דעם שטעדטיל פ' זאָלען דאָרט דיא חופה שטעללען קים איך גאָר אַרויס אויף דעם רבינת צ"פ זאָל לעבען . . וואָס געהר זיך אָן דיא ר' חיים שמעלקעס . חתונה צום רבינת צאַפף ? ? זאָ ווירדע אייך אויף דאָס פעראַנטוואָרטען : אויב איהר עראינערט אייך בעפאָהר דער פיפערנאָטער האָט זיין באָרד אַראָב געוואָרפען נימ צינד גערדאַכט . האָט ער גראַדע זאָ איין באָרד געהאַט זאָ וויא דער טראַנסטינעצער צאַפף ז"ל . . קען לייכט מעגליך זיין אַז ר' חיים שמעלקע פיפערנאָטער זאָל אויך שטאַמען פאָן גזע צאַפפעס . . אַז אַ יעדער איינציגער וואָס האָט דער זעהן ר' חיים שמעלקעס באָרד וואָס האָט זייא גראַדע שוין בעפרייט פאָן דער פאַטשיילע וואָלט געשוואָרען דאַס דער פיפערנאָטער מיט דעם רבינת צ"פ האָבען איין מאַמע געהאַט.

אין אַ גיטער שעה . . ליעבע לעזער פיפערנאָטער מיט בראַנדלען קאַראָלינע מיט שפיעלפאָגעל זשאַנעטע . אויך פראַנציל זענען אַריין געקימען קיין פ' דינסטאַג פריה 24 יאָליע . . זייא האָבען בעשטעלט אין אַ חאַן דיא חופה זאָל דאָרט זיין פאַרנאַכט אין זייער האָטעל האָט מען איבער געלאָסט מישקע ביילה בראַנדעלס שוועסטער.

אום 6 אוהר אַבענדס האָט מען ריכטיג אַ חופה געשטעלט אונד שפיעלפאָגעל האָט מקדש געוועזען קאַראָלינען כדת משה וישראל . מען האָט זיך אויך דערבייא אַביסעל אונטערהאַלטען . מיט מוזיק . . אַ דאָ האָט זיך ר' חיים שמעלקע אַרימגענעמען מיט בראַדעלען אונד זיך צו קיסט דאַן מיט קאַראָלינען אין מיט ש"פ עס איז געוואָרען אַ געקיסערייא . מיין פראַנציל איזט אויך נימ פויל . . אין לויפט אַרים מיטען פיסק וויא אַ ווילדער צו בראַנדלען דאַן צו קאַראָלינען אויך צו זשאַנעטען . אַז עס איזט אונמעגליך געוועהען איהם אָבצוריסען . . דאַן האָט זיך אָנגענעהמען בראַנדעל מיט פיפערנאָטער אונד מקיים געוועזען דאָס : מצוה טענציל אונד דערבייא געשריגען מז"ט . . מז"ט . . וויר האָבען געשאָסען דעם פאָגעל . . קאַראָלינע מיט מאַקסלען זענען געזעסען אונד צו געקיקט . . קאַראָלינע איזט אַפילו געזעסען שטאַרק צוקאָכט ווייל זיא האָט וואָללען מאַכען אַ באַלל וויא עס געהר . .

אָבער מאַקס האָט ניט וואָללען . . ער האָט פערשפּראָכען צו הויזע צו מאַכען . : זאָ האָט מען געמאַכט בלאָס דיא חופּה מיט אַשטיקעל טענציל וויא אין אָרים געדעכט . . אונד מען איזט זיך צופאָהרען . .

איך זעה ליעבע לעזער איהר זענט ברוגז וואָס האַבע איך זאָ אין קורצען דיא חתונה געמאַכט . וויא לויט איך האַבע איך פערשפּראָכען אַז עס וועט ביא איך וועהרט זיין דיא פּאַאר פּר׳ צו פערצעהרען דיא חתונה ביצוואָהנען . . עס האָט אַבער דאָך געמוסט זאָ זיין . . צי זאָל איך קיקען אויף אייערע פּאַאר פּר. וואָס איהר פערצעהרט אום דיא חופּה ביצוואָהנען צי זאָל איך מיטלייד האָבען מאַקסיל ש״פ וואָס מאַכט אַללע מאָהל רעוויזיע אין זיין טאַש אונד זיין הערץ קלאַפּט אין איהם דאָס ער בלייבט באַלד אָהנע איין גראָשען ווער ווייסט וואָס זיין ענדע קען זיין . . זאָ פיעל קען איך אייך מיטטהיילען מען האָט געוואָלט בעציהען דעם רבין מיט זיין צ״פ זאָל לעבען אויף דיא ערשטע שבע ברכות . האָט ער ניט וואָללען קימען . אונד האָט בעפוילען אַז מען וויל ער זאָל מאַכען . . שבע ברכות . זאָל מען דאָס יונגע פּאַאר צו איהם שיקען . . .

דער פּיפּערנאָטער האָט אַפילו באַשטאַנען . . וואַרשיינליך האָט ער דערבייא עפּיס מתקן צו זיין . זאָ פיעל . ניט בראַנדעל . ניט . מאַקסעל . . איבערהויפּט קאַראָלינע האָבען ניט געוואָלט . ווער עס זאָל זיך געוועזען גיט צו קיקען צו קאַראָלינען וואָלט כּמעט געוועזען אין איהר אַרויסגעזעהען אין ערקענט וויא זיא טראַכט בייא זיך אַז דער רבי זאָל לעבען וויל מאַכען שבע ברכות . . איזט ער ניט קראַנק צי זייא צו קימען . . אַ דאָס איזט טאַקע דיא מכּה מיט דיא יעטצטיגע חציפות . . קוים האָפּט עס אויף זיך אַבּיסעל בילדונג . . זאָ גלויבט זיא שוין אין אַ רבין אויך ניט.

קורץ זענען דעם אַנדערען טאָג צו הויזע געקימען . . אונד בייא אייך לעזער האָט דיא וועהרט דיא שפּעזען איהר האָט בייא געוואָהנט דעם רבינת צ״פ בראַנדעל האָט געמאַכט אויף איינינע געצעהלטע . . פּערזאָנען . אַ גאַכטמאַהל אונד מען האָט זיך ערשט ניט אונטערהאַלטען . . מען האָט גראַדע געריעפען איינינע

וואָס וואָרען געלאַדען נאָך בייא דיא ערסטע תנאים ניט יעטצט געדאַכט . אום זאָלען זעהען אַז קאַראָלינע האָט דאָך ניט אָנגעטראָפען . אַז ניט אַ באַנקעה ? . יעדאָך איין רייך פּאָדראַטשיקיל מיט אַ פערמעגען וויא לויט מען האָט איהם גירעכענט . .

קורץ דיא געלאַדינע האָבען שוין ווידעראום בראַנדעל בעניידעט . דאס זיא האָט גליק צו שידיכים . . אונד האָבען זיך איינסווייל געוואונטשען זאָלכע פּאַרטי פּאַר זייערע פרייליין . . אָהנע איהר שאַדען . .

שלאָגע 3 דעם זייגער זענין זיך אַללע געסטע צוגאַנגען אונד דיא פאַמיליע פּיפּערנאָטער זינד אויך געגאַנגען זיך אום צו ריהען . . דיא אַללע פאָן דאָרט זענען אַ יעדער געשמאַק געשלאָפען נור דאָס יונגע פּאַאַר האָבען מעהר גערעדט אונד וועניגער געשלאָפען . . עס וואַר דאַמאַלס פיר קאַראָלינען . זאָ איינע צייט גלייך וויא דער היממעל ווען ער שפּאַלט זיך אונד מען קען דאַמאַלס אַללעס פּוילען וואָס מען וואונטשט זיך . . זאָ האָט זיא אין דער נאַכט בייא מאַקסלען אַללעס געפּוילט . ער האָט איהר אַללעס פערשפּראָכען . . ער וועט מיט איהר מאַכען איינע לוסטרייזע ער וועט געבען 5 טויזענד רובעל זשאַנגעטען נדן ווען עס וועט זיך איהר טרעפען אַ איינשטענדיגע פּאַרטיע . . מיט איינעם וואָרט ער האָט זיא דאַמאַלס גליקליך געמאַכט . . אין דער פריה אום 11 איהר זינד דיא פאַמיליע אויך געשטאַנען קאַראָלינע האָט איבערגעגעבען מאַקסילס גאַנץ פערשפּרעכען איהר מוטטער מיט איהר שוועסטער . דאָ האָט געהערשט אין דעם הויז שמחה וששון . איניגע וואָכען . . מען האָט מאַקסלען געהאַלטען וויא, אַ אָבן טוב . . געקעבילט דאָס שענסטע אונד דאָס בעסטע . . אונד מען האָט נור אַרוים געקיקט ער זאָל שוין עפינען זיין קאַססע . קאַראָלינען אורדענטליך אוים צו קליידען וויא ער האָט בייא דיא תנאים פערשפּראָכען . איבערהויפּט דיא 5 טויזענדער פיר זשאַנגעטען . . אינזער מאַקסיל פאָן זיינער זייט מאַכט זיך איינסווייל ניט וויסענדיג . ער עסט אונד טרינקט . ער האָט שוין באַלד אויפגעפּרעססען אויך דאָס פלייש פאָן בראַנדלען וויל זיא איזט שוין פּשוט מיעדע געוואָרען . עס האָט זיך שוין בייא איהר אַללעס אויסגעלאָסט . . . זיא האָט שוין ניט מעהר

געקענט דולדען . אונד האָט אָנגעהויבען מיט קאַראָלינען צו אונטערהאַנדלען וואָס ער שווייגט . . עס האָט זיך שוין אַללעס אויסגעלאָסט . אונד באַלד יאָגט אָן דער ווינטער . אונד דעם האָטעל פעהלט אַללעס אויס . אויך דאַרף מען שוין אויף דעם קישט טראַכטען . אונד ער מאַכט זיך ניט וויסענדיג . וואַרום זעהט ער זיך ניט עפּיס איין עקזיסטענץ ? קאַראָלינע האָט איהר פערשפּראָכען מיט איהם דאַריבער צו רעדען . .

מעהר פאָן אַללעס האָט קאַראָלינען אויך שוין פערדראָסען . . זיא האָט קיין רעכט קלייד . . אום מיט איהם ביי גוטע פריינדע איין וויזיט צו מאַכען. זאָ טראַכט זיא ביי זיך זיא מוס איהם אַללעס דאַריבער פרעגען . .

עס האָט זיך ריכטיג געמאַכט ביי איין געלעגענהייט האָט זיא איהם דאָס אַללעס אויסגערעכענט . . ער בלייבט דערביי זיצען וויא צו קאָכט . ענדליך מאַכט ער זיך מוטה אונד זאָגט צו איהר . דיא ווייסט יאָ דאָס איך האַלט ניט פאָן וויזיטען . . וויל . . אַבער זיא שלאָגט איהם איבער דיא רעד אונד זאָגט אונד ווען ניט וויזיטען ? דאַרף איך קיין רעכט קלייד האָבען וועניגסטען צום שפּאַצירען געהן ? . אויך זאָגט זיא צו איהם עס איזט שוין דיא העכסטע צייט זאָלסט דיר שוין עפענען עפּיס אַ גישעפט . . וואַרום זאָלען וויר ווערין אונזערע עלטערען צו לאַסטט ?

אויף דער פראַגע האָבען זיך שוין ביי איהם דיא וואָרטען אויסגעלאָסט . אונד קיין אַנטוואָרט דאַרויף געגעבען . אונד איזט שוין ווירקליך געבליבען זיצען צו טיש . . קאַראָלינע פאָן איהר זייט האָט זיך ביסליך וויים מיט איהרע פראַגען צוריק געצויגען אום זיא זאָל איהם ניט בעז מאַכען . . . אונד איזט אַריין געגאַנגען אין אַ אַנדערען שמים . . אַביסעל געלאַסענער געזאָגט . איך ווייס גוט דיין מיינונג . דיא ווילסט אינז אויף איינמאָהל איבערראַשען . אונד ווילסט אינז איבערצייגען דאָס דיא רוסישע זינד פיעל קליגער אַללס אינז רומעניש . . איבערהויפּט מיט מעהר כאַראַקטיר דאָס בין איך שוין איבערצייגט . . .

דאָס אָרימע מאַקסיל האָט וואַללען דערביי אַ זיפץ טוהען פאַם טיעפען הערץ . . . וויא איינער רעד וואָלט איך דען ניט

געוואָלט ... אַז איך בין אָבער אַ גרויסער דלות .. אויף אַללע פיסטע וועלדער .. ער האָט זיך אָבער מיט אַללע קרעפטען איינגעהאַלטען זאָ איין זיפֿץ ניט צו טוהן . יעדאָך האָט זיך פאָן איהם אַ געדישיטער זיפֿץ אַרויסגעחאַפּט ניט ווילענדיג אונד באַלד דאַרויף געזאָגט . איך ווייס ניט דאָס בעדייטונג וואָס האַבע קיין בריעף פאָן מיינע עלטערען .. איך וויים שוין גאָר ניט וואָס איבער צוטראַכטען ...

אַ דאָ איזט קאַראָלינען שאָן אַללעס פעראַנטוואָרט געוואָרען געוויס ערוואַרטעט ער זיין פאַטער זאָל קימען דאַן וועט ער שוין אַללעס אין אָרדענונג ברענגען . עס האָט איהר שוין באַנק געטוהען וואָס זיא מאַכט איהם פאָרווירפע אונד זיא צייגט זיך שוין פיר איהם מיט אַ פריינדליך געזיכט .. אונד פעראַנטוואָרט אַלין אַללע פראַגען וואָס זיא האָט איהם פאָהרגעלעגט מיט דיא וואָרטען יעטצט איזט מיר שוין רעכט וואָס דיא מאַכסט דיך ניט וויסענדיג .. געוויס האָסט דיא דיינע עלטערען אַללעס אַרויס געשריבען .. אונד וואַהרשיינליך ערוואַרטעסטע זייא . זאָלען אויך אַהער קימען .. ניכט וואַהר ? מיין ליעבער מאַקס . אונד וואַרפט איהרע שעלמשע בליקען גלייך צו איהם .. עס האָט איהם דורכגענאָמען

אַבער מיט אַ געמאַכטען קוראַש זאָגט ער צו איהר . יעטצט זעה איך . אַרויס דאַס איך האַבע איינע געשייטע פרויא . גלייך ביסט בייא מיר אין הערץ .. געוויס ערוואַרטע איך מיין פאַטער זאָל אַהער קימען דאַמאַלס ווער איהר אַרויס זעהן ווער מאַקס איזט ...

גאַנץ ריכטיג זאָגט קאַראָלינע . אַבער איינסווייל וואָס דאַרפסטי בייא דיר דישען דיא טויזענדער ... עס איזט פשיט פיר דער וועלט ניט שעהן דאָס דיא זיצט אָהנע אַ בעשעפטיגונג .. אונד קאָנסט פעררעכענט ווערין גלייך מיט אַללע אַנדערע בטלנים . וואָס האָבען חתונה צוליעב דיא קעסט .. ניט וואַהר מיין לעבען ? . דיא וואָרטען האָבען איהם שוין זיין קאָפּף פערשלאָגען ... אונד נאַך איניגע מענוטען נאַכדענקען זאָגט ער צו איהר דערמיט האָסט דיא גראַדע רעכט זאָ דיא אַנדערע וואָך ווערדע איך אַרויס פאַהרען נאָך ב׳ ... וויל איך האַבע דאָרט מיט איינעם זיך צו

רעבֿענען . איך וועל נור עקספּעדירען . זאָ מאַך איך אַ הערט גישעפּט .. קאַראָלינען איזט דאָס איינגענאַנגען . אונד עס איזט זאָ געבֿליבֿען אויף דער אַנדערער וואָך . . .

קאַראָלינע האָט דיא אַללע וואָרטען איבֿערגיגעבֿען צו איהר מוטטער . זאָ איזט דיא פֿאַמיליע שוין ווידעראום לוסטיג געוואָרען גען געהאָפּט אונד אַרויסגעקיקט דיא עטליבֿע טאָג זאָלען שוין איי־בערלויפֿען דאָ ווערט שוין מאַקבֿיל עפּינען זיין באַטעל אונד אַ יעדען צו פֿרידען שטעללען . .

אינזער מאַקסלען איזט געוואָרען פֿינצטער אין זיינע אויגע דיא אַללע וואָרטען פֿאָן קאַראָלינען . איבֿערהויפּט דאָס וואָרט דאָס ער זעהט אויס וויא אַ בטלן וואָס זיצט אונד עסט קעסט . דאָס האָט איהם געשטאָכֿען וויא מיט אַ מעסער .. אונד טראַכֿט ביא זיך האָט זיא דען ניט רעכֿט פֿאָן איהרער זייט ? איך האַבֿע איהר פֿיעל גליקען פֿערשפּראָכֿען . אָם ענדע האָלט זיא ביא גאָר ניט .. אַ עס פֿאַנגען איין מיינע איינענע געווינען מיך צו פֿלאָגען . איך וועל מיך באַלד שעהמען זייא אין דיא אויגען צו קיקען .. אין דאָ האַבֿע איך נאָך עטליבֿע געציטערטע רובֿעל וואָס מאַך איך דאַן ? ? עס קימט נור מיט שאַנדע דאָס אורט צו פֿערלאַססען . . אַבֿער וואָהין ? .

קורץ ליעבֿע לעזער דיא אַללע געדאַנקען האָבֿען איהם גיפּלאַגט אַז ער האָט שוין זיין גאַנץ קוראַש פֿערלאָרען . . זאָ פֿיעל ער האָט זיך מיט אַללע קרעפֿטען איינגעהאַלטען אונד ניט געציינט פֿיר זייא זיין ערגערניס אום זייא זאָלען עפּיס ניט מערקען אין איהם . . .

איך האַבֿע קיין אַנדערען פּלאַן . . טראַכֿט ער ביא זיך איך מוסס פֿאָן היער אַוועק . . . אונד פֿילייכֿט ווערט מיר גאָט צושיקען עפּיס איין בעשעפֿטיגונג . זאָ וועל איך געווים אין איהר ניט פֿערגעססען . דער שכל קימט נאָך דיא יהרען . זאָגט דיא וועלט אַ שפּריכוואָרט . . העט איך זייא אַבֿער געוועזען מיין לאַגע ענדעקט צופֿאָהר . . וויא לויט שאַנדע זייא האָבֿען איינגענאָממען . . וואָלטען זייא דען ניט געוועזען אַזו אויך בעשטאַנען ? . וואָס האַבֿע איך זייא בעדאַרפֿט בעשווינדלען . . פֿערשפּראָכֿען גליקען . . .

עס איזט שוין אַבער פערפאַלען . איך מוס דאָס אורט פערלאַססען . . אין . . . דאַן . . וועל איך זעהן צו וואָס דער שיקזאַל וועט מיך פיהרען . . . .

קורץ ליעבע לעזער דיא צייט שטעהט ניט אויף איין אורט דיא טאַגע מיט דיא שטונדען וועקסלען זיך . באַלד פאַלט צו דיא נאַכט . . באַלד ווירד טאַג . .אונד דאס פערגעהט אַללעס . . . .
עס איזט געקימען דער בעשטימטער טאַג וואָס מאַקס האָט זייא געזאָגט אַז ער פאָהרט פאָזיטיף נאָך ב' זיך מיט איינעם צו רעכענין . זאָ קלעהרט ער בייא זיך ביים וועק פאַהרען וויא לאָסט מען ניט איבער קאַראָלינען וועניגסטען אַ הונדערטער ?. טאַשען געלד . . אַז ער זעהט אַבער דאָס ער האָט נאָך קנאַפּע 2 הונדערטער . . ווער ווייסט וואָהין זיין רייזע וועט איהם פיהרען זאָ בלייבט ער אָהנע אַ פעניג . . ביז ער וועט זיך עפּיס נאַכזועהן . . דאָס האָט איהם שטאַרק צי קאָבט ער האָט זיך קיינע ראַהט געקענט שאַפען .

בראַנדיל מיט קאַראָלינען האָבען צישען זיך דאַריבער געשפּראָכען געווים ביים וועק פאַהרען . וויא לויט ער זאָגט דאַרף ער דאָרט אויסבלייבען אַ פּאַאַר וואָכען . געווים וועט ער דיר איינסווייל אַ פּאַאַר הונדערטער צוריקלאַסען . ניין זאָגט קאַראָלינע איך קען בעשטעהין איך זאָל אויך מיט איהם פאַהרען . . . האָסט רעכט זאָגט בראַנדעל . דאָרט וועסטי שוין האָבען דאָס געלעגענהייט ער זאָל דיך אורדענטליך אויסקליידען . . זאָ בלייבט עס אונד באַלד דאַרויף לויפט זיא אַריין צו מאַקסלען אין צימער אונד זאָגט צו איהם גאַנץ אוי פגעמונטערט דיא ווייסט מיין לעבען וואָס מיר איזט איינגעפאַלען ? . איך זאָל אויך מיט דיר מיט פאַהרען . . ביסטי צו פריעדען ? . . ער בעדענקט זיך אַביסעל . אונד טראַכט בייא זיך עס איזט אַזו גלייכער פיר איהם וועט ער פערשפּאָרען איהר געלד איבערצולאַסען . . .

מיט פערגעניגען . . אַנטוואָרט ער איהר . זאָ בלייבט עס מיטען מאָרגען צוג וועלען וויר אַבריזען . . קאַראָלינע האָט זיך פיר דער האַנד פאָהרבערייט . אַ רייזע מאַנטעל אַ פּאַאַר קליידער . ווייל דאָרט וועט זיא זיך שוין אַללעס איינקויפען . בראַנדיל האָט געמאַכט אַ גיט נאַכטמאַהל פיר זייא . פיר שמחה איזט מען דיא

גאַנצע נאַכט געזעסען אונד מען האָט געמאַכט אַ צעטיל וואָס פיר קליידער קאַראָלינע בענעטיגט . . אויך אַ פּריזענט פיר דער שוועסטער . אונד דער מוטטער . . . מען איזט דערבייא פריילך אויפגעמונטערט . אַבער מאַקסעל איזט געזעסען אין געהאַקטע וואונדען עס וואר איהם זיין לעבען צו לאַסט . . . וועהרענד בראַנדיל מיט קאַראָלינען זיצען אונד מען שטעלט אויס אַ צעטיל פאָן דיא פּרעזענטערעס וואָס מען זאָל דאָרט איינקויפען קומט אָן ר׳ חיים שמעלקע פּיפערנאָטער פערסאַפעט קרענצעלע וואָס ווסטי מיר עפּים קויפען פיר אַ מתנה ? . . וואָס ווילסטי איך זאָל דיר קויפען ? . פראַגט קאַראָלינע איהם . . איך וויים . . . זאָגט ער . יוא זאָלסט מיר קויפען אַ בריל . . אין דיך מאַקסיל וועל איך בעטען זאָלסט מיר ברענגען אויך איין שבתדיקען קאַפטען . . ניט ווילענדיג האָט מאַקסעל דערבייא ציגעשמייבעלט . מיט פערגעניגען זאָגט מאַקסעל .

קורץ עס האָט דערבייא אונגעהויבען צו טאָגען. מען האָט באַלד געשאַפט אַ וואַגען מיט 2 שפּענער מען זאָל פאַהרען צו דער גאַראַ. מען האָט זיך אויפגעזעצט צום פאַהרען לויפט צו מישקע ביילאַ אין רויהמט איין קרענצעלען זיא זאָל זיא אויך אין זינן האָבען מיט אַ פרעזענט . .

קורץ זייא זענען וועקגעפאַהרען צום באַהן מאַקסעל האָט באַלד קאַרטען געלעזט עס איזט פערגאַנגען איניגע מענוטען עס הערט זיך דאָס 2 מאַהל לייטען . מאַקסיל פיהרט קאַראָלינען אין וואַגאָן . אַבער וויא פינצטער איזט איהר געוואָרען אין דיא אויגען . . ער האָט זיא אַריין געפיהרט אין אַ 3 טער קלאַססע . . דיא זאָל זיך ניט געוועזען שעהמען . וואָלט זיא זיך צוריק אומ־געקעהרט . . זיא האָט זיך אויפגעזעצט אַבער דאָס הערץ האָט אין איהר געקאָכט פיר פערדרוס . . עס הערט זיך שוין דאָס דריטע מאַל לייטען זייא געזעגנען זיך מיט דער פאַמיליע דער צו איזט אָב געגאַנגען . למע״ה איהר זאָלט באַלד דעפּעשירען איך וועט בשלום אָן קומען . אונד אַללע טאַגע אַ בריעף שרייבען . . יוא . יוא . הערט מען אַרוים שרייען פאָן דער כלאַסע . אַבער מאַקסיל זיצט זייער צו קאָכט . . אין קאַראָלינע נאָך מעהר . . ? האָט איהר ניט דער לאָסט איהר הערץ זיא זאָל מיט איהם רעדען .

זיא זיצט אונד טראַכט ביא זיך ניט אימזאָנסט ריעפט מען דיא רוסישע חזירים.. זייא פערדינען דעם נאָמען. נאָר טראַכט זיא ווידערום ער האָט אַבער אונגעטראָפען אויף מיר. ער מעג זיך שוין אויף מיר אויף פערלאַסען. ער פערגעסט דאָס איך היים קאַראָ־לינע בראַנדעל ספּאָדיקס טאָכטער. . איך וועל איהם שטעלען צום צעטעל . . עס וועט איחם אַ חנאָה . טוהען . . איך האָבע ניט געוואָלט דיא מוטטער ערגערען . . זאָנסט וואָלט איך איהם געוויזען וויא מען פאָהרט מיט קאַראָלינען אַ דריטע קלאַססע גלייך מיט אַללע לעפּטשעבעס . . דיא ערסטע פּראָבע וואָס ער האָט מיט מיר געמאַכט וועט איהם טייער קאָסטען . . איך וועל מיך נור אין איהם איינוויקלען . זאָ וועל איך איהם איינגעוואָנען מיין קאָפּף נאָכצוגעהן . ניט וויא ער וויל . . זאָנסט האָט ער זיך געזאָלט אויסזיכען איינע פאָן אינטער דער באָד... זאָ איזט זיא געזעסען מיט דיא פערדרוסליכע געדאַנקען . אונד האָט זיך ענדליך בעשלאָסען . זיא זאָל איהם דאָרט ערשט אַ גיטע לעקציע דאַפיר געבען . אונד ער וועט גאָר ניט זיין אומשטאַנד מיט אַללע זיינע פריזענטערעס זיא צו פעראַנטוואָרטען . דאָס ערשטע מוס איך ביא איהם פאָדערען 5 טויזענדער . . שטראָף . . דאַפיר וואָס האָט מיך צום ערסטען מאָהל זאָ גראָב בעהאַנדעלט . דאָס געלד זאָל הייסען אָהנע איין נאָמען . . וואָס איך וועל וועלען זאָל איך דערמיט טוהען . . אונד דאַן . . וועל איך איהם רעגולירען . ער זאָל פאָן מיינע רייד ניט ארויסגעהן . אונד וועל איהם געבען צום פערשטעהן ער זאָל ניט דענקען דאָס ער האָט ביא זיך אַ איינפאַכע יודישקע . . . זאָנסט ? . . . . . .

דאָ זעהט מען אַ גלייך פּאַאַר פּאָלק . וויא זייערע ביידע הערצער זענען געאייניגט . . איך האָבע איך פאָהרגעשטעלט איהר פאַנטאַזיע וויא אַזו זיא האָט זיך פאָהרגעשטעלט . אונד איהר פּלאַן זיך געמאַכט . .

מיט דיא נעהמליכע געדאַנקען זיצט מאַקסיל אויך אונד טראַכט ביא זיך וואָס טוהט ער יעטצט ? . וואָס פאַנגט ער איין ? . זאָל דאָס פיר מיך גאָר אַ טובה זיין וואָס זיא איזט מיט מיר מיט געפאָהרען . . איך וועל איהר מיין גאַנץ הערץ ענדעקען . . איך וועל איהר אַללעס דיא וואַהרהייט ערצעהלען אין וואָס פיר

איינע לאַגע איך געפֿין מיך .. וויל דאָרט בייא איהרע עלטערען האָט מיר דאָס ניט געפּאַסט . זאָ האָט גאָטט אַזו געפֿוהרט איך זאָל איהר דאַ אַללעס ענדעקען . . . . איך גלויבע זיא וועט זיך אַללעס אָננעהמען . . אום פאָן זיך קיין געלעבטער מאַכען . . . וויל זיא וואַר שוין גענוג אויף געלעבטער .. קוים ניט ? . זאָ וויס איך וואָס האַבע מיט איהר צוטוהען . . . אַז זיא וועט זוכען . . זאָ וועט זיא געפינען . . , זאָ ליעבע לעזער איזט דאָס פּאַאַר געזעסטען פערטיעפט עס איזט זייא דער מיט פערגאַנגען איינע האַלבע שטונדע . . . ענדליך האָט זיך מאַקסעל פאָן זיין פאַנטאַזיע ערוואַכט . אונד זאָגט צו קאַראָלינען . וואָס זיצט דיא זאָ פערטראַכט ? . . וואָהין פליהען דיר דיינע געדאַנקען ? . קאַראָלינע צווייפעלט . . צי זאָל זיא איהם אַנטוואָרטען . . ענדליך האָט זיא בערעכענט אַז ער איזט נאָך אין שטאַנד אַללע איהרע פּראַטענציאָנען צו פּעראַנטוואָרטען . זאָ זאָגט זיא צו איהם . . . הער אוים מיין לעבען . איך זאָל ניט בעקאַנט זיין אין דיין כאַראַקטער . . זאָ וואָלסט דיא מיר פאָהרגעקימען וויא איינער פאָן דיא אָרדענערסטע סאָרטען מענטשען . . . וויא לויט האָסט דיך געגען מיר יעטצט אַרויסגעשטעלט . . . עס איזט וואַהר דיא וועלט זאָגט מעהר רייכער מעהר קאַרגער . . מען דאַרף אַבער וויסען וויא דאָס קאַרגשאַפט צו בעניטצען . . . אונד געגען וועהמען . . .

מאַקסיל קיקט זיא אָן . . אונד ווייסט ניט וואָהין זיא ציהלט איהרע וואָרטען . . ער פרעגט זיא נייגעהריג דיא אורזאַכע ? . דיא אורזאַכע ? רעפעטירט קאַראָלינע . ביסט שוין דען זאָ טיעף פערזונקען אין פעהלערס וואָס פערשטעהסט דיין פעהלער שוין ניט . . וויא אַ געפעהרליכער קראַנקער פיהלט שוין דיא וויטיגען ניט . . זאָ זאָלסט דיא דאָס וועניגסטען בערייען . . אונד וועסט דאָס בערייען . . . זאָגט זיא שוין האַלב בעז . . מאַקסיל ווייסט נאָך אַלס ניט וואָס זיא מיינט דערמיט .

ענדליך זאָגט ער צו איהר . שפּרעך אין קורצען וואָס מיינסט דיא דערמיט ? . וואָס איך מיין ? ? עס פלאַמט מיר נאָך יעטצט מיין געזיכט וויא עס האָט אויסגעזעהן געגען דער מוטטער . . איבערהויפּט געגען מיין פריינדען אָדער פיינדען דיא פריילין

עסיגשטאָך וויא זיא האָט געזעהן דאָס דיא האָסט מיך אַריין געזעצט אין אַ דריטער קלאַססע גלייך מיט אַללע זשידאָווקעס.. עס זאָל זיך מיר געוועהן עפּעניז אַ גריב וואָלט איך צופרידינער געוועזען אין פאַנגט טאַקע דערבייא שוין אָן צו וויינען....

ליעבע לעזער יעטצט שטעלט איהר אייך זעלבסט פאָהר וויא לויט מאַקס פאַנטאַזיע פאָן פריהר אויף דעם יעטצטיגען געוויין פאָן קאַראָלינען . . . וויא אַזו איהם איזט אויף זיין הערץ געוואָרען . . ער האָט זיך אַבער פיר פעדדרום ניט געקענט מעהר איין זיך האַלטען . . זאָ זאָגט ער צו איהר: ליעבע קאַראָלינע רעבענסטי מיך פיליבט אין דעם שטאַנד וויא דעם באַנקיער צאַפּפענשטרייך ? ? דענקסטי ניט דאָס איך האַבע מיינע מיליאָנען ? . הער איינמאַהל דיא זאָלסט דיר פאָהרשטעללען דעם ערגסטען אונד ניעדערניגסטען פאַלל . . . דאַן וועט דיר זיין איינגענעהמען סאַי אין וואָס פיר אַ פאָזיציע דיא וועסט דיך בייא מיר געפינען אונד דערבייא האָט אין איהם געקאָכט יעדעס אבר. זאָ איזט ער צו געגאַנגען צום פענצטער פאָן דער קלאַססע אונד האָט אַרויס געקיקט . אום זיך אַביסעל צו שטרייען . .

קאַראַלינע האָט מיט איהרע הענד זיך דאָס געזיכט פערדעקט אונד ערסט איינגעפאַנגען זיך צו פעטען . . . ער זאָל זיך קענען געגען איהר מיט זאָלבע וואָרטען אויסדריקען . . . אונד נאָך בייא דער ערסטער לוסט רייזע ? זאָ איזט זיא גיט צוקאָכט געוואָרען . . זיא האָט זיך אין דעם מאָמענט וויא פערלוירען . איהר זאָל זיך זאָ וואס טרעפען ? . וואָס זיא איזט געוואָהנט פאָן אַללע יונגע לייטע קורטעזירט צו ווערען . . . געשמייבעלט צו ווערען . . אַם ענדע זאָל זיך זאָ איינער אויסדריקען דאָס ער האָט ניט זיינע מיליאָנען ? . אונד רעדט מיט איהר גאָר וויא מיט אַ פראָסטער יודעשקע . . זיא זאָל זיך פאָהרשטעלען דעם ערגסטען פאַלל . . . וואָס מיינט ער דער מיט ? . אָז זיא פערשטעהט דורכאויס ניט זיינע וואָרטען . . זאָ איזט זיא אַזו ציקאָכט געוואָרען עס האָט אין איהר געהערשט שאַנדע . מיט פעדדרום . צוזאַממען . . פליצים דערמאַנט ער איהר גאָר דעם באַנקער צאַפפענשטרייך ? . זיא האָט זיך דערבייא גיט צו וויינט . אויך שפּיעלפאָגעל שטעהט ביים פענצטער מיט פערמישטע געדאַנקען .

אונד אַללע זיינע אֵברים פלאַגען איהם . וואָס האָט זיך איהם געגליםט ? וואָהין איזט ער פערקראָכען ? אונד מיט וועהמען ? . ער וועט ניע אין שטאַנד זיין זאָ איינע צופריעדען צושטעללען . . וויל זיא איזט זאָ פערדאָרבען אויפגעוואַקסען . . . . זיא האָט שוין גאָר פערגעססען וויא וויט זיא איזט אויף חוזיק געבליבען . עטצט האָט זיא שוין ווידעראום דעם קאָפּף אויפגעהויבען . . אַקליינינקייט פערברעך . . . פלימצים נעהם איך פּיפּערנאָטערס פרינצעסען אונד זעץ זיא אין אַ דריטער קלאַססע . . אָ שלעכט בין איך פערקראָכען . . וואָס האָט מיר דען געפעהלט איך בין מיר געוועהן אַ פרייער פאָגעל . . אין יעטצט האַבע איך מיר זעלבסט אָנגעטוהן אַ מילשטיין אויף מיין האַלז . . . אַבער ניין איך וועל געשווינד פאָן איהר לויז ווערען . .

איך זעה זיא הויעט מיר גאָר דיא טריט . . אָט פאָהרט זיא אויך מיט מיר גלייך איך אַליין וויים וואָהין איך פאָהר . . . איך האַבע מיר געדענקט איך וועל מיר אַרוים פאָהרען פיליכט וועל איך עפּים מיר אַ בעשעפטיגונג אויסזוכען . וואַקסט זיא אויך אויס . . .

אַלזאָ וואָס איזט יעטצט צוטוהען ? . פראַנץ זאָל געוועזען זיין קאָפּף ברעכען בעפאָהר ער האָט מיך צו דעם שלאַק פערר־פיהרט . . . אונד מאַכע מיין שכל וויא איזט געוועזען ? .

איך האַבע גיט געהערט פאָן איהר וועהמען זיא זוכט . זאָ האַבע איך מיר דיא מכּה אַליין גענאָממען עס איזט קיינעמס שולד . . דאַראַן . . . פיר איין לוסטיגען מאָמענט זאָל איך מיינע יאַהרען פערשפּיעלען ? . ניין . . . אונד נאָכמאַלס ניין . . . (ער וואָהר אַזו פערטיעפט אַז ער האָט כמעט אויסגעשריגען דאָס וואָרט ניין) . . זאָ פיעל ער האָט זיך ערוואַכט . אונד איזט צו געגאַנגען צו קאַראָלינען . מיט פאַלל שמייכלעהייא . אונד פרעגט זיא דיא אורזאַכע וואָס זיא וויינט ? . אַבער זאָ שנעל זאָל איהם קאַראָלינע אַנטוואָרטען ? . וויא זאָגט איהר ליעבע לעזער אָ ניין איהר גלויבט ניט ? . . איך גלויב אויך ניט . .

עס געפינט זיך נאָך ביא איהר אַביסיל שטאָלץ . . זיא וויסט נאָך געגען זאָ איינעם וויא שפּיעלפאָגעל צו שטאָלצירען ער וועט שוין (טראַכט זיא ביא זיך) וויסען דאָס צווייטע מאָהל

זיא צו מעקירען . ניט אזו לייכט וועט ער קאראלינען איבער־ בעטען . . ער מעג שוין בעצייטען פאהרבערייטען וועניגסטען פינף טוזענדער . . . וויא לויט איך האבע מיר פאן צו הויז פאהרגעשטעלט . אויך וועט איהם דערביא שוועהר אנקימען . . איך זאל איהם זייגע ווארטען גענצליך פערצייען ? ניין . זאל ער דאס 2 טע מאהל וויסען וויא אזו מיט מיר צו רעדען . .

זא האט זיך קאראלינע פעסט געזעצט אין איהרע געדאנקען איינמוייל האט זיא איהם געאנטווארטעט איין ווארט איבערן צענטען . . דאס איבעריגע וועט זיא שוין זיך דארט אין ב׳ מיט איהם רעבענען

ער פרעגט זיא נאכמאלס וואס שוויגסט דיא ? וואס ווילסט דיא דען פאן מיר אנטווארט זיא איהם ? . איך פרעג דיך וואס דיא וויינסט ? . איך וויין אויף מיין שיקזאל . וואס פיר איינע אורזאבע ברענגט דיך דיין שיקזאל צו בעקלאגען ? פרעגט ער זיא מיט א שפאטישען טאהן . . . וואס פיר איינע אורזאבע ?

איך האבע ניט ערווארטעט פאן דיר רוסישע ווארטען צו הערין . . . וואס הייסט ? פרעגט ער זיא איך רעד דען רוסיש מיט דיר ? געווים שטאמען זאלבע ווארטען פאן רוסענלאנד . . .

קורץ ער זעהט שוין ארוים מיט וועהמען ער האט צוטוהען . . אונד טראכט ביא זיך ווארט איך וועל דיך שוין בעארביטען . . עס וועט נאך פיעל מעהר קלינגען מיט איהר וויא מיט איהרע פאריגע תנאים . . . זא טראכט ער ביא זיך . .

ענדליך האלב צוועלף ביא נאכט זענען זייא אנגעקימען אין דער שטאט ב׳ ער איזט מיט איהר פערפאהרען אין איין האטעל . . אונד געשאפט איין צימער פיר 2 פערזאן . אויך דערביא א טיש צו דעקען עס איזט גלייך געשעהען . זייא זענען אריין געגאנגען אין צימער זייא בעקוועהמין זיך . דער קעלנער האט איינגעפאנגען דעם טיש צו דעקען . שפיעלפאגעל ווארפט זייטען בליקען אויף קאראלינען וויא אזו זיא בעפינדעט זיך . ער זעהט זיא זיצט אללס ברוגז . . ער איזט יוצא אונד געהט צו איהר צו ער שמייבעלט זיא אונד פרעגט זיא שוין מיט א פריינדליכען טאהן אלזא קאראלינע ! בין איך שוין ניט אים שטאנד דיך איבערצובעטען . מיט דעם וואס איך האבע דעם

פעהלער בעגאַנגען אונד דיך מיט אַ 3 טער קלאַססע געפיהרט . . דאָס זאָגט קאַראָלינע מאַכט שוין זאָ פיעל בייא מיר ניט אויס וויא דיינע וואָרטען וואָס האָסט מיך סעקירט . . אונד דאָס וועט דיך טייער קאָסטען . . . . אַז דאָס צווייטע מאָהל זאָלסט דיר עפענען דיא אויגען מיט וועמען דיא רעדעסט . . אונד זאָג דיר אויך יעטצט קוים וועל איך פאָן דיר נאָכמאַלס זאָלכע פאָרפירפע הערין . . . זאָ קענסטו מיט מיר קיין לעבען צו פיהרען האָפפען . . . בייא מיר איזט קורץ אונד שאַרף . . . .

זאָ ? . טראַכט ער בייא זיך קורץ אונד שאַרף . . . איך וועל אויך מאַכען קורץ אונד שאַרף . . . אונד דערבייא האָט אין איהם אָנגעהויבען אַ יעדעס אבר צו קאָכען . . . ער פערלאָסט זיא . אונד געהט אַרויס פאָם צימער אום זאָל זיך אַביסעל צושטרייען . . . ער שפּאַצירט אַרים אויף דעם טרעטאָאַר הין אונד צוריק מיט אונגעוועהנליכע שריטע . . וויא פערווירט . . עס איזט וואַהר . . מיינע געדאַנקען פלאַגען מיך זאָ איינע שריטטע צו מאַכען . . איך בין אַבער געצוואונגען . . איך האַבע קיין ברירה . . . יעצט געפינט זיך נאָך וועניגסטען בייא מיר עטליכע רובעל זאָ קען איך מיך דאָך נאָך רירען וואָהין מיין שיקזאַל וועט מיך פיהרען זאָל איך וואַרטען ביז ענדע . . וועל איך אַשעהן פנים האָבען . . ניין איך מוס איהר צייגען דאָס זיא האָט געהאַט מיט איין רוסישען צוטוהען . איבעריגענס עס מאַג זיין וויא עס וויל . . . זיא האָט מיר שוין געגעבען אַ גיטע לעקציע עס הייסט איך זאָל מיר עפינען דיא אייגען מיט וועהמען איך האַבע צוטוהן . . . זאָ אייגע . . וואָס נאָך יעטצט צו טאַגע קלינגט מיט איהר דיא וועלט וויא הייט אויף חוזק זיא זענען געבליבען . . אַ . מאַקביל טראָג דיך אָב פאָן דאַנען . . רעדט ער צו זיך אַליין . יא טראָג דיך . . מאַך קיינע פיעלע געשעפטען . . איינסווייל וועל איך אַריין געהין צו איהר . .

קאַראָלינע פאָן איהר זייט האָט גיט ערקענט וויא ער געהט אַרויס צו קאָכט . . עס פערדריסט איהם שטאַרק ? . . טראַכט זיא בייא זיך . . ער געהט אַרים צו קאָכט . . זאָל ער וויסען דאָס ער האָט מיט מיר צוטוהען אין ניט זאָ שנעלל וועט ער מיך איבערבעטען . . . אַז איך וועל זעהן אין דיא הענד פינף

טויזענדער דאַמאָלס וועל איך ערשט מיט איהם אויסשמיסען
קאָנדיציאָנאַל . . . וויא אַזו ער זאָל געגען מיר האַנדלען . . .
אַמענטש קימט אַראָב . . . מען קען איהם ניט ווער ער איזט . .
אונד וואָס ער איזט . . ער האָט אַ סך טוזענדער . . נאָ ? .
דאַרף מען שוין מיט אַ פרויא שלעפען בלאָטטע . . . זאָ וועל
איך איהם צייגען ער זאָל ניט דענקען דאָס ער האָט ערדייבט
איינע פרויא פאָן אַ אינטער גאַסס . . זאָל ער זיך ערקינדיגען
מיט וועמען איך פלעג מיך צו זאַממען קימען . . . . וויא אַזו
דיא נאָבעלסטע יונגע לייט האָבען מיך רעספעקטירט . פיר מיר
דיא היטטע געצויגען . . קימט זאָ איין לייכטזיניגער אונד סעקירט
מיך גאָר מיט רוסישע וואָרטען . . זאָ וועל איך איהם אַביסעל
צייגען . . אונד זיינע רוסישע גראָבע זיטטען פאָן זיין קאָפף אַרויס
שלאָגען . שוועהר וועט ער מיך זאָ שנעל איבערבעטען . .
סיידען . . . באַלד דאַרויף עפינט זיך דיא טיהר מאַקס קימט
אַריין . ער טרעפט שוין דעם טיש פערטיג געדעקט אויף דער
קעלנער קימט גלייך אונד פרעגט צו זאָל ער שוין עסען אויפ־
געבען . . יוא זאָגט מאַקס . . אונד געהט דערבייא צו קאַראָלינען
צי וואָס איזט געזעסען זאָ פערטיעפט . אונד נעהמט זיא אַרים
מיט דיא וואָרטען פערגעס שוין מיין לעבען וואָס עס איזט
געוועזען . . קים שוין צו טישע . . זיא קיקט מיט אַ זייטען
בליק צו ער האָט עפּיס אין דיא הענד . . זיא איבערצבעטען . .
זיא זעהט מיט לעדיגע הענד . . זאָ רייסט זיא זיך אויס פאָן
איהם . איך בין ניט בייא עססען . . איך האַבע קיין הונגער
יעטצט . . . . איך בין זאַט . . . עס האָט איהם שוין באַרירט
ביז אין לעטצטען . יעדאָך בעוועגט ער זיך אונד זאָגט צו איהר
מיט שמייכעלערייא הכלל דיא זאָלסט מיך זעלבסט שטראַפירען . .
וויפיעל דיא פערשטעהסט . . אונד הער מיך אויף זאָ פיעל צו
קוועהלען . זיא זעהט אַז ער רעדעט שוין וויא אַ מענטש . .
זאָ האָט זיא שוין מיט איהם אויך אַנדערעס גירעדעט זאָ זאָגט
זיא שוין צו איהם יעטצט זעה איך וועניגסטען אַז דוא פער־
שטעהסט שוין דיין פעהלער. זאָ מוס איך דיר אויך איינע לייכטע
שטראַפע אַרויס געבען . . . נעהמליך זאָלסט ניט דענקען דאָס
איך פערלאַנג פאָן דיר איבעריגס נור דאָס וואָס האָסט מיר זעלבסט

פערשפראָכען .. איך בין שוין נייגעהריג צו וויסען זאָגט מאַקס . זאָלסט אויס בּאָרגען דיא 5 טוזענד פראַנק פיר מיין שוועסטער וויל זיא שטעהט יעטצט אין אַ איינשטענדיגען שידוך . אונד דאָס געלד וועסט דיא אין אַ קורצער צייט צוריק בעקימען . דאַן מיין אויסשטאַפירונג וויפיל דיא פערשטעהסט געוויס עס זאָל זיין איינשטענדיג . . פיר דיך . . אונד פיר מיך . . .

מאַקס הערט זיא אויס מיט געדולד . . . עס איזט איהם אונגעקומען צום לאַכען דאַן אַנטוואָרט ער איהר דאָס איזט דאָס גאַנצע ? . . האָסט דיא דאָך איינסוייל גאָר ניט געפועלט . . . דאָס האַבע איך דיר זעלבסט פערשפראָכען . . . איך וויל דיר אויך צייגען עדעלקייט זאָגט קאַראָלינע קוים פערשטעהסט זעלבסט דיין פעהללער זאָ פערצייע איך דיר אונד מיט דיין עדלען פערשפרעך ווירד שוין אַללעס פעראַנטוואָרטעט

אַלזאָ האָסט שוין געפועלט מאָרגען לאָז איך ריעפען מיין קאָמפּאַניאָסט אונד וועל בייא איהם נעהמען א קאָנטע זעקס טויזענדער אוס . דיך קודם צופריעדען שטעללען . דאַן וועלען מיר זעהען וואָס פיר איין געשעפט זיך צומאַכען ביסט שוין צופריעדען ? . יוא נאָר גיב מיר פּאַראָל דאַרויף . . דאָ האָסט דיא פּאַראָל דע אָנאָרע . בייא דעם פּאַראָל . איזט קאַראָלינע גאָר אויפגעמונטערט געוואָרען אָהנע זיך צו עראינערען דאָס דער זאָהן פאָן צאַפּפּענשטרייך האָט איהר אויך פּאַראָל געגעבין . . עס איזט אַבער פּאָרט פּאַראָל דע אָנאָרע . : האָט דען אַ יעדער איין בּאַראַקטער ? . .

קורץ זיא זעטצט זיך שוין מיט איהם צו טישע . . זיא עסט מיט פערגעניגען אַבער ש"פ איזט פערשיעדענע געדאַנקען פאָהר־איבערגעגאַנגען . ער האָט אַבער אין זיך בעהאַלטען אונד מיט איהר פריינדליך גערעדעט אונד אַללעס פערשפראָכען וואָס זיא האָט פערלאַנגט . . זייא האַבען זיך זייער גוטביידע אונטערהאַלטען . אַ . ליעבער מאַקס מען דאַרף א טעלעגראַם געבען צו אונזערע עלטערען דאָס וויר זענען שאָהן היעד אַנגעלאַנגט . . יוא מיין לעבען . מען ציהט דעם גלאָק עס ערשיינט איין קעלנער . קאַראָלינע מאַכט איינע דעפעשע ענדע לאָבט זיא אויס איין בריעף פאָלגט . . אונד גיבט איבער דיא דעפעשע דעם קעלנער צו פערזאָרגען מאַקסעל מיין לעבען . איך זעץ מיך אויך איין

בריעף צו דער מוטטער שרייבען. מיט ווא דיא פערשטעהסט.
קאַראָלינע זעצט זיך שרייבען.

ליעבע מוטטער. אָב וואָהל ביא מיין אַבריזען פאָן אייך האַבע איך אַרויסגעזעהען אין דיר דאָס דיא האָסט זייער וועניג פערגעניגען געהאַט. וועהרענד האָסט מיך געזעהען אַריין זעצען אין דער 3 טער קלאַססע... גליך ווא איך בין ביא דיר אין הערץ.. דאַפיר ווערדע איך דיר יעטצט פערגעניגען צו טהיילען. איך האַבע אַ גאַנצען וועג מיך זייער דאַריבער געערגערט... זאָ פיעל מעגסט דיך שוין אויף מיר פערלאַסען איך האַבע אויפגעהערט מיט איהם צו רעדען. ביז עס איזט געקימען. איך האַבע איהם געזאָגט דיא אורזאַכע. זאָ האָט ער זיין פעהלער אַליין אַנערקענט... אונד זיך זעלבסט בעשטראַפט. געהמליך.. נאָך מאָרגען גיט ער מיר אין דיא הענד אַריין 5 טויזענדער פיר זשאַנעטען.. אונד מיך נאָבעל אויסקליידען נאָך מיין וואונטש.. זאָנסט מוטעריל האַבע איך דיר פיר דער האַנד ניט וואַס מיטצוטהיילען... גאָטט לאָב דאַפיר. גאָטט זאָל דיר בעשעהרין אָן מיין שאָדען פיר זשאַנעטען זאָ איינע פאַרטיע... אונד דעם בריעף מעגסט דיא ציגען אויך דער פריילין עסיקשטאָך ווייל זיא איזט אויך געוועזען מיך צו בעגלייטען אונד האָט אויך געזעהען וויא איך בין וועק געפאַהרען מיט דער 3 טער קלאַססע זאָ האָט זיא פיליכט דער פאָן אָנגעקוועלט.. זאָ זאָל זיא יעטצט דעם בריעף זעהען וועט זיא אָנהאַפען אַ שטעכעניש.. זאָנסט גריססע אונד קיססע איך אייער טאָכטער

קאַראָלינע

נ. ב. דיא 5 טויזענדער נעהם איך מאָרגען אונד ווירדע גליך מיט דער פאָסט צו אייך צו שיקען. ענדוועדער איהר וועט באַקומען איין טשעק פאָן אַ היזיגען באַנקיער. פיליכט נאָך אין דער אַדרעססע צו צאַפפענשטריך. זאָ וויל איך.. זאָל איהם אונהאַפען ביא דיא צייך. נאָר דיא זאָלסט צו איהם געהין דאָס געלד אָב ציגעהמען.. אויך איך גריססע אייך מיינע ליעבע עלטערען. עס איזט אַללעס אין אורדענונג

מאַקס שפיעלפאָגעל

מאַקס וועהרענד האָט איבער געלעזען קאַראָלינעס בריעף

מיט אנווייזונג צו צאפפענשטריוך האט ער מיט דיא עקסעל אויפגעצויגען . איך קען דיא מענשען ניכט פערשטעהן . וויא וויט זייא זעהען געוואהנט זיך צו נארען . . טראכט ער ביא זיך . זאלען זייא בלייבען געגארט . . ווייל דיא פערדינען דאס . . יוא דא שטעלט זיך פיר זייא א שפוגעל נייע חתונה . . מיט דעם מישעק צום באנקער צאפפענשטייך . . עס וועט אויסקומען גראדע וויא יענע תנאים פאהרלעזן . . זא פיעל לויט חשבון האט זיא מיר זאגאר איינע לייכטע שטראפע געגעבען . אין דער וואהרהייט וואס איזט 6 . . 7 טויזענדער ? אבי דיא פאמיליע פיפערנאטער צו פריעדען . צו שטעללען אי איך פערמאג קיינע 6 הונדערטער דאס ווייסט זיא ניט אונד וויל ניט וויסען . . נור יעטצט וועט זיא שוין געוואהר ווערען.

קורץ מען האט דעם בריעף צו קאראלינעס עלטערען אורזשענט פערזארגט . צווישען דיא בידע געליעבטע האט זיך נאך איינגע ווארמען געוועקסעלט אביסעל מיט סעקרעטור אבער זייער פריינדליך . עס וואר דער זעגער ארים איינס נאך האלבע נאכט . זייא האבען זיך שלאפען געלעגט . . קאראלינע איזט מיט פערגעניגען איינגעשלאפען . . אבער מאקס דורך זיינע אויפגערעגטע פערשיעדענע געדאנקען האט ניט מעהר געקענט שלאפען אונד מיט אונגעדולד ערווארטעט נאך דיא פאאר שטונדען . אום . זיין פלאן אויסצופיהרען . שלאגע 5 דעם זעגער איזט ער אויפגעשטאנען אונד האט ארויסגענומען זיין רענצעל מיט זיינע זאכען אונד האט געמאכט א . . . ויברח . . . עס הייסט דער פאגעל איזט וועק געפלויגען . .

קאראלינע מיט איהר צופריעדענהייט איזט ציםליך אינגעשלאפען . אויך דערבייא איינען זיסען טרוים געהאט . איך וואלט אייך זאגאר דער טרוים פאהרגעשטעלט . איך בין אבער אונגעדולדיג דער צו . . אבער זעהר גליקליך וואר זיא אין דיעזער נאכט . . אונד איזט געשלאפען ביז שפעהט אויף דעם טאג . ווייל זיא וואר פאן ניעמאנד געשטעהרט . ארים עלף דעם זעגער האט זיא זיך ערוואכט זיא קיקט צו מאקס געלעגער . א . . ער איזט שוין וואהרשיינליך לאנג אויפגעשטאנען . יוא א געשעפט מאן איזט ער . . וויא שפעהט ער האט זיך געלעגט . יעדאך האט ער זיין

שטונדע אָבגעהיט . . ער איזט געוויס שוין צו זיין קאָמפאַניסט
געגאַנגען . אום זיין וואָרט מיט זיין פאַראָלל צו צוהאַלטען . .
אויף דער בריעף פאָן געסטערן זאָל בעשטעטיגט ווערען . . זיא
ליגט נאָך אויף איהר געלעגער געגען איינע האַלבע שטונדע .
דאַן שטעהט זיא אויף אונד מאַכט זיך דעם טאָאַלעט . . בעטראַכט
זיך אין שפיגעל אויף אַללע זייטען צו ליגט אויף איהר אַללעם
אין אורדענונג . זיא פודערט זיך אַביסעל צו . געוויס וועט ער
קימען מיט זיין קאָמפאַניסט אונד וועט זיא פיר איהם פאָהרשטעללען .
נישט קשה . . טראַכט זיא ביא זיך . ער מעג מיך סאַי ביא
וועלכען אַרעסטעקראַט פאָהרשטעללען . ער וועט ניט מבויש
ווערען . . זיא דרעהט זיך אַביסעל איבערן צימער אונד זינגט
זיך צו . . דאַן ציהט זיא דעם גלאָק . אַ קעלנער ערשיינט . .
זיא וואונטשען ? קאַפע אַריין ברענגען . עס איזט באַלד געשעהען
מען ברענגט איהר קאַפע מיט בעקערייא . . זיא פרעגט איהם
ווען איהר מאַקסעל איזט אויפגעשטאַנען ? איך האַבע ניט
בעמערקט . ענטשולדיגט זיך דער קעלנער . . זיא טיהט דערבייא
אַ שמייכעל . אונד טראַכט ביא זיך . אַ ער איזט פיעל פלייסיגער
אַללס איהר . . זיא טרינקט אַב אונד געהט פאָרענט אויף דעם
טרעטואַר שפאַצירענדיג הין אונד צוריק . מיט שטאָלץ אונד
מיט פערשיעדינע פרייליכע געדאַנקען . . הייטע אַ״ים 3 בעקימען
זייא דאָרט אונזער בריעף וויא פיעל פרייד זייא וועלען דאָרטען
האָבען . . אונד געוויס וועט דיא מוטטער דעם בריעף אַרים
טראָגען פאָן שטיעב . צו שטיעב . אונד צייגען . אַ איך וואָלט
מיר געוואונטשען דערבייא צו זיין . . . אַבער יעטצט
וועט זייא שטעכען אין אַ יעדעם אבר . . זייא האָבען גענוג
פאָן מיר חוזיק געמאַכט ביא דיא ערסטע תנאים פאָהרלעזען . .
זייא האָבען מיך שוין פיר איינע פערלוירענע געהאַלטען . . איך
היים אַבער קאַראָלינע . . זאָ וואָס האַבע איך אונגעוואָרען ? .
ער איזט קיין באַנקער . . יעדאָך אַ גרויסער פאָדראַדטשיק . .
וואָס איזט אויך אין שטאַנד מיך אויך מיין שוועסטער גליקליך
צו מאַכען . אויך מיט אַ פיעל בעסערען כאַראַקטער אַללס
יענער . . זאָ האָט זיא ביא זיך איינע פאָללע שטונדע פאַנטאַזירט
אין איהרע געדאַנקען . אונד זיך נור פאָהרגעשטעלט דיא שמחה

וואס וועט דארט פאהרקומען . . חא חא חא . . טיהט זיא צו זיך אליין אגרויסען לאך . . (ווען יעמאנד זעהט פאן דער ווייט וועלט ער זיא פיר פעריקט גערעכענט .) דער טשעק צום באנקער צאפפענשטריך וועט גראס ארטיג אויס זעהען . . יוא . קאראלינע . בלייבט קאראלינע . . זיא קיקט אויף דעם זייגער . . א עס איזט שוין נאך איינס . . . ער איזט נאך ניט אפילו עססען געקומען . . טייער מאקסעל . . אום מיין וואונטש אין שנעלסטען צו ערפיללען פערגעסט אפילו אין עססען . דא זעהט מען טאקע כאראקטער פאן איין מענטשען . . עס פערגעהט נאך איין פירטעל שטונדע . . אבער עס קלעמט מיך שוין דאס הערץ . . איך וועל דאך אהנע איהם ניט עססען . . זיא פאנגט זיך שוין איין דעראיבער צו וואונדערן . . זיא געהט אריין אין איהר ציממער . . זיא קיקט זיך ארום . עפיס ווירד איהר דאס הערץ שווער . זיא זעהט דאס זיין זשאמאנדאן פעהלט . . עפיס ווירד איהר דונקעל

אין דיא אויגען . . זיא ציהט דעם גלאק . דער קעלנער ערשיינט . זיא וואונטשען מאדאם ? . (זיא פערווירטה) וויא איזט דער זשאמאנדאן ? . דער קעלנער ציהט אויף מיט דיא אקסעל . . אהנע א ווארט צו רעדען . . זיא לויפט איבערן ציממער . שוין זויא איינע וואהנזיננגע זיא קומט צום שרייבטיש זעהט זיא איין פערזיגעלטען בריעף אויף איהר אדרעססע . . וויא איין קוגעל איז אין איהר הערץ . מיט ציטערנע הענד נעהמט זיא דעם בריעף רייסט איהם אויף . אין ווארפט איהרע בליקען אויף איניגע צייל[ען] . הערט זיך א יעכין . מיט א הערצרייסענדע שטיממע א . . איך בין בעטראגען . . פערלארען . . אונד איזט אונמעכטיג גע-בליבען . . . דיא אללע פאם האטעל האבען דאס ציממער בעלאגערט . אהנע צו וויסען דיא אורזאכע . . מיט שווערע מיהע אז מען האט זיא ערוואכט האט זיא ווידערום דיא ווארטען געמורמעלט . איך בין בעטראגען פאן כיין מאנן . . אונד ווידעראום אונמעכטיג געבליבען . . אומזאנסט האט דיא פאליציע צי שיקט אין אללע שטראסען . צו אללע באהנען איהם צו פאקען . . אבער אונזער שפיעלפאגעל איזט גיט אוועק געפלויגען . . . . .

דיא לעזער ווערדען מיר ענטשולדיגען וואס איך וועל איינסווייל זיא לאססען ליגען אונמעכטיג . אונד מיט אייך אין געהן אין

דער ווייטערע געשיכטע אָהנע צו וויסען איהר ענדע . . זאָל זיא נאָך ליגען וויל זיא פערדינט דאָס יעטצטיגע מאָל נאָך פיעל מעהר וויא בייא דיא ערסטע תנאים פאָן צאַפּפענשטריך פאָהרלעזען . . זאָ פיעל דאַמאַלס וואַר בראַנדעל געבען איהר אויך ר׳ שאַבנע שדכן . אין באַלד בראַנדלען געלעהרענט פיר איהר אַ סגולה . זיא זאָל זיא מטמא זיין מיט אַביסעל אשר יצר וואַסער וויל זיא האָט געחאַפּט אַ גיט אויג . ליידער יעטצט איזט זיא עלענד פרעמד . . ווירקליך צום בעדויערען . . אויך וואָלט בעדאַרפט איך אַרויסשרייבען וואָס דער צוריק געלאַסטער בריעף פאָן מאַקסלען לויטעט . . וויס איך נאָך אַליין איינסווייל . אויך ניט . זאָ פיעל האַבע איך ערפאַהרען אַז דעם בריעף וואָס קאַראָלינע האָט בראַנדלען געשיקט פאָן דעם טשעק אויף צאַפּפענשטרייכס אַדרעססע . האָט דיא גאַנצע שטאַט דער מיט געקלינגען . אונד בראַנדלען מיט איהרע קינדער מקנא געוועהן . וויל זיא האָט איהם פיר אַיעדען געציינט אונד בראַנדעל אַליין פלעגט אַללע טאָג לויפען איבערן באַנקער צאַפּפענשטרייך צו האָט ער שוין דעם טשעק ערהאַלטען . . אונד זיינע מענטשען דאָרט ערצעהלט וואָס פיר אַ גליק קאַראָלינע האָט יעטצט מיט דער פאַרטיע געמאַכט . זייא האָבען איהר דאָרט צי געוואונטשען . . (זאָ גיבט מענטשען וואָס בויען זיך שלעסער אין דער לופט . . . אונד פערשווענדען דערבייא דאָס געגענווערטיגע . .) אַבער איינסווייל איזט גיט חיות שעה . . וויא מען זאָגט . איינסווייל איזט דיא פאַמיליע וועהרענד זייא האָבען דעם בריעף ערהאַלטען . . פרייליך אין מוטהיג געוואָרען . . בראַנדעל האָט זיך שוין געפראַלט דאָס דאָרט וויא זיא טיהט מיט איהר קאָפּף פאַלט אוים גיט . . אויך פיפערנאָטער זאָגט זיין מיינונג דערבייא . איך האַבע נור דאָס פאָדראַדטשיקיל דער זעהן מיט זיינע טוי־זענדיר איזט ער מיר באַלד געפעלען . . האָטשי קרענצילע זאָל לעבען האָט דאַמאַלס געלאַכט פאָן מיר . . .

קורץ ליעבע לעזער זאָ פאַסירט אויף דיעזער וועלט . דאָרט איזט אַ חתונה . אונד דאָרט איזט איין טודטער . דאָרט איזט איינער געבאָרען . אונד דאָרט איזט איינער פערלאָרען . אונד זאָ ווייטער . . . דאָס זעהן וויר אויך יעטצט אין אונזער

געשריען . . וויא דאָרט ליגט קאַראָלינע אונמעכטיג אונד ווילד פרעמדע בעדויערען זיא . אונד דאָ איזט דיא פאַמיליע פיפערנאָטער פרייליך אין מונטער . . אָהנע צו וויסען וואָס אינטער זייער פליצעס קימט פאָהר.

בעטריבט אונד פאַלל שמערצען האָט אונזער מאַקס ש"פ דיא שטאָט ב' . . מיט זיין געליעבטער קאַראָלינען . פערלאָסט וואָהין ? וויסט ער זעלבסט ניט . וואָהין זיין שיקזאַל וועט איהם פיהרען . . זיינע געדאַנקען האָבען איהם זאָגאַר געפלאָגט אויף דער אונמענשליכער שריטטע וואָס האָט יעטצט בעגאַנגען . זיין גאַנצער קערפער האָט איהם געשווידערט . . אַבער וואָס האָט ער אַנדערש זאָלען מאַכען ? ער האָט מיססען דעם מאָרד־פאַלל בעגעהען . יוא . אַ מאָרדפאַלל . . . קען מען דאָס אַנריעפען . ווייל דאָס האָט ער גוט פערשטאַנען אַז קאַראָלינען וואָלט ליעבערסט געוועזען דער טויט וויא זאָ איינע צווייטע שאַנדע צו לײַדען . ווייל דיא שאַנדע בעשטעהט פיעל גרעססער אַלס דיא ערסטע מיט צאַפּפענשטרייכם תנאים . חוץ וואָס זיא איזט פעראונגליקט אַללע איהרע לעבענסטאַגע . עס איזט איהם אויך פאָהרגעקימען דיא שאַנדע וואָס איהרע עלטערען וועלין דאָרט איינגעהמען מיט דעם בריעף פאָן אַ טשעק מיט 5 טויזענדער . . . אויך וואָס פיר איינע ענדע קען דאָ קאַראָלינע האָבען . . דאָס אַלעס האָט מאַקס מיט ערנסטע געדאַנקען בעריבענט . . אונד זיך זעלבסט פאָהרווירפע געמאַכט . . אַ · אַ גרויסען פערברעך האָבע איך בעגאַנגען . . איך ווערדע מיך דאַפיר זעלבסט בעשטראַפען . . איך ווערדע מיך זעלבסט פערפאַלגען . . אָבוואָהל זיא מיט איהר שטאָלץ אונד מיט איהרע ליבטזיניגע געדאַנקען האָט זיא דאָס פעדינט . . יעדאָך האָבע איך איהר מעהדער ניט בעדאַרפט צו זיין . פערשאָלטען זאָל ווערען דער טאָג פאָן מיין בעקאַנט ווערען מיט איהר . . פערפלוכט זאָל דער טאָג ווערען פאָן מיין הייראַטהען . . .

מיט דיא טרויריגע בעטריעבטע געדאַנקען איזט ער וועק אונד אַריבער דיא דאָגע . ער האָט אויך זיך גענעמען צו פלאַגען זיך מיט וואָס פיר איינע שוועהרע אַרבייט עס וועט איהם פאָהרקימען . . אויך דערביא שפּאַרזאַם צו זיין פליבט וועט ער

צו עפ׳ס קענען ערררייכען . אום עס זאל איהם נאך געלינגען קאראלינען צו רעטטען . . . . ער האט זיך ריכטיג צו איין פאדראדטשיק ציגעשלאגען . אונד ביז 5 מאנאטה האט ער אייניגע הונדערט פר. ערשפארט . אויף זיין מזל אבער האט דיא רוסישע טירקישע שלאכטע איינע ענדע גענעהמען זא איזט ער ווידערום געבליבען אהנע איין בעשעפטיגונג זא האט ער זיך מיט זיינע געדאנקען געראהטען צו וואס ער זאל זיך יעטצט פאססען . . נאך מעהרערע איבערלעגונג איזט פיר איהם דער איינציגער פלאן געבליבען נאך פאלאסטינע צו פאהרען אונד זאל זיך פלייסיג צו ערד ארבייט נעהמען . .

אין יאהר 79 וועהרענד דאס רוססישע טיראנישע רעגירונג האט איינגעפאנגען יודען צו פערפאלגען . . זייא בערויבט . . געמארטערט . . . פעריאגט . . זא גיט וויא אין שפאניען . . טויזענדער פאמיליעס זינד פעראֶרעמט געווארען . גרויסע קויפ־לייטע זינד איינפאכע בעטלער געווארען . . וועהרענד דאס וואכער האט זייא ביז אין האלז געגרעבט . דאמאלס האבען זייא ערסט איינגעפאנגען מיטלען צו זובען וויא אזוי אונד מיט וואס זיך צו רעטטען . . מאססען פאן דיא פעראומגליקטע זינד וועק אין דער ווילדער! אמעריקא . . צישין ווילדע מענטשען . איינע ווילדע שפראכע . . אויך ווילדע ארבייטען . . זייא האבען פערלאסט זייער געבורטס ארט . זייערע הייזער . . זייער פערמעגען . דיא גראבען פאן זייערע פערשטארבענע עלטערן פאן זייט הונדערטער יאהרען . . זייא האבען זיך אין דרייא פארטייען געטהיילט . אייניגע נאך אמעריקא דיא מעהרסטע טהייל האט דער וועלט בעריהמטער פיליגטראפ בארן הירש אויף זיינע שפעזען פיר זייא ערדע צום ארבייטען אין ארגענטינא געקויפט . אונד זייא מיט אללעס נעהטיגעס פערזארגט . . . אייניגע הונדערטער פאמיליעס האבען נאך פאלאסטינע עמיגרירט . אונד זיך פיר אייגען געלד ערדע צום ארבייטען געקויפט . אונד האבען זיך פליסיג דער צו גינאמטען אין א קורצער צייט האט דיא קאלאניע איינגעפאנגען צו בליהען . .

# קאָלאָניע בית לחם

צו דער קאָלאָניע האָט זיך אונזער מאַקביל צו געשלאָגען. אונד האָט זיך פעררינגען צו איינעם צו אַרבייטען. אַז דורך זיין פלייסיגהייט האָט ער איהם אין אַ קורצער צייט אויף טהייל צוגענעהמען עס הייסט שיתוף אויף 30 פראָצענט.. דאָס האָט איהם מוטה מיט קוראַש געמאַכט אַז מיט זיין פלייסיגהייט וואַר ער בעריהמט. ער איזט מיט אַלימען גאַנץ געענדערט געוואָרען ער האָט זיך פערלאָסט דיא באָרד מיט פאות וויא לויט דאָרט איזט דיא טראַגע.. ער האָט זיך אויף זיין ריכטיגען נאַמען פעריעפען מרדכי.. וויא אַזו מען האָט איהם צו זיין געבאָרען דעם נאַמען געגעבען.. אונד איזט טאַקע געוואָרען אַ פיינער יוד... דיא קאָלאָניע איזט בעשטאַנען פאָן 670 פאַמיליעס עס וואַר שוין דאָרט 2 בתי מדרשים. אַ מרחץ.. אַ דאָקטאָר. אַ ראַביגער. אַ היקדיש פיר קראַנקע קורין אַללעס אין אורדענונג..

אין אַ טאַג פאָן שבת. זאָ געהט אונזער מרדכי מיט זיין שיתוף שפאַצירען. זיין שיתוף האָט איהם איינגעפיהרט אין דער גאַנצער אומגעגענד.. דאָס ערסטע וואָס ער האָט איהם געצייגט וויא דיא הייזער זיגד נאָך דעם יעטצטיגען מאָדעל אונד פלאַן געמאַכט. גלייך נאָך דער רייהע פיר יעדען הויז קומט געפלאַנצט הייבע טאַנען ביימער. אַ גאַרטען פאָן אַללע סאָרטען גרינצייג.. אַ ברונען. אַ מאַגאַזין פיר געטריידע אויך שטאַלען פיר דיא קוה אונד קאַמעללען צו האַלטען. אַללעס.. אין בעסטען אורדענונג.. עס איזט וואַהר זייא האָבען זיך זאָגאַר איניגע יאָהר גענוג געפלאַגט ביז זייא האָבען זיך זאָ וויט גענועהען.. אַבער יעטצט וויא צו פריעדען זייא בעפינדען זיך.. זייערע ערשטע צרות. זייערע ערשטע פערפאָלגונג האָבען זייא שוין גאַנץ פערגעסען. זייא פלאַגען זיך ביים טאַג מיט זייער שווייס אַבער זייא עסען. אונד שלאַפען מיט פערגעניגען.

אַ.. זאָגט זיין שיתוף צו איהם עס איזט שוין 4 אוהר. געהען וויר אין גרויסען בית המדרש. היינטע איזט (שבת מברכין) ועט דער ראַבינער איינע רעדע האַלטען.. זייא געהען גלייך אין דעם בהמ״ד עס וואַר שוין פאָלל מיט מענטשען. זייא האָבען

זיך קוים דורכגעדרעננט. אונד זיך פלאַטץ געפונדען נאָענט פאָן דעם ראַבינער וואָס איזט געבען ארון קודש געשטאַנען. מיט זיין טלית איינגעצויגען אונד האָט איינגעפאַנגען צו רעדען. מיט אַ בעגייסטערטער שטיממע אונד זייא פאָהרגעשטעלט דיא גאַנצע געגענד פאָן דעם הייליגען באָדען . .

וויר געפינען זיך יעטצט אין דעם הייליגען לאַנד. וואָס גאָטט האָט אונז דאָס צי גיטיילט נאָך צו פאָהר מיט טויזענדער יאָהרען דורך זיין דיענער משה. דאָס לאַנד איזט גאַנץ אַנדערש געשאַפען וויא אַללע אַנדערע לענדער. אין דיעזען לאַנד ווירד דאָס ליכט פאָן דער זאָנע ניט פערדונקעלט דיא זאָנע שטראַהלען וואַרפען זייער ליכט אויף דיעזער געגענד. אונד ברענגען מיט זיך גזונד מיט לעבענס קראַפט פיר דיעזע איינוואָהנער

וואַרפען וויר אונזערע בליקען אויף דיעזע געגענד זאָ קענין וויר מיט פריידע אונד מיט שטאָלץ אַללעס בעטראַכטען. אויך דיא אַללע הייליגע מאָנומענטען פאָן היער אַז אַללע האָבגעבילדיטע מיססען צו געבען אַז איין געטליכער גייסט רוהעט אויף אינז יודען. וואָס נור אינז האָט מען געבענטשט מיט זאָ איין לאַנד. אונד דיא הייליגע מאָנומענטען פאָן היער מאַכען אינז מוטה מיט קוראַש דאָס אונזער שטאַמם קען ניט פערשמאָלצען ווערען וויא אַללע לאַנגסטיגע פעלקער. וואָס איזט מעהר קיין זכר פאָן זייא. דאָרט זעהט זיך אַרוים. אַ גאַנץ הויכער באַרג. מיט אַללע הויכע ביימער. דאָס איזט דער הר המוריה וואָס אונזער פאַטער אַברהם האָט זאָלען מקריב זיין זיין זאָהן יצחק פיר אַ קרבן צו גאָטט . . .

אייניגע תחום שבת פאָן דאָרט איזט דיא שטאָט חברון דאָרט. איזט דיא מערת המכפלה וואָס אינזערע הייליגע עלטערען ליגען. ניט ווייט פאָן היער גיבט אַ הויכער מאָנומענט דאָס איזט דער גראַבען פאָן ישי. דער פאַטער פאָן דוד המלך. דאָרט זעהט מען גאַנץ אַלטע הויכע ביימער וואָס שטעהען דאָרט זייט דיא וועלט איזט (זייא הייסען. אַלוני ממרא) דאָרט האָט זיך גאָטט בעוויזען צו אַברהם. אונד מיט איהם כורת ברית געוועזען. זעהט איהר אין צפון זייט דעם הויכען באַרג. דאָרט האָט דוד המלך געפאַסעט זיין פאַטערס שאַפע. אונד מיט זיין

וויאָלין (פידעל) זיך צו געשפּיעלט אונד דערבייא פערפאַססט דיא פינף ספרים תהילים פיר איין עוויגען איינדענק . .

דאָס אַללעס זאָגט ער מאַכט אינז מוטה אין קוראַש אַז וויר בעדעבענין אונזער היילינען שטאַמם וואָס קיינער פאָן אַנדערע נאַציאָנען קענין דערמיט שטאָלצירען . זאָנדערען נור אינז . אויך אין דעם געגענט (זאָגט ער ווידערום) גיבט אַ הויבער מאָנומענט דאָס איזט דער גראַבען פאָן זכריה הנביא . ניט וויט אין אונזער געגענט גיבט איין גאַנץ אַלטער גראַבען . דער איזט דער איינציגער גראַבען וואָס מען איזט ריכטיג איבער־ צייגט דאָס אונזער מוטטער רחל ליגט דאָרט , וואָס זיא איזט אויף דעם וועג געשטאָרבען אונד האָט דאָרט איהר לעטצטען זאָהן בנימן געבורען . זאָ איזט איהר מאָנומענט בעשריבען מיט לאַנגסטיגע כתיבה טרויעריגע בוכשטאַבען . . . נאָך פאָן אונזער פאַטער יעקב . דיעזער גראַבען איזט געהייליגט . אונד געשעטצט פאָן אַללע 3 נאַציאָנען . . יודען . קריסטען . מאַהמאַדאַנער . וואָס קימען הין 3 מאַהל אין יאַהר אין מאַכען דאָרט דאָס געבעהט .

וואָהל אייך ליעבע ברידער וואָס אייער הערץ האָט געצויגען צו דיעזען לאַנד . . פאָן אינזערע היילינע עלטערען . אין יעדע שטונדע אין אַ יעדע סעקונדע . בייא יעדען שריט . בייא יעדען טריט , דאַרפען וויר גאָטט דאַנקען וואָס האָט אינז זאָ וויט געבראַכט . אונזער פערפאָלגונג . אונזער אונטערדריקען . אונזער פערהאַססען וואָס אַיעדער האָט אינז איבעראַלל פערפאָלגט . איזט אינז אויסגעגאַנגען צוגיטען . דאָס האָט אינז הערגעבראַכט . אונזערע לאַנגסטיגע העלדען וואָס האָבען זיך געקעקעמפט ביז אין לעטצטען טראָפּפען בלוט פיר דעם היילינען באָדען . אונד וויר ? . . האָבען דאָס עררייכט . אָהנע וואַפפען . . אָהנע געוועהר . אָהנע שלאַכטען . . זאָנדערען מיט גאָטטעס הילפע . אונד מיט דעם גנעדיגען סולטאַנס חסד . . אונד מיט דעם וועלט בעריהמטען פילאַנטראָפּפ באַראָן ראָטשילדס שטיטצע . . איהם דאַרפען וויר דאַנקבאַר זיין אויך דאַרפען וויר זיך פאָרשטעלען דיא רעדע פאָן אינזערע חכמים (בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו יצא ממצרים) עס הייסט אין וואָס פיר איינע לאַגע זיא האָבען זיך דאַמאַלס געפינען . זאָ ליעבע ברידער

שטעלט איך פאהר אויך אייער לאנגע פאן פריהר אייער פערפאלגונג אין בארבארישען רוסענלאנד דאס אנטוסימיטישע בילדונג פאן דייטשען לאנד דאס פעראכטען אונד פערהאססען פאן ראמאניע עמצ. עטצ וואס מען האט ביא אונזירע ברידער זייער לעטצטען ביסען פאן זייער מונד גערויבט . אונד איבעראלל זענען זייא בעטיטעלט מיט דעם שענדליבען נאמען . פיאווקע וואבערער . אונד מען פארשטעהרט זייא זייער יאהרען . . דארט טאר ער ניט וואהנען . . דאס טאר ער ניט האנדלען . אבער איהר ליעבע ברידער איהר זענט דא פרייא . פאן אלימען פרייא פאן צרות . . פרייא פאן שטייערען פרייא פאן אייערע פערפאלגער . אויך פרייא פאן לוקס . פרייא פאן שנאת חנם . דא דאדף איינער דעם אנדערען ניט בענידען . אייערע פרויען בעדארפען קיינען לוקס אונד עס דארט זייא ניט אויס זייער קעפף . אויך זייער קערפער . . פיליכט פעהלט זייא וואס אויס . דא דורך דארפען זייא קיינע קארלס בעדער אז עס זאל איך אויסנאגען אייער לעטצטען טראפפען בלוט . אונד פילע זאלען זיך פעהלען פאר זייער צייט . אבער דא ? . . האט איהר אללע איין בעשעפטונגונג . אללע איין טראגע . . איין בעוואהנונג . אייער פלאגע איזט די א עטליבע שטונדע ביים טאג . דאגעגען עסט איהר מיט געשמאק אייער נאבטמאל . . אייער שלאף איזט איך זיעם אהנע שטערונג . . דאס אללעס זאלט איהר אייך פאהרשטעללען זא וועט איך דאס מאבען מוטה מיט קוראש פלייסיג צו ארבייטען . . אונד דער אללמעכטיגער גאטט וואס האט געהאלפען אינזירע עלטערען אברהם . יצחק . אונד יעקב . זאל אייך זיין זעגען געבען (ויתן לכם מטל השמים ומשמני הארץ . .) אונד זאל אייך געבען חן ביא דעם גנעדיגען סולטאן י״ה ער זאל אייך שיטצען פאן אללע אייערע פיינדע . אמן . . (דאן האט ער דעם גנעדיגען סולטאן א מי שבורך געמאבט . . . אויך דעם באראן ראהטשולד א יעדער פאן דיא צי העערער זענען געשטאנען אונד אללע זיינע ווארטען געשלינגען . אונד זענען אללע זא בעגייסטערט געבליבען שטעהן . מען האט ארום געזעהן גליך וויא גאטטעס גייסט הערשט אין א יעדען . .) ערשטוינט איזט מרדכי דאמאלס געווארען פאן דער ערענסטער אונד בעגייסטערטער רעדע וואס דער ראבינער

האָט דאַמאַלס געהאַלטען. עס האָט אין זיינע אויערען געקלינגען דיא אַללע היילינע מאָמענטען וואָס ער האָט פאַהרגעשטעלט. ער האָט איינמאַהל אין זיין חדר דאָס געלעהרינט זאָ האָט ער דאָס בלאָס פיר איינע געשיכטע איינגענעהמען. וועהרענד היער? זעהט מען דיא אַללע בילדער אין דיא אַללע היילינע מאָמענטען אויף דעם היילינען באָדען. מיט דיא אויגען ער איזט אין דעם מאָמענט ביא זיך איין גאַנץ אַנדערער מענטש געוואָרען.. דאָס האָט איהם ערסט מוטה מיט קוראַש געמאַכט צו דער ערדאַרבייט..

זיין שיתוף פרעגט איהם איוב איהם זענען דעם ראַבינערס וואָרטען געפאַלען. אַ זאָגט ער. גאָטטעס גייסט הערשט אין דיעזען מאַנן.. ער קומט מיר פאָהר אַזוי. וויא איינער פאָן דיא לאַנגסטיגע היילינע פראָפעהטען (נביאים) יוא זיינע וואָרטען ווירקען פיעל. זאָגט זיין שיתוף.

זאָ רעדענדיג זינד זייא צו הויזע געקימען. אונד זיך געזעצט מקיים זיין שלש סעודות.. דאַן נאָך הבדלה מלוה מלכה. כד"ת. אַללעס עכט יודיש..

זאָנטאַג אין דער פריה געהט איעדער צו זיין אַרבייט.. באור הבוקר זעהט מען שוין וויא דיא גאַנצע שטרעקע פעלד איזט באַזעצט מיט אַרבייטער דאָרט שטעהט איינער אונד שנייד דיא ווייסע תבואה.. אונד איינער געהט נאָך איהם אונד בינד צוזאַמען סנאָפעס. אונד לעגט זייא צוזאַמען. דאָרט קאָסעט איינער הייא. אונד דער אַנדערער לעגט עס צוזאַמען אונד מאַכט סטוגליך. דאָרט שטעהען אַ גאַנצע רייהע יונגע מעדכען אין פראַשעווין דיא קוקורוזען. אויף זייערע קעפף טראָגען זייא קרענצכען פאָן גראַז. אונד דערבייא זינגען זייא זיך צו אויף זייערע זיסע שטימען וועלכס עס איזט פערגעניגען צו זעהן אין צו הערען. דאָרט זעהט מען אויף איין גאַנץ הויכען בארג וויא איינער פאַסעט זיינע שאָף אונד דיא יונגע לעמעליך טאַנצען אין שפרינגען אונד יעדעס שרייט אין מעקיט אונד דער שטעהט אין קוועלט אָן דער פאָן. דיא אַללע אַרבייטען זייער פלייסיג ביים טאַג פאַרנאַכט געהט אַ יעדער צו הויזע זייער אויף געמונטערט פרייליך זייא פאַנטאַזירען איעדער אונד שטעלען זיך פאָהר דעם ראַבינערס רעדע וויא דאָרט זעהט זיך אַרוים דער מאָנומענט

פאָן דעם . דאָרט פאָן אַ אַנדערען . אויף יענעם בארג האָט דוד המלך אויך געפּאַסעט שאָף דאָס אַללעס באָמבעלט זיך בייא זייא אין קאָפּף זאָ געהען זייא צו הויזע זייער מונטער פריילֿיך אונד דערבייא מיט געזאַנג . אויך זייערע ווייבער געהען זייא אַ קעגען אונד עמפּאַנגען זייא מיט אויסגעשטרעקטע אַרעם . . .

זייא טרעפען דעם טיש פערטיג פיר זייא אָנגעגרעדהט מיט פערשיעדענע שפּייזען אונד גרינצייג . עסען מיט גרויס געשמאַק . אונד בייא יעדען ביסען דאַנקען זייא גאָטט פאָם טיעפען הערץ וואָס ערנעהרען זיך מיגיע כפּם . . אונד קיינער שטעהרט זייא ניט . . דערמיט געהט זייא דיא וואָך אַוועק . אונד שבת רוהט אַ יעדער פאָן זייא .

אויך אונזער מרדכי האָט זייער פלייסיג דיא גאַנצע וואָך געאַרבייטעט אַז זיין שיתוף איזט העכסט צו פריעדען פאָן איהם געוועזען . זאָ פיעל זיין שיתוף האָט בעמערקט וויא אָם מיינסטען טהייל ביים טיש פלעגט מרדכי בלייבען זיצען זייער טרויעריג . אָהנע אַ וואָרט צו רעדען . ניט איינמאָהל האָט ער איהם דעריבער געפרעגט אַבער ער האָט איהם דאַרויף ניט געאַנטוואָרטעט . אַז ער האָט געזעהען אַז ער וויל איהם ניט ערצעהלען . זאָ האָט ער איהם ניט מעהר דאַריבער געפרעגט אונד בייא זיך געטראַכט וואַרשיינליך בענקט ער נאָך צו הויזע . .

עס האָט זיך געמאַכט אין אַ שבת האָט מען זיין שיתוף געלאַדען אויף אַ ברית אין אַ אַנדערער שיהל זאָ האָט ער מרדכין אויך מיט זיך גענעמען . ער זאָל זיך אַביסעל צו שטרייען . זענין געקימען אין יענער שיהל . מען האָט באלד פיר זייא פלאַטץ געמאַכט צו זיצען . צום אויסנעהמען דאָס ספר צו לייגען . קומט דער שמש פרעגען מרדכן וויא אַזו ער ריפט זיך אויף אונד אויב ער איזט אַ כהן . . ער זאָגט זיין נאָמען וויא אויך זיין פאָטערס נאָמען נור זאָגט ער איך בין אַ לוי . . דעם צווייטען האָט מען איהם ריכטיג אויף געריפען . ביים שלחן איזט געשטאַנען איין אַלטער גרייז אַללם גבאי וויא ער האָט געהערט דעם נאָמען מרדכי אויך זיין פאָטערס . אונד אַ לוי . . . זאָ האָט ער איהם געהאַלטען אין איין בעטראַכטען . . וויל זיין נאָמען אויך זיין פאָטערס נאָמען אויך ער זעלבסט קומט איהם פאָהר זייער קענ־

טליך . . ער לאָסט קיין אויג פאָן איהם אַראָב . . דאָס הערץ קלאַפּט אין איהם אָהנע צו וויסען וואָס ? . נאָך דעם דאַבענען איזט דער גאַנצער עולם אויף דעם ברית געגאַנגען . אונד זיך גוט אונטערהאַלטען . צום אַ וועק געהין קימט צי דער גרייז צו מרדכים שיתוף אין פערבעהט איהם מיט דעם יונגען מאַנן צו זיך אויף קידוש . זייא געהען מיט איהם . וויל דער אַלטער איזט זייער איינגעזעהען אין דעם שטעדטיל . זייא קימען צו הויזע שטעהט שוין אָנגעגרייט בראַנדווין אויך ווין קידוש צו מאַכען . דער אַלטער שאַפט זיין פרויא פיר דיא געסט זאָל געבען צו צובייסען זיא געהט גליך אין קיכע דאָס אַללעס צו פערזאָרגען דער אַלטער האַלט מרדכן אין איין בעטראַכטען אונד מעהר ער קיקט זיך צו איהם צו . ווירד ער בלייבער . ענדליך פרעגט ער איהם פאָן וואַנען ער איזט . . איך בין אַ רוסישער זאָגט מרדכי איך בין געבאָרען אין קרימענטשאָק האַרקיווער גובערניע . דער אַלטער ווירד דערבייא בלאַסס . . אונד זיין הערץ קלאַפּט אין איהם העפטיג . . האָסט דיא געלאָסט עלטערען צו הויזע ? . פרעגט איהם דער גרייז (אַבער זייער שוועהר זינד איהם דיא וואָרטען געוועזען אַרוים צו געבען) אַ יוא . . זאָגט מרדכי מיט טרערען אין דיא אויגען . וויא האָבען זייא געהייסען ? . מיין פאַטער האָט גיהייסען שלמה . . מיינע מוטטער שרה . . קוים ער האָט דאָס אַרוים גירעדט זאָ פאַלט איהם דער גרייז אויף זיין האַלז אומאַרעמט איהם מיט זיינע ציטערנע הענד . אַ מיין זאָהן . . מיין איינציגער זאָהן . . אונד בלייבט אונמעכטיג . . . מיין פאַטער גוט דערבייא מרדכי אויסער זיך אַ גישרייא . . . דער שיתוף בלייבט דערבייא זיצען אויך פערהילצערט אונד באַטראַכט דיא סצענע . זאָ קומט אַריין דיא אַלטע מיט 2 טעלער פערבייסען צו געבען אונד זעהט וויא דיא בידע שטעהן צי געקלעמט אונד רירען זיך ניט גראַדע וויא מאַרמאָרענע פיגורען . זאָ טיהט זיא דערבייא אַ גרויסען יעבין דיא טעלער אַראָב לאָזענדיג צו דער ערדע . . וואָס האָט דאָ פאַסירט ? . . שטאַמעלט זיא . . פאָן דעם יעבין . אונד פאָן דעם קלאַפּ פאָן דיא טעלער האָט זיך דער אַלטער . ערוואַכט מיין ווייב נעהם אומאַרעם דיין זאָהן מאַקסלען . . . גאָטט אין הימעל טיהט דיא אַלטע אויסער

זיך אַ גישרייא מיט איהרע לעטצטע קרעפטען . אונד פאַלט אַרים מרדכים האַלז אונמעכטיג . . דער שיתוף האָט זיך ביסליך וויים ערוואַכט פאָן זיין פערצווייפלונג . אונד האָט ערסט דיא מענטשען לאַנגזאַם ציגעהמען אונד זיא ביסליך וויים בארוהיגט . מעהרירע שכנים זענען זיך אָנגעלאָפען אונד דיא סצענע ביאגעוואָנט עס האָט אַ יעדען דיא סצענע גערידהרט . ענדליך האָבען זייא זיך שוין בערוהיגט . האָט דער אַלטער גרייז אויף געהויבען זיינע הענד אַרויף אונד זאָגט צו איהם (בני ראות פניך לא פללתי) איך האַבע שוין ניט איינמאַהל גערענקט דיך נאָך צו זעהן . . יעצט וועל איך שאָן רוהיג שטאַרבען . (דיא טרעהנען פיר פרייד גיעסען זיך איהם דערביא איבער זיין שנעה וויסער באָרד . .) איך האַבע (זאָגט ער) דיינע אַדרעסע ניט געוואוסט וואָהין איך זאָל דיר שרייבען . אויך דיא האָסט מיר ניט געשריבען . דאַן האָט אייגגעפאַנגען דאַס יודען פערפאָלגונג אין דעם באַרבאַרישען רוסענלאַנד . מען איזט אינז איבערפאַלען . מען האָט אינז געפלינדערט . . בערויבט . . אין דאַן פעריאָגט . זאָ איזט מיר נאָך געלונגען אַרוים צו רעטטען איינינע טויזענד רובעל אונד האַבע מיך בערעבענט ווען איך האַבע ניט דיא ווערט צוזאַמען צו ליגען מיט מיינע פערשטאָרבענע עלטערען . זאָ וויל איך וועניגסטען . מיינע לעטצטע יאַהרען אויף דעם הייליגען באָדען פערברענגען . .

זאָ האַבע איך מיר אייגענע ערדע געקויפט . אונד האַלט דערביא מענטשען וואָס אַרבייטען דיא ערדע . . איך האַבע איך אַ שענעם גאַרטען מיט וויין שטאָקע געפלאַנצט . . אונד גאָטט גיט מיר דיא ברכה איך לעב גליקליך . אַליין פערברענג איך מיין צייט אין בית המדרש מיט לעהרנען . . אונד יעטצט אַז גאָטט האָט מיט מיר חסד געטוהן אונד מיר נאָך מיין אייגציגען זאָהן צוגעשיקט . זאָ זאָג איך מיטען פאָללען מויל (זה היום עשה ד' נגילה ונשמחה בו .) דאָס איזט מיין לעטצטער חסד פאָן גאָטט . . . דאַהער ליעבע שרה . (זאָגט ער צום וויב) לאָמיר פרייליך זיין אַז גאָטט ב"ה האָט מיט אינז זאָ איין חסד געטוהען אַז אונזער פערמעגען זאָל ניט פערפרעמד ווערען .

זויא זעצען זיך צו טישע עססען . פרייד איבער פרייד האָט

אין דער שטיב געהערשט .. דער טאג פאן שבת איזט א וועק מיט פאלל פערגניעגען . .

עס איזט נאכט געווארען זא זינד שוין זיינע עלטערען נייגעריג ער זאל זייא ערצעהלען זייט ווען ער איזט פאן זייא אוועק . . ביז הייטע צו טאגע .. וואס מיט איהם פאסירט האט אונד וויא קימט ער אהער ? . מרדכי ערצעהלט זיינע גאנצע געשיכטע אונד וויא ער איזט שוין פערהייראטעט אונד וויא אזו ער האט מיסען זיין פרויא איבערלאססען .. אונד וואס פיר איינע לאגע . . אונד פאנגט איין דערבייא צו וויינען .. עס האט דיא עלטערען זייער גערוהרט . . .

נאך מעהרער נאכדענקען זאגט דער אלטער צו איהם מיין קינד . האסט ניט מעהר דעריבער זיך צו ערגערען ... פאללס איזט זיא נאר געזאנגען דיר נאך צי קימען . זא קען איך דיר אויף איהרע רייזע שפעזען געבען . איך גלויבע אבער ניט . . וויא לויט דיא שטעלסט זיא פאהר . אז זיא זאל אהער קימען . . א . . ליעבער פאטער .. פאזאטיף .. ווייל זיא איזט שוין גענוג געפלאגט . . זאל זיין וויא דיא זאגסט . . . אונד נאך מארגען זאל עס גישעהען געוויס איהרע אדרעסע ווייסט דיא זא שיק איהר צו וויפעל זיא בעדארף . אונד זאל אהער קימען . מיט טרערען אין דיא אויגען קיסט ער זיין פאטער דיא האנד אויך זיינע מוטטער אונד עס איזט געבליעבען דעם אנדערען טאג צו זיין פרויא קאראלינען איינגע הונדערט פר. צו שיקען זאל אהער קימען . .

קורץ ליעבע לעזער . אהנע איך זא פיעל דעם קאפף צו פערדילען . שטאט איך זאל אייך ארויסשרייבען . וואס איזט געווארען פאן בראנדלען מיט דעם טשעק ? . אונד וואס האט זיך אויסגעלאסט פאן קאראלינען אונד וויא אזו זיא איזט צוריק געקימען צו איהר פאמיליע פיפערנאטער אהנע 5 טויזענד פר. ? ? אויך וואס איזט געווארען פאן ר' שמעלקע פיפערנאטער אויב זיין בארד איזט איהם שוין קאנפלעקט אויסגעוואקסען איבערהויפט וואס איזט געווארען מיט דעם רבינת צ"פ . . פאן פאדול . צו איזט שוין פרייא פיר דיא ציגיינער מיט בערען זאלען אין דעם שטעדטיל ארייז קימען ? . זא וועל איך אין קורצען אויף יעדען אנטווארטען . אבער זייער אין קורצען . .

וועהרענד קאַראָלינע איזט צו הויזע צוריק געקומען אין וואָס פיר איינע לאַגע זאָלט איהר זעהן אַללע אייערע שונאים. פערקומערט . . קראַנק . . מען האָט זיא ניט איינמאָל ערקענט צי דאָס איזט דיא שטאָלצע קאַראָלינע ?. . אַז בראַנדעל האָט שוין פערגעסען אין טשעק פאָן דיא 5 טויזענדער . . פיפערנאָטער איזט אויסגעוואַקסען זיין באָרד דאָפּעל דיא לעננע אויך דיא ברייט. אַז ער איזט שוין אויך ניט צום ערקענען אויב עס איזט דער פיפערנאָטער וואָס האָט אונטערהאַנדעלט מיט דעם באַנקיער צאַפּפענשטרייך ער זאָל זיין מחותן וועהרען. אונד דעם רבנ'ת צ"פ ... איזט יעטצט פאָן דאַמאַלס אַן געהיילינט געוואָרען ... מען שיקט איהם שוין ניט מעהר דיא טלתים צוזאַמען נעהמען. זאָנדערען מען האַלט איהם אויך אָב געשפּאַרט אין אַ בעזונדער צימער מיט אַ גבאי בייא דער טיהר אונד איהם איבערגעגעבען אַללע עקרות פוקד צו זיין. הייגו וועלכע עקרה אַז זיא טיהט אַ גלעט דעם רבינת צ"פ ... זאָ מוס זיא נפקוד וועהרען. אויך קאַראָלינע גיפינט זיך שוין אין דער קאָלאָניע. אַלזאָ ווייסט איהר שוין אַללעס ? . . .

יעטצט ווערט איהר פיליכט לאַבען אַז איך וועל אייך פאָהרשטעללען אונזער פאָריגען מאַקסעל שפּיעלפאָגעל פיר איין יעטצטיגען שיינעם יודען אונד שפּיעלט יעטצט אין דער קאָלאָניע איינע ראָללע פאָן איין עכט כשרן יוד . . אונד איזט שוין גבאי אין אַ בית המדרש.. דעסטגלייכען דיא פאָריגע קאַראָלינע וואָס האָט זיך אָנגעמאָסטען אַז ניט פיר איין לאָרד. אָדער פיר איין מאַרקיז צו הייראַהטען וועניגסטען פיר אַ יודישען באַנקיער.. וואָלט איהר אייך געוואונטשען זיא יעטצט צו זעהען. . וויא פאָן איהרע געקרויזטע האָאַר ליגט אַ עכט יודישע כשרה קאָפּקע אויף איהר קאָפּף. פאָן איהר ווילדען הוט אַ זיידענע פאַטשיילע מיט אַ מגן דוד אויסגעגייט. וויל דאָס טראָגען דאָרט אַללע כשרה ווייבער. אונד איהרע אַללע ראָמאַנטישע ביכער האָט זיא פערוועקסעלט אויף אַ איינפאַך קרבן מנחה סידר מיט פערשיעדענע תחינות . . אונד ווירד געריכענט אונטער דיא נשים צדקניות מיט איהר רעכטען יודישען נאָמען קרענצי .

עָנדע דער געשיכטע